STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01838

# DER DNYESTER ROYSHT

Rivkah Rus

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רבקה רוס

☆

# דער דניעסטער רוישט

דאָס בוך דערשיינט מיט דער הילף פונעם סטיפּענדיע־פאָנד
ביים ליטעראַטן־פאַריין אין ישראל א. נ. צילה לבנון ז״ל,
פון קרן תל־אביב לספרות ואמנות
און קרן עמו״ס לשכת הנשיא.
פאַר אַלע אַ דאַנק!

רבקה רוס

# דער דניעסטער רוישט

ראמאן

הוצאת י.ל. פרץ ישראל

תל־אביב, תשל״ח — 1978

RIVKA RUSS

DER DNIESTER ROISHT

ROMAN

J. L. Peretz Publishing House
31, Allenby Str., Tel Aviv, ISRAEL

רבקה רוס / דער דניעסטער רוישט

פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ תל־אביב, אלנבי 31

©

Printed in Israel 1978

נדפס בישראל 1978

דפוס „אור" בע"מ, שד' הר־ציון 104, תל־אביב, טל. 822481. ישראל



לזכר מיינע קרובים־קדושים,

וועלכע זענען אומגעקומען אויף קידוש־השם, די משפחות:

מאַנדעלבערג, רוס, גאָטליב, שעכטער,

און ספּעציעל דעם אָנדענק פון מיין געליבטער שוועסטער

רייזע און איר מאַן אהרן שמעון מאַנדעלבערג

מיט זייער זונדל יהודה־וואָלף (זאב).

תנצב״ה

### קאַפּיטל אײנס

# ר׳ סענדערס מיזינקע

אין דער נאַכטיקער שטילקײט הערט מען רױשן דעם דניעסטער. אין דעם געפּילדער פון טאָג, װערט פאַרקלונגען זײן רױשן, אָבער בײנאַכט הערט מען דײטלעך װי עס מורמלען און פּלוסקען און זינגען זײער אײביקן געזאַנג די פליסנדיקע כװאַליעס. בײם ברעג פון טײך װאַקסן װילדע, געדיכטע קוסטעס. קלײנע גערטנדלעך שטײגן דעם באַרג אַרױף. זײ זענען די מחיצה װאָס טײלט אָפּ דאָס שטעטל פונעם שטראָם. די הײזער שטײען אױסגעדרײטע מיט דער פּלײצע צום דניעסטער און זײער פראָנטזײט איז צום ברײטן טראַקט.

צװישן די דאָזיקע הײזער געפינט זיך אױך ר׳ סענדערס שטוב. דאָס איז אַ ירושה־שטוב, װאָס גײט איבער פון דור צו דור. פריִער איז עס געװען אַ גרױס אַרײנפאָרהױז. גױים זענען דאָ פאַרפאָרן אין די יאַרידטעג, אױסגעשפּאַנט די פערד און זיך צעלײגט אױפן הױף מיט זײער האָב און גוטס. מיט דער צײט איז עס געװאָרן אַ פריצישע גאַס, אַ פערד און װאָגן בײ אַ פּױער האָט מען מער נישט געטאָרט אָנבינדן; איז דאָס לײזעכץ בײ ר׳ סענדערן טאַקע געשלאָגן, אָבער מען האָט זיך באַגניגנט מיט דעם װאָס די שענק ברענגט אַרײן און אָנגענומען פאַר ליב װיפל דער אױבער־שטער באַשערט.

דאָס שטעטל איז פאַרזונקען אין טיפן שלאָף, פאַרװיגט פונעם רױשן פון דניעסטער.

נאָך האַלבער נאַכט װעקט זיך אױף ר׳ סענדער. ער גיסט אָפּ די נעגל, גיט זיך אַ װיש מיט די נאַסע פינגער איבער די אױגן, טוט זיך אָן און זעצט זיך אַװעק אױף אַ קלײן בענקעלע אָפּריכטן תיקון חצות. דאָס קלײנע װאַקסענע ליכטל װאָס ער האַלט אין האַנט און לײכט זיך צו

די אותיות, פלימערט און צאַנקט. אַ ריזנגרויסער שאָטן ציטערט אויף דער וואַנט, שטייגט אויף צו דער סטעליע. ר׳ סענדער שאָקלט זיך לייכט, ער זאָגט מיט אַ געדעמפּטער שטים, כדי נישט אויפצוּוועקן זיינע בני־בית:

— „זכור ד׳ מה היה לנו, הביטה וראה את חרפתנו: נחלתנו נהפכה לזרים בתינו לנכרים:״...[1])

אין דערנעבנדיקן צימער שלאָפט זיין מיזינקע פעלאַ. די שטילע זיס־טרויעריקע טענער דרינגען אַדורך דורך דער וואַנט און פאַרוויגן זי אין אַ לייכטן, פאַרטאָגיקן שלאָף.

ווען עס באַווייזן זיך דורך די פאַרמאַכטע לאָדן די ערשטע בלוי־שימערנדיקע זונשטראַלן, הייבט זיך אויף ר׳ סענדער, ער טוט אָן די בעקעשע, נעמט דעם שטעקן מיט דער זילבערנער גאַלקע אין האַנט און גייט אין מקוה.

דאָס שטעטל איז איינגעהילט אין אַ בלוילעכן נעפּל וואָס שטייגט לאַנגזאַם אַרויף ווי די נאַר וואָס פאַרשווונדענע נאַכט, זאָל עס ציִען נאָך זיך איר זילבערנעם שלייער. אויף די שטענדיק באַלעבטע גאַסן זעט מען אַצינד נישט קיין מענטשן. דער טראָטואַר איז באַהויכט מיט בלוילעכן טוי און דריקט דייטלעך אָפּ ר׳ סענדערס טריט. פּאַוואָליע שטעלט ער די פיס, ווי ער וואָלט געפילט אַז ער איז דער ערשטער וואָס איז מקדש דעם ניי־געבוירענעם טאָג.

דאָס וואַסער אין מקוה איז ריין און קלאָר ווי דורכזיכטיק קרישטאָל. ער איז דער ערשטער וואָס טובלט זיך אין דעם אָקאָרשט פּרי אַריינגע־לאָזטן וואַסער. אַ מחיהדיק געפיל נעמט אים אַרום ביים אונטערטויכן זיך, ס׳איז גוט צו זיין אַ ייד, צו האַלטן ריין נשמה און גוף. איז דען דאָ אַ גרעסער פאַרגעניגן אויף דער וועלט ווי אָפּצוהיטן דעם אויבערשטנס געבאָטן?

אַ דערפרישטער, מיט נאַסע באָרד און פיאות, קומט ער אַ היים און שטעלט זיך באַלד זאָגן תהילים פונעם טאָג און מעמדות; אָבער מען לאָזט אים שוין נישט רויִק זאָגן, עס צעקלינגגט זיך אַלע מאָל דאָס טירגלעקל;

---

1) געדענק גאָט וואָס ס׳איז אונדז געווען, באַטראַכט און זע אונדזער חרפּה: אונדזער נחלה איז צעשטערט געוואָרן פון פרעמדע, אונדזערע הייזער ביי אומ־באַקאַנטע...

אָט קומט אַרייַן דער בעקער מיט קוישן פרישׂ געבעקס. ס׳צעגייען זיך איבער דער שענק די געשמאַקע ריחות פונעם טונקלען קאָרנברויט מיט קימל צוגעבאַקן, זיך כראָמטשענדיקע זעמעלעך, מילך־ראָגעלעך, פּוטער־בייגעלעך, אייער־קיכעלעך מיט מאָן. ר׳ סענדער, מורמלענדיק פּסוקים פון תהילים, שטעלט זיי אַרייַן אין גלעזערנעם שרענקל.

דערווייל איז אויך אויפגעשטאַנען טעמע, זיין ווייב. זי איז אַ רירעוו־דיקע יידענע אין די מיטלערע יאָרן. זי טראָגט שטענדיק אַ ווייס ברייט פאַרטעך מיט אַ בינט שליסל איינגעשטעקט אין גאַרטל. די שליסלען קלימפּערן ביי אַ יעדער באַוועגונג אירער און גיבן צו וויסן אַז עס גייט טעמע, די באַלעבאָסטע. זי שטייט קיין מאָל נישט ליידיק און טוט צען אַרבעטן מיט אַ מאָל. אַ וויש מיט דער שמאַטע איבער טיש און שטולן, לויפט אין קיך, טוט אַ מיש אין טעפּל און שטייט שוין הינטערן שענק־טיש און פאַרקויפט.

ווען ר׳ סענדער האָט זי דערזען, איז אים אַראָפּ אַן עול פון קאָפּ:

— טעמעלע, — ציט ער אויס איר נאָמען — ס׳איז שוין צייט צו גיין דאַווענען.

— גיי דיר געזונטערהייט. איך בין שוין דאָ.

זי האָט אים לייכט אַוועקגעשטופּט פון הינטערן שענקטיש און זיך אַוועקגעשטעלט אויף זיין אָרט. דינסטן זענען אַרייַנגעקומען נאָך געבעקס צום פרישטיק, גויים כאַפּן אַ טרונק בראָנפן אויפן ניכטערן מאָגן, זעלנער נאָך ציגאַרן. זי האָט אַלע פריינטלעך באַדינט און בשעת מעשה פאַרפאַרעט פרישע קאַווע אינעם זידיקן סאַמאָוואַר. אירע הענט האָבן פלינק געאַרבעט, זי האָט העפלעך געשמועסט מיט די קונים, אָבער אירע געדאַנקען זענען נישט געווען דערביי.

זי האָט צרות מיט איר מיזינקעלע. פייגעלע איז נישט ווי אירע עלטערע קינדער. מיט יענע האָט זי געטאָן לייטישע שידוכים, זיי פירן פאַר זיך באַלעבאַטישקייטן. דאָס קליינע פעלוסיאַלע, ווי מען האָט זי פאַר־צויגן, איז קאַפּריזנע, אַ גרויסער עקשן, שפּאַרט זי זיך אין עפּעס איין, מוז זי אויספירן. אפשר האָט מען זי צו פיל פאַרפּיעסטעט, דאָס בת זקונימל, זי האָט געוואָלט שטודירן. צו וואָס דאַרף אַ יידישע טאָכטער גיין אין אַ גימנאַזיע? נאָר מען האָט איר נאָכגעגעבן. געהאַלטן צו איר פּריוואַט־

לערערס, געבעטן זיך ביי די פראָפעסאָרן מען זאָל זי אַדורכלאָזן אַ קלאַס. טעמע געדענקט גוט ווי דער אַלטער קאָוואַלסקי האָט האַלב שיכורלעך ביי איר געקלאַפּט אין טיש:

— פּאַני סענדעראָווזאַ! איך וועל אייער טאָכטער נישט אַדורכלאָזן דעם קלאַס! צו וואָס לערנען בכלל אַזוי פיל זשידקעס? דער קלאַס איז ביי מיר פול מיט זשידקעס. מען זעט גאָרנישט קיין פוילישע קינדער.

— פּאַניע פּראָפעסאָרזשע, וואָס בין איך שולדיק, אַז פוילישע קינדער ווילן נישט לערנען?

זי האָט דעם פּאַן קאָוואַלסקי געגעבן צו טרינקען אויף באַרג, וואָס ער האָט קיין מאָל נישט אָפּגעזאָגט, זי האָט אים געטראָגן אַהיים מתנות. איין מאָל קומט אַ היים פעלאַ אַ פאַרווייגטע. זי גיט אַ וואָרף מיט די ביכער און צעוויינט זיך היסטעריש:

— דער פּראָפעסאָר האָט היינט אויסגערעכנט וועלכע קינדער גייען אַריבער דעם קלאַס און מיך האָט ער נישט דערמאָנט!

טעמע כאַפּט אויף זיך דעם שאַל און לויפט צו קאָוואַלסקין:

— פּאַניע פּראָפעסאָרזשע! ס'טייטש! איר האָט דאָך מיר צוגעזאָגט אַז איר וועט מיין טאָכטער אַדורכלאָזן?

— פּאַני סענדעראָוואַ! אייער טאָכטער האָט אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ! זי האָט אַ צייגעניש פול מיט שלעכטע נאָטן, איך קען זי נישט אַדורכלאָזן.

— פּאַניע קאָכאַניע! פאַרוואָס קומט איר ערגער'ע נאָטן פון איר חברטע יאַנדזיאַ קאַראָלוווּנאַ? יענע קומט דאָך אָפּשרייבן די לעקציעס פון מיין פעלאַ.

— איר פאַרגלייכט זיך צו פּאַן קאַראָלי?...

טעמע האָט פאַרשטאַנען דעם זאָג, אַ ייד זאָל זיך פאַרגלייכן צו אַ פּאָליאַק? זי האָט אָבער נישט געוואָלט נאָכגעבן:

— פּאַניע פּראָפעסאָרזשע! זאָגט מיר אין וועלכע געגנשטאַנדן זי איז שוואַך, וועל איך צונעמען פאַר איר אַ פּריוואַט־לערער.

פּאַן קאָוואַלסקי דרייט פאַרקלערט אַ וואָנצע. טעמע זעט אין דעם אַז ער ווערט ווייכער, נעמט זי זיך צו אַן אַלט אויסגעפּרוווט מיטל: אים אַריינשטעקן אין יד אַרייך.

— פּאַניע קאָכאַניע, איך זע אַז איר לערנט אַזוי געטריי מיין טאָכטער. נישט נאָר מיין טאָכטער, אַלע יידישע קינדער, איר ווילט זיי זאָלן קענען

מער פון אַנדערע... דאַרף מען איך באַלוינען, זאָגט וואָס פעלט אייך, וועל איך אייך פאַרשאַפן.

פאַן קאָוואַלסקי פאַרבאַהאַלט אין די וואָנצעס אַ בייסיק שמייכעלע:

— פאַני סענדעראָוואַ, איר ווייסט, אַז איך בין אַן אַלטער גישט פאַר־הייראַטער מאַן און מיין ווינונג איז פאַרוואָרלאָזט. צי וואָלט איר מיר נישט געקאָנט אַ ביסל אויפרוימען, אויסוואַשן דעם פאָל?

טעמע האָט אים גאָרנישט געענטפערט. זי האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל, גענומען אַן עמער וואַסער, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און גענומען שאָרעווען דעם הילצערנעם פאָל. די באַקן האָבן איר געפלאַמט נישט פון דער אַרבעט, ווי פון בושה און אויפרעגונג. זי האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס חוזקט ער אַזוי פון איר, פון אַלע יידישע עלטערן, וועמענס קינדער רייסן זיך צו בילדונג.

ווען פעלאַ איז געגאַנגען צו מאַטורע־עקזאַמענס, האָט טעמע געפאַסט דעם גאַנצן טאָג. און אָט ברענגט איר שוין איר מיזינקעלע דעם מאַטורע־צייגעניש. פעלאַ גיט אַ וואָרף דאָס צייגעניש אויפן טיש, זעצט זיך אַוועק אויף דער קאַנאַפּע:

— נו שוין, און וואָס ווייטער?...

טעמען ווערט אַנטפאַלן דאָס האַרץ, — יאָ, און וואָס ווייטער?... אַזוי לאַנג פעלאַ האָט געלערנט, געזעסן טאָג ווי נאַכט איבער די ביכער, האָט טעמע מיט איר מיטגעפיבערט, געטראָגן דעם עול פון לעקציעס, פון עק־זאַמענס, פון קאָנפערענצן און פון וואָס נישט? איצט... וואָס ווייטער? טעמע וואָלט געהאַט אַ רפואה פאַר דער מכה: אַ שידוך טון און חתונה מאַכן; אָבער גיי רעד מיט איר מיזינקע! פעלאַ האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט און שטייט מער נישט אויף. שוין צוויי וואָכן ווי זי ליגט. זי לאָזט קיינעם צו זיך נישט צו, און פרווט טעמע מיט איר רעדן, באַליידיקט זי זי מיט אַזעלכע ווערטער, וואָס טעמע איז גאָרנישט געוווינט צו הערן פון אירע קינדער. אויך פריִער איז פעלאַ נישט געווען אַזוי מיט אַלעמען. פלעגט אַריינפאַלן אין אַ ווילדער פריילעכקייט, שפּרינגען איבער די שטי־בער, קושן דעם פאָטער און די מוטער און לאַכן אַ פאַרשייט געלעכטער ווי להבדיל אַ שיקסע. פון דער ווילדער עקסטרעמער לוסטיקייט האָט זי געקאָנט פלוצעם אַריינפאַלן אין אַ טיפער מרה שחורה, זיצן פאַרקלערט

און מיט קיינעם נישט וועלן רעדן. געקלערט האָט טעמע, אַז זי איז נערוועז פונעם לערנען, זי וועט ענדיקן, וועט זיך איר געזונט פאַרבעסערן; אָבער ס׳איז נאָך ערגער געוואָרן. חוץ די שטוביקע לאָזט זי קיינעם צו זיך נישט אַריין און טאָמער זאָגט טעמע אַז זי וועט רופן אַ דאָקטער, צעשרייט זי זיך און וויינט, אַז מען קען זי קוים באַרויקן.

נישט דרייסט קומט אַריין אין שענק אַ ייד. ער טראָגט פאַר זיך, איבערגעדעקט מיט אַ ווייס האַנטעכל אַ בעקעלע. ער שטעלט עס אַוועק אויפן שענקטיש פאַר טעמען.

— ר׳ ברוך, איך האָב דאָך אייך שוין געזאָגט אַז איך קען נישט קויפן ביי אייך דעם צוקער־לעקעך. איך האָב נאָר היזק ביי אים. ער צעקרישלט זיך מיר און בכלל איז נישטאָ וועמען צו פאַרקויפן.

דעם יידס בלאַסע פּנים ווערט נאָך בלאַסער; ער רעדט מיט אַ שטיל פאַרשמאַכט קול:

— צוועלף אייער האָט מיין כאַנציע אַריינגעקלאַפּט, צוועלף אייער, ווי איך בין אַ ייד.

ער קוקט מיט זשעדנע, הונגעריקע אויגן אויפן געלן לעקעך וואָס איז אויפגעגאַנגען הויך איבער די ברעגן.

טעמע ווייסט אַז ר׳ ברוך איז אַ מטופל מיט קינדער, זיין ווייב איז אַ לעקעך־מאַכערן, נאָר ווער קויפט דאָס היינט לעקעכער? זי כאַפּט אויף זיין הונגעריקן בליק. דער מענטש,קלערט זי, וועט אויסגיין פאַר הונגער. זי נעמט אַרויס פונעם שופלאָד צוויי זלאָטעס און גיט אים. ר׳ ברוך פאַר־הוסט זיך פון איבעראַשונג:

— אַ געזונט אייך ר׳ סענדערס ווייב! האָט דערפאַר אַ סך נחת פון די קינדער!

— גם אתם! זיצט ר׳ ברוך, אַט פאַרפאַרע איך פרישע קאַווע, זייט אייך מכבד מיט אַ פרישן זעמל מיט פּוטער און אַ טעפל קאַווע, ר׳ ברוך.

— חס וחלילה, ר׳ סענדערס ווייב! איך בין נאָך היינט נישט קיין געדאַווענטער!

—טרינקט זשע אַזוי ר׳ ברוך אַ ביסל וואַרעמס און בייסט צו אַ כזית בייגל.

ר׳ ברוך האָט זיך צוגעזעצט, געשעפּטשעט אַ ברכה און אַ זופּ געטאָן,

ער האָט זיך אָבער פאַרהוסט, און נישט געקאָנט ווייטער טרינקען.

— איר וואָלט באַדאַרפט זען אַ דאָקטער, ר׳ ברוך.

— שוין געזען, אַ ליטישער מענטש דער דאָקטער. ער גיט מיר רעצעפטן אָן געלט. אַ גאָר לייטישער מענטש.

— ווער איז עס דער דאָזיקער דאָקטאָר, דער לייטישער מענטש? — האָט טעמע זיך פאַראינטערעסירט.

— שוואַרץ, ד״ר שוואַרץ. ער איז נישט לאַנג אַראָפּגעקומען אין שטעטל. אַ גאָר לייטישער מענטש. נעמט ביי אָרעמע לייט נישט קיין געלט. נו, זייט מיר געזונט ר׳ סענדערס ווייב און האָט אַלדאָס גוטס.

— גייט געזונטערהייט און האָט אַ רפואה שלימה!

טעמען איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק. זי וועט רופן דעם דאָקטער שוואַרץ אײדער פעלאַ וועט זיך נאָך אויפכאַפּן. זי האָט אַריינגערופן די דינסט און שטיל זיך מיט איר געסודעט. די דינסט האָט אַרויפגעכאַפּט אַ טיכל אויפן צעשויבערטן קאָפּ און אַרויסגעלאָפן.

ווען דער דאָקטער איז געקומען, האָט טעמע שטיל אויפגעמאַכט די טיר צו פעלאַס צימער. אין צימער איז געווען טונקל פון די פאַרמאַכטע לאָדן. דער פאַס ליכט פון דער טיר איז געפאַלן אויף אַ שמאָל מיידלש געלעגער. פעלע איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, די הענט אויפגעהויבן איבערן קאָפּ, די ליפן עטוואָס אָפן. פון דעם אַריינגעדרונגענעם ליכט האָבן אירע אויגנלעפלעך אָנגעהויבן צו ציטערן, אַ צעשמייכלטער פאַרחלומטער בליק האָט געטראָפן דעם מאַן. די הענט איבערגעקרייצט אונטערן קאָפּ, האָט דער קערפּער זיך פויל געשטרעקט אונטער דער דעק.

— פּעלוסיע, איך האָב דיר געבראַכט אַ גאַסט. — טעמע וואָגט נישט צו זאָגן אַז ס׳איז אַ דאָקטער.

פעלאַ האָט זיך אויסגעטשוכעט פונעם שלאָף, זי האָט שנעל אַראָפּגעלאָזט די הענט און זיך ראַפּטאַם אויפגעזעצט:

— וואָס וויל ער?

— איך וויל נישט קיין דאָקטער!

פעלע האָט אין גאַנצן געציטערט:

— ער וויל דיך זען; ס׳איז דאָקטער שוואַרץ.

די מאַמע האָט איר פאַרשאַרט די בלאָנדע האָר הינטער די אויערן:

— גאָט איז מיט דיר! ער וויל דאָך דיין גוטס!

פעלע האָט זיך געטוליעט צו דער מאַמען, זי האָט אין ספּאַזמען געשריגן:

— זאָל ער אַרויסגיין! זאָל ער גיין, איך האָב מורא פאַר אים!

— גאָט איז מיט דיר! וואָס שרעקסטו דיך מיין קינד? ער וועט דיך געזונט מאַכן און דו וועסט פאַרלאָזן דאָס בעט.

אָט פאַר דעם האָט זי זיך טאַקע געשראָקן, ער וועט איר הייסן אַרויס־גיין פון בעט. פּלוצעם האָט זי זיך אַרונטערגעשאַרט אונטער דער קאָלדרע און זיך איבערגעדעקט ביז איבערן קאָפּ. דער דאָקטער האָט געגעבן אַ ווונק צו טעמען, זי זאָל אַרויסגיין. ער האָט צוגעשאַרט אַ בענקל און זיך אַוועקגעזעצט נעבן דעם איבערגעדעקטן מיידל:

— פריילין פעלאַ, איך האָב געזען אייער נאָמען אין דער רשימה פון די גראַדואירטע פון מאַטורע און איר באַגייט זיך ווי אַ ווילד קינד.

קיין ענטפער.

— יאָ, שיין נעמט איר מיך אויף. און אפשר ווילט איר מיט מיר שפּילן אין באַהעלטעניש?

זיין מענעריש קול מיט אַ הייזעריקלעכן אונטערטאָן האָט זי באַווירקט. זי האָט שטאַרק חשק געהאַט אים אָנצוקוקן, אָבער אַ שרעק האָט זי צוריקגעהאַלטן.

— איר שרעקט זיך פריילין פעלאַ און אין תוך גענומען זענט איר אַ שעמעוודיקע פּראָווינציעל מיידל וואָס האָט מורא מיט אַ מענטשן צו רעדן.

זי האָט אַראָפּגעצויגן די דעק, זאָל ער נישט מיינען אַז זי איז אַן אַלטוועלטיש מיידל.

צוויי צעשראָקענע בלאָע אויגן האָבן אים אָנגעקוקט. מאָדנע אויגן האָט זי, זיי בייטן אָפּט דעם קאָליר. אפשר האָט זיך איר מאַמע פאַרקוקט בשעת דעם שוואַנגערן אויפן דניעסטער? צו מאָל זענען זיי ווי דער דניעסטער ווען ער שטורעמט, טונקל־בלוי און טיף, צו מאָל ווי דער דניעסטער שיין העל־בלוי מיט גאָלד באַשפּרענקלט. ד״ר שוואַרץ איז אַ שטאַלטנער מאַן אין די דרייסיקער יאָרן. ער האָט אַ שמאָל פּנים, אונטער דעם הויכן שטערן ליגן צוויי פאַרשנדיקע קלוגע אויגן, שמאָלע באַקן פאַר־

ענדיקן זיך אין אַ שאַרף געצייכנטן קין מיט אַ גריבעלע אין דער מיט. ער איז עלעגאַנט געקליידט, אָבער נישט ווי די שטעטלדיקע יינגלעך וועלכע פוצן זיך און מאַלפּעווען נאָך די גרויסשטאָטישע, ביי אים איז עס אַ נאַטירלעכע איינפאַכע עלעגאַנץ. ער קומט איר פאָר ווי די מענער פון די ראָמאַנען וואָס זי לייענט. ער האָט זי באַטראַכט שווייגנדיק. זיין גוטער שמייכל האָט זי איינגענומען מער ווי ווערטער; איר פאַרקראַמפּט פּנים האָט זיך אויסגעגלייטערט.

— פרייַלין פעלאַ, צי וואָלט איר מיר נישט געקענט זאָגן וואָס אייך פעלט? פאַר וואָס איר ליגט אין בעט?

פעלאַ האָט זיך דערמאָנט ווער ער איז. זי האָט שנעל געענטפערט:

— מיר פעלט נישט גאָרנישט. איך דאַרף נישט קיין דאָקטער, — זי איז ווידער פאַרשוווּנדן אונטער דער דעק.

— הערט אויף מיט אייערע קאַפּריזן! איך בין נישט געקומען צו אייך שפּילן קאַץ און מויז!

— איך האָב נאָך אייך נישט געשיקט, איר קענט זיך גיין!

— פעלאַ, זעצט אייך אויף! — האָט ער באַפעלעריש געזאָגט — און נישט וואַרטנדיק האָט ער אַראָפּגעצויגן די דעק.

— זעצט אייך אויף! — האָט ער איבערגעחזרט.

זי האָט אים געפאָלגט.

— זייט אַזוי גוט און צעשפּיליעט אייער וועש, איך זאָל אייך קענען אויסהערן — האָט ער באַפעלעריש געזאָגט.

— מען דאַרף נישט. איך בין געזונט.

— דאָס וועלן מיר באַלד זען — האָט ער ערנסט געענטפערט.

זי האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס העמד, אַנטבלויזנדיק די פּלייצע, אָבער עס צוגעהאַלטן איבער די בריסטן. מיט ווייכע, צאַרטע פינגער קלאַפּט ער איר אויס די פּלייצעס, ער הייסט איר טיף אָטעמען. זיינע הענט באַווירקן זי נאָך מער ווי זיין קול. מיט דעם רעכטן פון אַ דאָקטער שלעפּט ער פון איר אַראָפּ דאָס העמד. עס האָבן פאַר אים אַ בלאַנק געטאָן צוויי ווייסע פרוכטן מיט רויטע שפּיצן ווי זיסע יאַגדעס. ער לייגט צו זיין אויער צו איר האַרץ. מיט אַ קיצלדיקן נייגיר קוקט זי אַראָפּ אויף דעם פרעמדן מענערישן קאָפּ ביי אירע בריסטן. זי שטויסט אים ניט אָפּ, מסתמא מעג

ער. איר מאַמע האָט אים דאָך געבראַכט און אַזוי ווי אומגערן האָט זי שנעל אַ גלעט געטאָן זיינע האָר פון וועלכע ס'האָט זיך געטראָגן אַ פיינער פאַרפום־ריח.

ער האָט פאַרענדיקט די באַהאַנדלונג און געזאָגט:

— איר זענט געזונט פריילין פעלאַ. איר וועט נעמען דריי מאָל אין טאָג דעם רעצעפּט וואָס איך פאַרשרייב אייך און איר דאַרפט אַראָפּגיין פון בעט.

זי האָט זיך געגעבן אַ וואָרף צוריק אויפן קישן:

— איך וועל נישט אַראָפּגיין! איך בין קראַנק, קראַנק!

דער דאָקטער האָט פאַרביסן אַ שמייכל:

— איר האָט דאָך ערשט געזאָגט אַז איר זענט געזונט?

זי האָט זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט און מער אים נישט געוואָלט זען.

— פריילין פעלאַ, איר וועט צו מיר קומען יעדן פאַרנאַכט.

— איך וועל נישט גיין. — רעדט זי דאָרט אריין אין קישן.

— איר וועט יאָ קומען.

— ניין!

זי האָט נישט אָנגענומען זיין אויסגעשטרעקטע האַנט צום געזעגנען. טעמע האָט אים באַדאַנקט. זי האָט אים באַגלייט ביז צו דער טיר און אים אַריינגעשטעקט אין דער האַנט אַ באַנקנאָט וואָס ער האָט נישט אָנקוקנדיק, אַריינגעלייגט אין קעשענע.

ר' סענדער איז אָנגעקומען פון בית מדרש.

— טעמעלע, — ציט ער אויס איר נאָמען און שפּאַרט אונטער די האַנט אונטער די קריזשעס — עפּעס פּיל איך אַ שטעכעניש אין דער זייט.

— ס'איז גאָרנישט. מסתמא געכאַפּט אַ צוג אין מקוה. גיי וואַש זיך.

ער פאָלגט זי. וואַשט זיך, הייבט אויף די הענט און זאָגט מיט כוונה:

— שאו ידיכם"...

קייענדיק די מוצא פרעגט ער:

— וואָס מאַכט פייגעלע?

— גאָרנישט, ס'איז געווען דער דאָקטער.

— וואָס האָט ער געזאָגט?

— וואָס זאָל ער זאָגן? פאַרשריבן אַ רעצעפּט.

— הערסט מיין ווייב, ס'איז אַלץ אַ נעכטיקער טאָג. ס'שטייט געשריבן: שמונה עשרה לחופה... מ'וואָלט באַדאַרפט אַ רעד טאָן מיטן שדכן.

— ביי דיין פייגעלען וועסטו פועלן אַ גערעדטן שידוך?

— פאַרלאָז זיך אויפן שדכן גרונים.

פעלאַ איז געבליבן ווי פאַרטויבט פון דעם דאָקטערס וויזיט. זי ווייסט אַז זי דאַרף זיך אָנטאָן, גיין פאַרנאַכט צום דאָקטער, אָבער זי מוז זיך צוערשט צוזאַמענעמען, איבערקלערן. די מאַמע קומט אַלע מאָל אַריין:

— נו, פייגעלע, טו זיך אָן!

— באַלד, מאַמע, נאָך אַ ביסעלע.

די דינסט רוימט אויף דאָס צימער. אויף פעלאַס נאַכטטישעלע שטעלט זי אַוועק אַ וואַזע מיט פרישע פיאָלקע־בלימעלעך. די פיאָלקעס זענען סאַמעט־בלוי ווי פעלאַס אויגן. צום קאָנטראַסט פון די גאָלד־בלאָנדע האָר זענען די וויעס און שמאָלע ברעמען טונקל. די דינסט בערשט איר אויס די האָר און לאָזט זיי פריי זיך כוואַליען אויפן באַקן. זי העלפט איר אָנטאָן אַ פריש באַטיסטן נאַכטהעמד, דערויף אַ געהעפט מאַרגן־זשאַקעטל מיט אַ בלויען זיידבאַנד אויסגעבונדן אונטערן האַלדז. פעלאַ קוקט זיך אָן אין האַנט־שפּיגעלע מיטן זילבערנעם הענטל, די ליפן ברענען איר, ס'העלפט איר נישט דאָס באַנעצן זיי מיטן שפּיץ צינגל.

— די פּאַניונציע איז שיין, ווי אַ מלאכל — זאָגט מאַרושקע די דינסט.

— דו מיינסט אַזוי מאַרושקאַ — קוקט זיך אָן פעלאַ אין שפּיגל און זעט אירע אויגן אומעטיק אַפּירשימערן אונטער די לאַנגע שוואַרצע וויעס.

— אַך, מאַרושקאַ.. ווי ס'גלוסט זיך מיר נאָך וויינען און קלאָגן! צו וואָס טויג מיר מיין שיינקייט אַז איך בין אומגליקלעך?

— איר זאָלט עס נישט זאָגן פּאַניונציו, איר האָט אַ רייכע היים, איר טוט נישט קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער.

— וואָס ווייסט דער פּראָסטער מענטש פון זעלישע ליידן? זי האָט געגעבן אַ וואָרף מיטן שפּיגעלע: — נאַ טאָסטו דיר די גאַנצע רייכקייט! דער שפּיגל האָט זיך צעשפּליטערט אויף טויזנט פּיצלעך.

די דינסט האָט פאַרבראָכן מיט די הענט:

— יעזוס מאַריאַ! אַ צעבראָכענער שפּיגל ברענגט אומגליק! — זי האָט זיך איבערגעצלמט און געלאָפן אָנזאָגן דער באַלעבאָסטע. זאָל די באַלע־באָסטע חלילה נישט מיינען אַז זי, מאַרושקע, האָט צעבראָכן דעם שפּיגל. פעלאַ האָט געהאַט אַ נייעם תירוץ אויף צו וויינען, אַ קלייניקייט, אַ צע־בראָכענער שפּיגל ברענגט אומגליק! זי האָט זיך ווידער פאַרגראָבן אין בעט.

טעמע איז אַריינגעקומען, ווי תמיד, פאַררעדן, פאַרגלעטן:

— נאַרעלע, וואָס וויינסטו, וואָס? — האָט זי געגלעט איר טאָכטער. דו הערסט די נאַרישע זאַבאַבאָנעס פון דער שיקסע? פאַרקערט, צעבראָכן גלאָז ברענגט גליק.

פאַר נאַכט. דורך דער אָפענער באַלקאָן־טיר זעט פעלאַ די פאַרגיי־ענדיקע זון הענגען נידעריק איבער די ביימער. אונטערן באַלקאָן וואַקסט אַ בלויער בעז־קוסט. די ווונדערלעכע ריחות שטייגן אַרויף אין איר צימער. צו איר דערגייט דאָס שפּילן פון דער „סאָפּילקע", דעם פאַסטעך־פּייפל. די פאַסטעכלעך שניצן זיי אויס פון האָלץ און שפּילן אויס אויף זיי טרויעריק־פאַרבענקטע אָדער פריילעכע ניגונים וועגן פאַרבלאָנדזשעטע שעפעלעך. ווי אַזוי אַרויסצובר'ענגען ניגונים פון דער דאָזיקער „סאָפּילקע" איז אַ סוד וואָס נאָר די פאַסטעכלעך ווייסן. יידישע קינדער ווי שטאַרק זיי האָבן נישט געוואָלט פּייפן אויף דעם, האָבן זיי נישט געקענט. אויך פעלאַ האָט אַ מאָל צוגעלייגט אַזאַ פּייפל צו די ליפּן, נאָר קיין קלאַנג איז נישט אַרויס. נעמט אָבער דער שייגעץ זי צום מויל און הייבט אָן צו דריקן מיט די פינגער איבער די לעכלעך, קומען אַרויס אַזוינע וווּנדער־לעכע טענער.

הינטערן באַלקאָן איז דאָ אַ גערטנדל וואָס פירט אַראָפּ צום דניעסטער. דער דניעסטער נעמט אַרום דאָס שטעטל אין אַ האַלבקרייז. ביים פאַרבייג זעט זיך אָן די הויכע מויער פון אַלטן קלויסטער. די כוואַליעס שלאָגן זיך אָפּ אין דער בלינדער וואַנט, זיי פּלוסקען און מורמלען און דערציילן זיך די סודותפולע געשעענישן פון די פאַרגאַנגענע צייטן וואָס האָבן זיך אָפּ־געשפּילט דאָ צווישן די גראָע מויערן. מאָנאַשקעס האָבן אין די טיפע קעלערן פאַרגראָבן די פרוכט פון זייער זינד. און ווען די בתולות פאַר־קנסטע צום הייליקן יעזוס זענען געקומען אויף יענער וועלט, האָט דער

הייליקער חתן אָפּגעשטויסן זיינע זינדיקע כלות. זייט דעמאָלט בלאָנדזשען זיי דאָ אַרום צווישן די מויערן. אין פינצטערע נעכט, ווען דער דניעסטער שטורעמט און רוישט, הערט מען דייטלעך די נשמות קלאָגן און וויינען.

אויף דער אַנדערער זייט דניעסטער ציט זיך באַרג אַרויף אַ וואַלד. די גרינע קרוינען פון די ביימער זעען אויס ווי טעראַסן וועלכע פירן באַרג אַרויף, זייערע צווייגן שאָקלען און וויגן זיך אין ווינט. ווייטער ציִען זיך הויכע בערג, זיי קלעטערן ווייט אַוועק, פאַרענדיקן זיך אין נאַקעטע פעלדזן אויף וועלכע עס בליט נישט קיין גראָז און קיין קוסט.

פאַרנאַכט איז פעלאָס אומרויקייט נאָך מער געשטיגן. ס'איז אַריינ־געקומען די מאַמע:

— פּעלוסיע טייערע, דו דאַרפסט דאָך גיין צום דאָקטער.

— לאָז מיך אָפּ!

— דער דאָקטער האָט דאָך דיך באַשטעלט.

— לאָז מיך אָפּ! איך וועל נישט גיין! — האָט פעלאָ זיך צעשריגן. זי האָט אין גאַנצן געציטערט. זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער אַנדערער, דערנאָך פאַרגראָבן דעם קאָפּ אין קישן און הילכיק געוויינט.

עס איז אַריינגעקומען ר' סענדער. טעמע האָט אַוועקגעשיקט די דינסט צו רופן דעם דאָקטער.

דר. שוואַרץ האָט אין שטאָט אַ שם פון אַ גוטן דאָקטער. ער ראַטעוועט אָפּ, זאָגט מען מענטשן ממש פונעם טויט. דערצו האָט ער אַ וואַרעם, מיטפילנדיק יידיש האַרץ. ער דינגט זיך קיין מאָל נישט און נעמט וויפל מען גיט אים. האָט ער אַ קראַנקן אין שטאָט, וואַרט ער נישט מען זאָל אים קומען רופן, נאָר ער קומט אַליין צו לויפן זען וואָס דער קראַנקער מאַכט. טרעפט ער אָן אויף אַן אָרעמאַן, לאָזט ער נאָך איבער אַ פּאָר זלאָטעס, עס זאָל זיין פאַרן קראַנקן אויף אָפּצוקאָכן אַ יַיכל. ווען ער פלעגט אַריינקומען צו אָרעמע יידן אָדער פויערים אין די נידעריקע כאַטקעס, האָבן אויפגעלויכטן די פאַראומערטע פנימער, אַזוי ווי זיי זאָל זיך איבערגעבן זיין מונטערקייט און געזונט. דר. שוואַרץ האָט באַלד דערפילט די לאַסט פון האָבן אַ צו גרויסע צאָל פּאַציענטן. פון גאַנץ פרי איז ביי אים געווען פול דאָס וואַרטצימער, חוץ דעם האָבן אויף אים געוואַרט פורלעך, אים צו נעמען אין די דערפער. ער האָט נישט אַרויס־

געוויזן קיין שום מידקייט. מיט פיל געדולד האָט ער אויסגעהערט דעם פּאַציענט: ווי אַזוי עס האָט זיך אָנגעהויבן די קראַנקהייט, פאַר וואָס ער איז קראַנק געוואָרן און וווּ עס טוט אים וויי און פאַר וואָס עס טוט אים וויי. דער דאָקטער האָט אויך אויסגערעכנט פאַר דער באַלעבאָסטע וועלכע מאכלים זי מעג דעם קראַנקן געבן און וועלכע נישט. אָפּט האָט דער קראַנקער צוריקגעפונען אונטערן קישן דעם האָנאָראַר וואָס ער האָט אים געגעבן.

— נאַ, — פלעגט נישט איין יידענע זאָגן, זיך אָפּווישנדיק די נאָז אין פאַרטעך: — דאָס איז אַ מלאך און נישט קיין מענטש!

ווען טעמעס דינסט איז אַריינגעקומען צום דאָקטער, האָט זי אין וואַרטצימער געטראָפן אַלע בענקלעך באַזעצט. זי האָט זיך דערשראָקן, ווי אַזוי קאָן זי זיי אַלע איבערוואַרטן? ווען די טיר האָט זיך געעפנט, און דער דאָקטער האָט אַרויסבאַגלייט אַ קראַנקן און אַן אַנדערער האָט געהאַלטן אין אַריינגיין, איז זי שנעל צו צום דאָקטער:

— פאַניע דאָקטאָזשע, די פאַניענקע האָט באַקומען אַן אָנפאַל, די פאַני האָט געבעטן איר זאָלט שוין קומען.

— גוט. איך וועל מיך נאָר באַפרייען, וועל איך קומען. — ער האָט אַריינגעלאָזט דעם קראַנקן און פאַרמאַכט די טיר.

מאַרושקע איז אַהיימגעלאָפן, אָבער באַלד איז זי ווידער צוריקגעקומען.

— פאַניע דאָקטאָר!..

— קומט אַריין! — האָט ער אומגעדולדיק געזאָגט.

— פאַניע דאָקטאָר, האָט אויף איר רחמנות! — האָט די דינסט גע־רעדט מיט אויפרעגונג: — זי גייט פשוט אַראָפּ פון זינען! אַ גיהנום טוט זיך אָפּ אין שטוב!

— גיט איר די טראָפּן. אַז איך וועל זיין פריי, וועל איך קומען. — די דינסט האָט געוואָלט אַרויסלויפן. — וואַרט, אַז מען וועט אייך נאָך אַ מאָל שיקן, קומט אַריין דורך דער הינטערטיר.

נאָך אַ ווייל הערט ער אַ נישט דרייסט קלאַפּן אין דער הינטערטיר. ער האָט זי אַריינגעלאָזט.

— זייט מיר מוחל פאַניע דאָקטאָר. זי וויל נישט נעמען די טראָפּן. זי זאָגט אַז זי וועט זיך נישט באַרויקן ביז איר וועט נישט קומען.

דר. שוואַרץ האָט מער נישט אַריינגעלאָזט קיין קראַנקן. ער האָט אויסגעטאָן דעם ווייסן קיטל און אַרויס דורך דער הינטערטיר. ער האָט געשטעלט גיכע טריט, ווי ער זאָל עס לויפן צו אַ מסוכן קראַנקן. די דינסט, מיט אירע קורצע פיסלעך, האָט אים נישט געקאָנט דעריאָגן.

פעלאַ האָט געשריען און זיך קאָנוולסיוו געוואָרפן אויפן בעט. די עלטערן זענען הילפלאָז געשטאַנען נעבן איר. ר׳ סענדער האָט געהאַלטן אין איין האַנט דאָס פלעשל און אין דער אַנדערער אַ לעפעלע. ער האָט דאָס אַנטקעגן געשטרעקט דעם דאָקטער ווי זאָגנדיק — זי וויל עס נישט נעמען, וואָס זאָל איך טאָן דערמיט?

דער דאָקטער האָט געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט, זיי זאָלן אַרויסגיין. דערנאָך האָט ער זיך שטרענג געווענדעט צום מיידל:

— פעלאַ! וואָס פאַר אַ שטיק פּראַוועט איר דאָ?

— איר, איר הער דאָקטאָר פאַרשטייט מיך אויך נישט? זיי הייסן מיר אַרויסגיין פון בעט און איך קען נישט, איך בין טויט קראַנק! איך וועל אַרויסשפּרינגען פון דער הויט!

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן איר. מיט זיינע ווייכע הענט האָט ער זי געגלעט איבער די האָר, איבער די הענט. מער ווי זיין גלעטן האָט אויף איר געווירקט זיין קול:

— כדי מען זאָל נישט אַרויס פון זיך, איז דאָ די הויט. זי פאַרדעקט. מעג עס ווי שטורעמען און ברויזן אינעווייניק, אויפן פּנים דאַרף מען עס נישט זען.

— איר רעדט פּונקט ווי זיי! זאָל מען גאָרנישט זען, זיך גאָרנישט דערוויסן! דאָס טאָרסטו נישט טאָן און מיט יענעם רעד נישט, ווייל עס שטייט נישט אָן דייך טאַטנס יחוס. בין איך אָבער אַ צולהכעיסניצע און וויל גראָד טאָן דאָס פאַרווערטע. — זי האָט ווידער זיך געגעבן אַ וואָרף אויפן קישן און זיך צעוויינט.

— פעלאַ! הערט אויף צו וויינען, זייט אַ גוט מיידל!

— איך וועל גאָרנישט זיין אַ גוטע! איך בין אַ שלעכטע. ווען איך וואָלט געקאָנט, וואָלט איך איבערגעקערט די גאַנצע שטוב.

— פאַר מיר וועט איר נישט זיין די צולהכעיסניצע! וואָס הייסט, איר לאָזט מיך רופן אין דער צייט ווען עס וואַרטן אויף מיר קראַנקע?

זי איז געוואָרן ווייך און ליאַשטשענדיק:

— איך האָב אייך געוואָלט זען. — זי האָט זיך צוגעטוליעט צו זיין ברייטער ברוסט.

ער האָט איר געגלעט דעם בלאָנדן קאָפּ אויף זיין האַרץ:

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט איר זאָלט קומען צו מיר.

— איך קען נישט, — זי איז געווען גרייט ווידער צו וויינען.

— פעלאַ, איך בין אייך אַ פריינד און וועל אייך העלפן. אַ מאָל ווערן די געדאַנקען צעשויבערט, אַ גאַנצער כאַאָס, מען ווייסט נישט ווו איין און ווו אויס. איך וועל אייך העלפן זיי צוזאַמענלייגן, ווי מע מאַכט למשל אַ סדר אין שראַנק.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ פון טרערן באַגאָסענעם פּנים. ער האָט אַרויסגענומען זיין טאַשנטיכל און איר אויסגעווישט די טרערן:

— אַט אַזוי! גיט אַ שמייכל!

זי האָט אַ שוואַכן שמייכל געטאָן, ווי די זון צווישן פאַרכמאַרעטע וואָלקנס.

— איר וועט מיך פאָלגן?

— יאָ, נאָר אייך!

— שטייט אויף פונעם בעט!

— איך קען נישט!

— איר קענט יאָ!

זי איז געווען גרייט זיך ווידער צו צעוויינען. ער האָט אויפגעהויבן איר קין און איר געקוקט באַפעלעריש אין די אויגן:

— מאָרגן אַכט אין אָוונט וואַרט איך אויף אייך! איר וועט קומען!

— יאָ! — האָט זי אַ זיפץ געטאָן.

ער האָט זיך אויפגעהויבן צום גיין. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט פאַרזשמורעטע אויגן און צו אים אויפגעהויבן די האַלב פאַרשמאַכטע ליפּן. ער האָט זי שנעל אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און אַ קוש געטאָן ווי מען קושט אַ קינד אויף די נאַסלעכע ליפּן.

אין דרויסן האָט ער געזאָגט צו די פאַרזאָרגטע עלטערן:

— צווינגט זי נישט. זי וועט אַליין אויפשטיין, זאָגט איר גאָרנישט.

נאָכן שטורעם האָט דערנאָך געהערשט אין הויז אַ טויטע שטילקייט.

פעלאַ איז צומייסט געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן. זי איז געווען אין גאַנצן אַדורכגענומען מיטן דאָקטערס דערשיינען. זי האָט אים געזען און געפילט נעבן זיך, אין זיך, און עס איז איר געווען גוט מיט אים.

דעם אַנדערן טאָג, שפּעט נאָך מיטאָג האָט זי זיך געהייסן צוגרייטן אַ וואַרעמע וואַנע. זי האָט נאָכן אויסבאָדן זיך, באַשפּריצט איר קערפּער מיט אַ פיין שמעקנדיקן אָדעקאָלאָן. זי האָט אויסגעקליבן אין שאַפע אַ ווייס לייכט קלייד פון מאַרגאַזשעט, מיט בלויע „פאַרגעסמיכנישט"־בלימעלעך, וואָס זענען געווען צעוואָרפן אין בוקעטן איבערן קלייד. דעם בלוי־זיידענעם גאַרטל האָט זי אויסגעבונדן אין אַ שלייף פון הינטן. זי איז געשטאַנען פאַרן שפּיגל, זיך אָנגעטאָן אַ שטרויענעם הוט מיט אַ בלויער באַנד, וועלכער איז אַראָפּגעהאַנגען פון הינטן. די ראַנדן פונעם הוט האָבן באַ־שאָטנט די בלויע אויגן, וועלכע האָבן אָפּגעקוקט מיט אַן אומעטיקן פייכטן גלאַנץ. זי האָט געטראָגן בלויע זשאַמשענע שיך אויף הויכע קנאָפּל און אין דער האַנט אַ קליין בלוי בייטעלע מיט ווייסע הענטשקעס. איר פּנים איז געווען אַ ביסל בלאַס פון לאַנג ליגן אין בעט. נאָר די אויגן האָבן געגליט פון אַ ליידנשאַפט, וואָס האָט זי אַרויסגעטריבן פונעם בעט און טראָגט זי צו אים.

די עלטערן האָבן איר גאַרנישט געזאָגט. זיי האָבן געפאָלגט דעם דאָקטערס עצה, זי לאָזן צו רו. אָבער דאָך האָט טעמע פון איר נישט אַראָפּגענומען די אויגן:

— זאָל איך, קינד לעבן, גיין מיט דיר?

— צו וואָס מאַמע, איך ווייס אַליין ווו דער דאָקטער וווינט.

אויף איר אָנקלאַפּן איז אַרויסגעקומען אַ דינסטמיידל:

— דער דאָקטער נעמט שוין נישט אויף אַזוי שפּעט.

— איך בין באַשטעלט.

— איר וועט אַזוי גוט זיין און צוואַרטן, דער דאָקטער איז נאָך נישט צוריקגעקומען פון דאָרף.

פעלאַס מוט איז געפאַלן, הייסט עס, ער וואַרט נישט אויף איר, ווי ער האָט איר צוגעזאָגט. דאָס אויפנעם־צימער איז געווען ליידיק. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט וואַרטן.

עס איז אַריינגעקומען אַ יונגע עלעגאַנטע פרוי. זי האָט אַ זייטיקן

בליק געוואָרפן אויף פעלאַן און פאַרשוואונדן אין די אינעווייניקסטע צימערן. פעלאַ איז אויפגעשפרונגען. ער האָט אַ פרוי! זי האָט גאַרנישט געקלערט דערפון. זי איז אומרויק געוואָרן. צו וואָס איז זי בכלל אַהער געקומען? זי איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. אַ טריבער אומעטיקער אָוונט איז גע־לעגן איבערן שטעטל. אַנטלויפן אין דער פינצטערער נאַכט אַריין! אַבי נישט זיין דאָ! זי האָט אָנגעהויבן צו שפּאַנען איבערן צימער. זי האָט אים דערהערט אָנקומען און איז געבליבן שטיין אין מיטן צימער, די הענט צוגעדריקט צו איר שטאַרק קלאַפּנדיקן האַרץ. אַזוי האָט ער זי געטראָפן.

— אָ, פאַננאַ פעלאַ! — האָט ער אַן אָנגענעם איבערראַשטער, אויסגערופן — וואָס מאַכט איר? פיין פון אייער זייט וואָס איר זענט גע־קומען! אַנטשולדיקט מיר נאָר איין מאָמענט.

ער איז אַרונטער הינטער דעם פאַראַוואַן און באַלד צוריקגעקומען אָנגעטאָן אין אַ ווייסן קורצן קיטל מיט האַלבע אַרבל און אַ גלאַטן קראַגן אין דער זייט פאַרשפּיליעט:

— מאַכט אייך באַקוועם פעלאַ, טוט אייך אויס דעם הוט.

זי האָט מעכאַניש געפאָלגט, אַראָפּגענומען דעם הוט און אים געהאַלטן פאַר זיך מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט.

ער האָט זיך געוואַשן די הענט ביים קראַן און דורכן שפּיגל אויף איר געקוקט מיט אַ קלוג שמייכעלע. ער גרייט זיך זי אויפנעמען ווי אַ פּאַציענטקע, זי האָט אַ טופּע געטאָן מיטן פוס:

— איך בין נישט קראַנק און דאַרף נישט קיין דאָקטער!

זי איז צוגעלאָפן צו דער טיר און געוואָלט אַרויסלויפן, ער איז איר פאַרלאָפן דעם וועג און פאַרשלאָסן די טיר:

— עט מיידעלע, זייט נישט קיין ווילד קעצעלע! קומט, זעצט זיך נעבן מיר אויף דער סאָפע. איך בין פאַר אייך אַ פריינד און נישט קיין דאָקטער! — ער האָט זי צוגעצויגן צו זיך אויף דער סאָפע, אַרויסגענומען דעם הוט פון אירע פאַרקראַמפּטע הענט. — אָט אַזוי, פעלוסיאַ! מאַכט אייך באַקוועם, דערציילט מיר וואָס אייך דריקט אויפן האַרצן.

זי האָט נאָך אַלץ זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן ווי זי וואָלט געזוכט אַ וועג צו אַנטלויפן. זיין האַנט וואָס איז געלעגן אויף דעם אָנלען פון דער

סאָפע, האָט זיך אַראָפּגעגליטשט אויף איר אַקסל, געדרייט אַ לאָק פון אירע האָר:

— איר ווילט מיר נאָך אַלץ נישט זאָגן וואָס אייך דריקט אויפן האַרצן? אפשר זענט איר פאַרליבט?

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט גלוסט אין די אויגן, קיין ספק נישט, זי איז פאַרליבט...

דער פאַרפום פון איר יונגן קערפּער האָט אים געשלאָגן אין קאָפּ, די בלויקייט פון אירע אויגן איז געשווומען אין טרערן, ער האָט אַוועקגענומען זיין האַנט פון אירע אַקסלען און זיך באַפרייט פון איר נאָכגיביקן קערפּער. ער האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צו זיין שרייבטיש און פאַרייכערט אַ ציגאַר.

— איר האָט דאָך ליב פּאַננאַ פעלאַ צו ליגן? — ער האָט איר אונטערגעשאַרט אַ קישעלע אונטערן קאָפּ, איר אויסגעטאָן די שיכלעך, אַוועקגעלייגט אירע פיס אויף דער סאָפע:

— אַט אַזוי! ליגט רויק, אָנטשפּאַנט זיך.

פעלאַ האָט פאַרמאַכט די אויגן, ער איז געווען צופרידן וואָס די אויגנדעקלעך פאַרדעקן אירע בליקן, זיי ברענגען אים אַרויס פון גלייכגעוויכט, צערודערן אים. אירע ווי:עס האָבן געציטערט, צווישן זיי האָט געזילבערט אַ טרער. פּאַמעלעך איז פון איר אָפּגעטרעטן די אומרויקייט, די האַסטיקייט, דאָס פלאַטערניש צום אַנטלויפן. אַ שלווהדיקע רו איז איבער איר געקומען.

ער האָט צוגעשאַרט אַ שטול און אַוועקזעצנדיק זיך נעבן איר, זי אָנגענומען ביי דער האַנט:

— איצט דערציילט מיר אַלצדינג, רעדט זיך אַראָפּ פונעם האַרצן. פאַרגעסט אַז איך בין אַ דאָקטער. איצט בין איך אייך אַ גוטער פריינד און וויל אייך העלפן.

פלוצעם האָט זי זיך צעלאַכט, הויך און קלינגענדיק האָט זי געלאַכט, זי האָט איבערגעוואָרפן איין פוס איבערן אַנדערן, פאַרלייגט די הענט אונטערן קאָפּ, אויפגעמאַכט די אויגן, אָבער אויסגעמיטן צו קוקן אויף אים.

— איר האָט מיך געפרעגט צי איך בין פאַרליבט? יאָ, אַזש אין דריי!

ער איז נאָכגעגאַנגען נאָך איר שפּאַסיקן טאָן:

— אָה, אַזש אין דריי? אַ ביסל צו פיל פאַר ר׳ סענדערס טאָכטער!

— ר׳ סענדערס! — האָט זי איבערגעחזרט מיט פאַראַכטונג, — דעם פאַנאַטישן פרומען חסידס אַ טאָכטער! טאָקע אים און זיי אַלע אויף צו להכעיס!

דער דאָקטער האָט אָפּגעאָטעמט, אָט דאָס איז ביי איר דער שוואַכער פונקט. ער האָט זיך געהיט מער נישט צו דערמאָנען איר פאָטערס נאָמען:

— ווער זענען די גליקלעכע אין וועלכע איר זענט פאַרליבט?

זי האָט אויפגעהויבן אַ פינגער:

— אַ מעדיצין־סטודענט.

— גוט, דער ערשטער.

— אַ סטודענט אין דער מיליטער־אַקאַדעמיע.

— אין מיליטער אַ ייד?

— ניין, אַ קריסט.

— אָבער פעלאַ...

— איר וועט באַלד זאָגן ר׳ סענדערס טאָכטער? — האָט זי אויפגעברויזט.

— איך זאָג נישט גאָרנישט. און דער דריטער?

— דער דריטער, — האָט פעלאַ אָפּגעזיפצט — איז אַ קבצנס אַ זון, אָבער ער געפעלט מיר. ער האָט געמאַכט מאַטורע, נאָר אויף צו שטודירן ווייטער האָט ער מסתמא נישט קיין געלט. ער וויל פאָרן קיין ארץ ישראל.

— ער געפעלט אייך מער ווי די אַנדערע?

— ניין, די מעשה איז די וואָס איך געפעל זיי. זיי זענען אין מיר פאַרליבט און דאָס געפעלט מיר.

דער דאָקטער האָט איר מער נישט איבערגעשלאָגן און זי געלאָזט רעדן.

— פאַרליבט אין זיי בין איך נישט, אָבער אייפערזיכטיק בין איך יאָ. איך קען נישט ליידן ווען זיי פאַרברענגען, אָדער טאַנצן מיט אַנדערע מיידלעך. אַנומלט בין איך געווען אויף אַ פאַרוויילונגס־אָוונט. איך בין געווען זייער פריילעך. איך האָב הנאה געהאַט וואָס איך האָב דערפאַלג ביי מענער, מען האָט זיך פשוט געריסן איבער מיר, מיט מיר צו טאַנצן, כאָטש עס זענען געזעסן גענוג שיינע מיידלעך נישט פאַרבעטענע צום טאַנץ. איך האָב געשטראַלט פון גליק, ווייל שליסלעך און ענדלעך זענען דאָך מענע־רישע אויגן דער בעסטער שפּיגל פאַר אַ פרוי... מיינע דריי פאַרערערס

זענען נישט אָפּגעטרעטן פון מיר. איך בין געווען דער צענטער פונעם אָוונט און מען האָט מיך אויסגעוויילט אַלס מלכּה פון דער פּאַרוויילונג. דער מעדיצין־סטודענט שמואל דוואָרסקי און דער מיליטער־אַקאַדעמיקער מיכאל פּאַוולאָוויטש האָבן צווישן זיך קאָנקורירט ביי דער ליציטאַציע, איינער האָט געוואָלט איבערשטייגן דעם אַנדערן, ביים קויפן מיר דעם פּרייז. לסוף האָט געוווּנען מיכאַל פּאַוולאָוויטש. נאָכן באַזעצן מיך אויף דער שטול מיט דער פּאַפּירענער קרוין, האָט מיר מיכאַל פּאַוולאָוויטש איבערגעגעבן דעם פּרייז, אַ זילבערנע צוקער־פּושקע. אַלע האָבן אַפּלאָ־דירט, איצט האָב איך געדאַרפט אויסוויילן אַ קאַוואַליר צום טאַנץ. אַלע האָבן געמיינט אַז איך וועל אויסוויילן פּאַוולאָוויטשן אָדער דעם צווייטן קאַנדידאַט: דוואָרסקין. מיין בליק איז געפאַלן אויף בן ציונען, דעם חלוץ. ער האָט זיך נישט באַטייליקט אין דער שפּיל. מיט פאַרלייגטע הענט אויף דער ברוסט, האָט ער אויף מיר די גאַנצע צייט געקוקט, ווי אויף אַ צע־באַלעוועט קינד וואָס מען האָט ליב, אָבער מען איז נישט מסכּים מיט זיינע שטיפעריַיען. פּלוצעם האָב איך באַמערקט זיינע שיך. דאָס זענען געווען אַ פּאָר אַלטע שיך, שטאַרק אויסגעפּוצטע, אָבער דער שיך־קרעם האָט נישט געקאָנט פאַרדעקן די לאַטעס. איך האָב געוווּסט אַז ער האַלט זיך אַליין אויס. כּדי צו באַצאָלן פאַר זיינע לימודים אין גימנאַזיע, האָט ער געטאָן פאַרשידענע אַרבעטן, אַפילו אין שוויצבאָד, ווו ער האָט דערלאַנגט די יידן שעפלעך וואַסער: פּלוצעם האָב איך אויסגערופן אויף צו להכעיס זיי אַלע און זיך אַליין:

— איך פאַרבעט בן ציון מערקין צום טאַנץ!

אַלע זענען געבליבן איבעראַשט, אָבער מער פון אַלע איז געווען איבעראַשט בן ציון. איך האָב מיט אים געטאַנצט דעם סאָלאָ־טאַנץ און דערנאָך האָב איך אויך געטאַנצט מיט דוואָרסקינען און פּאַוולאָוויטשן, אָבער זיי האָבן זיך געפילט געטראָפן ווייל איך האָב זיי פאַרביטן אויף ברוך קבצנס זון. מיך האָט עס שטאַרק אַמוזירט. איך האָב אַ סך געלאַכט, בכלל האָב איך הנאה אַז איך טו אָפּ אַ שפּיצל. אַך, דאָקטאָר איז דאָס געווען אַן אָוונט! אַזוינע פאַרוויילונגען פאַרגעסט מען נישט דאָס גאַנצע לעבן. אַלע האָבן מיך באַוווּנדערט. עס האָבן מיך געווילט די קנאהדיקע בליקן פון די אַנדערע מיידלעך. באַגלייט אַהיים האָט מיך בן ציון — האָט

פעלאַ פאַרענדיקט איר דערציילן מיט אַ לייכטן זיפץ. — און דאָ איז פלוצעם מיין פרייליכקייט פאַרשוווּנדן. בן ציון האָט אַ סך גערעדט, נישט אַלצדינג האָב איך געהערט. איך האָב אים געפונען זייער לאַנגווייליק, נאָר אַ ביסל רחמנות האָב איך געהאַט אויף אים. איך האָב מיך באַמיט נישט צו קוקן אויף זיינע צעפּאַרענע שיך, וואָס קיין דראַטווע קען זיי מער נישט צוזאַמענהאַלטן, אויף זיין דינעם העלן מאַנטל, וואָס איז גאַרנישט צוגעפּאַסט צו דעם קאַלטן וועטער און מיר איז מיין פעלצמאַנטל איז פלוצעם דורכגעלאָפן אַ ציטער. ער האָט גערעדט מיט אַזאַ פּאַטאָס, אַז טראָץ דער קעלט, איז אים אַרויס אַ שווייס אויפן שטערן. מיר זענען געשטאַנען פאַר מיין טיר און ער האָט נאָך אַלץ גערעדט. דער אויספיר זיינער איז געווען, אַז מען דאַרף זיין אַ ציוניסט, אַז נאָר אין ארץ ישראל איז אונדזער צו־קונפט, אַז מען דאַרף זיך לערנען עברית. איך האָב געוווּסט אַז ער גיט לעקציעס און איך האָב אים געפרעגט צי ער וואָלט נישט געוואָלט מיך לערנען העברעיש? ער איז גלייך איינגעגאַנגען דערויף. צום אָפּשייד האָב איך אים דערלאַנגט ווי אַ גוט קינד, די באַק צום קוש. אָט דאָס איז מיין „אויסדערוויילטער" — האָט זיך פעלאַ צעלאַכט. — דאָקטאָר, דאָס לעבן איז אַזוי שרעקלעך לאַנגווייליק, ווי אַזוי האַלט מען עס אויס אָן אַ ציל, אָן אַ צוועק?

— איר דאַרפט זיך פאַרליבן פאַננאַ פעלאַ, ליבע איז די טרייבקראַפט צום לעבן.

— זי קען אויך טרייבן אין אָפּגרונט. האָט פעלאַ געענטפערט. זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער סאָפע. דער דאָקטער האָט זיך אויפגעשטעלט. הייסט עס, אַז דער וויזיט האָט זיך געענדיקט. איצט גייט ער צו זיין פרוי, זי וואַרט דאָרט זיכער אויף אים מיטן נאַכטמאָל.

— אַז איך וועל מיך נישט באַהאַלטן אין בעט, וועל איך אַראָפּ פון זינען, אָדער באַגיין זעלבסטמאָרד.

— נאַרישקייטן! איר זענט יונג און שיין און איר דאַרפט געניסן פונעם לעבן.

— איך קען נישט! איך קען מיך נישט צוזאַמענעמען!

— איך וועל אייך העלפן, פעלאַ, קומט צו מיר דריי מאָל אין דער וואָך. אין אָרדענונג? — ער האָט איר געגעבן די האַנט, זי האָט צו אים

אויפגעהויבן די ליפּן, ער איז מיט אַ קאָפּ העכער פון איר. ער האָט איר געוואָלט אָפּדריקן אַ לייכטן קוש, אָבער זי האָט אים פאַרוואָרפן די הענט אויפן האַלדז און ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון אירע נאָגנדיקע ליפּן.

## פאַרנאַכטיקע שפּאַצירן

פאַר דער שטאָט איז די ראָגאַטקע. אַ הויכער געמויערטער טויער אין דער ברייט פונעם טראַקט. אַ וואַכשטיבל שטייט ביי דער זייט. אין אַלטע צייטן האָט מען אויף ביינאַכט פאַרמאַכט די ברייטע טאָפּלטויערן. הייגט זענען זיי צעעפנט, אויך די ראָגאַטקע איז אויפגעהויבן אין דער הויך, זי ווערט אַראָפּגעלאָזט נאָר אין אַ יאַרידטאָג, צוליב קאָנטראָל און שטייער־אָפּצאָל פון די דורכגעלאָזטע פורלעך אָדער בהמה־טרייבער. פאַר פראַנץ יאָזעפס צייטן האָט דער קייזער געגעבן אַ באַפעל אַז געפלעקטע וויס־ברוינע פערד זענען פריי פון ראָגאַטקע־אָפּצאָל, כדי מען זאָל ציכטן זיין ליבלינגס־ראַסע. די פּוילישע רעגירונג האָט אָפּגעשאַפט דעם געזעץ.

אין ביידע זייטן לענג אויס דעם שטראָז וואַקסן הויכע ביימער. זייערע קרוינען קומען אויבן זיך צוזאַמען און בילדן ווי אַ דאַך איבערן וועג. די אַלייע ציט זיך אַ דריי קילאָמעטער ביז צום באַראָנס שלאָס. איינער פון דעם באַראָנס עלטער־זיידעס האָט די ביימער געלאָזט פלאַנצן כדי ער זאָל האָבן אַ שאָטן ביז צום קלויסטער, וואָס געפינט זיך אין שטאָט. פון דעם אַלטן שלאָס איז געבליבן אַ חורבה. דער אַלטער קלויסטער איז איבערגעבויט געוואָרן, די דעמבעס זענען זיך צעוואַקסן הויך און שטאַרק און גיבן אַ דערקוויקנדיקן שאָטן.

פאַרנאַכט לאָזט מען זיך אַרויס פונעם שטעטל אויף שפּאַציר. מען גייט ווייט אַוועק פון דער ראָגאַטקע. דער וועג לויפט פאַרויס און עס דאַכט זיך, אַז די ביימער שלינגען איין לסוף דעם וועג. ביי איין זייט ליגן פאַסן פעלדער, ווי אַ קאָלירטער טעפּיך. ביי דער אַנדערער גרינע לאָנקעס

מיט ווייסע אַקאַציע־ביימער. צווישן די צווייגן זופּט זיך אַדורך דער זונס פאַרנאַכטיקע שטראַלן און פלימערן ווי רענדלעך גאָלד אויפן וועג.

העל קלינגט אָפּ דאָס געלעכטער פון ייִנגלעך און מיידלעך.

אָפּגעזונדערט, אין מיטן וועג, צווישן אַ מנחה און מעריב, גייט דער רב, אַרומגערינגלט מיט זיינע מקורבים. צווישן זיי געפינט זיך אויך ר׳ סענדער. בענייוות, מיט די הענט פון הינטן, שטעלן זיי באַדאַכט די טריט, ווי פאַר זייערטוועגן האָט עס דער אויבערשטער באַשאַפן דעם שיינעם פאַרנאַכט, זיי זאָלן הנאה האָבן פון זיינע מעשים. זיי זענען פאַרטיפט אין אַ לומדישן שמועס, און גייען מיט אַראָפּגעלאָזטע בליקן, כדי נישט געשטרויכלט ווערן באַגעגנדיק זיך מיט אַן אישה.

אויפן וועג גייען אויך צוויי חברים, שמואל דוואָרסקי און מיכאַל פּאַוולאָוויטש.

— דו ווייסט — האָט זיך אָנגערופן פּאַוולאָוויטש: — אַזוי פיל יאָרן צוזאַמענגעזעסן אויף איין באַנק און איצט מוזן מיר זיך צעשיידן. אפשר וואָלסטו דיך אויך פאַרשריבן אויף דער מיליטער־אַקאַדעמיע?

— דיר איז גרינג צו רעדן, מיכאַל. ווייסטו ניט אַז די אָפיצירן־שול איז פאַרמאַכט פאַר ייִדן? אויסער דעם ציט מיך ניט די מיליטערישע קאַריערע. מיך ציט צו מעדיצין, אָבער אַריינטרעטן אין פּוילישער אוניווערסיטעט איז פאַר אַ ייִדן פאַראַן אַ באַריער — נומערוס קלאַוזוס, וועל איך מוזן פאָרן קיין פּראָג.

עטלעכע באַקאַנטע מיידלעך זענען פאַרבייגעגאַנגען. זיי האָבן זיך באַגריסט און פאַרגעזעצט זייער וועג. געוויינלעך שפּאַצירן מיידלעך יעדן פאַרנאַכט אויף דער אַלייע. פאַרפעלט אַמאָל אַ מיידל, שושקעט מען זיך אַז זי איז קראַנק, וואָס דאָס איז אַ חסרון צו אַ שידוך אָדער נאָך ערגער, מען איז אַזוי אָרעם, אַז זי האָט נישט קיין צייט צו שפּאַצירן און מוז צוהעלפן צו דער פּרנסה.

— וואָס עפּעס זעט מען נישט פעלאַ שמוקלער? — האָט געפרעגט מיכאַל.

— זי איז קראַנק.

— פון וואַנען ווייסטו? ביסט געווען ביי איר? — האָט געפרעגט מיכאַל נישט אָן קינאה.

— צו ר׳ סענדערן אין הויז וועט מען אַריינלאָזן? די דינסט קומט אַרויס און זאָגט: „דער פּאַן זאָל מוחל זיין קומען אַן אַנדערש מאָל, די פּאַניענקע איז נישט געזונט״. איך האָב פאַר איר אָנגעשריבן אַ ליד. ווּעסט הערן?

„ווייסער מירמל איז דיין הויט
דיינע ליפּן פּורפּור־רויט.
אָרעמס — סאַמעט און דיין בליק
פול מיט צוזאָג איז אויף גליק.

אויסגעטאָקט דיין גוף און שלאַנק,
פון אַ סאַרנע איז דיין גאַנג.
און די אויגן — הימל־בלוי,
ציִען מיך צו זיך אַזוי.

דיינע האָר אַ גינגאָלד־סנאָפּ
וואָס באַקרוינט דיין סאַרנע־קאָפּ.
און דיין קוש ווי וויין איז זיס
וואַרפט מיך שיכור פון די פיס.״

— אַזוי? האָסט שוין פאַרזוכט פון אירע קושן אויך? — האָט מיכאל געפרעגט מיט אַ שפּאָטישן שמייכל.

— אָ, ניין. דערווייל איז דאָס נאָר אַ באַגער. ביי יידישע מיידלעך קומט מען נישט אַזוי שנעל צו דעם פאַרגעניגן און דערצו נאָך ביי ר׳ סענדערס טאָכטער.

— פעלאַ זעט נישט אויס ווי אַ יידישקע. זי איז אַ סלאַווישער טיפּ. איך וואָלט אפילו געזאָגט אַ פּאָדאָליער טיפּ. איר טעמפּעראַמענט איז הייס און ווען איר ליידנשאַפט וועט זיך צעשפּילן וועט זי אַרויס פון די ברעגעס ווי דער דניעסטער פרילינג־צייט, וואָס פאַרפלייצט אַלצדינג און פאַרשלעפּט מיט זיך אַלץ וואָס ער טרעפט אויף זיין וועג.

— דו ביסט דיך טועה מיכאל. פאַר פעלאַס טעמפּעראַמענט מעגסטו רויק זיין. ער איז געגוג איינגעצוימט פון יידישע מידות.

— אויב אורטיילן לויט איר אויסזען, איז זי גאָר ווייט פון אייערע יידישע מידות.

— דאַכט זיך, מיכאַל, אַז דו אַליין ביסט אויך פאַרליבט אין איר.

פּאַוולאָוויטש האָט זיך צעלאַכט און אַ טרעסל געטאָן מיטן קאָפּ דערווידערדיק:

— אפילו ווען יאָ, וואָלט איך מיט אייך יידן נישט אָנגעהויבן.

פלוצעם איז אָנגעלאָפן אַ גרופּע מיידלעך, צווישן זיי פעלאַ שמוקלער. דערזעענדיק די צוויי חברים, האָט זי אויסגערופן מיט אַ געלעכטער:

— זעט נאָר די צוויי געשווירענע פריינד!

און באַלד האָט זי זיי צעטיילט, גייענדיק צווישן זיי, דעקלאַמירנדיק פרידריך שיללערס לעצטע סטראָפע פון דער פּאָעמע „פריינדשאַפט": — „דערלויבט מיר די ביטע צו זיין צווישן אייך די דריטע".

דער וועג איז געוואָרן צו שמאָל. עס האָבן זיך געבילדעט פּאָרלעך. שמואל דוואָרסקי האָט אַזוי אויסקאָמבינירט ער זאָל גיין נעבן פעלאַ. די מיידלעך האָבן געוואָרנט:

— פעלאַ! אַט דאָרט גייט דיין טאַטע!

די וואָרנונג איז געקומען צו שפּעט. די יונגע האָבן אָפּגעטרעטן מיט גרויס דרך ארץ דעם וועג, וואַרטנדיק די אַלטע זאָלן פאַרבייגיין.

— ר' סענדער, דאַכט זיך אייער מיזינקע? — האָט דער רב אַ זאָג געטאָן.

— יאָ, רבי. — האָט ר' סענדער באַשטעטיקט.

— און ווער איז דער חתן בחור?

— דאָס איז פּייוול דוואָרסקיס זון, ער שטודירט אויף דאָקטער.

— אַזוי? אַזוי? — האָט דער רב געגלעט זיין ווייסע באָרד — אויף אַ דאָקטער? רופא חולים? האָט ער זיך געוווּנדערט — מהיכא תיתי.

ר' סענדער האָט געקאָנט אויסטייטשן דעם „מהיכא תיתי", אַז עס געפעלט אים וואָס פּייוולס זון שטודירט אויף דאָקטער אָדער עס גייט אים אין דער שידוך, כדי זיין טאָכטער זאָל נישט שפּאַצירן מיט בחורים.

אין דער אַלייע האָט זיך אויך באַוויזן דער שדכן שלום גרוניס. ער

איז דאָ נישט געקומען צו שעפּן פרישע לופט, און אוודאי נישט צו שפּאַצירן מיט תלמידי חכמים, ער האָט זיך געהאַט זיינס אין זינען: אַ ניוכע טאָן וואָס, ווער און וועמען. היינטיקע קינדער זענען נישט דאָס וואָס ס׳איז געווען. מען באַגייט זיך אָן אַ שדכן, מען פאַרליובעוועט זיך האָט ער געטראַכט, און די שדכנים־פּרנסה ווערט געשלאָגן. איז מילא, זאָל זיין דורך אַ ליובע, אַבי ער זאָל באַקומען זיין שדכנות־געלט. אויך ער האָט אָנגעשמעקט אַז פּיוול דוואָרסקיס זונדל שפּאַצירט מיט ר׳ סענדערס טעכטערל. איז עס דאָך מסתמא אַ זיווג מן השמים, דאַרף מען קיין צייט נישט פאַרלירן, און ער איז גלייך געלאָפן צו ר׳ סענדערס ווייב טעמע אין שענק אַריין.

— אַ גוטן אָוונט אייך טעמע׳לעבן, וואָס מאַכט מען גוטס?

— אוי! מען זאָל עס דערמאָנען משיחן! ערשט געקלערט פון אייך!

— הם, אַ שאלה עפּעס! שדכן שלום גרוניס ווייסט נישט ווען צו קומען? פאַרלאָזט זיך אויף מיר! איך האָב אַ נאָז וואָס דערניוכעט באַלד ווו אַ בתולה נייטיקט זיך אין אַ רעכטן זיווג!

— פון אייער מויל אין גאָטס אויערן. טאַטעניו געטרייער! יאָ, טאַקע, איר האָט עפּעס אַ לייטישן שידוך פאַר מיין פייגעלען? איר פאַרשטייט, אַ לייטיש מיידל, אַ טאַטנס אַ קינד. אַ מיידל מיט מאַטורע און קיין נדן מערטשעם וועט אויך נישט פעלן.

דער שדכן האָט געגעבן אַ קנאַק מיט צוויי פינגער:

— הערט איר, האָב איך דאָס פאַר אייך אַ שידוך! אַ צאַצקעלע, תורה, סחורה און געפּוצטע שטיוול!

טעמע האָט פאַר נחת פאַרשאַרט די פאַטשיילע הינטער די אויערן, ווען זי וואָלט זיך נישט געשעמט פאַר אַ פרעמדן מאַנצביל, וואָלט זי זיך צעוויינט אַ ביסל. אַ שטייגער וויפיל צרות האָט זי זיך שוין אָנגעליטן פון איר מיזיניקעלע? דער אויבערשטער מעג זי שוין אויפריכטן מיטן רעכטן זיווג! פלוצעם כאַפּט זי זיך אַז דער שמועס ווערט געפירט אויף איין פוס שטייענדיק, פאַרבעט זי אים זיצן:

— פאַר וואָס זיצט איר נישט ר׳ שלום גרוניס?

— אַ דאַנק, אַ דאַנק! — ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און פאַרלייגט פאַר זיך די הענט אויפן שטעקעלע.

— אפשר וועט איר עפּעס אויסטרינקען ר׳ שלום גרוניס?

— גאָרנישט, גאָרנישט. אַ דאַנק. הערט איר טעמע׳לעבן, אַזוי וואָר ווי איר זענט ר׳ סענדערס ווייב, אַזוי האָב איך פאַר אייער מיזינקע דעם וואָרן זיווג משמים.

טעמע האָט צוריק פרום אַראָפּגעשאָרט די פאַטשיילע איבער די האָר:

— אמן, גאָטעניו געטרייער! ווער זשע איז עס דער תכשיט?

— שאַט! כאַפּט נישט! עיקר המעשה שכחתי, ער איז אַ דאָקטער!

— גייט שוין, גייט! טאַקע אַ געענדיקטער דאָקטער?

— מאַ...ס׳פעלט אים נאָך אַ פּאָר יאָר צום ענדיקן.

— וואָס ציט איר מיר אַרויס די נשמה? זאָגט שוין אַ מאָל וועמען רעדט איר דאָס אונדז?

דער שדכן האָט אויפגעהויבן אַ פינגער און אויסגערופן ווי ער זאָל אים אויפרופן צו דער תורה:

— דער חתן הבחור איז שמואל ר׳ פּייוולס זון!

— דאָס אין גאַנצן? געמיינט ווער ווייסט וועמען איר רעדט דאָס אונדז.

— וואָס׳זשע האָט איר געמיינט? דער חתן וועט קומען צו פאָרן אין אַ קאַרעטע געשפּאַנט נאָשפּיץ אין זעקס פערד? אָדער מיטן פּאַיעזד?

— פּייוול דער אַנזעצער וועט זיין מיין סענדערס מחותן? און וויפל איז דאָס אין גאַנצן אַלט דאָס חתן־בחורל? שאַט, ער האָט דאָך נאָך אַן עלטערע שוועסטער.

— אָט אין דעם גייט עס טאַקע! פּייוול דאַרף האָבן נדן פאַר זיין טאָכטער, וועט ער אַ שידוך טאָן מיטן זון.

— דאָס הייסט, אַז מיט מיין געלט וועט ער חתונה מאַכן זיין טאָכטער?

— איז טעמען אַלץ ווייניקער איינגעגאַנגען דער שידוך.

— עט, טעמע׳לעבן, איר זאָלט מיר מוחל זיין, איר זענט פּאָרט נאָר אַ יידענע, אייער טאָכטער שפּילט אַ ליבע מיט אים, זיך פאַרליובעוועט.

— גייט שוין גייט! — האָט טעמע נישט געוואָלט גלויבן.

— אַזוי ווי איך בין אַ ייד, ר׳ סענדערס ווייב! איך שווער אייך ביי באָרד און פּיאות אַז איך אַליין האָב זיי הייַנט געזען אַרומשפּאַצירן אויף דער אַלייע!

טעמע דערמאָנט זיך טאַקע אַז זי טרייבט דאָס בחורל פון דער טיר. זי האָט אָפּגעזיפצט:

— גוט, איך וועל איבערשמועסן מיט מיין מאַן.

נאָכן שפּאַציר האָט ר׳ סענדער באַגלייט דעם רב דאַווענען מעריב. ווען ער האָט זיך אומגעקערט אַ היים, האָט אים טעמע דערציילט אַז דער שדכן שלום גרוניס איז געווען. זי האָט געקלערט אַז איר מאַן וועט זיך כעסן ווען ער וועט דערהערן אַז שלום גרוניס שלאָגט אים פאָר, פּיוול אַנזעצער פאַר אַ מחותן. אָבער ר׳ סענדער האָט פאַרקלערט געזאָגט:

— מילא, מסתמא אַ באַשערטע זאַך. אפילו דער רב האָט געזאָגט „מהיכא תיתי״. — ער האָט אָפּגעהאַקט, ער האָט נישט ליב קיין איבעריקע רייד, דברי חול זענען אים דערווידער. ער האָט זיך געוואַשן און געמאַכט מיט אַ זיפץ די מוצא. טעמע האָט געפילט אַז דער זיפץ באַציט זיך אויף צער גדול בנים...

שלום שדכן לאָזט נישט אַ שידוך פאַרציען אין דער לאַנגער באַנק. גלייך אויפן אָרט איז ער אַוועק צו פּיוול דוואָרסקי.

נאָך מיטאָג איז שטיל ביי ר׳ סענדערן אין שענק. אפילו די גוישע שכנים ווייסן שוין ווען דער פּאַן סענדער לייגט זיך צו, דאַרף מען נישט טומלען. ר׳ סענדער זאָגט אַז אַ חסיד דאַרף האַלטן גוף און נשמה ריין. ער טראָגט שטענדיק אַ ציכטיק ריינע בעקעשע און אויסגעפּוצטע גלאַנצנ־דיקע שטיוועלעטן. ער גייט מיט זיין שטעקעלע אין מיטן טראָטואַר און טרעט קיינעם נישט אָפּ דעם וועג. יידן צי גויים באַגריסן אים מיט דרך ארץ און אפילו גויים טרעטן אים אָפּ דעם וועג.

נאָך מיטאָג זיצט טעמע מיט די עלנבויגנס אויפן שענקטיש און דרימלט. פאַר איר זידט און זשומעט דער סאַמאָוואַר, גרייט צו פאַרפּאַרען אַ גלעזל טיי. אָבער בעלנים אויף אַ גלעזל טיי צו טרינקען קומען אַלץ זעלטענער. טעמע כאַפּט זיך אויף פונעם קלונג פונעם גלעקל ביים עפענען די טיר.

— אוי, אַ גאַסט, אַ גאַסט. ר׳ פּיוול דוואָרסקי, ברוך הבא אַ ייד!

— וואָס מאַכט איר עפּעס גוטס ר׳ סענדערס ווייב, דאָ פאַרבייגעגאַנגען, בין איך אָפּגעטרעטן, ווי זאָגט מען דאָס? ווער אַ יידישע שוועל אַריבערטרעט, דעם דאָס מזל פאַרבעט.

— אַ דאַנק און אַ ישר כוח אייך ר׳ פּיוול, מיט מזל זאָלט איר טאָקע לעבן!

— וואָס׳זשע הערט מען עפּעס גוטס ר׳ סענדערס ווייב? ווי גייטס אין געזונט און מכוח פּרנסה, ווי האַלט מען?

— נישט צו פאַרזינדיקן אין געזונט, בעזרת השם. און מכוח פּרנסה? איר זעט נישט? — ווייזט זי מיט דער האַנט אויף דער ליידיקער שענק — ס׳זאָלן עס פאַרמאָגן יידישע שונאים וואָס איך האָב דאָס היינט געלייזט.

— אָט אַזוי זענען אויס היינטיקע פּרנסות. — זיפצט אָפּ ר׳ ווייפל.

טעמע דערמאָנט זיך אַז זי רעדט מיט אַ מחותן, כאַפּט זי זיך צוריק:

— נאָר צוריקגעשמועסט, ווי פּלעגט דאָס זאָגן מיין באָבע ע״ה: „ס׳ווערט ביי דיר געבוירן אַ מיידל, פאַרגרייט אין קופּערט.״ מ׳האָט זיך בעזרת השם פאַרזאָרגט, ווי דען אַנדערש? מ׳פאַרגרייט זיך נישט?

— אָט דאָס איז עס! פאַרגרייט בייצייטנס אַ פאַנצער פאַרן דלות! — האָט ר׳ פּייוול אַ זאָג געטאָן און געקלערט אַז ער האָט שוין גענוג געפּלאַפּלט מיט אַן אשת איש, פרעגט ער זיך נאָך אויפן בעל הבית: — און ווו איז ערגעץ ר׳ סענדער וואָס מ׳זעט זיי נישט?

— מיין מאַן? ר׳ סענדער, זאָל ער זיין געזונט, האָט זיך צוגעלייגט אַ ביסל.

— אַזוי, זיך צוגעלייגט? ער שלאָפט אין מיטן העלן טאָג? — וווּנדערט זיך ר׳ פּייוול און אויף אים ברענט די הויט, מ׳דאַרף לויפן, טאָן, זוכן פּרנסה!

— מיין מאַן גייט זיך זיינע דרכים, ער איז עוסק ביינאַכט.

— עוסק ביינאַכט? וואָס איז ער אַ שומר ביינאַכט?

— יאָ, אַ שומר מצוות. ער ריכט אָפּ חצות, לערנט אַ בלאַט גמרא.

— עט! — מאַכט אַוועק פּייוול מיט דער האַנט: — בטלנישע שטיק!

טעמען האָט געאַרט דער זאָג. זי האָט זיך דערמאַנט איר פאָטערס ע״ה ווערטער: „עם־הארצים זענען דאָ צווייערליי, די ערשטע לערנען נישט, אָבער האָבן דרך ארץ פאַר אַ תלמיד חכם, די צווייטע לערנען נישט אַליין און זענען מבטל און גרינגשעצן דעם תלמיד חכם, אָט פאַר די צווייטע זאָל מען זיך היטן, אַ מענטש וואָס האָט נישט קיין דרך ארץ פאַר תלמידי חכמים, איז ערגער פון אַ רשע... און אָט אַזאַ איינער דאַרף עס ווערן ר׳ סענדערס מחותן?! —

# הויקערל און פוציעלע

אַקעגן טעמעס הויז שטייט די גרויסע שטיין־מויער פונעם גביר ר׳ יהושע ליפשיץ. אויפן שטאָק, אין די פּאַקאָיעס וווינט דער באַלעבאָס מיט זיין הויז־געזינד. זיי לאָזן נישט צו צו זיך דעם פּראָסטן עולם. ווי ווייל עס רייצט דער בייגיר צו זען זייערע פירעכצער, האָט אַ פּשוטער בשר ודם נישט קיין דריסת רגל צו זיי. די טיולענע פאַרהאַנגען איבער די לאַנגע פענצטער דערלאָזן נישט צו כאַפּן אַ קוק אין די אינעווייניקסטע זאַלן. אַלץ איז פאַרדעקט און פאַריגלט פאַרן געמיינעם פאָלק. דערפאַר איז די קעלער־וווינונג, צו וועלכער עס פירן אַראָפּ עטלעכע טרעפּ און דאָס פענצטער, האַרט ביים טראָטואַר, אָפן פאַר אַלעמענס אויגן. דאָ וווינט זיינוול דער דאַמסקי שניידער. מען זעט אים זיצן אַ גאַנצן טאָג איבערגעבויגן איבער דער ניימאַשין. יעדן אינדערפרי, איינגעהילט אין זיין שמאָלער קאַפּאָטע, מיטן שטעקעלע אין דער האַנט און דעם טלית־זעקעלע אונטערן אָרעם, לויפט ער אָפּדאַווענען אין דער שניידערישער שול; אָדער ער גייט צו אַ קונה מעסטן. דעמאָלט פאַרשאַרט ער די פּיאות אונטער די אויערן, איבערן אַרבל הענגט אים אַראָפּ דער בגד איינגעהילט אין אַ ווייסן ליילעך. ער האָט פינף טעכטער און אַ מיזינקל אַ קריפּל. מסתמא איז אים געוועז באַשערט נאָר טעכטער. ער האָט אָבער געבעטן ביים אויבערשטן אויף אַ קדישל, האָט ער. דערפאַר זענען די טעכטער געראָטענע, איינע שענער פון דער אַנדערער, אָבער די שענסטע איז זיין ווייב. זי טראָגט די אייגענע געלאָקטע האָר לויז פאַרקעמט מיט אַ קאָקס פון הינטן. די האָר רעמען אַרום איר שיין גלאַט פנים. פאַרנאַכט זיצט זי צוזאַמען מיט טעמען אויף דער באַנק פאַר דער שענק. זי האָט נישט ליב מען זאָל זי רופן אויפן מאַנס נאָמען — די זיינוולעכע, זי האָט בכלל נישט ליב מען זאָל איר דערמאָנען איר מאַנס פרנסה. זי איז די פּאַני פּעלצאָווא, אָדער פּשוט פרוי פּעלץ. ווי נידעריק און דאַר איינגעקוואַרט עס איז זיינוול, אַזוי הויך און גלייך איז זיין ווייב. אַזוי ווי

מען זעט אַלץ וואָס טוט זיך ביי זיי אינעווייניק, אַזוי זעען די שטוביקע אַלצדינג וואָס עס טוט זיך אין דרויסן.

— זעט עץ נאָר, זעט! — רופט אויס פרוי פעלץ צו אירע טעכטער — דער שדכן שלום גרוניס איז אַריינגעגאַנגען צו ר׳ סענדערן.

זייער ברודערל שפּילט זיך דעם גאַנצן טאָג אויף דער גאַס. כאָטש ער איז שוין אַלט אַ נייך, צען יאָר, זעט ער אויס ווי אַ פינפיאָריק קינד. ער הייסט יאָסעלע, אָבער קיינער רופט אים נישט יאָסעלע, נאָר דאָס הויקערל. מיט די טרעפּ אַראָפּ קומט צו לויפן ר׳ יהושעס איינִיקל, דבורהלע. אויך זי רופט נישט קיינער מיטן נאָמען, נאָר מוציעלע, פוציעלע, ליאַלקע און דאָס גלייכן. זי איז אַלט פיר יאָר און איז מיסתמא נאָר באַשאַפן געוואָרן אַז מען זאָל אויף איר בייטן יעדע פּאָר שעה דאָס קליידעלע. דער מינדסטער פלעק אָדער קנייטש — איז באַלד אַראָפּגעצויגן און איבערגעטאָן. צו וואָס דען האָלט מען דינסטן מיט וועשערקעס? איצט האָט מען זי אויסגעפּוצט אין אַ ווייסן אָרגאַנדין קליידל, וואָס פלאַטערט אַרום איר געזעסל ווי אַ פלאַטערל און מ׳האָט זי אַראָפּגעשיקט אונטן, זי זאָל וואַרטן ביז די דאַמען וועלן זיין פאַרטיק צום שפּאַציר.

דבורהלע דערזעט דאָס הויקערל און פּאַטשט פאַר פרייד מיט די הענט־לעך, זי האָט ליב יאָסעלען. ביי איר אין די אויגן איז יאָסעלע דער שענסטער און קליגסטער אויף דער וועלט. ער רופט זי נישט אויף די אַלע פאַרצויגענע נעמען נאָר דבורהלע און זי אים — יאָסעלע. ווען מען האָט דערזען צום ערשטן מאָל ווי דאָס הויקערל שפּילט זיך מיטן קינד, האָט מען אים אָוועק־געטריבן:

— אָוועק דו הויקערל פּוגעם פּוציעלע!

אָבער באַלד האָט מען דערזען אַז ער האָט אַ גרויסע השפּעה אויפן קינד, האָט מען אים צוגערופן:

— הויקערל, הויקערל! הויקערל! קום נאָר אַהער און זע ווי פּוציעלע וויל נישט טרינקען די מילך.

דבורהלע ווייסט אַז די גאַנצע וועלט דרייט זיך אַרום איר. די משפּחה ציטערט איבער איר און אַלע חלשן אָוועק זי זאָל אויסטרינקען אַ האַלב גלאָז מילך. טוט זי זיי אַפּ דוקא אויף צו להכעיס און טרינקט נישט.

יאָסעלע קומט צו. ער הייבט אויף אַ דאַרן פינגער פון די צו לאַנגע

העגט, לייגט צו צום שטערן פון דעם גרויסן קאָפּ צווישןביידע הויקערס, ער קוקט אויף איר מיט די טרויעריקע אויגן פון אַ מום און רעדט מיט אַ קוויטשיק קולכל:

— דבורהלע, דו ביסט שוין אַ גרויס מיידעלע און אַ גרויס מיידעלע דאַרף אַליין אויסטרינקען די מילך!

דבורהלע כאַפּט אַרויס די מילך פון זייערע הענט, האַלט צו דאָס גלאָז מיט ביידע הענטלעך און קוקנדיק אויף יאָסעלען, טרינקט זי אויס די גאַנצע מילך. אָדער ווען זי וויל נישט עסן, רופט מען יאָסעלען:

— הויקערל, הויקערל, קום נאָר אַהער, טאַנץ אַ ביסעלע, זע נאָר פּוציעלע, ווי שיין יאָסעלע טאַנצט — און דערווייל שטופּן זיי איר שנעל אַ לעפל מיט מאַנע־קאַשע אין מויל.

דאָס הויקערל האָפּסעלט אויף די דאַרע, באַרוועסע פיסלעך, דרייט זיך אין אַלע זייטן, כריפּעט אַרויס פון דער הויכער ברוסט מאָדנע טענער, ווי ער זאָל עס זיך ווען צווינגען צום טאַקט. עס לאַכט נישט נאָר דבורהלע, אויך די דערוואַקסענע לאַכן און ווישן אויס זיך טרערן פון געלעכטער.

איצט איז דבורהלע אַן אויסגעפּוצטע אין לאַקשכילעך און מיט אַ שטרויענעם היטעלע אויף די בלאָנדע לאָקן, געשטאַנען נעבן יאָסעלען, באַטראַכט די וווּנדער פון דער וועלט, אויף וועלכע נאָר איר פריינד יאָסעלע קען איר אַ באַשייד געבן:

— יאָסעלע, יאָסעלע, זע נאָר דאָס קעצעלע, אַ קעצעלע! — ווייזט זי מיטן פינגער אויף אַ קאַץ וואָס געגעצט פאַרשלאָפן און וואַשט זיך מיטן לאַפּקעלע איבערן מאַרדעלע מיט די אויערן צוזאַמען — יאָסעלע! זע נאָר וואָס פאַר אַ גרויסער הונט שלעפּט אַ וואָגן!

— דאָס איז נישט קיין הונט, דאָס איז אַן אייזעלע, אַן אייזעלע. אַזאַ קליין אייזעלע און שלעפּט אַזאַ גרויסן וואָגן! — חידושט זיך אויך יאָסעלע אַליין.

עס זענען אַראָפּגעקומען אויסגעפּוצטע אין עסיק און האָניק דבורהלעס מאַמע און מומעס.

— הויקערל גיי אַהיים, פּוציעלע גייט שפּאַצירן — האָט געזאָגט דבור־רהלעס מאַמע, בשעת זי האָט פאַרשפּיליעט די הענטשקעס.

יאָסעלע האָט זיך שטיל געלאָזט אַהיימגיין. אָבער דאָ האָט דבורהלע געזאָגט:

— יאָסעלע אויך גיין שפּאַצירן!

— פּוציליעס שיינס! הויקערל קען מיט אונדז נישט מיטגיין.

דבורהלע האָט געטופּעט מיט די פיסלעך, זי איז רויט געוואָרן פון אויפרעגונג און געשריען:

— יאָסעלע אויך גיין, יאָסעלע אויך גיין שפּאַצירן!

עס האָט נישט געהאָלפן דאָס איינרעדן זי, זי האָט זיך געוואָרפן אויף דער ערד, ספּאַזמירט:

— יאָסעלע אויך גיין!

עס איז געשטאַנען אין קאָן אַז דאָס גאַנצע אויספּוצעכץ זאָל גיין אין ניוועץ, און ווי שטענדיק, האָט אויך דאָס מאָל אויסגעפירט פּוציעלע. מען האָט זי אויפגעהויבן, אָפּגעפּראַשעט דאָס קליידעלע, אָפּגעווישט מיט פּערפומירטע טיכעלעך איר פּאַרוויינט פּנימל און צוגעזאָגט אַז מען נעמט אויך מיט יאָסעלען שפּאַצירן.

אָבער איצט האָט זיך איינגעעקשנט יאָסעלע, ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן הויקער צו די אויסגעפּוצטע יחסנטעס, אַריינגעשטעקט די הענט אין די צעריסענע הויזן־קעשענעס און געטענעט:

— יאָך וויל נישט גאָן! — און טוט אים עפּעס!

פּוציעלע איז געווען גרייט זיך ווידער וואַרפן אויף דער ערד אין ספּאַזמען.

דבורהלעס מאַמע האָט גערעדט צו יאָסעלען ווי צו אַ דערוואַקסענעם:

— הויקערל, גיי מיט פּוציעלען שפּאַצירן אַזוי לאַנג זי וויל מיט דיר גיין, ווייל שפּעטער וועט זי דאָך מיט דיר נישט וועלן גיין.

דאָס הויקערל האָט טרויעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, זיך אַ רגע פאַרטראַכט און דערנאָך געלאָזט זיך גיין נעבן דבורהלען. זי, מיט אַ צעשטראַלט, פריידיק פּנים האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט. זיי זענען געגאַנגען פאַרויס פאַר די אויסגעפּוצטע דאַמען. אַן אויסטערליש בילד האָט מען יענעם פאַרנאַכט געזען אויף דער אַלייע, אַ באַרוועס אָפּגעשליסן הויקערל פירט שפּאַצירן אַן אויסגעפּוצט ליאַלקלעע.

ר׳ סענדער, דער אָפּגעהיטער חסיד, האָט זיך געהאַלטן דערווייטערט

פון זיינוול שניידער און זיין הויזגעזינד. ווי שטייט עס אַן צו רעדן אַ תּלמיד חכם מיט אַן עם הארצישן שניידערל? ווען טעמע, זיין ווייב, איז געפאָרן מיטן מיזינקעלע קיין לעמבערג איינצוקויפן קליידער, (דאָרט האָט אויך געוווינט זייער עלטערע אויסגעגעבענע טאָכטער) — האָט ר׳ סענדער אַריינגערופן דאָס הויקערל ער זאָל מיט אים נעכטיקן, ווייל, ווי עס שטייט געשריבן, טאָר אַ ייד נישט שלאָפן אַליין. אין דער פרי, ר׳ סענדער איז שוין צוריקגעקומען פון דער מקוה, זיצט ער אויף טעמעס אָרט ביים סאַמאָוואַר און דאָס הויקערל שלאָפט נאָך אַלץ אין שכנותדיקן צימער. רעדט צו אים ר׳ סענדער ווייך, פּאַטערלעך דורך דער אָפענער טיר:

— יאָסעלע, עס איז שוין צייט אויפצושטיין, נעמען אַ הייליק וואָרט אין מויל, זאָגן „מודה אני".

יאָסעלעס פּנים איז פון אַנגסטן מיט שוויס באַגאָסן. ער האָט „געשוויצט" אַ ביסל ביינאַכט. דאָס געלעגער איז טאַקע פאַרנעצט, אָבער נישט פון שוויס.

— אַן אָרעמע, פאַרוואָגלטע נשמה, נעבעך, קומט אָפּ אויף דער וועלט. — קלערט ר׳ סענדער.

אַנדערש פירט זיך אויף טעמע מיט די שכנים. זי איז זיי מקרב. פאַר נאַכט זיצט זי פאַר דער שענק אויף דער באַנק צוזאַמען מיט דער פרוי פעלץ, זיינוול שניידערס ווייב. פרוי פעלץ האָט אויפגעקעמט די שיינע אייגענע האָר, אַרום די אַקסלען פאַרוואָרפן אַ לייכט שאַלעכל. מען רעדט פון אַלץ אין דער וועלט, נאָר נישט פון אייגענע צרות. צום מיינסטן אָבער, באַטראַכט מען די שפּאַצירנדיקע פּרויען וועלכע גייען אַרויף צו דער אַלייע. דינסטמיידלעך פירן קינדער־וועגעלעך, די מאַמעס גייען אין דער זייט אויסגעפּוצטע. די דאַמען טראָגן היטעלעך טיף איבער די אויגן אַראָפּגע־צויגן, ווייסע הענטשקעס, וועלכע ווערן געוואַשן נאָך אַ יעדעס מאָל אָנטאָן. קליידלעך ביז צו דער קני, מיט פּאַרלענגערטע טאַליעס, לויט דער לעצטער מאָדע. טעמע זיפצט אָפּ:

— זיי רייסן אויף די אויגן ביי די גויים, ווער האָט אַראָפּגעבראַכט די מאָדע מיט די קינדער־וועגעלעך? יידן! ווער ברענגט אַראָפּ די ערשטע נייע מאָדעקליידער? די יידן.

— זעט נאָר זעט! — רופט אויס פרוי פעלץ — ר׳ יהושע ליפּשיצעס

טאַכטער טראָגט אַ ניי קלייד, זי האָט עס נאָר וואָס געבראַכט פון לעמבערג.

טעמע רופט אַרויס איר טאָכטער:

— פייגעלע, פייגעלע, קום זע נאָר שנעל דעם נייעם מאָדעל.

פעלאַ קומט אַרויס און באַטראַכט מיט מבינישע אויגן דעם נייעם שניט: — אהאַ! מען טראָגט אַ טוניקע מיט אַ צען סענטימעטער קורצער פונעם קלייד, און דער שאַרף קען אויך זיין פאַרוואָרפן ווי אַ שאַליק אויפן האַלדז.

ר׳ סענדער חברט זיך אויך נישט מיטן גביר ר׳ יהושע ליפשיץ. כאָטש אַ ייד אַן עושר און איז בקי אין די דריבנע אותיות, פירט ער זיך נישט אויפן שטייגער פון ר׳ סענדער. אָפט פלעגט אים ר׳ סענדער פיר־האַלטן זיין פירעכץ:

— אַ ייד, אַ ייד דאַרף גיין אויפן דרך הישר.

— איי ר׳ סענדער, — האָט אים ר׳ יהושע געענטפערט: — גוי גמור מותר... ס׳איז נישט קיין עבירה אָפּצונאַרן אַן ערל.

ר׳ יהושע איז געווען גבאי ראשון אין קלויז. ער האָט זיך געלאָזט קאָסטן אַ מטמון מיט געלט פאַר דעם גבאי־כבוד. שמחת תורה, כדי אויפסניי אויסגעוויילט צו ווערן, האָט ער פאַרבעטן דעם גאַנצן עולם צו זיך אויף קידוש. אַלע צימערן זענען געווען באַלויכטן. די טירן זענען געשטאַנען צעעפנטע כדי אַריינצונעמען די געסט. דאָס האָט אים אָבער נישט געשטערט ווייטער אָנצוגיין מיט זיינע פאַרדרייטע און טונקעלע מסחרים. איין מאָל האָט ער שיעור נישט אַריינגעפירט ר׳ סענדערן מיט זיין הויזגעזינד אין אַן אומגליק. זיצט זיך אַזוי ר׳ יהושע אין שענק ביי ר׳ סענדערן און קוקט ווי די קליינע פעלאַ שרייבט דאָס אַריין אין די העפטן.

— אַזוי, אַזוי פייגעלע, ביסטו דאָך אַ גאַנצע פיסמענע געוואָרן. קענסטו דאָך דיך אוודאי שיין אונטערשרייבן? אַנו לאָמיר נאָר זען ווי דו שרייבסט דיך אונטער — און ער האָט איר דאָרט אונטערגערוקט עפּעס אַ פּאַפּירל.

שטאָלץ האָט פעלאַ מיט פּאַרציקטער שריפט זיך אונטערגעשריבן.

— איר זעט? מען קען עס קוים איבערלייענען, — האָט זי געזאָגט.

— מ׳עט עס שוין איבערלייענען, מע וועט שוין! — האָט ר׳ יהושע געזאָגט און באַהאַלטן דאָס צעטל אין קעשענע.

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער באַקומט ר׳ סענדער אַן אָנזאָג צו באַצאָלן אַ וועקסל וואָס זי, זיין טאָכטער פעלאָ שמוקלער האָט אונטערגעשריבן. האָט זיך געטאָן חושך.

— ר׳ יהושע, איר האָט דאָך מיך געקוילעט אָן אַ מעסער! — שרייט ר׳ סענדער. — אין אייערע טריפהנע געשעפטן זאָלט איר מיך נישט אַריינמישן!

— טע, טע, זע נאָר דעם גוואַלד! איך האַלט נאָך נישט ביים אָנזעצן, כ׳על אויסצאָלן דאָס וועקסל, כ׳על באַצאָלן!

טאַקע, קלערט זיך טעמע, ער האַלט נאָך נישט ביים אָנזעצן, אָנזעצן וועט ער ערשט אַז ער וועט חתונה מאַכן אַ טאָכטער. נאָר זי ווישט זיך אָפּ דאָס מויל, גלייכער צו שווייגן און זיך נישט אַריינמישן צווישן מאַנצבילן.

— ר׳ סענדער, ערלעך איז שווערלעך. אויפן גלייכן וועג ווערט מען נישט קיין עושר.

— אויפן גלייכן וועג שטרויכלט מען נישט, ר׳ יהושע. קיינער איז נאָך אויפן דרך הישר נישט געפאַלן.

דאָס וועקסל האָט יהושע ליפשיץ אויסגעצאָלט, אָבער ברוגז זענען זיך די שכנים געוואָרן.

און פּלוצעם האָט מען ר׳ יהושע ליפשיצעס עלטסטן אײדעם איינ־געזעצט. זיצט ער. קיין מענטשן האָט ער חס ושלום זיכער נישט געהרגעט און אַקעגן דעם רבונו של עולם האָט ער זיך אַוודאי נישט פאַרזינדיקט. אין דער משפּחה ליפשיץ זענען אַלע פרומע אָפּגעהיטע לייט, וואָס׳זשע דען, מע׳האַנדלט און מע׳וואַנדלט און מע׳דרייט מיט אַ וועלט, ביז מע׳פאַר־דרייט זיך אַליין. קיין סכנות נפשות האָט אים חלילה נישט געדראָט, דער שווער זיינער זאָל לעבן וועט שוין וויסן ווו און וועמען צו שמירן, דערווייל אָבער זיצט ער.

עס האָט זיך אונטערגערוקט דער שיינער, ליכטיקער יום טוב שבועות. פעלאָ גייט פאַרביי די הויכע פינצטערע מויער פון תפיסה. פון די אויבערשטע פאַרקראַטעוועטע פענצטער הערט זיך אַרויס אַ ווונדערלעך געזאַנג: דאָס זינגט ר׳ יהושע ליפשיצעס איידעם:

„אקדמות, איידער איך הייב אָן... מילין, צו רעדן, וויל איך באַשרייבן

דיין פּרעכטיקייט, און ווען אַלע טייכן וואָלטן געווען טינט און אַלע ביימער פּענעס, וואָלט איך נישט געקאָנט באַשרייבן דיין שיינקייט..."

ווער מיר תּפיסה און ברודיקע געשעפּטן מיט פינצטערן גלות? ער איז נישט פאַרשפּאַרט אין אַ צעל. עס זיצט אַ ייד אין זיין היימלאַנד ארץ ישראל הקודש. אַקערט און פאַרזייט זיין ערד. ער נעמט אַראָפּ די ערשטע פּרוכטן פונעם פעלד און ברענגט זיי אין בית המקדש. ער קען געניסן די געזעצן און געבאָטן פון ארץ ישראל און איז זיי חלילה נישט מקצר אויף אַ קוצו של יוד און ער וואַרט יעדע שעה און יעדע רגע אויף משיחן וואָס דאַרף אים צוריק ברענגען אין זיין לאַנד...

ווען מען האָט באַפרייט ר' יהושעס אײדעם, האָבן אים עטלעכע יידן באַגלייט אַהיים. פון דער מויער זענען אַרויס די בני בית אים מקבל פּנים זיין. די ערשטע איז אַרויס און אים אַקעגן געגאַנגען זיין שיין ווייב מיטן צעשטראַלטן ליכטיקן פּנים. ר' סענדער האָט פאַרבויגן זיין כּבוד, פאַר־געסן דעם פאַריבל וואָס ער האָט אויף ר' יהושע ליפשיץ, ער איז אויך אַקעגן געגאַנגען דעם אסיר. ער האָט אויפגעהויבן זיינע הענט איבערן אויסגעבלייכטן פונעם זיצן אין תּפיסה, יונגנמאַן מיטן שוואַרצן בערדל און געמאַכט די ברכה: "מתּיר אסירים"... געלויבט און געהייליקט איז זיין נאָמען פאַרן באַפרייען אַרעסטירטע.

## פעלאַ ווערט אַ כּלה

אין שטאָט האָט שוין יעדער געוווּסט די נייעס אַז פעלאַ שמוקלער ווערט אַ כּלה פאַר שמואל דוואָרסקי, חוץ פעלאַ גופא. שמואל האָט עס איר געוואָלט אַליין זאָגן: ער האָט זיך איר געוואָלט דערקלערן אין ליבע אויפן מאָדערנעם שטייגער. עפּעס האָט זיך פעלאַ יאָ אָנגעשטויסן: קומט דאָך דער דאָזיקער שמואלעק צו אָפט אַריין און די מאַמע נעמט אים פריינדלעך אויף, נישט ווי פריִער ווען פלעגט אים טרייבן פון דער שוועל. פעלאַ האָט אויף אים קיין אַכט נישט געלייגט, קומט דאָך אַריין אויך בן ציון. זי לערנט

ביי אים עברית. בכלל האָט איר נישט אינטערעסירט קיין שום זאַך אַחוץ דעם ד״ר שוואַרץ. מע׳דאַרף דאָך נאָר איבערקומען דעם טאָג, כדי צו קענען אויפדערנאַכט גיין צו אים. אירע געדאַנקען האָבן זיך געדרייט נאָר אַרום אים. אַ ווילדע ליידנשאַפט האָט זי געצויגן צו אים. ער איז איר שטענדיק געשטאַנען פאַר די אויגן און פאַרשטעלט מיט זיך די גאַנצע וועלט.

בן ציון האָט איר געבראַכט צו לייענען יידישע ביכער פון י. ל. פרצן, פון שלום עליכמען און פון זלמן שניאור. זי האָט זיי אים צוריקגעגעבן נישט געלייענטערהייט:

— איך זע נישט קיין שום שיינקייט אין די דאָזיקע ביכער. זיי באַשרייבן די יידן מיט זייער התנהגות, וואָס איז מיר פריקרע. איך זע זיי גענוג אַרום מיר, איך מוז זיי נישט זוכן אין די ביכער. שלום עליכם מאַכט פון זיך אַליין חוזק. איך האָב ליב די פוילישע ראָמאַנען, ווו עס רעדט זיך פון אומגליקלעכע ליבעס און בענקשאַפט.

בן ציון האָט צערטלעך געגלעט די צוריקגעגעבענע ביכער:

— ס׳וועט אַ מאָל קומען אַ צייט פריילין פעלאַ וועט איר פאַרשטיין וויפל שיינקייט עס ליגן אין אָט די ביכער!

פעלאַ איז געווען אַ שלעכטע שילערין. די העברעישע גראַמאַטיק איז איר נישט געקראָכן אין קאָפּ. זי איז געזעסן ביי די לעקציעס פויל, געגענעצט. זי האָט געטראָגן אַ קלייד פון דער לעצטער „זאַק״־מאָדע. דאָס קלייד איז טאַקע געווען געשניטן ווי אַ זאַק, פון איין גלאַט שטיק ביז צו דער קני מיט אַ טיפן קייעלכדיקן דעקאָלט אַרומגערעמט מיט שוואַרצן סאַמעט. זי האָט פאַרוואָרפן אַ פוס אויף אַ פוס, פאַרטראַכטערהייט אַרייַנגעשטופּט אַ האַנט אין טיפן דעקאָלט און זיך געשפּילט מיט אַ בריסטל. זי האָט אויפגעכאַפּט בן ציונס אַ זייטיקן בליק. זי האָט אַ פאַרשעמטע אַרויסגעכאַפּט די האַנט. נאָך דער לעקציע האָט ער זיך אויפגעהויבן און געזאָגט:

— פריילין פעלאַ, איך קום מער נישט צו די לעקציעס. איך פאָר אַוועק אויף הכשרה.

— אָה, אַ שאָד, איצט, אַז איך בין געזונט, וואָלט איך געוואָלט פאַרזעצן דאָס לערנען.

— און איך קלער אַז איר וועט זיין פאַרנומען.

— מיט וואָס וועל איך דאָס זיין אַזוי פאַרנומען? — האָט זיך געוווּנדערט פעלאַ.

— איר ווערט דאָך אַ כּלה פאַר שמואל דוואָרסקי?

פעלע האָט זיך צעלאַכט:

— עט! די קליינשטעטלדיקע רכילות־טרייבער! טאָמער זעט מען מיך אַ מאָל שפּאַצירן מיט שמואליקן, ווער איך שוין זיין כּלה? ניין, דערווייל פאַרלאַנג איך מיך נאָך מיט קיינעם נישט. — זי האָט אַנגענומען מיט בײדע הענט זיין אויסגעשטרעקטע האַנט און אים אָנגעבאָטן די באַק צום קושן. ער איז רויט געוואָרן, אַ שנעלן קוש איר געגעבן צום געזעגענען זיך און שנעל אַרויסגעלאָפן. פעלאַ האָט אים באַגלייט ביז צו דער טיר פון שענק. טעמע איז ווי שטענדיק געזעסן ביים שענקטיש.

— וואָס איז ער עפּעס אַזוי אַנטלאָפן?

פעלאַ האָט געצויגן מיט די אַקסלען:

— ווייס איך וואָס? ער האָט אויפגעגעבן די לעקציע. ער פאָרט אַוועק אויף הכשרה.

כאָטש טעמע איז געווען צופרידן וואָס דער אָרעמער בחור רייסט איבער מיט איר טאָכטער, דאָך האָט זי געזאָגט:

— נו, כאָנציע פאַרלירט נאָך אַ שטיצער. זיי גייען דאָרט אויס פאַר הונגער. דער טאַטע זייערער ר׳ ברוך, לעשט זיך ממש אויס. איי טאָכטער, — האָט זי אָפּגעזיפצט: — דו ווייסט גאָרנישט וואָס פאַר אַ נויט ס׳איז אין שטאָט, גיב אַכטונג אַ מינוט אין שענק. איך לויף נאָר אַ קוק טאָן צו זיי. — זי האָט אַריינגעוואָרפן אַ פאָר אַלטע זעמל אין קיישל, פאַרוואָרפן די שאַל אויף די פּלייצעס און אַרויסגעלאָפן.

פאַר נאַכט איז געקומען שמואל דוואָרסקי. ער האָט געצויגן דעם הוט פאַר טעמען, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אינטעליגענטן מענטשן און געזאָגט:

— קוש די האַנט, פראַשען פּאַני, צי איז פריילין פעלאַ אין דער היים?

— יאַ, שמואליקל! — האָט זי אים פאַרצויגן: — אָט דאָרט אין איר צימער זיצט זי.

פריִער פלעגט זי אים און אַלע אַנדערע יינגלעך פאַרטרייבן, אָבער היינט איז עפּעס אַנדערש, ער איז דאָך שוין כּמעט איר טאָכטערס חתן. זי האָט פאַר זיך אָפּגעזיפצט; פּיווול דוואָרסקי האָט עס פאַרשטאַנען אויס־

צודרייען, אַז ר׳ סענדער האָט שוין אָפּגעסיליקט דריי הונדערט דאָלאַר אַן אַדערויף אויפן נדן.

דעם אמת געזאָגט האָט שמואל דוואָרסקי נאָך נישט געוואָלט אַ חתן ווערן. וואָס איז דאָס אײַלעניש? ער וויל צוערשט ענדיקן די סטודיעס. דער פֿאָטער האָט אין אים אַרײַנגערעדט אַז ערשטנס קען ער אים נישט אויסהאַלטן און באַצאָלן די הוצאות אין אויסלאַנד פֿאַרן שטודירן און צווייטנס טרעפֿט זיך אים אַ שידוך פֿאַר דער שוועסטער און ער דאַרף האָבן געלט. אָבער שמואל האָט זיך אײַנגעשפּאַרט: ניין! ער וועט זיך נישט גיין אָפּפֿערן צוליב דער שוועסטער און פֿאַרקויפֿן פֿאַר געלט, ער ווערט נישט קיין חתן און שוין!

דער פֿאָטער איז בייז געוואָרן:

— וואָס מיינסטו עפּעס? אַלע טאָג טרעפֿט זיך אַזאַ שידוך? מען האָט מיר פֿאַרגעשלאָגן ר׳ סענדערן פֿאַר אַ מחותן. טאַקע נישט קיין אַנדערן, נאָר ר׳ סענדערן. אַ סך בתולות זענען דאָ אין שטאָט, ווי ר׳ סענדערס מיזינקע?

ווען שמואל האָט דערהערט אַז מען רעדט אים פֿעלאַ שמוקלער, איז ער אײַנגעגאַנגען אויפֿן שידוך, מיטן תנאי אַז ער אַליין וועט עס איר זאָגן, ער וויל זיך איר דערקלערן אין ליבע.

זיי זענען געזעסן אויפֿן באַלקאָן. דער שמועס צווישן זיי האָט זיך נישט געקלעפּט. פֿעלאַ האָט געקוקט פֿאַרטראַכט אויף דער זון איבער די בערג, פֿון יענער זייט דניעסטער, אויף דער רומענישער זייט. די זון ווייסט אַ פּנים נישט אַז זי האָט איבערגעשריטן די גרענעץ אָן אַ פּאַס און וויזע. זי שימערט דאָרט צווישן די צוויגן און זינקט לאַנגזאַם אַראָפּ אַ פֿאַר־בענקטע נאָכן פֿאַרגאַנגענעם טאָג. שמואל האָט אָנגענומען פֿעלאַן ביי דער האַנט און אָנגעוויזן אויפֿן פֿאַררויטלטן האָריזאָנט:

— פֿעלאַ, זע ווי די זון קושט די בערג, איידער זי פֿאַרגייט.

פֿעלאַ שמייכלט טרויעריק און ציט צוריק איר האַנט.

ער האָט זי באַטראַכט פֿון דער זייט. איר פּנים איז דורכזיכטיק ווי ווייס פּאַפּיר. אונטער די אויגן — טונקעלע רעדער. אין דער לעצטער צייט איז זי נאָך צאַרטער און שענער געוואָרן. קען זיין צוליב דער קראַנקהייט. דורך די שמאָלע נאָזלעכער וויברירט איר קול פֿאַרשמאַכט.

מיט בענקשאַפט. זי האַלט זיך ערשט אין אַנטוויקלען, האָט ער געקלערט, קיין ספק נישט, אַז זי וועט עלטער און רייפער ווערן, וועט זי זיין אַ שייג־הייט מיט וועלכער ער וועט קענען שטאָלצירן. שוין די העכטסע צייט זיך איר דערקלערן אין ליבע, איר אויסזאָגן אַז זיי זענען כמעט שוין ווי פאַר־קנסט, אָבער גיי זאָג עס איר אַז זי זיצט אַזוי פאַרקלערט, אַזוי דערוויי־טערט פון אים. אפשר וועט אים זיין לייכטער עס איר זאָגן אויפן שפּאַציר:

— פעלוסיאַ, אפשר וואָלטן מיר זיך אַ ביסל דורכגעגאַנגען אויף דער אַלייע?

— יאָ, — האָט זי איינגעוויליקט און זיך אויפגעהויבן. דעם טאָג, האָט זי געקלערט, דאַרף מען דאָך נאָר איבערקומען, כדי אויפדערנאַכט צו זען דעם דר. שוואַרץ.

— פרוי שמוקלער, — האָט שמואל געזאָגט אין שענק צו טעמען: — איר דערלויבט מיר צו נעמען אייער טאָכטער אויף שפּאַציר?

— יאָ, גייט געזונטערהייט קינדערלעך! פעלוסיאַ, ווי אַזוי גייסטו אָן אַ מאַנטל? וועסט זיך דאָך צוקילן און פאַר וואָס גייסטו מיט צעפּאַטלטע האָר? פאַר וואָס טוסטו דיר נישט אָן דאָס היטעלע און די הענטשקעס?

פעלאַן האָט געוווּנדערט די איבערגעטריבענע צוגעלאָזנקייט פון דער מאַמען, געוויינלעך איז זי געזעסן אָן אָנגעכמורעטע ווען זי פלעגט אַרויס־גיין מיט יינגלעך. אַ גליקלעכגילטיקע האָט זי געפאָלגט, אָנגעטאָן אַ לייכטן זומער־מאַנטל, אַרויפגעזעצט אַ ווייסן בערעט אויפן קאָפּ און גענומען איר האַנט־בייטעלע און די הענטשקעס.

זיי זענען געגאַנגען אין דער פאַרנאַכטיקער אַלייע, קיינער איז צו זיי נישט צוגעקומען. ס'הייסט, נישט געוואָלט שטערן חתן־כלה. אויך דאָס וואָלט געווען אויפגעפּאַלן פעלאַן ווען זי וואָלט נישט געווען צופיל פאַר־נומען מיט זיך. שמואל האַלט דאָס שטעקעלע אונטערן אָרעם און גלעט די לעדערנע הענטשקעס אויף די הענט. אַזאַ מאָדע, מיידלעך טראָגן פאַר־ביקע שירעמלעך און יינגלעך שטעקעלעך אין די הענט. זיי גייען שווייגנ־דיק. דוואָרסקי הייבט אָן דעם שמועס:

— עפּעס איז היינט מיין פעלוסיאַ זייער אומעטיק, האָסט דיך גע־ענדערט זייט דיין קראַנקהייט.

— איך? ניין. מיר דאַכט זיך אַז געענדערט האָט זיך די סביבה, צי

איז דאָס גראָז נישט גרינער און דיביימער שאָטנדיקער און געדיכטער געוואָרן?

שמואל קוקט זיך אַרום:

— געענדערט? נייך, ס'איז דאָס זעלבע נודנע שטעטל ווי געווען.

אויפן וועג איז געשטאַנען אַ קאַלוזשע וואַסער. פעלאַ איז לייכט איבער איר אַריבערגעשפּרונגען.

— אַז דו וועסט ווערן מיין פרוי, וועל איך דיך אַריבערטראָגן איבער אַ יעדער בלאָטע.

ער פּרוווט זי אַרומנעמען ביי דער טאַליע. זי דרייט זיך פון אים אַרויס. זי קלערט: אָט דאָס בחורל וואָלט זי געקאָנט אויפהייבן? ביי יענעם, ביים דר. שוואַרץ אין די אָרעמס וואָלט זי געווען לייכט ווי אַ פייגעלע... אַ שטאַרקע בענקשאַפט האָט זי אַרומגענומען נאָך דר. שוואַרץ. שמואל דרייט דאָס שטעקעלע אין אַ קרייז, ווי שווער איז דאָס דערקלערן זיך איר!

— צי קלערסטו נישט פעלאַ, אַז מיר וואָלטן געווען אַ פּאַסיק פּאָרל?

— וואָס הייסט ביי דיר „אַ פּאַסיק פּאָרל?"

שמואל דוואָרסקי, וועלכער זעט זיך שוין ווי אַ פּאַרטיקער דאָקטער און רעכנט זיך צו דער פּראָפעסיאָנעלער געזעלשאַפט, האָט אָנגענומען אַ פּולע ברוסט מיט לופט, זיך אויסגעשטרעקט, אָפּגעהוסט און געזאָגט:

— ערשטנס דאַרף זי מיך מאַטעריעל פאַרזאָרגן, אויסהאַלטן מיין לערנען און דערנאָך מיר איינאָרדנען אַ קאָנסולטאָריע. צווייטנס דאַרף זי האָבן בילדונג כדי צו אַנטשפּרעכן דער געזעלשאַפט צו וועלכער איך געהער.

— און ליבע?

דוואָרסקי האָט ווייטער געדרייט מיטן שטעקעלע און פילאָזאָפיש געענטפערט:

— צי קענסטו מיין ליבלינג מיר דערקלערן וואָס ליבע איז?

פעלאַ האָט זיך געביסן די ברענענדיקע ליפּן: גיי דערקלער אַ בלינדן וואָס איז ליכט. זי האָט נערוועז אַ לאַך געטאָן:

— לויט איך פאַרשטיי קומט ליבע גאָרנישט אין באַטראַכט ביי אייך אינטעליגענץ. ליבע הייסט עס, קומט ערשט צום סוף, דער דריטער פּונקט.

— אַזוי איז עס, מיין טייערע. כאָטש ביי מיר איז עס אויפן ערשטן אָרט, איך ליב דיך פעלאַ!

ער האָט זי ווידער אַרומגענומען ביי דער טאַליע. איצט האָט זי אים דייטלעך אָפגעשטויסן און זיך פון אים דערווייטערט מיט עטלעכע שריט.

— פאַרוואָס שטויסטו מיך אָפּ, פעלאַ? מיר זענען דאָך שוין כמעט חתן־כלה.

— חתן־כלה? — האָט זי אים שפּאָטיש איבערגעפּרעגט — און מיין צושטימונג קומט גאָרנישט אין באַטראַכט?

דוואָרסקי האָט פאַרלוירן די געדולד:

— עט, לאָז דיך אָפּ מיט די אַלע זאַכן! דו ווייסט דען נישט? דיין טאַטע איז געווען ביי אונדז און מען האָט אָפּגעשמועסט תנאים.

פעלאַ איז געבליבן פאַר אים שטיין מיט אַן אָפן מויל פון איבער־ראַשונג:

— מיין טאַטע איז געווען ביי אייך און מיך האָט ער גאָרנישט גע־פרעגט?

— זיי נישט קיין קינד! דיין טאַטע האָט פאַרגעלייגט דעם שידוך און איך בין מסכים. וועלכעס מיידל אין שטאָט וואָלט זיך אָפּגעזאָגט צו ווערן די פּאַני דאָקטאָראָוואַ דוואָרסקאָוואַ?

זי האָט אים געלאָזט שטיין און גענומען לויפן אויף צוריק אַ היים.

— וווהין לויפסטו?

— איך לויף פרעגן דעם טאַטן צי ס׳איז אמת.

— לויף נישט אַזוי שנעל! מענטשן קוקן אויף אונדז פאַרחידושט.

— דו דאַרפסט מיך נישט באַגלייטן!

זי האָט דעם פאָטער נישט געטראָפן אין דער היים. ער איז געווען אין בית מדרש צו מנחה־מעריב־דאַווענען. די מוטער האָט אָנגעצונדן די לאָמפּן. דאָס איז געווען אַ גאַנצע קונץ מיט וואָס טעמע האָט זיך נישט געקאָנט פאַרלאָזן אויף קיינעם. טרעפט זיך אַ מאָל אַז זי איז פאַרנומען און פעלאַ דאַרף אָנצינדן דעם לאָמפּ, פאַרשניידט זי תמיד דעם קנויט מיט אַ שפּיץ און דאָס קאָפּטשיקל זיצט קרום, דער פלאַם גייט אויף איין זייט און פאַררייכערט דאָס גלעזל. טעמע שניידט אַרום דעם קנויט קיילעכדיק,

צעשפרייט אים, זעצט אַרויף דאָס קאַפּטשיקל, צוערשט צעגייט זיך דער פלאַם אַ בלוילעכער און דערנאָך מיט אַ העלער שיין.

— מאַמע, איז עס אמת אַז איר ווילט מיך חתונה מאַכן מיט שמואל דוואָרסקי? — האָט פעלאַ געפרעגט אויפגערעגט. זי איז פאַר איר גע־שטאַנען אין הוט און מאַנטל.

די מאַמע האָט נישט אַוועקגענומען די אויגן פונעם לאָמפּ, זי האָט געדרייט מיטן רעדל אַהער און אַהין, די שיין זאָל נישט זיין צו נידעריק און נישט צו הויך.

— מילא, מ'האָט ערשט ראַשטשינעט, צו מאַכן די מוצא איז נאָך ווייט.

— איך פאַרשטיי נישט. זאָג, וואָס קומט דאָ פאָר?

— דו גייסט דאָך מיט אים אַרום, העלפט מען אייך קומען צו אַ תכלית.

— און זיך באַראָטן מיט מיר דאַרף מען נישט? מיר אַפילו נישט געבן צו וויסן?

טעמע האָט אויפגעהערט צו דרייען מיטן קנויט, זאָל ער שוין דאָרט ברענען ווי ער וויל:

— מיר מיינען דאָך נאָר דיין גוטס. אויך דר. שוואַרץ איז ביי דער מיינונג אַז דו דאַרפסט חתונה האָבן.

— ד"ר. שוואַרץ האָט אייך געראָטן מיר חתונה מאַכן?

— נו יאָ, וואָס איז דאָ זיך צו וואונדערן? אויף אַלע מיינע ליבע גע־זאָגט געוואָרן, זיי זאָלן ווערן כלות ביי אַכצן יאָר.

פעלאַ האָט זיך געגעבן אַ ריס צו דער טיר.

— וווהין לויפסטו קינד?

— צום דאָקטער.

— גיי דיר געזונטערהייט.

טעמע האָט אָפּגעזיפצט, עפּעס לויפט איר מיזינקעלע שוין צופיל צו דעם דאָזיקן דאָקטער.

פעלאַ איז געשטאַנען פאַרן דאָקטער מיט די הענט אין די קעשענעס פונעם מאַנטל, די אויגן אַראָפּגעלאָזט און פאַרלעגן געשוויגן.

— שטייט נישט אַזוי באַנומען פריילין פעלאַ, טוט אייך אויס דעם מאַנטל! אָט אַזוי! — העלפט ער איר אַראָפּציִען דעם מאַנטל. — זעצט אייך פעלאַ אָט אַ דאָ נעבן מיר אויף די קאַנאַפּע. — ציט ער זי צו צו

זיך, — אַצינד דערציילט מיר, צו וועמען זענט איר געקומען, צום דאָקטער אָדער צום פריינד.

— צו ביידע. איך וויל אייך עפּעס פרעגן.

זיין האַנט האָט גערוט אויף דעם קאַנאַפּע־אָנלען איבער אירע אַקסלען און מיט דער צווייטער האָט ער געהאַלטן איר האַנט.

— וועמען ווילט איר פרעגן, דעם דאָקטער, אָדער דעם פריינד?

— ביידע, — האָט באַהעלט אַ מאַטער שמייכל איר באַטריבט פּנים.

— פרעגט. — זיין האַנט האָט זיך אַראָפּגערוקט פון דעם אָנלען און זי אַרומגענומען.

— איר האָט געראָטן מיינע עלטערן מיך חתונה צו מאַכן?

ער האָט נישט באַלד געענטפערט, דערנאָך געדרייט מיט דער האַנט:

— בערך אַזוי, האָט באַשטעטיקט דער דאָקטער.

— און וואָס זאָגט דער פריינד?

זיין אָרעם, וואָס איז געלעגן אַרום אירע אַקסלען האָט זי צוגעצויגן צו זיך, ער האָט זיך איינגעגעסן אין אירע ליפּן. איר שמאָלער קערפּער איז געלעגן ווי אַ שוואַך פייגעלע אין זיינע אָרעמס. עס האָט איר אויס־געפּעלט אָטעם.

— לאָזט מיך אָפּ.

— באַפריי זיך אַליין!

זי האָט אים מיט איר גאַנצן כוח אָפּגעשטופּט פון זיך, אָבער נישט געקאָנט.

— איר זענט אַזוי שטאַרק! — האָט זי געפּליסטערט און אַ האַלב־פאַרחלשטע געלייגט איר קאָפּ אויף זיין ברוסט.

— מיר וועלן זיך טרעפן, פּעלוסיאַ, — האָט ער אַריינגערעדט איר אין אויער, צודריקנדיק זי צו זיך — אָבער נישט דאָ. איך וועל דיר צו וויסן געבן וווּ.

אַ באַרוישטע, ווי אַ שיכורע, איז זי אַ היים געגאַנגען.

נאָך פּעלאָס אַוועקגיין, איז דר. שוואַרץ אַריינגעגאַנגען צו זיין פרוי. זי איז געזעסן פאַרן שפּיגל און זיך געפּודערט. נישט אונטערברעכנדיק איר אַרבעט, האָט זי אים אָקעגנגעשטרעקט איר באַק צו אַ קוש. ער האָט

איר אַ לייכטן קוש געטאָן און גלייכגילטיק געפרעגט איבער איר קאָפּ אין שפּיגל:

— וואוהין פּוצסטו זיך?

— אין קאַסינאָ. ס'איז דאָרט היינט אַ פאַרוויילונג. איך וועל שפּעט אַהיימקומען.

ער האָט געגעבן אַ צי מיט די אַקסלען און געוואָלט אַרויסגיין. זי האָט זיך געגעבן אַ דריי אויפן בענקל:

— זאָלסט כאָטש אַרויסווייזן דעם מינדסטן סימן פון אייפערזוכט.

— מיין טייערע, מען געוויינט זיך צו אַלעמען צו.

— אַנטשולדיק וואָס מיר וועלן היינט נישט עסן צוזאַמען אָוונטברויט.

— ס'איז נישט דאָס ערשטע מאָל.

— דו האָסט מיך צופיל פאַרלאָזט. איך פלעג אויף דיר וואַרטן שעהנ־לאַנג מיטן אָוונטברויט.

— איך האָב עס געטאָן צוליב מיין פּראַפעסיע. אַ גוטע נאַכט! — ער האָט געוואָלט אַרויסגיין.

זי האָט אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט:

— סאַלאָ, געדענקסט ווי איך פלעג דיך באַגלייטן אין די דערפער, וואַרטן אויף דיר ביז דו האָסט זיך באַפרייט פון די קראַנקע?

— יאָ, ביז עס איז דיר נימאס געוואָרן און האָסט דיר אויסגעזוכט אַנדערע פאַרגעניגנס. אַנטשולדיק, איך בין מיד נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט.

זי האָט אים אָבער נישט אָפּגעלאָזט:

סאַלאָ, באַגלייט מיך היינט אין קאַסינאָ. נאָך איז נישט צו שפּעט, זאָל זיין אַזוי ווי עס איז געווען.

— ניין, מיין טייערע, איך בין מיד און מוז מיך גיין אָפּרוען! — ער האָט שנעל פאַרלאָזט איר צימער.

דעם אַנדערן טאָג פאַרנאַכט, זענען פעלאַ און שמואל דוואָרסקי געזעסן אויפן באַלקאָן פון איר צימער. די זון פון יענער זייט דניעסטער האָט זיך געגרייט צו פאַרגיין. די נאַטור איז געווען פול מיט דערוואַרטונג. קיין בלעטל אויפן בוים האָט זיך נישט גערירט, אַלץ האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם אין דערוואַרטונג אויף דער נאַכט. און אפשר דאַכט זיך נאָר אַזוי

אויס פעלאַן, ווייל זי אַליין איז פול מיט דערוואַרטונג. נאָך האָט איר דר. שוואַרץ גאָרנישט צו וויסן געטאָן. שמואל דערציילט אַ לאַנגע נודנע געשיכטע אין וועלכער ער איז דער הויפּט־העלד. זי לאָזט אים רעדן און הערט זיך נישט צו. זי לעבט נאָך אַ מאָל איבער דעם נעכטיקן אויפֿ־דערנאַכט מיט דר. שוואַרץ, זיין יעדעס וואָרט, זיין יעדער ווונק, וויברירט אין איר. ער האָט איר געזאָגט אַז זיי וועלן זיך ערגעץ טרעפן, ניין, דאָס טאָר נישט געשען! אָבער דאָך ציט עס זי צו אים. ער האָט זיך אין איר באַזעצט ווי אַ דיבוק. זייט דעם ערשטן מאָל, ווען ער האָט זיך איבער איר איבערגעבויגן און זי אונטערזוכט, האָט זי אים ווי אין זיך איינגעשלונגען און ער גייט איר נישט אַרויס פון די גערדאַנקען אויף אַ רגע. זי קוקט אויפן הימל ווו די זון איז פאַרגאַנגען. צי וואָלט געווען אַ לעבן ווען די זון קומט נישט צוריק? ניין, זי וואָלט אונטערגעגאַנגען, אויך זי וואָלט אונטערגע־גאַנגען ווען דר. שוואַרץ קומט נישט צוריק.

ביים אָפּהאַנג פון דניעסטער, צווישן קוסטעס און גערטנער, האָט זיך געשלענגלט אַ סטעזשקע. זעלטן ווערט די סטעזשקע באַטרעטן פון מענטשן. אַ מאָל נאָר פאַרבלאָנדזשעט דאָ אַ פאַרליבט פּאָרל אָדער אַן איינזאַמער שפּאַצירער, וועלכער זוכט שטילקייט און רו. זעגען טאָקע ביידע אויפגע־שפּרונגען, ווען אויף דער סטעזשקע האָט זיך באַוויזן דר. שוואַרץ. ער האָט זיך מיט זיי פריינדלעך באַגריסט און זיי דערלאַנגט איבער דעם אָנלען די האַנט. פעלאַ פילט אַז ביים דערלאַנגען איר די האַנט, לאָזט ער איר איבער אַ קליין פּאַפּירל אין דלאָניע.

— דאָס הייסט אַן אידיליע! זיצן ווי צוויי טייבעלעך און געניסן פון דער נאַטור.

— מיר לאַדן אייך איין הער דאָקטאָר, אויך צו געניסן פון דער נאַטור — האָט געענטפערט שמואל דוואָרסקי.

— אָ, ניין הער קאָלעגע, איך קען מיר דאָס נישט דערלויבן, אויף מיר וואַרטן פּאַציענטן.

— מילא, זיי וועלן נישט אַנטלויפן.

— מיין פריינד, אַז איר וועט פּראַקטיצירן, וועט איר זען ווי וויכטיק עס איז צו קומען צו דער צייט צום קראַנקן. — ער האָט פריינדלעך גע־צויגן דעם הוט און ווייטער געגאַנגען זיין וועג.

— דו האָסט גאָרנישט גערעדט מיטן דאָקטער, — האָט שמואל גע־זאָגט.

— ער האָט זיך דאָך געווענדעט צו דיר און נישט צו מיר.

— יאָ, האָסטו געהערט? ער האָט מיך אָנגערופן „הער קאָלעגע" — האָט שמואל זיך געפילט געשמייכלט.

פעלאַ האָט געדריקט דאָס פּאַפּירל אין האַנט. זי האָט געוואָלט ווי צום שנעלסטן אָפּפּטרן שמואלן. זי האָט סימולירט אַ קאַפּוויטיק.

— און איך האָב דיך געוואָלט נעמען אויף אַ שפּאַציר, — האָט ער געזאָגט אַן אַנטוישטער. — נו גוט, וועלן מיר גיין מאָרגן.

— יאָ, מאָרגן, מאָרגן...

נאָך זיין אַוועקגיין, האָט זי פיבערדיק געלייענט: „פעלאַ! איך וואַרט אויף דיר אין אַפּטייקערס צימער האַלב צוועלף ביינאַכט. ס. ש." — איך וועל נישט גיין! — האָט זי זיך געזאָגט. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין דער אייזערנער שטאַנג פונעם באַלקאָן און פאַרמאַכט די אויגן. אַ מאַטע הלשות איז איבער איר געקומען. זי ווייסט, אַז זי וועט גיין. ער, דער אַלעמכטיקער, ער, איר גאָט וואַרט דאָך אויף איר, זי מוז גיין!

ווען אין הויז האָבן זיך פאַרלאָשן די ליכטער און אַלע זענען שוין געשלאָפן, האָט זי אָפּגעשלאָסן פון אינעווייניק די טיר און שטיל און פלינק ווי אַ קאַץ, אַריבערגעשפּרונגען דעם אַנלען פונעם באַלקאָן. אינעם ווייכן גראָז זענען פאַרטויבט געוואָרן אירע טריט. איר האַרץ האָט האַמערדיק געקלאַפּט. עס איז געווען אַ מילדע זומערנאַכט. די לופט איז אָנגעזאָפּט מיט פאַרשיכורנדיקע בלומען־ריחות. זשאַבעס האָבן געקוואַקעט ביים ברעג. בריפליגעלעך זענען געשפּרונגען ווי פונקן איבער די גראָזן. די שטערן האָבן צו איר אַראָפּגעווינקן ווי מיט אייגעלעך: — „וווהין גייסטו ר' סענ־דערס טאָכטער, וווהין גייסטו?!" — און דאָס רוישן פונעם דניעסטער האָט אָפּגעקלונגען ווי אַן עכאָ — וווהין גייסטו פעלאַ? וווהין? — אָט איז זי שוין ביי דעם טונקעלן מויער פון קלויסטער. דאָ קלאַפּן שטאַרקער די וואַסער־ווערלן, זיי דראָען איר: — קיין אייניציקע זאַך בלייבט נישט פאַרהוילן אויף דער וועלט! ר' סענדערס טאָכטער, דו וועסט חרטה האָבן. זי האָט זיך אַלע מאָל אָפּגעשטעלט. גאָט! ווי שווער איז איר דער גאַנג! אַ קאַלטער שווייס האָט באַגאָסן איר פּנים, — אפשר זיך אומקערן און

לויפֿן אויף צוריק? נאָך איז נישט צו שפּעט... אָבער דאָרט ווינקט צו איר די העלע שיין פֿון דעם אַפּטייקערס הינטערשטיבל, דאָס איינציקע ליכט אין דער אַרומיקער טונקלקייט. זי איז אַ פֿאַרסאַפּעטע אָהין צוגעפֿאַלן, די טיר האָט זיך געעפֿנט און זי איז אַריינגעפֿאַלן אין זיינע אָרעמס...

ער האָט זי אַריבערגעטראָגן די שוועל. צי זענען איר די בלומען־ריחות נאָכגעגאַנגען אַהער צו פֿון די גערטנער? ניין, דאָס גאַנצע צימער איז געווען אויסגעלייגט מיט בלומען: אויפֿן דיל זענען געווען צעוואָרפֿן קליינינקע נאַרציסן, זשאַסמינען און מייגלעקלעך, ביי די ווענט זענען גע־שטאַנען שלאַנקע גלאַדיאָלעס, ווייסע ליליעס, פֿאַרביקע טוליפּאַנעס, דאָס בעט איז געווען אויסגעצירט מיט גליִענדיקע רויטע רויזן.

— וואָס פֿאַר אַ שיינע בלומען! אַ שאָד אויף זיי צו טרעטן. — איז זי שטיין געבליבן ביי דער טיר.

— איך וועל דיך אַריבערטראָגן — האָט ער זי צוריק אויפֿגעהויבן. ווי קליין און שוואַך זי פֿילט זיך אין זיינע אָרעמס! זי האָט אים פֿאַר־וואָרפֿן די הענט אויפֿן האַלדז און באַהאַלטן איר קאָפּ אויף זיין ברוסט. ער האָט זי אַוועקגעלייגט אויפֿן בעט און אַראָפּגעשאַרט אַלע בלומען:

— איצט ליגט דאָ מיין שענסטע בלום. — ער האָט פֿאַר איר אַנידער־געקניט: — לאָז, איך וועל דיך באַדינען, — ער האָט איר אויסגעטאָן די שיך, דערנאָך די זאָקן, אַ יעדעס שטיקל פֿון איר אַנטבלויזטן קערפּער האָט ער באַדעקט מיט קושן. זיינע הענט האָבן נישט אויפֿגעהערט ווייטער צו זוכן.

— לאָז אָפּ, איך האָב מורא.

— פֿאַר וואָס אוצרל?

— איר וועט מיר ווי טאָן.

— האָב נישט קיין מורא, איך בין דאָך אַזוי צאַרט צו דיר.

— איך ווייס, איך האָב עס געפֿילט ביים ערשטן מאָל ווען איר האָט באַרירט מיין קערפּער ביים באַהאַנדלען מיך.

— זעסטו דאָך...

זי איז געלעגן אַ נאַקעטע און זיך פֿאַרשעמט. זי האָט שנעל געצויגן די דעק אויף זיך.

— מען דאַרף נישט. — האָט ער זי נישט געלאָזט זיך צודעקן: —

מיט גאָטס יצירה דאַרף מען זיך נישט שעמען. אויך דער מאַן איז גאָטס יצירה. צי האָסטו שוין געזען אַ נאַקעטן מאַן? קוק אויף מיר!

— נייך, נייך! — האָט זי שנעל פאַרמאַכט די אויגן. דורך די פאַר־זשמורעטע, פייכטע אויגן האָט זי אים געזען שטיין שיין און הויך ווי אַ סקולפּטור פון אַ גריכישן גאָט.

טרויעריק האָבן געגייגט די צעטרעטענע בלומען זייערע קעפּלעך...

דעם אַנדערן טאָג, פאַרנאַכט, איז ווידער געקומען שמואל דוואָרסקי. די דינסט איז אים אַקעגן געגאַנגען: — די פּאַניענקע בעט איר אַנט־שולדיקן, זי קען אייך היינט נישט אויפנעמען, זי ליגט אין בעט, ווייל זי פילט זיך נישט גוט.

שמואל איז אַן אומצופרידענער אַוועק געגאַנגען — אַ שיינע כּלה נעמט ער זיך! אַלע מאַנטיק און דאָנערשטיק איז זי קראַנק!

פעלאַ איז געלעגן מיט צעפלאָסענע גלידער און נישט געהאַט קיין חשק אויפצושטיין. די פאַרגייעדניקע זון האָט ראָזלעך אַריינגעשימערט דורך דער צעעפנטער באַלקאָנטיר. זי האָט אויף זיך אַרויפגעוואָרפן אַ לויזן שלאָפראָק און אַרויסגעגאַנגען.

עס איז מיט דער סטעזשקע אַנגעקומען דר. שוואַרץ. זי האָט מיט בײדע הענט דערשראָקן זיך געגעבן אַ שלאָג איבערן מויל:

— וואָס טוט איר דאָ?

— איך האָב דאָ אַ פּאַציענטקע. בין איך געקומען זען וואָס זי מאַכט, ווי זי פילט זיך...

— ווער איז זי?

— די שענסטע און טייערסטע מיר אויף דער וועלט.

באַגאָסן מיט דעם ראָזלעכן שיין פון דער פאַרגייענדיקער זון, האָט זי צו אים אַראָפּגעקוקט מיט צעקוועלטע, פאַרטרערנטע אויגן...

— דו ביסט וווּנדערלעך שיין, מיין אוצרל, דיין גליק וואָס מיר זענען אין דרויסן, ווען נישט וואָלט איך דיך צעדריקט אין מיינע אָרעמס...

— גייט אַוועק, מען קען אייך דאָ באַמערקן — האָט זי שטיל גע־פּליסטערט.

— נישט פריִער ביז דו וועסט מיר צוזאָגן אַז דו וועסט ווידער קומען אין אונדזער גן־עדן־שטיבל.

— ניין, ניין! ביז איך קום אָן אַהין, גיי איך דורך אַ גיהנום!

— איך וועל דיך קומען נעמען, שפּעטער. אַ פּאָר טעג וועל איך דאָ ביינאַכט אונטערן באַלקאָן אויף דיר וואַרטן.

זי האָט געטרייסלט מיטן קאָפּ אויף ניין, אָבער אין אירע אויגן איז געלעגן אַזאַ שטומע פאַרערונג, דאָס ער האָט געוווּסט אַז זי איז אין גאַנצן אין זיין מאַכט און ער קען מיט איר מאַכן וואָס ער וויל.

* * *

ביי ר' סענדערן אין שטוב האָט מען זיך געגרייט צו פעלאָס תנאים. דער קנסמאַל פון אַ תקיעת־כף איז פאָרגעקומעןביים חתן אין שטוב. דער מחותן פייוול דוואָרסקי האָט פאַרבעטן נאָר די נאָענטסטע קרובים. ר' סענדער האָט נאָך צוגעזאָגט צו צוסיליקן צוויי הונדערט דאָלאַר צו די פריַערדיקע דריי אם ירצה השם פאַר דער התונה, און חוץ לזה וועט ער אויסהאַלטן דאָס שטודירן פונעם איידעם. די מחותנים האָבן אָנגענומען די עקן פון אַ טיכעלע, עס געגעבן אַ טרייסל און געוווּנטשן:

— מזל טוב! מזל טוב!

דער חתן איז געזעסן אויבן אָן געבן זיין כלה. פעלאַ האָט געטראָגן אַ טונקל בלוי קלייד. דער קראַגן, ווי אַ שאַליק פאַרוואָרפן אויף דער פּלייצע. דאָס קלייד איז גענייט לויט דער לעצטער מאָדע מיט אַ לאַנגער טוניקע. איר פּנים איז געווען זייער בלייך, מיט טונקעלע רעדער אונטער די אויגן. זעלדע, פייוולס ווייב, די מחותנתטע, איז געזעסן נעבן טעמען, ר' סענדערס ווייב. זי זאָגט איר שטיל, אויפן אויער:

— מחותנתטע, עפּעס נישט מיט אַלעמען אונדזער כלה? האַ? פאַר וואָס איז זי אַזוי אויסגעבלייכט?

— וואָס רעדט איר וואָס מחותנתטע, נישט געטראָפן מיטן קלייד, עס פּאַסט איר נישט דער קאָליר.

— אַזוי? שולדיק איז דאָס קלייד? זאָל זיין אַזוי, מחותנתטע.

אויך די געסט האָבן באַמערקט דער כלהס פאַרטראַגנקייט, זיי האָבן זיך געשושקעט:

— עפּעס אַ שלאַפּע די כלה, ווי זאָגט איר?

— זיכער אַ שלאַפּע, וואָסי, מ'ווייסט נישט? נישטאָ קיין סודות אין שטעטל. ליגט אין בעט גאַנצינקע טעג.

— אפשר די פּאַליקע, אויף אַלע פּוסטע פּעלדער געזאָגט געוואָרן.

— איך ווייס? עס זעט אויס דאָס כלהלע ווי עס זאָל האָבן די סוכאָטע.

— אַ טפיו זאָל עס ווערן! הערט אויף רכילות צו רעדן אויף אַ יידישער טאָכטער!

די מחותנתטע זעלדע האָט באַמערקט דאָס שושקען זיך פון די ווייבער, זי האָט אויפגעהויבן דעם כוס:

— לחיים מחותנים! לאָמיר טרינקען פאַר תנאים ווי אַם שנעלסטן ביי מיין דבורהלען.

— אַהאַ! — האָבן זיך איבערגעוווּנקען די ווייבער — פאַרקויפט דעם זון, כדי קענען פאַרזאָרגן די טאָכטער! וואָסי מען ווייסט נישט?

שבת האָט טעמע ביי זיך אין דער היים געפּראַוועט אַ שמחה. נאָכן דאַווענען האָט ר׳ סענדער פאַרבעטן אויף קידוש דעם רב מיט אַ מנין יידן. דער רב זיצט אויבן אָן. טעמע און די דינסט דערלאַנגען פון כל טוב. מען טרינקט לחיים, מען פאַרבייסט און מען ווינטשעוועט זיך אָן מזל און נחת. נאָך די געשמאַקע געפילטע פיש, האָט טעמע דערלאַנגט פאַרשידענע קוגלען: אַ זיסער געשמאַקער רייז־קוגל מיט ראָזשינקעס און צימרינג; אַ געשיטער קוגל פון מעל מיט געגנזן־שמאַלץ און גריוון און אויסגע־פּרעגלטע ציבעלעס, וואָס איז זיך צעגאַנגען אין מויל, אַ לאָקשענער קוגל מיט פעפער און זאַלץ און אַ געוואַלגערטער קוגל געפילט מיט איינגעמאַכץ, אימבער־נעגעלעך און ראָזשינקעס.

דער מחותן פייוול דוואָרסקי, רופט אויס אַ צעוואָרעמטער צו טעמען:

— אַזאַ יאָר אויף אונדז אַלעמען מחותנתטע, וואָס פאַר אַ קוגלען איר מאַכט!

— געראָטן אין דער כלה, זי האָט געמאַכט די קוגלען.

טעמע האָט נאָר געזאָגט אַ האַלבן ליגן. ביים מאַכן די קוגלען האָט זי אַריינגערופן איר טאָכטער — „נאַ, זע כאָטש ווי מען מאַכט אַ קוגל, וועסט עס געדענקען ווען וועסט מערצישעם זיין אַ באַלעבאָסטע״. — פעלאַ קוקט אַ גלייכגילטיקע אויף די אָנגעשטעלטע ערדענע פולע טשוהעס, אויף דעם אויסגעוואַלגערטן טייג אויפן לאָקשנברעט, פול אָנגעשיט מיט גע־פּולעכץ.

— „נעם און פאַרדריי דעם קוגל״ — לערנט זי די מאַמע. פעלאַ לייגט

צו די דעליקאַטע הענט צו דעם געמויזיקץ וואָס צערינט זיך איר שיעור נישט צווישן די פינגער. טעמע כאַפּט שנעל אונטער, פּאַרוויקלט דאָס טייג און וואַרפט עס פלינק אַריין אין אַן ערדענער טשוהע. איצט קען זי זיך באַרימען אַז דער זיסער קוגל איז דער כלהס.

דער רב זיצט מיט פאַרמאַכטע אויגן. ער זינגט זמירות מיט די יידן, שאָקלט מיטן קאָפּ און די עקן פונעם שטריימל טרייסלען זיך ביי אים ווי די עקן ביי צופרידענע הינטלעך. דערנאָך גייט דער רב אַ ריקודל מיט די יידן. ווער עס טאַנצט אַליין מיט די הענט פון הינטן און ווער אַרומגענומען מיט די אַנדערע ביי די אַקסלען אַרום טיש.

— די כלה! ווו איז די כלה? מען וויל איר אָפּגעבן מזל־טוב!

טעמע פירט אַריין איר צעשראָקענע טאָכטער. פעלאָס פיס זענען ווי פאַרשטאַרט. די מאַמע שטופּט זי פון הינטן. פעלאַ בלייבט שטיין ביי דער טיר. זי קוקט אַ דערשראָקענע אויף די יידן און קען מער קיין טריט נישט טאָן.

— מזל טוב דיר! ר׳ סענדערס טאָכטער! — הויבט צו איר אויף די אויגן דער רב און לאָזט זיי באַלד צוריק אַראָפּ.

— אַ שעמעוודיקע כלה, גאַרנישט ווי די היינטיקע מיידלעך. — האָבן געזאָגט די יידן.

— אַ צניעותדיקע בתולה, ווי עס פּאַסט פאַר ר׳סענדערס טאָכטער. — האָבן אַנדערע געענטפערט.

פעלאַ איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב.

נאָך מיטאָג האָט מען געמאַכט אַן אויפנאַמע פאַר פרויען. געווען איז עס אייגנס פאַר דער כלה׳ס חברטעס, אָבער עס זענען אויך געקומען עטלעכע נאָענטע שכנות. אויבן אָן זיצן חתן־כלה. שמואל האַלט אַרומגענומען זיין כלה. פעלאַ איז געזעסן אַ שווייגנדיקע, דאָס געצוווּנגענע שמייכעלע געלינגט איר נישט. זי קען נישט ליידן איר חתן. אַלץ איז ביי אים פאַלש. ער פאַזירט נאָר. די איבערגעטריבענע צערטלעכקייט צו איר איז נאָר אַרויסצווייזן זיין העפלעכקייט. דאָס וויל ער אַזוי אויסנעמען ביי די אַנוועזנדע מיידלעך.

אַר פרויען גרייט מען נאָר צו אַ זיסן טיש. אַ פּאָר פלעשלעך וויין און איינגעשטעלטן, היימישן ווישניק. אויפן טיש שטייען עטלעכע סערוויזן מיט זיס געבעקס: האָניקלעקעך, צוקערלעך, צוויבאַק, שטרודל און פלאָדן.

כאָטש טעמע האַלט נישט פון די מאָדערנע געבעקסן, האָט זי צוליב די מיידלעך, אַוועקגעשטעלט אויפן טיש צוויי אויפגעפוצטע טאָרטן. טעמע פאַרבעט מען זאָל זיך מכבד זיין. מען גיסט אָן די גלעזלעך, אָבער מיידלעך לאָזן זיך בעטן. זיי גיבן אַ זיפּ, זענען עפּעס טועם פונעם געבעקס און געזונג. זיי הייבן אָן צו זינגען כדי אויפצומונטערן די שטימונג.

— זע נאָר, זע די כלה! אַז זי איז געקומען צו אַנדערע, איז זי געווען די פריילעכסטע און אַז עס האָט זי געטראָפן, זיצט זי אַ שווייגנדיקע, — האָבן זיך מיידלעך געוויצלט.

— נישט געדאַגהט מיידלעך! — האָט טעמע אונטערגעהאַלטן — זאָל דאָס אייך טרעפן אין גיכסטן מיט די רעכטע זיווגים.

פרוי פּעלץ האָט היטנערווייליכץ געקניפּט איר שכנה מלכה:

— זע נאָר די פאַרוויינטע וועטשערע! יענע מציאה האַנדלט ער איין. גאָר קיין שענערס נישט געזען.

מלכה האָט איר אַ טריט געטאָן אויפן פוס, זי זאָל שווייגן.

## אַ פאַרשטערטער שבת

נאָך די תנאים האָט מען באַלד אָפּגעשמועסט דעם זמן פון דער חתונה. אָבער אַזוי ווי דער מנהג איז נישט צו פראַווען אַ חתונה פאַר דריי חדשים נאָך די תנאים, האָט מען אָפּגעוואַרט די צייט און אָט האַלט מען שוין צוויי וואָכן פאַר דער חתונה. ביי טעמען אין שטוב רעשט זיך. מען האָט אַריינגענומען אַ נייטאָרין און זי זיצט אַ גאַנצן טאָג ביי דער ביימאַשין און נייט דעם אויסשטייער. שכנטעס האָבן איבערגעלאָזט זייער באַלעבאַ־טישקייט און געקומען העלפן טעמען. אויף וועמען דען ליגט אָן עול פון אַ חתונה, אויב נישט אויף שכנים? מען פּטרט אָפּ די קינדער מיט גאָר־נישט און מען לויפט צו טעמען.

טעמע האַלט אין איין אַרויסציִען מציאות פונעם קופערט:

— זעט נאָר דאָס פיינע געוועב.

— ווּ האָט איר דאָס גענומען טעמע׳לעבן, מ׳זעט עס דאָך גאָרנישט הײנטיקע צײטן.

— איר ווײסט פון מיר לאַכן, איך האָב עס נאָך פון מײן צירעלעס חתונה זאָל לעבן. אַז מיר זענען געפאָרן קײן לעמבעריק אײנקויפן איר אויסשטײער, זאָג איך צו מײן סענדערן „הערסטו סענדער, לאָמיר נעמען נאָך אַן איבערצוג פאַר פײגעלען". לאַכט ער, דער אַלטער מײנער: „צו וואָס דאַרפסטו? פײגעלע איז נאָך קײן צען יאָר נישט אַלט". — און זעט איר, ס׳איז צו נוץ געקומען.

— פײגעלע, פײגעלע, ווּ איז די כלה? לאָמיר איר אָפּווינטשעווען צו איר אויסשטײער — זאָגט פרוי פעלץ. פעלאַ איז אַרײַנגעקומען.

— פאַרנוץ געזונטערהײט דעם אויסשטײער. זאָלסט זײן אַן אָפּגעהיט כשר ווײבל, און איר טעמע׳לעבן זאָלט האָבן אַ סך נחת און דערלעבן אײניקלעך צו דער חופה צו פירן. —

— אָמן, פרוי פעלץ. פירט אויך אין גיכן אײערע טעכטער צו דער חופה.

פרוי פעלץ האָט אָפּגעזיפצט, פון איר מאַנס זײנוול שנײדערס פאַר־דינסטן קען זי קײן גדן נישט אָפּשפּאָרן און הײנטיקע צײטן, אָן גדן זענען נישטאָ קײן חתנים.

פעלאַ קוקט אויפן בלענדיקן גראַדלענעם איבערצוג מיט די געדרוקטע זײדענע בלומען, אין די אויערן האָט איר געקלונגען ווי שפּאָט דער ווונטש „זײן אַ כשר ווײבל", פאַר די אויגן האָט איר אָנגעהויבן שווינדלען, אויף דער גראַדלענער לײוונט האָבן אָנגעהויבן צו טאַנצן רויטע גלי׳ענדיקע רויזן און צווישן זײ בלוט־פלעקן. זי האָט אויפגעציטערט און אַ בלײכקײט האָט זי באַשלאָגן. קײנער האָט עס נישט באַמערקט, צופיל זענען זײ געווען פאַר־נומען מיטן באַטראַכטן די לײלעכער, טישטעכער, אײנשיטן, איבערצוגן און אַנדערע זאַכן, אָבער טעמען איז דאָס נישט פאַרבײ אומבאַמערקט. זי האָט עס צוגעשריבן צו איר טאָכטערס קראַנקהײט און געבעטן גאָט זי זאָל שוין האַלטן נאָך דער חתונה. די ווײבער האָבן פלײסיק געאַרבעט, געמאָסטן, צעשניטן לײוונטן און דערלאַנגט דער נײטאָרין. אײנע האָט אַרײַנגעשיט אין רויטע אײנשיטן פרישע, פּוכיקע פעדערן, זײ האָבן דערבײ לוסטיק געפּלוידערט:

— איר געדענקט טעמע, ווי מיר זענען געקומען צו אייך אויף אַ טאָלעקע פעדערן פליקן? — האָט געזאָגט מלכה, זי איז געווען אַן אָרעמע אלמנה און טעמע האָט איר אַלע מאָל געגעבן אַ גמילות חסד, זי זאָל האָבן מיט וואָס צו האַנדלען.

צי עס געדענקט זיך! — באַלד נאָך דער חתונה, האָט מען גענומען שטאָפן גענדז כדי צו האָבן שמאַלץ אויף פסח און פעדערן פאַר בעטגע־וואַנט. חנוכה־צייט, ווען מען האָט אויסגעפּרעגלט דאָס פסחדיקע שמאַלץ, האָט מען פאַרבעטן ווייבלעך און מיידלעך אויף אַ טאָלעקע פעדערן צו פליקן. מ׳האָט פלייסיק געפליקט פעדערן און זיך דערציילט בייקעס און געזונגען. די באַלעבאָסטע האָט געמאַכט וואַרעניקעס פון די גריוון מיט געפּרעגלטע ציבעלעס און קאַרטאָפל. אין איין וואַרעניק האָט זי אַרייַנגע־לייגט פּענקעס. איי איז דאָס געוואָרן אַ מהומה מיט אַ געלעכטער ווען איינע האָט איינגעביסן דעם וואַרעניק מיט די פּענקעס!

— הערט איר, פריִער איז געווען אַן אַנדערע וועלט. אויף אַ חתונה האָט מען זיך משמח געווען אַ גאַנצע וואָך. מאַנצבילן האָבן נישט אויס־געטאָן די שטריימלעך מיט די ראַדזיעוואָלקעס און ווייבער די שייטלען פון שבת־פאַרשפּיל ביז שבת שבעה ברכות. דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך משמח געווען. ווער האָט עס געוווסט פון שיקן איינלאַדונגען? מ׳האָט אַרייַנגעקאַטשעט גאַנצע פעסלעך בראָנפן און ביר. דאָס פייער אין אויוון איז נישט אויסגעגאַנגען, מען האָט געקאָכט און געבאַקן און געטיילט אַלעמען גרויסע שטיקער לעקעכער און פלאָדן צום פאַרבייסן.

— געדענקסט טעמע, — האָט זיך אָנגערופן גאָלדע, איר יוגנט־פריינדין: — ווי מיר זענען געגאַנגען צום פריץ אים פאַרבעטן אויף דיין חתונה?

— צי איך געדענק? פרעג מיך בחרם וואָס איך האָב נעכטן געקאָכט, אָבער דאָס וואָס איז פאָרגעקומען צוריק מיט פערציק יאָר, געדענק איך עס אַזוי ווי ס׳וואָלט הייַנט געשען.

טעמע האָט געהאַט דעמאָלט בלאָנדע האָר ווי הייַנט פעלאַ. גאָלדעס שיטערע גרויע האָר זענען געווען שוואַרץ און געקרויזט. זיי האָבן אין זייערע האָר אַרייַנגעשטעקט רויטע רויזן, זיך אָנגעטאָן ווייסע לאַנגע קליי־דער מיט הויכע קאָלנערס מיט רידשעלעך ביז אונטערן קין. זיי זענען

געגאַנגען אין הויף צו פֿאַרבעטן דעם פּריץ אויף דער חתונה. דאָס ערשטע האָט מען באַדאַרפֿט פֿאַרטרייבן די הינט, וואָס האָבן זיי מיט אַ גרויס האַווקעריי מקבל פּנים געווען. מען האָט די מיידלעך אַרײַנגעפֿירט צום פּריץ. די מיידלעך זענען געבליבן שטיין שעמעוודיק און דערשראָקן בײַ דער טיר, זיי האָבן געמאַכט אַ שיינעם רעווערענס פֿאַרן פּריץ, מיט ביידע הענט צעגומען דאָס קלייד און פֿאַרבויגן אַ קני. ווײ, ווײ, ווי האָט דאָס דער פּריץ געלאַכט! ער האָט מיט אַן אײַנגעבויגענעם צייגפֿינגער זיי צוגערופֿן צו זיך. זיי זענען צוגעקומען נענטער און ווידער געמאַכט אַ קניקס. ער האָט זיי געגעבן צוויי ראַניש דרשהגעשאַנק.

פּעלאַ באַטראַכט די אַלטע פֿרויען, זייערע צעקיינטשטע פּנימער, די גרויע האָר, וואָס שטעקן זיי אַרויס פֿון אונטער די פֿאַטשיילעס. צי וועט זי אויך אַזוי אַ מאָל אויסזען?

— נו, און דער פּריץ איז געקומען אויף דער חתונה? — פֿרעגט פֿרוי פּעלץ.

— ניין. נאָר עס האָט אָנגעטראָגן אַן אַנדער שוואַרץ יאָר, דער פּאָליציי־אינספּעקטאָר. דער חתן איז געזעסן מיט די מאַנצבילן באַזונדער אין אַ חדר און די כלה מיט די פֿרויען באַזונדער. בײַ די פֿרויען האָט געשפּילט די קאַפּעלע. מיידלעך האָבן געטאַנצט, פּלוצעם איז צווישן זיי אַרײַנגעשפּרונגען דער שיכורער פּאָליציי־אינספּעקטאָר. קודם האָט ער זיך אָנגעפּרעסן און אָנגעטרונקען, דערנאָך האָט ער געוואָלט טאַנצן מיט די מיידלעך. די מיידלעך זענען זיך צעלאָפֿן ווי ספּאָלאָשעטע טויבן, פֿאַכנדיק, זיך אָפּוערנדיק מיט די הענט, ווי מיט פֿליגלען. ער איז געשטאַנען אַליין אין מיטן צימער און געשריען:

— דאָנערוועטער! אַ מיידל צום טאַנץ! קיינער וויל מיט מיר נישט טאַנצן?

מען האָט פֿאַרשטאַנען אַז עס איז נישט גוט. עס טויג נישט דער אינספּעקטאָר זאָל ברוגז ווערן. עס קען זיך ענדיקן שלעכט.

גאָלדע, דאָס קראַנצן פֿריילין, איז צו אים צוגעגאַנגען מיט דראָבנע טריטלעך און זיך פֿאַרנייגט פֿאַר אים. ער האָט אַ וואָרף געטאָן אַ קראָן צו די קלעזמאָרים:

— אַ ציטער־פּאָלקע זאָל ווערן אויפֿגעשפּילט!

אַנבעמענדיק גאָלדען בייביידע הענט, האָט ער געטאַנצט, צוטופּענדיק מיט די פיס און געזונגען:

„ציטער־פּאָלקאַ גייען וויר גערן
נאָר מיט איינעם יונגען הערן,
אונד מיט איינעם אַלטען ניכט,
דאַ וויר אַלטע ליבען ניכט״.

— נו, וואָס איז ווייטער געשען?

— גאָרנישט. וואָס האָט געהאַט צו געשען? עטלעכע מאַנצבילן זענען אַריינגעקומען מיט קעלישעקלעך בראָנפן אין די הענט און אים אַרויס־גענאַרט.

— אַנו גאָלדע, ווייז ווי מען טאַנצט אַ ציטער־פּאָלקע.

— וואָס מיינט איר, איך האָב פאַרגעסן? — זי האָט עטוואָס אויפ־געהויבן דאָס לאַנגע קלייד, עס האָבן זיך באַוויזן צוויי אַלטע שקראַבעס מיט פאַדרייטע זאָקן, פאַרבונדן מיט שטריקלעך:

— אָט אַזוי טאַנצט מען אַ ציטער־פּאָלקע! דריי שריטעלעך, איינעם אַ גרויסן, דריי קליינע שריטעלעך, איינעם אַ גרויסן! און וואָס מיינט איר? וואָס? האָט גאָלדע פאַרגעזעצט: — די מאָדערנע טענץ קען איך נישט? אויך מיר טענץ! מ׳שאַרט מיט די פיס און דאָס איז עס! איין מאָל נאָר האָב איך געזען טאַנצן אַ טאַנגאָ אָדער שימי, קען איך שוין! זי האָט זיך אָנגעהויבן צו וויגן אַהין און אַהער און געזונגען:

„מיין פרוי איז געגאַנגען שימי טאַנצן
שימי טאַנצן
און איך מוז אין שטוב דאָס קינד ניאַנטשען
דאָס קינד ניאַנטשען״.

די ווייבער האָבן זיך געהאַלטן פאַר די זייטן פון געלעכטער.

— גיי שוין גיי, גאָלדע, מאַך דיך נישט משוגע — האָט פרוי פּעלץ זיך געווישט די טרערן פונעם לאַכן.

— איך זאָל מיך נישט משוגע מאַכן אַז טעמעלע מאַכט שוין בעזרת השם חתונה דאָס מיזינקעלע.

— זאָל אייך גאָט העלפן ביי אייערע טעכטער! — האָט זיי געווונטשן טעמע.

די פרויען האָבן אָפּגעזיפּצט, שווער חתונה צו מאַכן אין אָרעמקייט.

עס איז אַריינגעקומען פון דער קיך כאַנציע די לעקעכמאַכעריך. טעמע האָט זי פאַרבעטן זי זאָל זיין די סאַרווערן און איצט האָט זי דאָ די גאַנצע דעה:

— אָווו זענט איר דאָס ערגעץ ווייבער? אָנו קומט נאָר זייט מוחל אַריין אין קיך!

אין קיך זענען אָנגעשטעלט גרויסע מולטערס מיט האָניקלעקעכער, שיסלען מיט פּוכקע צוקערלעקעכער, ווייסער אויסגעשלאָגענער שניי פאַר־מישט מיט צוקער און ניס אויף מאַרציפּאַנעס.

כאַנציע איז אַרומגעגאַנגען מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל און קאָמאַנדעוועט:

— גיט נאָר דאָ נאָך אַ שלאָג דעם האָניקלעקעך! און דאָרט זייט מוחל גיט אַריין אין פלודן נאָך אַ ביסל איינגעמאַכטס.

— זשאַלעוועט נישט! — האָט די מחותנתטע טעמע געזאָגט: — מער קיין מיידלעך האָב איך נישט אויסצוגעבן.

— ווי אַזוי מיינט איר מחותנתטע, — האָט איר כאַנציע געגעבן אויפן שפּיץ הילצערנעם לעפל אַ ביסל געפילעכץ פונעם פלודן צו פאַרזוכן, — מען דאַרף נאָך אַ ביסל לימענע.

— אַ טעם גן עדן. נאָר אויב איר מיינט אַז עס פעלט נאָך אַ ביסל לימינע, מהיכא תיתי.

— ווו איז ערגעץ דאָס כלה׳כל? זאָל זי גיין מאַכן דעם טאָרט פאַר דער שוויגער!

— וואָס איז דאָס איילעניש? — האָט פעלאַ געזאָגט מיט אַ זויער פאַרקרימט פנים — עס איז דאָך נאָך צוויי וואָכן צו דער חתונה.

— דאָס זיסוואַרג דאַרף זיין פאַרטיק די וואָך. די אַנדערע וואָך דאַרף מען דעם אויוון פאַר די חלות און פאַר געבראָטנס.

דעם דריי־טורעמדיקן טאָרט מיט אַן אויפזאַץ נאָך דערצו, האָט די סאַרווערן אַליין געמאַכט. די כלה האָט נאָר פאַר יוצא וועגן געגעבן אַ מיש מיטן לעפל.

— אַזאַ יאָר אויף כל ישראל וואָס פאַר אַ שוויגער־טאָרט דאָס וועט זיין! — האָבן די ווייבער אים באַוואונדערט.

— זי איזווערט מיין מחותנתטע, זי גיט אַ וווּיל ייִנגל. — האָט געזאָגט טעמע.

— און איר טעמע, גיט נישט אַ וווּיל מיידל? הלוואי אויף מיין בן ציון געזאָגט געוואָרן.

כאַנציע האָט אָפּגעזיפצט, דערמאָנענדיק זיך אין איר זון, וואָס וואַל־גערט זיך דאָרט ערגעץ אויף הכשרה.

— זעט עך דאָס פאַרגרינטע כלה׳כל, ס׳פלאָנטערט דאָך קוים מיט די פיס, ווי אויפגעשטאַנען פון אַ שווערער שלאָפקייט, יענע מציאה כאַפּט אַריין זעלדע פאַר אַ שנור.

— וואָסי, זי ווייסט נישט? אין שטאָט איז עפּעס דאָ סודות? — שושקען זיך די ווייבער.

גאָלדע האָט באַמערקט דאָס מורמלען פון די ווייבער, האָט זי געוואָלט אויפהייטערן די שטימונג. זי האָט זיך אָנגענומען פאָדבאָקעם און אַקעגן געטאַנצט טעמען:

— מחותנתטע! אַ קאָזעקל לכבוד דעם שוויגערטאָרט!
די ווייבער האָבן צוגעפּלעסקעט און געמאַכט אויסרופן.
אויפן רעש איז אַרויסגעקומען ר׳ סענדער.

— אוי! דער מחותן! דער מחותן! אַנו אַ קאָזעקל מחותן׳לעבן מיט דער מחותנתטע!

— וואָס עפּעס טאַנצן אין מיצקעדרינען? לאָזט איבער דאָס טאַנצן צו דער חתונה.

— מען דאַרף פּרווון צי מען קען.

— וואָס מיינט איר? מען האָט פאַרגעסן? — האָט ר׳ סענדער פאַר־נומען די הענט אונטער דער בעקעשע און געשטעלט טריט. טעמע האָט אים אַקעגנגעטאַנצט מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און דריבנע טריטלעך. די ווייבער האָבן צוגעפּלעסקעט מיט די הענט און געזונגען:

„עס טאַנצן מחותנים, מזל טוב חתן־כלה,
מזל טוב פאַר כל ישראל, מזל טוב אונדז אַלע!״

טעמע איז אַוועקגעפאַלן אויף אַ שטול:

— אוי! נישטאָ מער די יונגע כוחות צום טאַנצן!

— גיי דו נאַרעלע! אַז מען גיט אויס די מיזינקע, טאַנצן די פיס פון זיך אַליין. — האָט איר געענטפערט ר׳ סענדער.

* * *

איין מאָל האָט דר. שוואַרץ צווישן זיינע פּאַציענטן געטראָפן זיצן אין אויפנעמצימער שמואל דוואָרסקין. דער דאָקטער האָט זיך געפילט זייער אומבאַקוועם ווען ער איז אים געזעסן אַקעגן. ער האָט באַטראַכט די נעגל פון זיינע שמאָלע פינגער און געוואַרט וואָס דער פּאַציענט האָט אים צו זאָגן.

— הער דאָקטאָר, — האָט שמואל דוואָרסקי אָנגעהויבן: — אַזוי ווי איך איז אפשר באַקאַנט אַז פריילין פעלאַ שמוקלער איז מיין כלה און מיר גרייטן זיך אין קורצן חתונה האָבן, וואָלט איך אייך געבעטן מיר אויסקונפט געבן איבער איר געזונטצושטאַנד.

— איך קען אייך פאַרזיכערן אַז פריילין שמוקלער איז פולקאָם געזונט און איך באַגריס אייך מיט אייער אויסוואַל.

— איצט וואָלט איך אייך געוואָלט פרעגן בנוגע מיר. — איז דער פּאַציענט געוואָרן פאַרלעגן און דער דאָקטער רויקער.

— פרעגט, מיין ליבער פריינד.

— איר פאַרשטייט, דאָקטער, עס איז אַ סודותדיקע מחלה...

דער דאָקטער האָט אים אונטערזוכט און פעסטגעשטעלט אַז די קראַנקהייט איז אין אַ לייכטער פאָרם. ער האָט אים באַרויקט אַז נאָך עטלעכע איינשפּריצונגען וועט עס איבערגיין.

דער קרומער אַפּטייקער איז געווען אַן אַלטער בחור און אַ הייסער פּוילישער פּאַטריאָט. ווען מען האָט געפייערט דעם 3־טן מיי, דעם פּוילישן נאַציאָנאַלן יום טוב, — דורך דער שטאָט האָט געצויגן די פּראָצעסיע און דער בלאָז־אָרקעסטער פון פייערלעשער האָט געשפּילט פּוילישע מאַרשן און אויבן אָן זענען געגאַנגען דער בירגערמייסטער און אַנדערע הויכע לייט, האָט דער אַפּטייקער נאָכגעהינקען, ווי אַ פאַרשטייער פון די יידן.

לעצטנס האָט דער אַפּטייקער העלער נישט געקאָנט איינרוען. עס האָט אים געפּלאָגט דער נייגיר: פאַר וועמען דאַרף עס דער דאָקטער שוואַרץ זיין צימער? דער דאָקטער, אַ שטאָלצער און זייער אַ באַשעפטיקטער, האָט געהאַט ווייניק פריינד. ער איז קיין מאָל אין אַ זונטיק אָדער שבת זיך

נישט צוזאַמענגעקומען אויף אַ קערטל אָדער קערמעשל. אַפילו זיין אייגענע פרוי פאַרנאַכלעסיקט ער. ער באַגלייט זי קיין מאָל נישט אויף פאַרוויי־לונגען. און דאָ גאָר פלוצעם האָט ער אויסגעבאָרגט ביי אים זיין צימער. אויף זיין פראַגע, האָט ער געענטפערט אַז ער נעמט נישט דאָס צימער פאַר זיך, ער דאַרף עס פאַר אַן אינטימען פריינד און דאָס דאַרף בלייבן אַ שטרענגער סוד. העלער האָט אים צוגעזאָגט צו שווייגן. אָבער מען איז דאָך ניט מער ווי אַ מענטש און מען וויל וויסן פאַר וועמען אַ שטייגער באַשטעלט דער דאָקטער די בלומען? סוף־כל־סוף איז עס דאָך זיין צימער, פאַר וואָס זאָל ער נישט וויסן? האָט ער באַשלאָסן איין מאָל אין אַ ביי־נאַכט נאָכצושפּיאָנירן. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן צווישן די קוסטן און געוואַרט. אָט דערנענטערן זיך אַרום האַלבער נאַכט צוויי געשטאַלטן. אין מאַן האָט ער באַלד דערקענט דעם ד״ר שוואַרץ. ער האַלט אַרומגענומען אַ פרוי. לויטן סילועט פון דער פרוי האָט זי אים אויסגעזען באַקאַנט. וואַרט נאָר, אָט זענען זיי ביי דער טיר, דער דאָקטער לאָזט זי אָפּ כדי אויפצושליסן. זי שטייט אַקעגן אים. פעלאַ. עס איז דאָך פעלאַ, ר׳ סענדערס טאָכטער! פּסיאַקרעוו! ווער וואָלט זיך דאָס געריכט אויף דער שטאָלצער פאַניענקע! איז עס מעגלעך? זי האָט דאָך אַ חתן, זי איז דאָך פאַרלאָבט מיט שמואל דוואָרסקי, דעם סטודענט. אַזוי אָפּצונאַרן אַ חתן! פּסיאַקרעוו נאָך אַ מאָל! אויס קינאה האָט העלער פלוצעם רחמנות געקראָגן אויפן חתן.

די אַפּטייק איז אויך די פאַרפומעריע אין שטעטל. אַהער קומען די יונגע פרויען זיך איינקויפן די אַלע קרעמען, פודרעס און פאַרפומען אָן וועלכע אַ היינטיקע פרוי קען נישט אויסקומען. אָט קומט אַריין טאָקע זי, פעלאַ שמוקלער. דער אַפּטייקער איז איר העפלעך געגאַנגען אַקעגן. ער האָט איר געוויזן דורך דער גלאָזטיר פון שראַנק פאַרשידענע פאַרפומען און אַנדערע טואַלעט־זאַכן, זי קען זיך אויסקלייבן וואָס איר האַרץ גלוסט. אין דער זעלבער צייט קומט אַריין אַ יינגל מיט אַ גרויסן בוקעט פייער־דיקע רויזן.

— אָה, — האָט אויסגערופן העלער דער אַפּטייקער מאַכנדיק זיך נישט זעענדיק פעלאַס רויט ווערן: — איך האָב זייער ליב בלומען, איך באַשטעל מיר אָפט בלומען... (דאָס איז געווען אַ סימן פאַר אים אַז היינט איז דאָס צימער פאַרנומען)...

— צי זענט איר נישט פריילין פעלאַ, נייגעריק צו זען מיין צימער? —
האָט ער פאַר איר ברייט געעפנט די טיר. ווי אַ פאַרברעכער ווען עס
ציט צום אָרט פון זיין פאַרברעך, האָט עס פעלאַן אַ צי געטאָן און זי איז
אַריבערגעטרעטן די שוועל. זי האָט באַטראַכט דאָס אַזוי איר גוט באַקאַנטע,
דאָך פרעמדע צימער.

— זעצט אייך פריילין פעלאַ, — האָט ער איר אָנגעוויזן אויף דער סאָפע.

זי האָט זיך געזעצט אַ פאַרטראַכטע אויף איר אַזוי גוט באַקאַנטער
סאָפע. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן איר, אַרומגענומען איר טאַליע און
איר געוואָלט אַ קוש טאָן.

זי איז אויפגעשפרונגען:

— ווי וואַגט איר?

— וואָס שפּילסטו מיר די צנועה? — האָט דער אַפּטייקער אויס־
געשריגן — דו מיינסט איך ווייס נישט וואָס דאָ קומט פאַר ביינאַכט? וואָס
איז דיר מער דער דאָקטער שוואַרץ? ער איז דאָך טאָפּלט עלטער פון
דיר און ער האָט אַ פרוי!

זי האָט אים אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש און אַנטלאָפן.

— וואַרט, איך וועל דיר אָפּצאָלן! — כאַפּט זיך אָן דער אַפּטייקער
ביי דער באַק. — איי וועט דאָס זיין אַ סענזאַציע אין שטעטל! — רייבט
ער זיך די הענט.

*

דער קיילעכדיקער מאַרק איז אויסגעפּלאַסטערט מיט שטיינער. דאָ
שטייט דאָס ראַטהויז מיטן ברייטן איינפאַרטויער און איבערן טויער, אַ
הויכער טורעם מיט אַ זייגער. אין מיטן העלן טאָג ווערט פאַרקלונגען
אינעם רעש דאָס אויסקלאַפּן די שעהן פונעם זייגער, אָבער ביינאַכט הערט
מען אים דייטלעך און אויפן גלעזערנעם צייפערבלאַט זעט מען אים נאָך: איינס, צוויי,
דריי... דאָ שטייען אויך אַ פּאָר איינשטאָקיקע הייזער און די אַפּטייק, די
איינציקע אַפּטייק אין שטאָט. זי האָט אַ פראָנטאַלע טיר מיט גלעזערנע
שויבן פון וועלכע ס׳שמעקן אַרויס די אַפּטייק־ריחות און מיט די זעלבע
ריחות שמעקט אויך זייער בעל הבית, דער אַפּטייקער העלער.

פאַרנאַכט שפּאַצירט מען אויפן טראָטואַר רונד אַרום דעם מאַרק.
כאָטש אַ קליין שטעטל, זענען די פרויען זייער עלעגאַנט געקליידט. אַ יונגע

פרוי וועט נישט אַרויסגיין אין גאַס אָן אַ היטעלע און אָן הענטשקעס. די נייעסטע מאָדעס ברענגען אַראָפּ יידישע פרויען. ס'העלפט נישט דאָס בעטן זיך פון פאַרהאָרעוועטע טאַטעס: האָט רחמנות! טרייבט נישט אַזאַ לוקסוס. דער שטייער־אינקאַסענט זאָגט מיר: „ביסט נישט קראַנק צו באַצאָלן. זע, ווי דיינע טעכטער גייען רייך אָנגעטאָן. מיר, פאַליאַקן, האָבן נישט פון וואַנען אַזוי אויסצופוצן אונדזערע טעכטער".

אונטער דעם גרויסן לאַמטערן, וואָס אַקעגן דעם אַפּטייק, איז געשטאַנען שמואל דוואָרסקי. ער האָט זיך אונטערגעפייפט, געדרייט מיטן שטעקעלע און געצויגן גאַלאַנט דעם הוט ביי באַגריסן זיך מיט באַקאַנטע.

ס'איז אַרויסגעקומען העלער, דער אַפּטייקער:

— איר קוקט גאָר אויף אַנדערע מיידלעך? מסתמא פאַרברענגט אייער כלה אויך מיט אַנדערע יינגלעך?

— נישט געטראָפן, פעלאַ איז מיד פון די צוגרייטונגען צו דער חתונה, זיצט זי אין דער היים.

העלער האָט שפּאָטיש אַ לאַך געטאָן:

— און קומען צו אַן אַנדערן, וועט זי נישט זיין מיד?

— וואָס האָט איר געזאָגט? — האָט זיך דוואָרסקי געגעבן אַ וואָרף אָן איבעראַשטער.

— שאַ, רעגט אייך נישט אויף. קומט אַריין אין אַפּטייק, וועל איך אייך עפּעס דערציילן.

*

פעלאַ איז געזעסן מיט דר. שוואַרץ אין זייער „גן עדן שטיבל". זי איז געווען באַטריבט און געזוכט ביי אים אַ טרייסט:

— עס קען ווייטער אַזוי נישט אָנגיין די טאָפּל־שפּיל. ווי לאַנג נאָך קען איך נאַרן מיין חתן?

— די הייראַט איז אַ טאָפּ ווו אַלע ליידנשאַפטן ווערן אויסגעקאָכט און מען עסט דערפון דאָס גאַנצע לעבן.

— איך האָב אים נישט ליב און וועל אים קיין מאָל נישט ליב האָבן!

— האָט זי געוויינט, אַ צוגעטוליעטע צו זיין ברוסט.

— וועסט דיך גטן. ביי יידן איז פאַראַן אַ גט.

— מ׳גט זיך נישט אַזוי לייכט. איך זע שוין ווי איר גט זיך מיט אייער פרוי!

ער האָט אָנגעהויבן זי אויסצוטאָן.

— וואָס אייך פאַלט איין, איך בין אַזוי אומגליקלעך...

— זיי אַ גוט מיידעלע...

זי האָט אים פאַרוואָרפן די הענט אויפן האַלדז און געשעפּטשעט מיט פאַרמאַכטע אויגן:

— איך האָב דיך אַזוי שטאַרק ליב!

ביים פאַרלאָזן דאָס שטיבל האָבן זיי נישט באַמערקט אַז צוויי פּאָר אויגן שפּיאָנירן זיי נאָך.

— לאָז מיך! — האָט דוואָרסקי זיך צו זיי געריסן.

העלער האָט אים צוריקגעהאַלטן:

— דער שטאַרקער דאָקטער קען פון דיר מאַכן קרעפּל־פליש.

— ווען איך האָב אַ רעוואָלווער דערשיס איך זיי ביידע ווי הינט אויפן אָרט! — האָט דער אָפּגעגאַרטער חתן דעקלאַמאַטאָריש אויסגערופן.

— שווייג! איך האָב געגעבן דר. שוואַרץ מיין ערנוואָרט נישט צו דערציילן. אָבער דיר מיין פריינד האָב איך געוואָלט עפענען די אויגן, זאָלסט זיך אַליין איבערצייגן אין דער געטריישאַפט פון דיין כשר כלהלכל...

*

פרייטיק פאַרטאָג, ווען עס שיינען נאָך די שטערן אויפן הימל, שטייגן אַרויף געדיכטע רויכן פון די קוימענס איבער די דעכער פון יידישע הייזער. די ווייבער הייצן דעמאָלט אויס די אויוונס. שטיל, כדי נישט אויפצוועקן דאָס בני בית, פאָרען זיך די מאַמעס בריהש אין די קיכן. זיי פאַרקנעטן דאָס קאָרנברויט פאַר דער גאַנצער וואָך, פלעכטן אויס מיט זיבן פלעכטן די ווייסע חלות אויף שבת, מאַכן אַ בולקע־פלאַץ מיט צוועלף בולקעלעך, לכבוד די צוועלף שבטים. אייערקיכלעך צום פאַרבייסן אויף שבת נאָכן דאַווענען. אַ מילכיקן קוקורוזעניק, אַ קאַרטאָפל־בולבעניק, און אַ פלאַמפלעצל באַשיט מיט זאַלץ. ווען די בני בית שטייען אויף אין דער פרי, טרעפן זיי שוין אַ הייסן קוקורוזעניק און מילכיקע קנישעס געפילטע מיט הרעטשענע קאַשע אָדער מיט קעז און גרינע ציבעלקעס. איבערן שטעטל צעטראָגן זיך די געשמאַקע ריחות פון דעם פרישן געבעקס.

פענצטער און טירן זענען צעפּראַלט, עס הענגען אין דרויסן צום לופטערן בעטגעוואַנט, טעפּיכער, מען קלאַפּט, מען שייערט, מען רייבט דילן, טאַפּטשאַנעס, צום מיטאָג ווערט געגעסן אַ הייסער באַרשט מיט בולבעניק און אין פרייטיקדיקן ראַסלפלייש ווערט געטונקען בולקע. פאַרנאַכט ליגט דאָס שטעטל אַ זויבערס, מיט בלאַנקנדיקע פענצטער און פאַרקערטע הייף. די מאַמעס, איבערגעטאָן אין אַלטמאָדישע לאַנגע קליידער, אַרומגעבונדן מיט ווייסע פאַרטעכער לכבוד שבת, שטעלן זיך בענטשן ליכט. פאַר יעדן נייגעבוירענעם קינד צינדן זיי אָן נאָך אַ ליכטל, קוים וואָס זיי נעמען אַרום מיט זייערע הענט די אַלע פלעמלעך — „און לייכטן זאָלן מיינע קינדערס מזלים ווי די ליכטלעך!‟ — פאַרענדיקן זיי מיט אַ יידישע ברכה נאָך די אַלע ברכות און נעמען אַוועק די הענט פון די פאַרטרערטע אויגן. עס האָבן אויפגעבליצט ליכטלעך אין די פענצטער ווי שטערנדלעך אין הימל, און מאַכט זיך אַ מאָל אַ יונג ווייבעלע האָט נאָך נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן די צוגרייטונגען, קלאַפּט איר אָן אַ גוטע שכנה:

— ווייבעלע, דער שמש האָט שוין געקלאַפּט „אין שול אַריין‟, בענטש ליכט!

טעמע איז געזעסן ביים ווייס־פאַרשפּרייטן טיש. זי האָט אַזאַ טבע אַז נאָך ליכט בענטשן זעצט זי זיך ביים טיש אָפּרוען. פעלאַ איז געשטאַנען ביים קאַמין מיט די קאָלירטע קאַכלעס און זיך אָפּגעשפּיגלט אינעם אַקעגנ־איבערדיקן שפּיגל אין דער פאַרגילדעטער רעם. זי האָט געפילט אַן עקל צו זיך און צו ד״ר שוואַרץ. זי איז מקנא איר מאַמע, וועלכע קוקט מיט פרידלעכן, מידן שמייכל אויף די שיינענדיקע ליכט אין די זילבערנע לייכטער, אויפן קידוש־וויין אין דער קרישטאָלענער קאַראַפקע וועלכע שפּיגלט זיך אָפּ רויטלעך אינעם זילבערנעם בעכער, אויף די חלות איבער־געדעקט מיטן אויסגענייטן חלה־טישטעכל, וועלכעס זי האָט אויסגענייט נאָך כלהווייז. די פאַרהאָרעוועטע הענט וואָס אַרבעטן אַ גאַנצע וואָך אָן אָפּרו, רוען איצט אָפּ צוזאַמענגעלייגטע אויפן ווייסן פאַרטעך. אין שענק איז איצט שטאָק־פינצטער. זי איז פאַרשלאָסן ביז זונטיק אינדערפרי. אויף דער טיר און פענצטער זענען אַראָפּגעלאָזט די לאָדן און פאַרלייגט מיט שווערע שטאַבעס.

ס׳איז אָנגעקומען דער פאָטער מיט אַ ברייטן „גוט שבת‟.

אויסטועענדיק די ראַזעוואָלקע, האָט ער זיך אונטערגעברומט דעם רבינס ניגון. עס האָט זיך צעטראָגן זיין קול־נגינה אין „שלום עליכם" און אין „אשת חיל מי ימצא". דערנאָך האָט ער מיט פאַרמאַכטע אויגן, האַלטנדיק דעם פולן בעכער ראָזשינקע־וויין, וואָס זיין ווייב טעמע שטעלט אין יעדן דאָנערשטיק, זיך שאָקלענדיק פרום, געמאַכט קידוש: „יום הששי ויכלו השמים והארץ"...

טעמע האָט פרום צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און נאָך יעדן פּסוק געזאָגט: „אמן".

ביים דערלאַנגען פעלאַן קידוש, האָט דער פאָטער אַ זאָג געטאָן:

— אים ירצה השם, איבער צוויי וואָכן וועט דיר דיין מאַן דערלאַנגען קידוש.

— ווי־דען? מיטן אויבערשטנס הילף! — האָט באַשטעטיקט די מאַמע.

ביים טועם זיין די פאַרקילטע פיש, האָט ר' סענדער געזאָגט:

— זאָלן אַזוי געראָטן די פיש אויפן פאַרשפּיל איבעראַכטאָג, ווי די דאָזיקע. איך האָב פאַרבעטן דאָס גאַנצע מנין מיטן רב אויף קידוש.

— מיטן אויבערשטנס הילף! ס'וועלן אויך נישט פעלן קיין גוטע קוגלען, געשיטע און געוואַלגערטע, געפעפערטע און זיסע, אַפילו אויב דו ווילסט אַ וויינקן, זיס־זויערן איינגעמאַכטס־קוגל.

פעלאַ האָט קוים אָפּגעוואַרט מען זאָל שוין אָפּבענטשן, זי זאָל קענען אַנטלויפן אין איר צימער.

שבת ביים טיש האָט געהערשט אַ געדריקטע שטימונג. כאָטש ר' סענדער האָט געזונגען זמירות ווי יעדן שבת, דאָך האָט אין זיי געפעלט דער נחת רוח ווי שטענדיק. טעמע האָט באַלד באַמערקט אַז ער איז געקור־מען אַן אומצופרידענער פונעם דאַווענען, דאָך האָט זי גאָרנישט געפרעגט, נישט געוואָלט פאַרשטערן די מנוחה פון שבת. אויך זי האָט געהאַט אַ שווער געמיט. אויפגעשטאַנען איז זי דווקא אַ צופרידענע. שבת פאַרגינט זי זיך לענגער צו ליגן אין בעט, נישקשה, דער מלאך קאָכט און פרעגלט אויס דאָס עסן אין טשאָלנט מיט טויזנט טעמים. שול־צייט האָט זיך טעמע אוועקגעזעצט אויף דער באַנק פאַרן שענק. געקלערט אַז באַלד וועלן אַרויסקומען די שכנות און מען וועט כאַפּן אַ שמועס. אָבער קיינער האָט

זיך נישט באַוויזן. אָט קומט אַרויס די שכנה מלכה, זי וואַרפט איר צו אַ שנעלן:

— גוט שבת טעמע! — און לויפט אַריין צו דער פרוי פעלק. געקלערט האָט טעמע אַז זיי וועלן באַלד ביידע אַרויסקומען, אָבער עס גייט אַוועק אַ שעה און נאָך אַ שעה און קיינער קומט נישט אַרויס. ווערט איר נימאס דאָס זיצן אַליין און זי גייט אַריין איינהאַקן די ציבעלע מיט לעבער.

ר׳ סענדער האָט אַרייגענומען די באָרד צווישן צוויי פינגער און פאַרקלערט אַרויפגעקוקט צו דער סטעליע.

— די יויך ווערט קאַלט, — האָט אים טעמע דערמאָנט.

ער האָט אַרייגעשטעקט דעם לעפל אין דער געשמאַקער טשאָלנט־יויך מיט הרעטשענע קאַשע און בעבעלעך, אָבער עס האָט זיך היינט נישט געגעסן.

— הערסטו, עס געפעלט מיר נישט דאָס היינטיקע אויפפירן זיך פון די יידן.

— וואָס, מען האָט זיך ווידער געקריגט איבער די עליות? — האָט טעמע געפרעגט.

— נישט דאָס. צו מיר האָט מען זיך מאָדנע באַנומען. מען האָט זיך געשושקעט, אייניקע האָבן באַדויערנדיק געשאָקלט מיט די קעפּ אין מיין זייט, אַנדערע האָבן באַהאַלטן אַ שמייכל צווישן באָרד און וואָנצעס.

טעמע האָט שוין אויך אַוועקגעלייגט דעם לעפל. אַ קאַלטע רייף האָט זיך איר געלייגט אַרום דער ברוסט. פעלאַ האָט געפלאַמט ווי אַ מאָן־בלום, זי האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ צום טעלער און שנעל, שנעל געגעסן. אַלע האָבן געפילט אַז עפּעס אַ שוואַרצע כמאַרע זעצט זיך איבער זייערע קעפּ און באַלד וועט אויסברעכן דער שטורעם.

לאַנג האָט זיך היינט פאַר טעמען געצויגן דער שבת. זי האָט שוין אָפּגעזאָגט די „צאינה וראינה״, זיך צוגעלייגט שלאָפן; אומזיסט האָלט זי דעם הייסן טשייניק אין אויוון, קיין איינציקע שכנה קומט נישט אַריין אויף אַ גלעזל טיי מיט צובייסעכץ.

פאַרנאַכט זיצט טעמע ביים פענצטער. די פאַרגייענדיקע זון וואַרפט אָן אַן אומעט. טעמע שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ — אַ גוט אויג איז אַריין אין מיין שטוב. נישט באַדאַרפט אַרויסווייזן אַזוי פיל מיין פרייד. אין שטאָט

הערשט דער דלות, אין אַ סך שטיבער פעלט אַ שטיקל ברויט צו דער זעט און איך פּראָוועַ אַ חתונה מיט אַלעם גוטן. גאָטעניו געטרייער! פאַרשטער מיר נישט די שמחה! שרעק מיך, אָבער שטראָף מיך נישט! לאָמיך האָבן מיטן היינטיקן טאָג אָפּגעקומען! זי האָט געגעבן אַ קוק צום הימל און איבערציילנדיק עטלעכע שטערן, האָט זי געגעבן אַ וויש די האַנט איבער דער שויב און אָנגעהויבן צו זאָגן מיט אַ ניגון:

— גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב באַהיט דיין ליב הייליק פאָלק ישראל, אַז דער ליבער הייליקער שבת קודש גייט אַוועק, זאָל צו אונדז קומען די ליבע פולע וואָך — — —

פעלאַ זיצט ביים קאַמין דעם קאָפּ אין די הענט פאַרגראָבן. די טונקל־קייט נעמט זי אַרום ווי דער מאַמעס גרויסע שאַל אין ווינטער, ווען די מאַמע פלעגט זי קליינערהייט אַרומהילן און צו זיך דריקן. דער מאַמעס מאָנאָטאָנע אויסגעצויגענע ווערטער קלינגען איר אָנגענעם אין די אויערן.

— — — און זאָל צו אונדז קומען די ליבע פולע וואָך צו געזונט, צו פרנסה, צו עושר, צו כבוד, צו אַריכות ימים, מיט בשורות טובות וישועות ונחמות. אַ גוטע וואָך, אַ פריילעכע וואָך, אַ מזלדיקע וואָך אויף אַלע גוטע פריינד און אויף כל ישראל, אָמן!...

פעלאַ וואָלט געוואָלט אַז צו איר זיצן דאָ אין דער פינצטער זאָל גאָר קיין סוף נישט נעמען. נישט דאַרפן זיך אויפהייבן, נישט קלערן, נישט דאַרפן וויסן וואָס ס'וועט זיין שפּעטער. אָבער די מאַמע, אָפּזאָגנדיק דריי מאָל „גאָט פון אברהם”, האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און געזאָגט:

— אַ גוטע וואָך!

באַלד איז אויך אָנגעקומען דער טאַטע:

— אַ גוטע וואָך, אַ פריילעכע וואָך, — האָט ער זיי באַגריסט ווי שטענדיק.

— גוט וואָך, אַ גוט יאָר! — האָט אים געענטפערט זיין ווייב. זי האָט נאָר אַ קוק געטאָן אויף אים, האָט זי באַלד געזען אַז זיין שטערן האָט זיך נישט נאָר אויסגעגלייטערט, נאָר להפך, דער קנייטש צווישן די ברעמען איז נאָך טיפער געוואָרן. פעלאַ איז נאָך אַלץ געזעסן אין דער זעלבער פּאָזע, דעם קאָפּ איינגעגראָבן צווישן די הענט.

— פייגעלע, — זאָגט דער פאָטער: — האַלט די ליכט צו דער הבדלה.

האַלט זי הויך די געפלאַכטענע וואַקסענע ליכט. נאָך אַלס קינד האָט מען איר געזאָגט: „האַלט הויך די ליכט, וועסטו האָבן אַ הויכן חתן". האַלט זי אַזוי לאַנג די ליכט ביז דער פאָטער נעמט זיי בײַ איר צו און פאַרלעשט זיי אין דעם ביסל פאַרגאָסענעם ווײַן אויפן טיש און כאַפּט די פּליסיקייט אין אַלע קעשענעס אַרײַן, — אַ סגולה צו לייזן געלט אין דער וואָכן. נאָך דער מלוה מלכה מיט באָרשט און געפילטע העלדזלעך און פּופּעקלעך, איז פעלאַ אַרײַנגעגאַנגען צו זיך אין צימער, זיך איבערטאָן צום באַל וואָס קומט היינט פאָר אין סטודענטן־קלוב. די עלטערן זענען נאָך געבליבן זיצן אַ ווײַל בײַם טיש. ר׳ סענדער קוקט אַרויף צום גרויסן בליך־לאָמפּ און קלאַפּט מיט די פינגער אויפן טיש:

— עפּעס ווייסט די שטאָט, וואָס מיר ווייסן נישט...

— קאָן זײַן. מיך וווּנדערט נאָר פאַר וואָס מען זעט נישט שוין אַ צוויי טעג דעם חתן.

— אפשר וויל ער נישט די כלה, ווײַל רכילותניצעס האָבן אים זיכער צוגעטראָגן אַז זי איז קראַנק געווען?

— וואָס עפּעס גאָר פּלוצעם?

— וואָס דען איז פּלוצעם געשען? פאַרוואָס וויכן פון מיר יידן? כ׳האָב חלילה עמעצן באַגנבעט אָדער עמעצן אָנגעזעצט?

טעמען האָט פאַרקלעמט בײַם האַרצן, אים, דעם בכבודיקן, אָפּגעהיטן חסיד האָט מען פוגע בכבוד געווען, פאַר וואָס?! רבונו של עולם, שטראָף מיך, זאָל עס אויסגיין צו מײַן לייב און לעבן און שאַנעווע ר׳ סענדערן, דעם הייליקן כשרן ייד! זי האָט געפילט אַז זי ברעכט באַלד אויס אין אַ געוויין, האָט זי זיך אויפגעהויבן און אַרײַנגעגאַנגען צו איר טאָכטער.

פעלאַ האָט געקליבן צווישן אירע קליידער. זי האָט היינט געוואָלט אויסנעמען, זי מוז פאַר יעדן פאַל אָפּהיטן איר נאָמען, ס׳גייט איר נישט אין זיך, נאָר אין אירע עלטערן, דער טאַטע, רבונו של עולם, דער טאַטע! ער טאָר נישט געוואָר ווערן, זי וועט אָפּהאַקן מיטן דאָקטער, אָפּראַטעווען איר נאָמען, אַזוי לאַנג ווי עס איז נאָך נישט צו שפּעט... און אפשר איז שוין צו שפּעט? דער אַפּטייקער, העלער דער פאַסקודניאַק האָט אפשר שוין צעפּויקט? כאָטש ד״ר שוואַרץ האָט זי באַרויקט אַז דער אַפּטייקער וועט נישט דערציילן.

טעמע פרעגט ביי איר טאָכטער: — פאַר וואָס זעט מען נישט שמואלן שוין עטלעכע טעג?

— וואָס ווייס איך?

— ווער דען זאָל וויסן?

— עט, מאַמע, ער האָט געוואָלט קומען, איז ער געקומען, וויל ער נישט קומען, זאָל ער זיצן אין דער היים!

טעמע קען איר פייגעלען, זי ווייסט אַז מען טאָר זי נישט אויפרעגן, פרעגט זי נאָך:

— וווהין קלויבסטו דיך?

— אויפן באַל.

— שמואל וועט דיך קומען נעמען?

— ווי ער וויל. אַז נישט וועל איך גיין אַליין.

טעמע איז זיפצנדיק אַרויסגעגאַנגען. שווער צו פאַרשטיין הייַנטיקע קינדער. פעלאַ האָט היינט מיט מער אויפמערקזאַמקייט, ווי שטענדיק, געמאַכט איר טואַלעט. זי האָט אָפּגעלייגט די לאָקן אויפן קאָפּ, פאַרדרייט זיי אויפן נאַקן אין אַ באַנאַנע און נערוועז געפּודערט דאָס נעזל. שוין אַ פאַרטיק אָנגעטאָענע, האָט זי געגעבן אַ פאַרוואָרף דעם קאָפּ אין שפּיגל און זיך קריטיש באַטראַכט. די פריזור איז איר נישט געפעלן, זי האָט געגעבן אין איין זייט אַ פאַרשאַר די האָר אונטערן אויער און אין דער אַנדערער זייט אָפּגעלייגט די לאָקן איבערן שטערן, כמעט ביזן אויג, פאַרדעקנדיק דעם אויער מיט אַ האַלבער באַק, אַזוי איז עפעקטפולער — ווער וועט זיך פאַרמעסטן מיט פעלאַ שמוקלער? זי האָט נישט געוואָגט זיך אָנצורופן ר׳ סענדערס מיזינקע, ניין, זי איז נישט ראוי דעם נאָמען. — זי האָט פאַרביסן די ליפּן און אַראָפּגעשלונגען די טרערן... אַ פאַרטיק אָנגעטועגע איז זי אַרויסגעקומען פון איר צימער.

— דו גייסט טאַקע אַליין? — האָט טעמע פאַרזאָרגט געפרעגט.

— מאַמע, עס האָבן זיך שוין געענדיקט די צייטן, ווען מיידלעך האָבן געדאַרפט האָבן אַ באַגלייטער. — האָט זי געענטפערט, אַרויפציִענדיק די געפּאַסטע הענטשקעס.

— אָבער, מען האַלט צווי וואָכן פאַר אַ חתונה און דו גייסט אָן דעם חתן?

— פאַר אַ חתונה, נאָך אַ חתונה, מ'איז תמיד אַ פרייער מענטש.

פאַר דער מאַמען האָט זי אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקייט, אָבער אין האַרצן האָט עס איר אַליין געאַרט פאַר וואָס שמואל קומט זי נישט נעמען.

דער זאַל איז שוין געווען פול מיט מענטשן. זי איז אַ מינוט שטיין געבליבן אויף דער שוועל. שמואל דוואָרסקי איז געשטאַנען צווישן אַ גרופּע מיידלעך. ער האָט זיך געמאַכט אַז ער באַמערקט זי נישט. פעלאַ האָט ווי געוואַרט ער זאָל איר אָקעגנגיין. די מענער האָבן זי באַטראַכט אַ ביסל שפּאַטיש, מיט אַ פאַרבאָרגן שמייכעלע. אָבער דאָך באַוווּנדערט איר שיינקייט. זי האָט געטראָגן אַ הימלבלוי זיידנקלייד. דאָס שמאָלע לאַנגע קלייד האָט ווייך אַרומגענומען אירע געטאָקטע גלידער, געטריי אָנטפּלעקט זייערע גראַציעזע פאָרמען. פּונקט אַזוי בלוי גלאַנצנדיק זענען געווען אירע אויגן, וואָס האָבן מיט אַ סאַמעט־ווייכן בליק אונטער די לאַנגע וויעס אַרומגעקוקט דעם פאַרזאַמלטן עולם. אויף דעם קלייד האָט זי געטראָגן אַ קורץ זשאַקעטל פון גאָלד־לאַמע וואָס האָט געשימערט און געגלאַנצט ווי אירע האָר.

אַנשטאָט שמואל דוואָרסקי, איז צו איר צוגעקומען מיכאל פּאַוולאָוויטש. זי האָט זיך מיט אים פריינדלעך באַגריסט און לאַנגזאַם מיט אים געשפּרייזט איבערן זאַל. זי איז צוגעקומען צו אַ גרופּע מיידלעך, אירע שול־חברטעס. די מיידלעך וועלכע האָבן פריער לוסטיק געפּלוידערט, זענען אַנטשוויגן געוואָרן און זיך אַנגעהויבן צו דערוויטערן פון איר. דער אָרקעסטער האָט געשפּילט. פּאַוולאָוויטש האָט זי פאַרבעטן צום טאַנץ. דוואָרסקי טאַנצט מיט בערטאַ פיינשטיין. זי איז עלטער מיט אַ פּאָר יאָר פון אים, נאָר וואָס מאַכט עס אויס? זי זוכט אַ חתן. פעלאַ ווייסט אַז אויב זי וויל ראַטעווען איר רעפּוטאַציע, דאַרף זי זיך באַווייזן פאַר מענטשן צוזאַמען מיט איר חתן. ביי אַ טישל צווישן עטלעכע פוילישע אָפיצירן, זיצט די פּאַני דאָקטאָ־ראָוואַ שוואַרץ. זי באַטראַכט פעלאַן פון אויבן ביז אַראָפּ דערשטוינט, אַ ביסל מיט שפּאָטישע בליקן... צי ווייסט זי שוין אויך? נאָכן טאַנץ האָט זי פּאַוולאָוויטש צוגעפירט צו אַ טישל. עס האָבן זיך באַלד געבן איר אַוועק־געזעצט העלער, דער אַפּטייקער און נאָך צוויי אָפיצירן. די אָפיצירן האָבן פון איר נישט אַראָפּגענומען די אויגן.

— פרייליין שמוקלער — האָט געזאָגט העלער: די הערן בעטן מיך

איך זאָל זיי פּאַר אייך פאַרשטעלן, זיי חלשן זיך צו באַקענען מיט אייך, דער שענסטער אין שטעטל.

די הערן האָבן באַשטעלט משקה. זיי האָבן איר אָנגעגאָסן אַ גלעזל. זי האָט געמוזט מיטטרינקען. און וואָס פּאַר אַ קלעם איז זי דאָ אַריין? צי קומט נישט איר חתן זי אַרויסנעמען? ווידער האָט זיך אויף איר מרחם געווען פּאַוולאָוויטש. ער האָט זי פאַרבעטן צום טאַנץ. די מוזיק האָט געליאַשטשעט און באַרויקט דאָס געמיט. פעלאַ האָט לייכט געוויגט מיט די אַקסלען צום טאַקט. זי האָט געהאַט אויסגעטאַן דאָס זשאַקעטל און געטאַנצט מיט נאַקעטע אָרעמס, מיט אַ טיפן אויסשניט אויפן רוקן. די אָפיצירן זענען צו זיי צוגעקומען:

— פּאַניע פּאַוולאָוויטש, דערלויבט אונדז אויך צו טאַנצן מיט דער פּאַננאַ פעלאַ.

— אַנטשולדיקט. איך בין מיד, פריינד פּאַוולאָוויטש, איך בעט אייך פירט מיך אַרויס אין גאָרטן. — האָט שנעל אַ זאָג געטאָן פעלאַ.

זי האָט באַמערקט שמואלן אַרויסגיין מיט בערטאַן. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט פּאַר זיי. פּאַוולאָוויטש האָט פאַרפירט אַ שמועס מיט בערטאַ און זיך מיט איר דערווייטערט. פעלאַ איז געבליבן אַליין מיטן חתן. זי האָט אים אָנגענומען ביים אָרעם. ער האָט לייכט אָפּגעטרייסלט איר האַנט.

— דו ביסט מיט מיר ברוגז? זאָל זיין! נאָר פּאַר מענטשן בעט איך דיך, ווייז נישט אַרויס.

— דו ווילסט איך זאָל דיר זיין אַ דעקמאַנטל?

— איך פאַרשטיי נישט וואָס דו מיינסט. נאָר צוליב מיינע עלטערן, בעט איך דיך, פאַרשעם מיך נישט פאַר מענטשן.

— האָסט זיי געמעגט פריער אין זין האָבן!

— איך זע אַז דו ווייסט... נו, איך בין געווען קראַנק, משוגע ווילד. ער האָט אויף מיר געווירקט ווי אַ היפּנאָז.

— דייך זאַך. אָבער מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָסטו מיך גענאַרט? ווען איך וואָלט עס נישט געוואָר, האָסטו דאָך מיט מיר חתונה.

— די עלטערן האָבן אַזוי געוואָלט און נישט איך.

— צווישן אונדז האָט זיך אַלץ געענדיקט.

פעלאַ איז בייז געוואָרן:

— דו מיינסט, איך ווייס נישט? דו מעגסט און איך נישט?

— וואָס מער מען שעפּט פון אַ ברונעם, ווערט ער ריינער און שפּייט מען אין אַ ברונעם, ווערט ער פאַראומרייניקט! — האָט ער ציטירט ערגעץ פון אַ ביכל אַן אַרויסגעלייענטן זאַץ. — דאָס וואָס עס מעג זיך דערלויבן אַ מאַן, טאָר קיינמאָל נישט אַ פרוי!

ער האָט איר אַראָפּגעלאָזט אַ פייערדיקן פּאַטש און פּונקט אויף דער אַנטבלויזטער באַק, ווו זי האָט געהאַט פאַרשאַרט די האָר אונטערן אויער. זי איז מיט אַן אויסגעשריי אַנידערגעפאַלן. ער האָט צו איר אַראָפּגעטייטלט מיטן פינגער:

— די געזעלשאַפט וועט דיך אויסשפּייען און די גאַס וועט דיך צעטרעטן! האָט ער איבער איר דעקלאַמאַטאָריש געדונערט.

פאַוולאָוויטש האָט צוגעאיילט און געהאָלפן פעלאַן אויפשטיין. בערטאַ האָט צערטלעך געזאָגט צו שמואלן: — באַרויקט זיך ליבער הער! — און אים געאָרעמט אַוועקגעפירט. מענטשן האָבן זיך צו זיי דערנענטערט.

— פירט מיך אַהיים! — האָט פעלאַ געשלוכצט, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף פאַוולאָוויטשעס אָרעם.

טעמע האָט קיין אויג נישט צוגעמאַכט. זי איז געלעגן און זיך איינגעהערט. דערהערנדיק טריט, איז זי אַראָפּגעלאָפן, געעפנט די טיר נאָך איידער זיי האָבן אָנגעקלאַפּט. דערזעענדיק זי אָנקומען מיט אַ מאַן, האָט זי דערלייכטערט אָפּגעאָטעמט, אָבער ס׳איז נישט געווען דער חתן, נאָר דער שייגעץ, דעם וואַיט פאַוולאָוויטשעס זונדל.

— אַ גוטע נאַכט פעלא, — הערט זי אים זאָגן, — און מאַך דיר נישט קיין זאָרגן.

— אַ גוטע נאַכט און אַ דאַנק!

טעמע האָט מיטן לאָמפּ אין דער האַנט אַריינגעלויכטן פעלאַן אין איר צימער. ערשט דאָ האָט זי באַמערקט פעלאַס פאַרוויינט פּנים און איר פאַרפלאַמטע, אויפגעלאָפענע באַק. פעלאַ האָט זיך געגעבן אַ וואָרף אויפן געלעגער, וואָס די מאַמע האָט שוין געהאַט פאַר איר אויסגעבעט און זיך צעוויינט.

— גאָט איז מיט דיר! פאַר וואָס וויינסטו? זע, ווי דו מאַכסט אַ תל פונעם נייעם קלייד! שאַ פייגעלע, דו וועסט אויפוועקן דעם טאַטן! —

זי האָט זיך נעבן איר אָוועקגעזעצט, זי געגלעט איבער דער פּלייצע: — רבונו של עולם! וואָס איז דאָ געשען? פאַרוואָס וויינסטו קינד? — און זי האָט זיך אַליין צעוויינט. זי האָט געפילט אַז דאָס איז דער המשך פון דעם פאַרשטערטן שבת וואָס זיי האָבן געהאַט און אַ שווערע צרה רוקט זיך אויף זיי אָן, אַ צרה וואָס זי קען נאָך נישט באַנעמען. דער מאַמעס צעוויינען זיך האָט נאָך מער דערדריקט פעלאָן:

— איך בעט דיך, מאַמע, לאָז מיך, גיי לייג זיך, לאָז מיך אַליין.

— אָבער איך בין דאָך אַ מאַמע איך דאַרף דאָך וויסן, ווער האָט דיך געשלאָגן? דיין חתן? דאָס ווילע תכשיטל?

פעלאַ האָט שלוכצנדיק געמאַכט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— זיכער האָט ער עפּעס אָקעגן דיר. אָבער שלאָגן מיין קינד? פאַרשעמען צווישן מענטשן? ניין! דאָס וועל איך נישט דערלאָזן!

— מאַמע, גיי לייג דיך, דער טאַטע קען נאָך דערהערן!

— יאָ, אַ צרה איז גוט איבערצושלאָפן, דעם אַנדערן טאָג האָט זי אַן אַנדערע צורה. — זי האָט זיך אויפגעהויבן: — וויין נישט קינד. אַ גוטע נאַכט.

טעמע איז נישט געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט. אינדערפרי האָט זי נישט אָפּוואַרטנדיק ר' סענדער זאָל אַהיימקומען פון דער מקווה, נאָר פאַרקניפּט פעסטער די פאַטשיילע אונטער דער גאָמבע, פאַרוואָרפן די שאַל אויף די פּלייצעס און אַוועק צום מחותן — איין מאָל פאַר אַלע מאָל וויל זי דאָ דערגיין אַ טאָלק! —

זי האָט אויפגעמאַכט די טיר פון דער קיך און געטראָפן איר מחותנתטע זעלדע פייער מאַכן.

— אַ גוט מאָרגן אייך, מחותנתטע. — האָט זי זי באַגריסט.

— גוט מאָרגן, אַ גוט יאָר! — האָט זעלדע ברוגזלעך געענטפערט, נישט אומקוקנדיק זיך, נישט אונטערברעכנדיק דאָס פייער לייגן. אַזוי ווי זי האָט זי נישט פאַרבעטן זיצן, האָט טעמע מיטן עק שאַל געגעבן אַ וויש אַ ברעג באַנק און זיך אַוועקגעזעצט. זעלדע האָט נישט געקוקט אין איר זייט, אַנגעבויגן צום פייער, האָט זי פאַריכט די טרוקענע שפּענדלעך צום אָנברענען.

— עפּעס אַ שוואַרצע קאַץ איז דורכגעלאָפן צווישן אונדזערע קינדער.

— אַ מאַמע דאַרף אָפּהיטן איר טאָכטער.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ רייד זעלדע׳לעבן, איך בין געקומען זיך באַקלאָגן אויף אייער זון, קומט נאָך איך אַרויס?

זעלדע האָט זיך אויסגעגלייכט אין איר גאַנצער לענג, פאַרלייגט אַ האַנט פאַדבאָקעם:

— אויף מיין זון? אויף מיין שמואלן זענט איר זיך געקומען באַקלאָגן?

— יאָ! ער האָט איר אַ פּאַטש געטאָן, זי פאַרשעמט צווישן מענטשן.

— גלייך האָט ער געטאָן. דערהרגענען דאַרף מען אַזאַ מויד!

— זעלדע, גאָט איז מיט אייך! איר ווייסט כאָטש וואָס איר רעדט?

— נישט וויסן זאָלן מיינע שונאים פון זייער לעבן, איך וויס שוין יאָ וואָס איך רעד.

טעמע האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ:

— מחותנתטע, זעלדע׳קרוין! פאַר וואָס? פאַר וואָס קומט מיין קינד צו שלאָגן און ער זאָל נאָך בלייבן דער גערעכטער?

— דאַכט זיך מיר טעמע אַז איר ווייסט נישט ווער עס האָט אייך געשלייערט. נאָר אַ בראָך צו דער מאַמען, וואָס האָט דאָס דערלעבט.

טעמען האָט באַשלאָגן אַ חלשות:

— ציט מיר זעלדע נישט אַרויס די נשמה, זאָגט שוין וואָס איז געשען?

— איר ווילט שוין יאָ וויסן? אייער טעכטערל קומט זיך צוזאַמען מיטן ד״ר שוואַרץ ביינאַכט אין אַפּטייקערס שטוב.

טעמע איז געבליבן זיצן ווי פאַרשטיינערט, דערנאָך האָט זי זיך גע־געבן אַ ריס פונעם אָרט:

— ס׳אַ ליגן! אַ ליגן! איר מאַכט אַ בלבול אויף מיין קינד, אַנזעצערס וואָס איר זענט! איר זוכט נאָך מער געלט אויסצופּרעסן, ווייל מען האַלט פאַר אַ חתונה!

— ווערט דערוואָרגן מיט אייער חתונה און מיט אייער טעכטערל אין איינעם! זע נאָר, אַנזעצערס רופט זי אונדז גאָר! דאָס טעכטערל האָט אין ווען צו געראָטן!

— פאַר וואָס זאָגט איר אַזאַ געמיינעם ליגן אויף מיין קינד?

— ס׳איז נישט קיין ליגן, פרעגט דעם אַפּטייקער. פרעגט די גאַנצע שטאָט.

— ס׳איז אַ געמײנער בלבול װאָס שונאים, נישט פאַרגינערס האָבן אויסגעטראַכט. זעלדע׳קרוין, װאָס טוט זיך דאָ? מ׳האָט דאָך שוין אַלץ אָנגעגרייט צו דער חתונה!

— שמירט אייך דעם קאָפּ מיט אייער התונה... נאָך היינט, לאָזן מיר אָפּ דעם שידוך!

— און דער נדן? גיט צוריק דאָס שווער פאַרהאָרעוועטע געלט!

— דאָס געלט זאָל מען צוריקגעבן? באַצאָלט נאָך דעם חתן פאַר דער חרפּה װאָס איר האָט אים אָגעטאָן!

— ס׳איז אַ בלבול! איר הערט? מ׳טאָר נישט אויסטראַכטן אַזאַ בלבול אויף אַ ײדישער טאָכטער! מ׳טאָר נישט! איר װילט אָפּלאָזן דעם שידוך און צוראַבעװען דאָס געלט? נעמט! אָבער אַזאַ זאַך זאָלט איר אויף מײן קינד נישט אויסטראַכטן!

פּלוצעם האָט זי זיך אײנגעבראָכן. זי איז אַנידערגעפאַלן אויף דער באַנק און פאַרגראָבנדיק דאָס פּנים אין פאַרטעך, זיך ביטערלעך צעװײנט. די פאַטשײלע האָט זיך איר אַרונטערגערוקט, אַנטבלויזנדיק די גראָע האָר, שאָקלענדיק זיך מיט אַ האַלבן קערפּער האָט זי געקלאָגט:

— סענדער! — האָט זי געגעבן אַ קװיטש און פאַרבראָכן מיט די הענט: — זײַן מיזינקע! ער װעט עס נישט אויסהאַלטן.

זעלדע, אויף איר קוקנדיק, האָט פאַרגעסן אַז זי האָט פאַר אַ װײַל געזידלט, זי האָט זיך נעבן איר אַװעקגעזעצט אויף דער באַנק און מיט איר צוזאַמען געװײנט און געקלאָגט:

— אוי, אַ בראָך אַ גרויסער דער מאַמען! װײ דער מאַמען װאָס האָט דאָס דערלעבט! ס׳זאָל זיך גאָר אַזוינס נישט טרעפן אין אַ ײדישער שטוב! גאָטעניו געטרײער!

טעמע האָט זיך אויסגעװישט די אויגן, פאַרשאַרט די האָר אונטער דער פאַטשײלע, זיך מיד אויפגעהויבן, מיט אַ געבויגענער פּלײצע, די שאַל פאַרהילט ביז איבערן מויל, אַ געעלטערטע מיט צען יאָר, איז זי שטיל אַרויסגעגאַנגען.

זי איז געגאַנגען מיט די הינטערגעסלעך, אַז קײנער זאָל זי נישט זען, אין הויז איז זי אַרײַנגעקומען נישט דורך דער שענקטיר, נאָר דורך דער

קיך און פון דאָרט גלייך אין עסצימער ווו זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן ערשטן בענקל און זיך ווידער צעוויינט.

אַזוי וויינענדיק האָט זי געטראָפן ר׳ סענדער, אַהיימקומענדיק מיטן טלית־זעקל אונטערן אָרעם. אויך ער איז געווען צעטומלט. ער האָט גע־שפּאַנט אַן אויפגערעגטער איבערן צימער און גערעדט ווי צו זיך אַליין:

— נאָכן דאַווענען האָט מיך פּייוול אַנזעצער אַוועקגערופן אין דער זייט: ער וויל אָפּלאָזן דעם שידוך.

— איך ווייס שוין... האָט אים איבערגעשלאָגן זיין ווייב... כ׳בין געווען ביי זעלדען.

— נו, וואָס זאָגסטו דערצו, טעמע׳לעבן... — איז סענדער פאַר איר שטיין געבליבן און געקוקט אויף איר מיט אַ פאַרוויסטן בליק. טעמע, אויס רחמנות צו אים, האָט זיך ווידער צעוויינט, אַז זי האָט דאָך קיין שפּרענקעלע נישט געלאָזט אויף אים פאַלן, אָפּגעהיט דעם כבוד פון איר הייליקן מאַן און אים פאַרלאָפן אַלע וועגן און איצט...

ר׳ סענדער האָט זיך פון איר אָפּגעווענדט, אַפילו זיין עזר כנגד האָט איצט נישט געקאָנט העלפן.

— אַ יידענע בלייבט אַ יידענע, אויף אַלץ און אויף אַלעמען האָבן זיי בלויז איין רפואה, טרערן!

ביי דעם איז אַריינגעקומען פעלאַ מיט אַ שטילן:

— גוט מאָרגן!

— דו! דו! — האָט דער פאָטער געשריגן. עס האָבן אים אויסגעפעלט ווערטער, די באָרד האָט זיך אים געטרייסלט און ער האָט אין גאַנצן גע־ציטערט. ער האָט אויפגעהויבן אַ האַנט, טעמע איז אים פאַרלאָפן, זי האָט אים אָנגעכאַפּט ביים אָרעם:

— ניטע! גאָט איז מיט דיר! דו ווילסט זי שלאָגן?

— גאַ׳זשע דיר! — האָט ער אַראָפּגעלאָזט זיין האַנט אויף איר באַק:

— אָפּהיטן האָסטו געזאָלט דיין טאָכטער! אָפּהיטן זי!

טעמע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול, באַדעקנדיק זיך דאָס פּנים מיט די הענט.

— דו זעסט צו וואָס דו האָסט דערפירט? — האָט ער געשריגן צו דער איבערגעשראָקענער פעלאַ: — פערציק יאָר האָב איך מיט איר אָפּ־

געלעבט און איר נישט געזאָגט קיין קרום וואָרט! אַרויס! אַרויס! אַוועק פון מיינע אויגן!

פעלאַ איז אַרויס פון שטוב. זי איז געלאָפן צום דניעסטער, צום עדות פון אירע זינד. זי איז געלאָפן אין דער אַקעגנדיקער ריכטונג, אַרויס פון דער שטאָט. די ערד איז דאָ פייכט, די פיס זינקען אין דער בלאָטע. די קוסטעס זענען דאָ געדיכט פאַרוואַקסן. די צווייגן רייסן אירע זאַקן און קלייד. אַ ווינט שלאָגט איר אַקעגן אין פנים, פאַרפלאָמט איר די באַקן, צעשויבערט איר די האָר. עס רוישן די ביימער, מישן זיך אויס מיטן פלוסקען פונעם וואַסער. זי פאַרטשעפּעט זיך, פאַלט, הייבט זיך אויף און לויפט ווייטער. די סטעזשקע פאַרנעמט זיך אין דער זייט, איבערלאָזנדיק דעם דניעסטער. דאָס וואַסער לויפט ביי אַ פעלזיקן אָפּהאַנג. איצט דאַרף זי נאָר אַרויפקריכן אויפן באַרג און זיך פון דאָרט אַראָפּוואַרפן אין וואַסער... זי איז אַרויס מיט דעם געדאַנק פון דער שטוב, אָבער ברר... זי קען שווימען, זי וועט זיך האַלטן אויפן וואַסער, ביז מען וועט זי אָפּראַטעווען, אפשר וועלן זי באַמערקן די מענטשן דאָרט אינעם שיפל, וואָס כאַפּן פיש? אויב זי האָפט אַז מען וועט זי אָפּראַטעווען, צו וואָס דאָס גאַנצע טרינקען זיך? זי האָט זיך אומגעקערט און געלאָפן אויף צוריק.

זי איז אַריין דורכן באַלקאָן אין איר צימער.

טעמע איז אַריינגעקומען מיט אַ טאַץ עסן. זי האָט באַמערקט אירע פאַרבלאָטיקטע שיך.

— גיי נישט אַרויס פון דיין צימער! — האָט זי געזאָגט מיט אַ פרעמד קאַלט קול. זי האָט אַוועקגעשטעלט דאָס עסן און אַרויסגעגאַנגען, פאַר־מאַכנדיק נאָך זיך די טיר.

### קאַפּיטל צוויי

## פּעלאַ פּאָרט אין דאָרף

מאָנטיק שטעלט זיך אַ יאַריד. צי'ען פורלעך אויף די וועגן אין שטאָט אַריין. פירן תּבֿואה, חזירים, שאָף און הינער. אויף אַן אויסגעבעטעטער פור מיט שטרוי זיצט אַ גראָבע פויערטע אַרומגענומען מיט קוואָקעדיקע געגנדז און הינער: אַ פויער פירט זיין פלוניתטע אויפן יאַריד. יידן פאָרן אין בוידן; זיי פירן צעלניק, געשיר, אָדער פאַרטיקע טאַנדעט־מלבושים. אויפן יאַריד וועלן זיי עס אויסלייגן אויף סטראַגאַנעס. זיי האָבן נישט קיין אייגענע געוועלבער און צי'ען זייער חיוגה נאָר פון יאַרידים. פערד סוחרים פאָרן אויף לייכטע וועגעלעך, צום וועגעלע צוגעבונדן פון הינטן עטלעכע פערד. זיי יאָגן מיט אַ רעש איבער אַלע פורלעך. צווישן וועגענער פּלאָנטערן זיך די פוסגייער. אַט שלעפן פויערים אויף אַ שטריק אַ בהמה אָדער קעלבל צום פאַרקויפן, אַנדערע האָבן צוגעבונדן אַ שטריקל ביי אַן אונטערשט פיסל פון אַ פעטן חזיר און טרייבן אים מיט אַ פריטקעלע גלייך פאַר זיך.

אַ סך יידן גייען צו פוס. זיי וואָגן נישט אויפהייבן אַ האַנט צו אַ פאַר־בייפאָרנדיק פורל; דער פויער הייסט זיי באַצאָלן פאַרן מיטנעמען און ווער ווייסט, צי מען וועט פאַרדינען די פאָר זלאָטעס... טאָפּטשען זיי אויפן שטויביקן וועג, געשטיצט אויף זייערע שטעקעלעך.

יאַנקל דעמבריוקער שפּאַנט צווישן אַ גרופּע גוים. זיי האָבן זיך באַגעגנט מיט פויערטעס, וועלכע קערן זיך שוין אום פון דער שטאָט מיט ליידיקע קוישן. זיי האָבן דאָרט פאַרקויפט דאָס ביסל גרינוואַרג, מילכיקס אָדער אייער און קערן זיך אום נאָך באַצייטנס כדי זיי זאָלן נאָך באַווייזן אַן אַרבעט טאָן אין פעלד.

— ווי איז היינט דער פרייז פון קאָרן, ווייץ, קוקורודזע? ווי טייער זענען היינט אייער? — האָבן די פוסגייער געפרעגט ביי די וואָס קערן

זיך שוין צוריק פונעם יאַריד. יענע האָבן זיי געזאָגט. אָבער ס׳האָט נאָך קיין מאָל נישט געטראָפן אַז פויערים זאָלן זיין צופרידן מיטן פרייז:

— די זשידקעס זענען קראַנק מער צו געבן?

— די יידן מאַכן דען די פרייזן? — האָט זיי יאַנקל, דער ייד, געפרעגט.

— ווער דען מאַכט די פרייזן, אויב נישט די יידן?

— איך ווייס? מען שיקט קיין אויסלאַנד און דאָרט מאַכט מען די פרייזן.

— און אין אויסלאַנד, זענען עס דען נישט די יידן?

יאַנקל ווייסט אַז גויים וועט מען נישט איבערשפּאַרן, שווייגט ער. ער האַלט זיך אָן פון הינטן ביי אַ שווערן וואָגן און דראַפּעט זיך באַרג אַרויף. אָנגעקומען אויפן וועג, הייבן אָן די פערדלעך צו יאָגן, מאַכן אָן אַ גרויסן שטויב, פאַרהילן יאַנקלען און די אַנדערע פּוסגייער ווי אין אַ וואָלקן און לאָזן זיי איבער הינטער זיך.

און די זון האָט זיך אירס געטאָן, געוואָרעמט און געשיינט אויף אַלע גלייך. זיך אָפּגעשפּיגלט אין דניעסטער, געפינקלט אין אַלע ווינקעלעך, פאַרוואַנדלט אַ שטיקל גלאָז אין אַ בלישטשעדיקן דימענט. פויל און שטיל איז געפלאָסן דער דניעסטער, לענג אויס דעם וועג האָט ער זיך געשלענגלט. דער געפּילדער פון די מענטשן האָט פאַרטויבט זיין שטיל רוישן. ער האָט דאָ אויסגעמיטן אַ באַרג, דאָרט אַרומגענומען אַ לאָנקע, ווען דער וועג האָט זיך פאַרנומען באַרג אַרויף, האָט ער געלאָזט זיך אַרויפדראַפּען די מענטשן מיט די פורלעך און אַליין איז ער געבליבן אין טאָל. מענטשן קריכן אַראָפּ פון די פורלעך, שטופּן אונטער די וועגעלעך עס זאָל זיין לייכטער פאַר די פערד. פאַר דער ראָגאַטקע פאַרהאַלט מען זיי, פּוסגייער מיט אַ בהמה באַצאָלן 50 גראָשן, פורלעך אַ זלאָטע. מען צאָלט, אַ ברירה האָט מען?

אין שטאָט, אַרום דעם מאַרק, שטייען שטיבער אָנגעשפּאַרט איינס אין אַנדערן. עס ראַיעט און ברויזט דאָרט פון מענטשן, ווי אין אַ בינשטאָק.

יאַנקל האָט איינגעקויפט אַ ביסל צעלניק פאַרן ווייב, געבלימטע פאַטשיילעס און שטיקלעך זייף, זי זאָל האָבן מיט וואָס צו האַנדלען, אויס־געקויפט ביים מאָנאָפּאָל אַ ביסל ציגאַרן און טיטון. דערנאָך האָט ער זיך געלאָזט גיין צו זיין געשוועסטערקינד, טעמע, ר׳ סענדערס ווייב. אין שענק

זענען געזעסן פּריצים און פּויערים ביי טישלעך און געטרונקען. טעמע און די דינסט זענען אַרומגעגאַנגען צווישן די טישלעך און באַדינט די געסט. ר׳ סענדער איז געזעסן ביי דער קאַסע און איינקאַסירט דאָס געלט.

— נאַ, נישט אין צייט געקומען, — קלערט זיך יאַנקל, — פּאַרנומענע מענטשן. — אָבער ער האָט געמאַכט אַ טעות, ווי טעמע האָט אים נאָר דערזען, האָט זי אים גלייך אַריינגעפירט אין דער אַנדערער שטוב, איבער־לאָזנדיק די קונים. זי האָט פאַר אים אַוועקגעשטעלט אַ שטיקל שמאַלץ־הערינג, אַ פּאָר זעמעלעך, אַ האַלבע ביר און האָט זיך נעבן אים אַוועק־געזעצט:

— עס יאַנקל געזונטערהייט!

— וואָס עפּעס מאַכסטו פאַר מיר אַזאַ וואַרע? איבערגעלאָזט דאָס גאַנצע לייזעכץ, כ׳לעבן, נישט כדאַי!

— עט, דאָס לייזעכץ וועט נישט אַנטלויפן. וואָס מאַכט עפּעס טויבע־לאה? זי שוין נישט געזען אַ שאָק מיט יאָרן.

— וואָס זאָל זי מאַכן? פינצטערט אָפּ די יאָרן אין דאָרף.

— אַזוי? און איך האָב געמיינט אַז ביי אייך איז אַ שיין לעבן אויפן פעלד. אָט וויל מיין פייגעלע צו אייך אַרויספאָרן אַ ביסל אויף פרישער לופט.

— פעלט טאָקע פרישע לופט ביי אייך אין שטעטל ביים דניעסטער. נאָר ווי זאָגט מען דאָס, אַז אייך איז ליב, איז מיר ניחה. שאַט נאָר, איך האָב דאָך געהערט, אַז איר האַלט פאַר אַ חתונה?

— אָפּגעלייגט יאַנקל, אָפּגעלייגט די חתונה — קוקט אים אָן טעמע מיט אַ שטאַרן בליק.

— אַזוי גאָר?! — נאַ, קלערט זיך יאַנקל, מען האָט נישט קיין דאגות פּרנסה, באַשערט דער אויבערשטער אַנדערע צרות. ער האָט פאַרענדיקט אויסטרינקען די האַלבע ביר, זיך געגעבן אַ וויש די וואָנצעס:

— נו, זאָל זי זיך מאַכן גרייט. איך גיי אויפזוכן ערגעץ אַ פורל, ווייל איך בין געקומען צופוס.

טעמע איז אַריינגעגאַנגען צו איר טאָכטער. געהייסן איר מאַכן אַ פּעקל, איינפּאַקן אַ ביסל וועש און קליידער, ווייל זי פאָרט צו איר פעטער יאַנקל אויפן דאָרף. איר קול האָט געקלונגען ברוגז און פרעמד, אַזוי ברוגז וועט

זי שוין פֿאַרבליבן מיט איר טאָכטער אויפֿן גאַנצן לעבן.

ס'איז שוין געווען פֿאַרנאַכטלעך ווען יאַנקל איז פֿאַרפֿאָרן מיט דער פֿור. פֿעלאַ מיטן רענצל אין דער האַנט, איז אַרויסגעקומען. ס'האָט געצויגן אַ קיל ווינטל. די מאַמע האָט פֿון זיך אַראָפּגענומען דעם שאַל און אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף פֿעלאַן:

— היל דיך איין אין שאַל. ס'ציט אַ ווינטל.

דער שאַל האָט זי טאַקע געוואָרעמט, ער איז איר אויך צו נוץ געקומען, ווי די ליבע פֿון אַ מאַמען, אַפֿילו אַ ברוגזע. דער פֿאָטער האָט זיך נישט באַוויזן, ער האָט זי מער נישט געוואָלט זען פֿאַר די אויגן.

מען האָט געמאַכט אַ פּלאַץ פֿאַר פֿעלאַן נעבן אַ דיקער פּויערטע. דער שטרויענער זאַק אונטער דער דיקער גויע האָט זיך אונטערגעזעצט. פֿעלאַ זיצט אין דער הויך און העצקעט זיך איבער יעדן שטיין און גרוב. זי האַלט זיך אָן אין דער פֿאַרענטשע, זי זאָל נישט אַראָפּפֿאַלן. דער וואָגן וואַרפֿט מיט איר ווי מיט אַ באַל, זי וויל בעטן מען זאָל פֿאָרן לאַנגזאַמער, אָבער זי וואָגט נישט. אַ פֿינצטערע נאַכט לויערט אַרום און אַרום, נאָר דער דניעסטער רוישט. די פּויערטע נעבן איר כראָפּעט געשמאַק. פּעטער יאַנקל דרימלט אויף דער קעלניע לעבן גוי, וועלכער טרייבט די פֿערד.

ענדלעך איז מען אָנגעקומען אין דאָרף. הינט האָבן זיך צעהאַווקעט. שוואַכע ליכטלעך האָבן אַרויסגעשיינט פֿון קליינע פֿענצטערלעך פֿון גוייִשע כאַטקעס. אין אַרומגעצוימטע הייף האָבן געהויזט די פּויערים מיט זייער פֿי און געזינדל. זעלטן האָט מען באַגעגנט אַ פֿאַרבייגייער מיט אַ לאַמטערן אין האַנט, וועלכער האָט געטאַפּט ביי די פּלויטן דעם וועג.

— טרר! — ציט אין דער פּויער די לייצעס און פֿאַרהאַלט דעם וואָגן פֿאַר אַ פּלויט און פֿאַרטקע פֿון אַ יידישער שטוב. טויבע לאה האָט געהערט דאָס פֿאַרפֿאָרן פֿון וואָגן, אָבער זיי נישט געקאָנט זען אין דער פֿינצטער. זי איז געשטאַנען אין דער אָפּשיין פֿון דער געעפֿנטער טיר.

— טויבע לאה, — מאַכט יאַנקל צו זיין ווייב: — זע סאַראַ גאַסט איך האָב דיר געבראַכט!

— וואָס עפּעס מיצקידערינען אַ גאַסט? ווער איז דער גאַסט אויף דיין קאָפּ?

— פּיגעלע, ר׳ סענדערס טאָכטער.

— אַזוי? פּייגעלע גאָר?

פּעלאַ האָט קוים געקאָנט אַרויסשלעפּן די פאַרשטאַרטע פּיס פונעם שטרוי. מיט דער מאַמעס שאָל אויף די פּלייצעס און דעם רענצל אין דער האַנט, איז זי נאָכגעגאַנגען דעם פּעטער. אין פּירהויז זאָגט צו איר דער פּעטער:

— גיב אַכטונג, טרעט נישט אַריין אין קו־מיסט, דאָ ליגט די קו.

אין שטוב האָט געברענט אַ דרייער נומער לעמפּל. פּעטער יאַנקל האָט אַ ביסל אַרויסגערוקט דעם קנויט.

פּעלאַ קוקט זיך אום אין דער טונקעלער דירה. אַ פּערטל שטוב פאַר־נעמט דער באַק־אויוון. דערנעבן שטייט אַ פאַרבעט בעט. אַקעגן, ביים פענצטער אַ שמאָל באַנקבעטל. אויבן אָן אַ טיש מיט צוויי לאַנגע בענק, איינע ביים בעט און די צווייטע ביי דער וואַנט. נאָכן באַנק־בעטל אַ קופערט. ביים אויוון אַ שעראַגע מיט אַ ביסל געשיר און געבלימטע פאַלימעסקעס. ביי דער טיר אַ פעסל וואַסער און אַ צעבער מיט פאַמעגיצעס פאַר דער קו. אין דער מיט שטוב האָט אַ סלופּ אונטערגעהאַלטן דעם באַלקן פון דער סטעליע.

—וווּ לייגט מען זי שלאָפן? — פרעגט מומע טויבע לאה.

דער פּעטער איז גרייט איר אָפּצוטרעטן זיין געלעגער אויפן פּיעקעליק.

— גיין, ניין! — דערשרעקט זיך פּעלאַ — איך בין קיין מאָל נישט געשלאָפן אויפן אויוון!

— מען וועט איר אויסבעטן אַ געלעגער אין אַלקערל. — פּסקנט אָפּ די מומע.

דאָס איז געווען אַ קליין קעמערל ווו מען האַלט דאָס פעסל זויער־קרויט און איינגעזייערטע אוגערקעס. די טיר האָט אַרויסגעפירט צו דער קו אין פירהויז. אַנשטאָט אַ פענצטער איז געווען אָן איינגערעמט שייבל, צוגעקלאַפּט מיט טשוועקעס. די לופט איז דאָ געדיכט און זויערלעך.

— מען דאַרף אויפמאַכן אַ פענצטער, — זאָגט פּעלאַ.

— מען קען נישט, — ענטפערט מומע טויבע לאה, — ס׳איז צוגע־קלאַפּט מיט טשוועקעס.

פּעטער יאַנקל האָט גענומען אַ צוואַנגל און אַוועקגעבויגן די טשוועקעס.

ס׳איז אַריין פרישע לופט. מען האָט אַריינגעטראָגן די צווי בענק, אַרויפ־געלייגט די דעק פונעם באַנק־בעטל און ס׳איז געוואָרן אַ געלעגער. דאָס בעט האָט זיך געהוידעט. צי ווייל די ערד איז נישט גלייך, אָדער די פיס זענען קרום, חוץ דעם וואָס ס׳איז האַרט, האָט זי מורא זיך אַ ריר טאָן, זי זאָל נישט אַראָפּפאַלן.

פאַרטאָג, ווען די טונקלקייט איז צוביסלעך צעשוווּמען און די אויפ־גייענדיקע זון האָט אַריינגעבליקט דורכן פענצטערל צו פעלאָן, האָט זי אויפגעוועקט אַ געטומל: די קו האָט געזשליאָקעט פונעם צעבער, פעטער יאַנקל האָט געדאַוונט און געצויגן די טענער:

— מה טובו אוהליך יעקב...

מומע טויבע לאה האָט געמאָלקן די קו און געהאַלטן אין איין שעלטן און פעלאַ ווייסט נישט וועמען זי מיינט. צי די קו, צי דעם פעטער, אָדער זי, דעם „גאַסט״?

— אַ נישט געדאַכט זאָלסטו ווערן! שטייט דאָס נישט איין אויף אַן אָרט! העי בינקאַ פאַסטופיי! מ׳שטיינסגעזאָגט, אויך מיר אַ מאַנצביל צום טיש... טויג נישט כהוא זה! אַ קאַץ דעם עק צו פאַרבינדן! ביי לייטן, פאַרט אַ ייד אויף אַ יאַריד, ברענגט ער אַ פּאָר זלאָטעס פאַרדינסט און ער האָט מיר געבראַכט אַ גאַסט אויף מיין קאָפּ, אַ פאַנינקע, גיי באַדין זי, טאַנץ אַרום איר... אַ טפוי, דו נבלה דו! סטופיי בינקאַ! זע נאָר ווי דאָס שטייט נישט איין אויף אַן אָרט! ווילסט דאַך מיר, דו שטיק נבלה, פאַרגיסן די גאַנצע מילך!

— נו, אָה אָה... — רעדט נישט אויס יאַנקל פונעם דאַווענען און ווייזט אָן אויפן אַלקערל, זי זאָל שווייגן, נישט אויפוועקן פייגעלען.

דערנאָך איז געוואָרן שטיל. מומע טויבע לאה איז אַוועק איבערן דאָרף האַנדלען און פעטער יאַנקל האָט פאַרנומען די קו צום פאַשען. פעלאַ איז צוריק אַנטדרימלט געוואָרן, אָבער די פליגן האָבן זי נישט געלאָזט שלאָפן. זי האָט זיך אָנגעטאָן, צעגומען איר געלעגער און פאַרבעט מומע טויבע לאהס בעט, צוגעדעקט דאָס באַנקבעטל. די שמוציקייט און ענגשאַפט האָט זי געעקלט, זי האָט אויסגעקערט דעם ליימענעם דיל, אַרומגעווישט די שטויבן.

באַלד איז אָנגעקומען די מומע:

— ווילסט שוין עפּעס עסן?

— נ... נײן, ס'האָט נאָך צײַט.

— וועסט עסן אַ מילכיקן באָרשטש?

— וואָס נישט איז, מומע.

— אָט באַלד וועל איך געבן אַ מאַך אַ באָרשטש!

זי איז אַרײַן אין גאָרטן, מיט כּעס אויסגעריסן צוויי בורעקעס, אָוועק־געלייגט אויפֿן שויס און גענומען שאָבן. איצט ווייסט פעלאַ פֿאַר וואָס איר פֿאַרטעך איז אַזוי האַרט און שוואַרץ. זי האָט זיך דערמאָנט אין איר מאַמעס רײנעם ווײַסן פֿאַרטעך.

— וואָס שטייסטו, וואָס, אַ מיידל שטייט קיין מאָל נישט ליידיק. אָט נעם און שייל אָפּ אַ צוויי באַרעבאַלעס.

די מאַמע האָט זי קיין מאָל נישט געלאָזט שיילן קיין קאַרטאָפל, זי זאָל זיך נישט איינשמירן די פינגער. די מומע גיט איר אַ פּאַטש איבער די ראָזעווע פינגער:

— אַזוי גראָב שיילט מען בולבעס? גיי שוין, גיי! איך וועל מיר שוין אַליין אָנשיילן אַ צוויי בולבעס.

פעלאַ האָט אַרויסגענומען אַ ביכל פֿונעם רענצל און זיך אָוועקגעזעצט לייענען.

— וואָס עפּעס לייענען אַ ביכל מיצקעדרינען?

— וואָס דען זאָל איך טאָן, מומע?

— גיי ברענג אַרויף אַן עמער וואַסער.

אין עק גאַס, וווּ עס קרייצן זיך די וועגן און וווּ עס שטייט די מאַטקע באַזשקע ביטן יויזל אויף די הענט, אונטער דעם אַלטן ליפּע־בוים, איז אויך געווען דער ברונעם. פעלאַ האָט דאָ געטראָפֿן עטלעכע שיקסלעך מיט קאָראָמיסלען וואַרטן אויף דער ריי אָנצושעפּן וואַסער. מיט נײַגעריקע בליקן און אָפֿענע מײַלער האָבן זיי באַטראַכט פעלאַן.

— זי זעט גאָרנישט אויס ווי אַ זשידאָוועטשקאַ.

— ווי אַזוי הייסטו?

— פעלאַ, און ווי אַזוי הייסט איר?

די שיקסלעך האָבן זיך צעלאַכט. גאָר אין דעם לאַכן איז נישט געווען קיין שום בייזוויליקייט, און פעלאַ האָט מיט זיי מיטגעלאַכט:

— פאַר וואָס לאַכט איר?

— ווייל יונגע אירצט מען נישט, נאָר אַלטע. צו יונגע זאָגט מען דו.

— אַזוי? איז, ווי אַזוי־זשע הייסטו?

— נאַסטיאַ פּאַוולאָוויטש.

— ביסט אפשר אַ קרובה פון מיכאַל פּאַוולאָוויטש?

— מיכאַל איז מיין ברודער.

— אַזוי? גיב אים איבער אַ גרוס פון מיר. איך וווין ביי מיין פעטער יאַנקל.

די שיקסלעך האָבן איר געהאָלפן אַרויפדרייען דאָס וואַסער מיט דער קאַלבע. אויף אַ שטאַנג איז געווען אַנגעוויקלט אַ פאַרזשאַווערטע קייט מיט צוויי הילצערנע קיבלעס. דערליידיקער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און דער פולער איז אַרויפגעקומען.

פעלאַ איז געגאַנגען מיט איר עמער וואַסער ביי דער זייט פון נאַסטיאַ, וואָס האָט באַלאַנסירט די קאַראָמיסלען מיט צוויי פולע עמערס וואַסער, אָט אויף איין אַקסל, אָט אויפן אַנדערן.

— זעסט? — ווייזט זי אָן אויף אַ גרויסער פּאַדווידע אַנגעשטעלט מיט שטאַלן, סטאָדאָלעס און סטערטעס שטרוי און קאַשנעצעס קוקורוזע:

— דאָ וווינען מיר. מיר זענען שכנים.

ווען פעלאַ איז אַהיימגעקומען, האָט שוין דער באָרשטש געזאָטן אויף דער קיך. מומע טויבע לאה איז איבער אים געשטאַנען, אַרויסגעכאַפּט מיט אַ הילצערנעם לעפל די בורעקלעך און געשטופּט אין מויל. באַלד איז אויך אָנגעקומען פעטער יאַנקל מיט דער קו. טויבע לאה האָט פאַרשפּרייט אַ האַנטעך איבער אַ שטיקל טיש, געלייגט אַ ראָזעווע שוואַרץ ברייטל און אוועקגעשטעלט אַ שיסל מיט באָרשטש און קאַרטאָפל פאַרן פעטער. פעלאַן האָט זי דערלאַנגט אַ שיסעלע באָרשטש מיט צוויי קאַרטאָפל, אַריינגע־שטעקט אַ הילצערנעם לעפל. פעלאַ שטייט מיטן שיסעלע אין האַנט.

— ווייבער זענען נישט קיין מאַנצבילן, ווייבער עסן נאָר שבת ביים טיש. — זאָגט מומע טויבע לאה און כאַפּט אַרויס די לעצטע בורעקלעך פון טאָפּ, גלייך אין מויל אַריין:

— אַ! אַ מחיה נפשות אַ ביסל באָרשטש! — באַלעקט זי זיך.

פעלאַ זעצט זיך אַוועק ביים פענצטער. דאָס שיסעלע שטעלט זי אַוועק

פאַר זיך אויף דער באַנק. דער הילצערנער לעפל איז צו גרויס און טיף פאַר איר קליין מײלכל.

— גיב איר אַ בלעכענעם לעפל. — זאָגט דער פעטער.

— אַ, צו מײנע שונאים'ס קעפ! ווו זאָל איך איר נעמען אַ בלעכענעם לעפל? די בלעכענע לעפל זענען אַלע פליישיקע.

— ס'מאַכט נישט אויס, — שמייכלט פעלאַ — איך וועל מיך צוגעוווינען.

פאַרנאַכט איז געקומען נאַסטיאַ.

— וואָס ווילסטו? — איז איר די מומע אַקעגן געגאַנגען, מיינענדיק אַז זי איז געקומען עפּעס קויפן.

— איך בין געקומען צו פעלאַן.

— ביי מיר איז נישטאָ קיין פעלאַ!

— קום נענטער נאַסטיאַ! — האָט זי פעלאַ פאַרבעטן — זעץ זיך! — האָט זי געוואָלט זי זאָל זיך פּילן היימיש.

מומע טויבע לאה האָט געוואָרטשעט:

— גיב איר דעם וועג! נאַ דיר אַ שיקסע צום טיש! ווער דאַרף זי האָבן?

נאַסטיאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַן עק באַנק, וואָרפנדיק דערשראָקענע בליקן צו דער יאַנקעלעכע, וועלכע וואָרטשעט דאָרט עפּעס אויף איר לשון, וואָס זי פאַרשטייט נישט.

— וואָס'זשע מאַכסטו עפּעס פעלאַ?

— איך לייען. דו האָסט ליב צו לייענען ביכער?

נאַסטיאַ האָט זיך צעלאַכט הויך און הילכיק:

— ניין, איך לייען נישט. גענוג אין דער משפּחה איינער אַ געלערנטער. דער טאַטע זאָגט, אַז נאָר מיכאַלקען לאָזט ער לערנען און די אַנדערע קינדער נישט.

— אָבער אין שול אַריין האָט ער אייך געשיקט?

— כי, כי, — האָט נאַסטיאַ לאַכנדיק געכיקעט — מען שיקט דען די קינדער אויף צו לערנען? מען שיקט, ווייל אַז נישט באַצאָלט מען שטראָף. קינדער טרייבן פאַרטאָג די שאָף אין פעלד. זיי ברענגען זיי אַהיים אַרום אַכט אַ זייגער, ווייל זיי דאַרפן גיין אין שול אַריין און נאָך

דער שול, גייען זיי ווידער אין פעלד מיט די שאָף. ביי צען יאָר פּאַשען זיי בהמות און ביי פערצן אַרבעטן זיי שוין מיטן טאַטן אין פעלד. איז ווען־זשע האָבן זיי צייט צו לערנען, אָדער ביכער לייענען? — זי האָט זיך אויפגעהויבן.

— וואָס איילסטו דיך? — האָט זי פעלאַ געפרעגט. — זיץ נאָך אַ ביסל.

— אַה, איך האָב נישט קיין צייט, איך מוז גיין מעלקן די בהמות.

פעלאַ האָט זי אַרויסבאַגלייט. אין דרויסן זאָגט איר נאַסטיאַ:

— ווייסט, מיכאַלקאָ איז אין דער היים. ער האָט געפרעגט צי ער מעג דיך באַזוכן.

— ניין! מער פעלט מיר נישט, די מומע זאָל אים זען צו מיר קומען.

— נו, קום׳זשע דו צו אונדז!

— אפשר, איך וועל זיך באַמיִען צוקומען.

אָבער זי איז נישט געגאַנגען. אַ מחיצה האָט צעשיידט דעם ייד פונעם גוי און נישט דערלאָזט זיי זאָלן זיך חברן.

מומע טויבע לאה האָט געשיט מיט קללות אויף נאַסטיאַן און אויף אַלע גוים:

— ווױנט אַ מנין יידן אין דאָרף, איז מען זיי גרויס אין די אויגן. מייד זיי אויס — פּייגעלע, יידישע שונאים זענען זיי. אין אַ לעפל וואַסער וואָלטן זיי אונדז דערטראָנקען. וואָס עפּעס אַ שיקסע פּאַר אַ חברטע? ס׳איז אויך דאָ יידישע מיידלעך אין דאָרף.

אין דאָרף וווינען עטלעכע יידישע משפחות. אַ יידישע שטוב איז אין די אויגן פון אַ גוי פאַרעכנט פּאַר אַ „הראַמאַדזקע״ (קהלשע) שטוב. ווער עס וויל קומט אַריין, נישט רעכענענדיק זיך מיטן ייד און זיין משפחה. אויפ־דערנאָכט קומען זיי זיך אין אַ יידישער שטוב צוזאַמען, מען רייכערט דעם ביליקן שטינקענדיקן מאַכאָרקע־טיטון, מען כראַקעט און מען שפּייט און מען דערציילט זיך מעשיות. פרייטיק צו נאַכטס, ווען עס ברענען די געבענטשטע שבתליכט, זיצן די גוייִשע שכנים, מעשה שטן, און טרעטן זיך נישט אָפּ. דער ייד קען נישט נעמען אַ הייליק וואָרט אין מויל, די קינדער דרימלען, קענען נישט דערוואַרטן זיך דעם טאַטנס קידוש און די שבתדיקע סעודה, וואָס מען שפּאַרט אָפּ פון דער גאַנצער וואָך. עס הייבן אָן די ליכט צאַנקען און דער ייד זאָגט:

— נאַ, אַ, סוויעטלע (ליכט), די ליכט גייען אויס!

טוט דער גוי אַ טובה און צינדט אָן נאָך אַ ליכטל און אויב ער האָט גאָט אין האַרצן, גייט ער אַוועק, אַז נישט שפּייט ער אויס און הייבט אָן אַ נייע מעשה צו דערציילן:

— האַ? יאָ! געווען איז עס דעמאָלט אין קריג ווען דער באַטיושקאַ צאַר האָט זיך געשלאָגן מיטן קייזער פראַנץ יאָזעף. מיר איז דעמאָלט געווען גוט ווי די וועלט. איך בין דעמאָלט געווען אַן אָרדענאַנץ, דאָס הייסט אַ דינער ביי אַ לייטנאַנט. מיין גאַנצע אַרבעט איז באַשטאַנען אין פּוצן די שטיוול פון מיין בעל הבית און אים ברענגען עסן פון דער מענזע (מיליטער־קיך). איך האָב אָבער געהאַט אַ קאָנקורענט: אַ הינטל, סטאָפּעק. אָט דער סטאָפּעק האָט באַקומען אַלע גוטע עסנס וואָס מיין לייטנאַנט האָט איבערגעלאָזט און מיר איז געבליבן אַ גוטע קרענק. זאָגט צו מיר איין מאָל דער בעל הבית:

— הערסטו, שטעפּאַנקע, איך פאָר אַוועק אויף פּאָר וואַקאַנץ. היט מיר אָפּ דאָס הינטל סטאָפּעק.

— ווי מיין לעבן! — קלאָפּ איך מיר אין האַרצן.

אָבער אין דער אמתן האָב איך מיך דעמאָלט אָפּגערעכנט מיטן הינטל. די אַלע קלעפּ וואָס איך פלעג באַקומען פון מיין אָפיציר, האָב איך איצט אָפּגעגעבן סטאָפּעקן. עסן? אַ קרענק!

קומט צוריק דער פּאַן און פרעגט:

— וואָס איז עפּעס אַזוי אויסגעמאָגערט סטאָפּעק?

— געבענקט פראַשען פּאַנאַ, געבענקט נאָך אייער עקסעלענץ...

— דאַכט זיך, אַז דו שטעפּאַנקע האָסט נישט אַזוי שטאַרק געבענקט, האַ? זיך אויסגעפּאַשעט ווי אַ חזיר! האַ? — ציט ער מיך ביים אויער און איך מיין דאָס דער אויער בלייבט ביי אים אין האַנט און איך וואַרט נאָר אָפּ די פּאָר שמיץ מיט דעם רוט און אַ קאָפּ פון הינטן, ער זאָל מיך משלח זיין...

— און ווער געדענקט ווי מען באַגריסט דעם קייזער?

אַה, דאָס איז שוין געווען אַ שווערע מלאכה. דאָס האָט מען אין זייערע גויישע קעפּ בשום אופן נישט געקאָנט אַריינקלאַפּן. אַפילו נאָר אויסרעכענען דעם קייזערס טיטולן איז געווען אוממעגלעך. שטעלט זיך

אויף שטעפּאַנקע אין זיין גאַנצער לענג, שיער ער דערגרייכט דעם באַלקן פון דער סטעליע, אַז מען דערמאָנט דעם קייזערס נאָמען דאַרף מען זיך אופשטעלן:

— זיינע מאַיעסטעט הויכוווילגעבוירן מאָגנאַרך פראַנץ יאָזעף פאָן האַבסבורג! קייזער פון עסטרייך און קעניג פון אונגאַרן! האָך! האָך! — שטרעקן אַלע די הענט אין דער הויך, לייגן צו די דלאָניעס צו די שלייפן, קלאַפּן צוזאַמען די קני, — האַב אַכט! האַב אַכט! מאַרש! איינס, צוויי, איינס צוויי! מאַרש הערויס!

זיי מאַרשירן אַרויס.

דער ייד מאַכט נאָך זיי צו די טיר מיט אַ שטילער קללה אויף די ליפּן.

דער דאָרפסייד הערצל איז געבענטשט מיט טעכטער. אַז די הערצלעכע פאַרגייט אין טראָגן, ווייסט מען שוין — ס׳וועט זיין אַ מזל טוב מיט אַ מיידל און פאַר אַ נאָווינע אַ צווילינג מיידלעך. ביי די עלטערע טעכטער, שוין ברוך השם כלה־מיידלעך, ראוי צו הערן קלעזמער שפּילן, — געדענקט מען נאָך זייערע נעמען, אָבער ביי דעם דרויבוואַרג קען מען קיין מאָל נישט דערגיין אַ טאָלק ווער ס׳איז שיינדל און ווער ס׳איז שפרה. צו דעם צווילינג דוזשיע און חנה, וועלכע זענען אין פעלאַס יאָרן, האָט זי די מומע געשיקט. האָבן אָבער יידישע מיידלעך נישט קיין צייט זיך צו חברן אין דער וואָכן. די עלטערע נייען ספּודניצעס פאַר די שיקסעס און די קלענערע טרייבן אַרויס די גענדז פּאַשען אויף דער באַלאָנקע נעבן טייך. נישט קיין חכמות, ס׳איז דאָ מיידלעך אין שטוב, מען דאַרף אָנגרייטן פּעדערן אויף בעטגעוואַנט. אויך די הערצלעכע, אַ הויכע יידענע מיט אַ געשטופּלט פּנים, אָבער שיינע שוואַרצע אויגן, אַזוינע אויגן האָבן אַלע אירע מיידלעך, קוקט זייטיק אויף דעם אויסגעפּוצטן שטאָטישן מיידל וואָס פאַרבעט אירע טעכטער אויף אַ שפּאַציר.

— וואָסער שפּאַצירן אין מיטן אינדערוואָכן? ס׳איז עפּעס אַ שבת, צי אַ יום טוב? וואָסי, נישטאָ מער וואָס צו טאָן ווי גיין שפּאַצירן?

הערצל שטייט ביי דער הרובע, וואַרעמט זיך די הענט אויפן הינטן, טרעלערט זיך די ניגונים פון די שבתדיקע תפילות. ער איז דער בעל תפילה אין דאָרף. ער האָט אַ קול נגינה, אָבער ער איז שטומפּיק אין דער עברי.

— ווי אַזוי מייגסטו? — פרעגט ער איין מאָל יאַנקלען — ס׳זענען דאָ יידן וואָס פאַרשטייען וואָס זיי זאָגן?

— צי ס׳איז דאָ? אַפילו מיין קרוב ר׳ סענדער פאַרשטייט דאָס דאַווענען!

— איי יאַי יאַי, — קראַצט זיך הערצל אונטער דער פאַרוואַקסענער גאָמבע. ער איז אים מקנא. אויב ס׳איז אַזוי מחידיק גוט צו זאָגן אַן „אדון עולם״, „אל מנצח״, אַ „מזמר לדוד״ אָדער גאָר „ישמחו במלכותך״, ווי אַזוי וואָלט נאָך גוט געווען ווען מען פאַרשטייט דעם טייטש דערפון?

אין דאָרף וווינט אויך ר׳ בנימינציע דער מלמד. אַ גאַנץ יאָר קנעלט ער ערגעץ אין אַן אַנדער דאָרף מיט קינדער, אָבער בין הזמנים, דאָס הייסט פסח־צייט און ימים נוראים, קומט ער אַהיים, דעמאָלט לאָזט ער הערצלען דעם קאָפּ נישט אויפהייבן:

— הערצל, וואָס האָסטו דיך פונקט אַזוי צעקרעכצט ביי הלל? — אָדער — דאָ אַ ביסל שטילער הערצל, אייל דיך נישט, אַזוי, ס׳איז אַ תפילה און נישט קיין זמירות!

דערפאַר אָבער אַ גאַנץ יאָר צעלאָזט זיך הערצלביים עמוד ווי אַ נישט געהאַלמעטער וואָגן באַרג אַראָפּ. ער דרייט נאָר אויס אַלע מאָל דעם באַטליתטן קאָפּ צום עולם צו זען צי זיי האַלטן מיט און ווייטער געפאָרן! אַ מאָל כאַפּט זיך אַריין אַ קאָזאַצקער וואָלעכל צווישן די תפילות, דאָס נעמט זיך דערפון וואָס פאַרנדיק פון די יאַרידים מיט אַ פולער פור גויים, פאַרהערט זיך אַ יעדער אין זיינעם. הערצל פאַרגייט זיך אין אַ „ישמחו במלכותך״ און זיי אין אַ „וואָלעכל״ אָדער „היידוקל״. צו מאָל פאַרבייטן זיך די יוצרות, צעמישן זיך די ניגונים אין איין געזאַנג, דער עכאָ שלאָגט זיך אָפּ אין די בערג ווי אַן אַקאָרד און דאָס רוישן פון דניעסטער באַגלייט זיי ווי מוזיק, אַזוי שוין הונדערטער יאָרן...

## גוייִשע און ייִדישע שכנים

פעלאַ האָט געזען אַז זי שטערט, איז זי אַרויסגעגאַנגען. ס׳איז געווען זונטיק און גויים האָבן אַרומגעשפּאַצירט. פעלאַ האָט נישט געהאַט קיין

חשק אַהיים צו גיין אין דער דומפּיקער שטוב צו דער בייזער מומע טויבע לאה, איז זי געגאַנגען אַ ביסל אויסקוקן דאָס דאָרף. חוץ די איינע גאַס, ווּ עס געפינט זיך דער ברונעם און די שול אין הערש וואָלפּס שטוב, ווּ מען קומט זיך צונויפמען יעדן שבת דאַווענען, זענען נאָך געווען עטלעכע שמאָלע, שטויביקע וועגן. און ווען אויף אַזאַ שמאָלן וועג האָבן זיך צונויפגעטראָפן צוויי וועגענער, אויסמיידן איז נישט מעגלעך געווען און קיינער האָט נישט געוואָלט מוותר זיין און זיך צוריקציען, מען איז אַראָפּ מיט די בייטשן אין די הענט פון די וועגענער און זיך געשפּאַרט, אַזש הימל עפן זיך! פעלאַ האָט דערהערט מוזיק און געגאַנגען נאָך זייערע קלאַנגען. זי איז אַרויס־געקומען אויף אַ היגל און אַ פאַרביק בילד האָט זיך פאַר איר אַנטפּלעקט: אין דער מיט לאָנקע, אויף אַ קיילעכדיקן אויסגעטרעטענעם פּלאַץ, ווי אַ טויק צו דרעשן תבואה, זענען געשטאַנען שקצים, דערנעבן אויף אַ באַנק איז געזעסן די קאַפּעלע: אַ טרומייטער, אַ פּויקער און אַ צימבאַליסט. דער צימבאַליסט האָלט אויף דער שויס אַ קעסטעלע מיט אָנגעצויגענע סטרונעס, אויף וועלכע ער קלאַפּט מיט אַ שטעקעלע. אויפן אָפּהאַנג פון היגל, זיצן יונגע ווייבלעך. נעבן זיי שטייען שיקסעס. זיי טראָגן ברייטע ספּודניצעס, ענגע סטאַניקלעך און גראָבע, אויסגענייטע העמדער. די אַרבל און ברוסטן באַשטיקט מיט קאָלירטע בלומען. זיי זענען באַהאַנגען מיט רויטע קרעלן, מטבעות און פאַטשערקעס. אויפן רוקן הענגען זיי נאָך קאָלירטע סטענגעס. די קעפּ האָבן זיי באַשטעקט מיט אַליין אויסגעאַרבעטע בלומען. ביי די אויערן לייגן זיי אויס ווי לאָקן אויסגעצופּטע פעדערן פון אַ קאַטשער. חתונה געהאַטע ווייבלעך טאַנצן דאָ נישט. זיי טאַנצן נאָר אויף חתונות. אין דרויסן טאַנצט נאָר יונגוואַרג. די ווייבלעך טראָגן געבלימטע טיכלען. אונטער די טיכלעך פלעכטן זיי אַריין אין די צעפּ נאָך פלאַקס, כדי די פאַטשיילע זאָל זיצן ווי אַ קרוין. די פראַנדזן פון דער פאַטשיילע הענגען איר אַראָפּ קאָקעטיש איבער די אַקסלען.

דער בחור פאַרבעט מיט אַ ווונק אַ מיידל צום טאַנץ. זי קומט צו און דערלאַנגט איםביידע הענט. ווען אַ מיידל כאַפּט נישט אויף דעם ווונק, אָדער מאַכט זיך נישט זעענדיק, גיט ער מיט אַ פּייף אַ געשריי:

— הע! מאַריאַ! — קומט זי נאָך אַלץ נישט צו, הייבט ער אָן צו

שעלטן: — אַ כאָלערע אין דיר! אַ רוח אין דיין מאַמען! דו גייסט אַהער אָדער נישט?

דעמאָלט קומט זי צו אַ צעשמייכלטע, מיט דראָבנע טריטעלעך, און דערלאַנגנדיק אים די הענט, חנדלט זיך זיך:

— אויב דו האָסט מיך טאַקע אַזוי שטאַרק ליב, וועל איך מיט דיר טאַנצן.

עס טרעפט, אַז אַ מיידל האָט אויפגעכאַפּט אַ פאַלשן ווונק, נישט זי האָט ער געמיינט, גייט זי צוריק אַ פאַרשעמטע.

די מיידלעך נעמען זיך אָן ביי די הענט און די בחורים טאַנצן זיי אַקעגן. דער טאַנץ איז אַ ווילדער, די שקצים טופען צו מיט די פיס צום טאַקט פון דער פויק. זיי טאַנצן מיט אונטערגעבויגענע קני, שפּרינגען אין דער הויך, דערנאָך דרייען זיי זיך ווילד מיטן מיידל, אַזש עס שווינדלט פאַר די אויגן. פון די בחורים גיסט זיך דער שוויס. נאָכן טאַנץ דרייט זיך דער בחור פון איר אַוועק און זי גייט צוריק אויף איר פריערדיקן אָרט.

פלוצעם פילט פעלאַ ווי עמעצער נעמט זי אַרום ביי דער טאַליע. זי דרייט זיך אויס און דערזעט מיכאַל פּאַוולאָוויטשן. ער טראָגט אַ פויערישע טראַכט. די ווייסע לייוונטענע שמאָלע הויזן אַפּגעלייגט אין פאַלדן, ווי אַ האַרמאָשקע, דאָס העמד איבער די הויזן, אַ קורץ ווייס פעלצל מיט אויס־געשטיקטע בלומען. אויפן קאָפּ אַ שטרויען קליין היטעלע, אויך פון היימי־שער אַרבעט, וואָס האַלט זיך מיט אַ טאַשמע אונטערן קין. ער האָט זי אַרייג־געצויגן אין ראָד צווישן די טאַנצנדיקע. נאַסטיאַ און נאָך אַ שיקסל נעמען זי אָן ביי די הענט. מיכאַל טאַנצט מיט אַנדערע שקצים איר אַקעגן. ער טופּעט אויס אַ היידוק און דערנאָך דרייט ער זיך מיט איר ווילד. זי האַלט די הענט אַרום זיין האַלדז און שפּאַרט אָן איר קערפּער אין זיינע הענט, וואָס האַלטן זי פעסט אַרומגענומען, אַרום דער טאַליע. זי האָט הויך געלאַכט, זיי האָבן זיך אַזוי שנעל געדרייט, אַזש עס האָט איר געשווינדלט פאַר די אויגן און פאַרפעלט אָטעם. ווען די מוזיק האָט זיך געענדיקט, איז זי שנעל אַנטלאָפן. מיכאַל איז איר נאָכגעלאָפן, ער האָט זי דעריאָגט:

— פעלאַ, פאַר וואָס לויפסטו אַוועק?

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און אָפּגעאָטעמט.

ווישנדיק זיך דעם שוויס, האָט ער לאַכנדיק געזאָגט:

— אַ שיינער טאַנץ, איאָ?

— יאָ, אָבער נישט פאַר מיר.

— אויך פאַר דיר פעלאָ! אויך פאַר דיר, פאַר אונדז אַלע! — האָט מיכאַל מיט היץ אויסגערופן — יונגע דאַרפן טאַנצן, פאַרברענגען.

פעלא האָט געשוויגן.

— פאַר וואָס קומסטו נישט צו אונדז.

— איך ווייס? — האָט זי געצויגן מיט די אַקסלען.

— נו, וועל איך קומען צו דיר!

— ניין, קום נישט!

— איז דיר נישט לאַנגווייליק אַליין צו זיצן?

— שרעקלעך לאַנגווייליק, וואָלט איך כאָטש געהאַט ביכער צו לייענען.

— איך וועל דיר ברענגען ביכער.

זי האָט זיך דערשראָקן און שנעל געענטפערט:

— ניין, מיכאַל! דו טאָרסט צו מיר נישט קומען! מער פעלט מיר נישט נאָר אַז די מומע זאָל דיך זען. זי לאָזט אָפילו נישט אַריבער די שוועל דיין שוועסטער נאַסטיאַ.

זיי זענען פאַרביי געגאַנגען אַ יידישע שטוב, וווּ עס וווינטביילע שרה די אלמנה מיט אירע צוויי טעכטער. פעלאָ איז זיכער אַז זיי קוקן איר נאָך...

— זיי רויק פעלאָ. איך וועל קומען צו דיר ווען דיין מומע וועט נישט זיין אין דער היים.

ער האָט איר קיין צייט געלאָזט אויף צו ענטפערן און אַריינגעשפרונגען צו זיך אין הויף. שוין פון ווייטן האָט ער זיך נאָך אַ מאָל צו איר אויסגע־דרייט, אַ ווונק געטאָן מיט אַן אייגל, אַ קנאַק געטאָן מיט צוויי פינגער, ווי אָקאָרשט די שקצים ביים טאַנץ:

— צום ווידערזען, פעלאָ! — ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיט דער געדיכטער טשופּרינע, וואָס האָט אַרויסגעקוואָלן פונעם קליינעם היטעלע וואָס איז שטיפעריש געזעסן איבערן לינקן אויג.

פעלאָ האָט זיך צעלאַכט און אַריינגעשפרונגען צו זיך אין שטוב.

אין אַ פאָר טעג אַרום ווען פעטער יאַנקל האָט אַרויסגעטריבן די קו

פּאַשען און מומע טויבע לאה איז אַוועק איבערן דאָרף מיטן קיישל איינ־קויפן אייער, האָט מיכאל פּאַוולאָוויטש זיך פּאַרגנבעט דורכן גאָרטן, אַריבער־געשפּרונגען דעם פּלויט און שטיל אַ פּייף געטאָן אונטערן פענצטער.

פעלאַ האָט אים אַריינגעלאָזט. דאָס האַרץ האָט איר שטאַרק געקלאַפּט. זי ווייס אַז אויב מען וועט געוואָר ווערן פון דעם שייגעצס באַזוך, וועט דאָס נאָך זיין אַ צושפּיל צו אירע צרות.

— איך האָב דיר געבראַכט אַ ביכל! — האָט ער געזאָגט און געקוקט אויף איר פּאַרליבט. אויך אים האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ. ער האָט זיך געפילט, ווי ער זאָל עס אַריין אין אַ פרעמדן גאָרטן עפּל רייסן.

זי האָט אַ מיש געטאָן אין ביכל און אַנטוישט אויסגערופן:

— אוקראַיִניש? איך לייען שווער אוקראַיִניש.

באַמי זיך צו לייענען דאָס ביכל. דאָס זענען זייער שיינע פּאָעמעס פון טאַראַס שעווטשענקאָ, אַ גוטער פּאָעט, קען זיך פּאַרגלייכן מיט אַלע אַנדערע וועלט־באַרימטע דיכטער. ווייל מיר זענען אַ מינדערהייט באַציט מען זיך מיט ביטול צו אונדז. מיר האָבן אָבער אויך שוין צייטונגען און זשורנאַלן. וואָרטס, לאָמיר נאָר באַקומען אויטאָנאָמיע...

פעלאַ האָט פּאַרבאַהאַלטן אַ געניץ געטאָן:

— דערצייל מיר בעסער וואָס דו מאַכסט.

מיט מיידלעך, קלערט מיכאַל, איז נישטאָ וואָס צו רעדן איבער פּאָליטיק.

— וואָס איך מאַך? איך העלף אַ ביסל אין דערווירטשאַפט און רו מיך אָפּ ביי די ביכער. איך גרייט מיך צו די עקזאַמענס אָנצוקומען אויפן אוניווערסיטעט.

— דאָס איז אַ פּלאַן! — איז פעלאַ אויפגעשפּרונגען — אויך איך וויל לערנען אויפן אוניווערסיטעט. איך וועל אַרויספאָרן שטודירן קיין אויסלאַנד. — נאָך אַ ווייל האָט זי געפרעגט: — דו קומסט אין שטאָט? וואָס הערט זיך דאָרט פאַר אַ נייעס?

— נייעס? נישטאָ קיין נייעס, חוץ דעם וואָס מען שמועסט אַז שמואל דוואָרסקי פּאַרלאָבט זיך מיט בערטאַ פיינשטיין.

— אַזוי? — האָט זי גלייכגילטיק געזאָגט.

— דו האָסט אים נאָך אַלץ ליב?

— ועמען? שמואל דוואָרסקין? — האָט זי אַ לאַך געטאָן.

— נייז, איך מיין... ד"ר שוואַרץ.

זי איז אַרומגעלאָפן ווילד איבערן צימער:

— דערמאָן נישט זיין נאָמען, הערסט? קיין מאָל, קיין מאָל נישט זאָלסטו דערמאָנען זיין נאָמען!

— מסכים...

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק און פאַרקלערט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. ער האָט צוגעשאַרט צו איר דער מומעס טויבע לאהס פוסבענקעלע, זיך אַוועקגעזעצט איר צופוסנס און אָנגעהויבן צו זינגען דאָס באַקאַנטע ליד פון דער אָפּערע „האַלקאַ" פון מנישקאָ:

„אויפן שפּיץ באַרג רוישן יאַדלעס,
רוישן פאַר זיך ווייט,
טרויעריק איז דעם יינגל לעבן
ווען זיין האַרץ ליידט.

זי האָט אים לייכט אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ:

— דו האָסט אויך אַ לייד?

— ווען איך קוק אויף דיר איז מיר גוט, דעמאָלט לייד איך נישט. איך וואָלט געקאָנט זיצן דיר צופוסנס דאָס גאַנצע לעבן און אויף דיר קוקן.

—שווייג! וואַרף דיך נישט מיט ווערטער, וועלכע דו פאַרשטייסט נישט זייער באַדייט. צי ווייסטו וואָס הייסט ליבן? צי ווייסטו וואָס הייסט זיך פאַרגעסן ביז משוגעת, אַלץ אַוועקגעבן, זיך מקריב זיין, ווערן באַשמוצט און דערנידעריקט און דערנאָך זיך מאַטערן אין בענקשאַפט?

— דו ליידסט פעלאַ, גערן וואָלט איך דיר געוואָלט העלפן.

— אַ דאַנק מיכאַל. האָסט מיר שוין געהאָלפן. דעמאָלט ווען אַלע האָבן זיך פון מיר אָפּגעווענדט, האָסטו מיך נישט פאַרלאָזט, און ווען מיין חתן האָט מיך דערנידעריקט, ביסטו געווען מיט מיר.

— ווייסטו פאַר וואָס?...

זי האָט געגעבן אַ פאַרוואַרף דעם קאָפּ מיט די לאַנגע האָר און זיך פלוצעם צעלאַכט; זי איז אויפגעשפרונגען און אָנגענומען מיכאַלן ביי די הענט:

— קום טאַנצן! אייער „היידוק" איז דאָך אַ וואונדערבאַרער טאַנץ!

אַנשטאָט זי אַרומנעמען צום טאַנץ, האָט ער זי געגעבן אַ דרוק צו און זיך איינגעגעסן אין אירע ליפּן... זי האָט זיך קוים פון אים באַפרייט:

— לאָז מיך! גיי דיר, גיי, — האָט זי אים אַרויסגעשטופּט אין דרויסן, — די מומע וועט באַלד אָנקומען.

נאָך זיין אָוועקגיין, איז זי צו צום שעפל וואַסער און זיך געריבן די ליפּן מיט וואַסער, געוואָלט אָפּוואַשן דעם עקל וואָס זי האָט געפילט פון זיינע קושן... ווי אַנדערש איז צו ליגן אין יענעמס אָרעמס און פילן יענעמס קושן! איר ליידנשאַפטלעכע ליבע וואָס האָט צוליב דעם סקאַנדאַל זיך אַ ביסל איינגעשטילט, האָט צוריק דערוואַכט. כאָטש זי וואַגט נישט זיין נאָמען אויף די ליפּן צו ברענגען, דאָך קלערט זי שטענדיק פון אים. זי לעבט איבער אין געדאַנקען די אַלע שעהן וואָס זי האָט פאַרבראַכט מיט אים און חלומט פון דער צייט וואָס זי וועט ווידער מיט אים זיין. אין איין שיינעם טאָג וועט ער קומען און ער וועט זי נעמען מיט זיך. ווי דען אַנדערש? ער מוז קומען! אָבער עס זענען פאַרגאַנגען טעג און וואָכן און ער איז נישט געקומען. איר בענקשאַפט און ליבע האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט. זי ווערט אַנטשלאָפן, קלערנדיק פון אים און דערוואַכט, פילנדיק זיין פּנים אויף זיך... זיס זענען אירע ליידן, זי וויל זיך גאָרנישט באַפרייען פון זיי, אָבער נישט תמיד איז זי אַ רעזיגנירטע. צו מאָל, ווען זי איז אַליין אין שטוב, לויפט זי אַרום ווי אַ משוגענע: — ווו איז ער? פאַר וואָס קומט ער נישט? פאַר וואָס קומט ער נישט? — זי פלעגט זיך וואַרפן אויף דער באַנק און צעוויינען, דערנאָך זיך אָפּוואַשן דאָס פּנים מ׳זאָל נישט דערקענען אַז זי האָט געוויינט.

אָפט האָט מומע טובע לאה באַמערקט איר צעטראָגנקייט:

— פייגעלע, שטיי נישט ליידיק. אַ מיידל אַז זי שטייט ליידיק, קריכן איר זינדיקע געדאַנקען אין קאָפּ. אַ מיידל דאַרף זיין שטענדיק פאַרנומען.

— וואָס זאָל איך טאָן, מומע?

— וואָס הייסט, ס׳איז נישטאָ וואָס צו טאָן? פעדערן פליקן, שטריקן, נייען. קום, וועל איך דיך אויסלערנען מאַכן אַ זאָק.

זי האָט איר אַרומגעוויקלט די וואָל אַרום די פינגער, געוויזן איר ווי מען אַרבעט אָפּ אַ שפּיזל. קראַמפּהאַפט שטייף זענען פעלאָס פינגער, קוים וואָס זי אַרבעט אָפּ דאָס ערשטע שפּיזל. נאָר צו ביסלעך לאָזט נאָך דער

קראַמף. די פינגער ווערן בויגעוודיקער, לייכט און פלינק בייטן זיך די שפּיזלעך, אויך דער קאָפּ לייטערט זיך אויס, די געדאַנקען ווערן קלאָרער. די מומע איז גערעכט, אַרבעט באַרויקט.

אין אַ יאָרידטאָג האָט זיך פעלאַ קוים דערוואַרט אויפן פעטער יאַנקל, זי האָט אים מיטגעגעבן אַ בריוול צו איר מאַמען, געבעטן זי זאָל איר שיקן אירע ביכער, זי וויל זיך צוגרייטן אַנצוקומען אין אוניווערסיטעט. ער האָט איר נישט געבראַכט די ביכער און אויך קיין תשובה אויף איר בריוול.

— וואָס האָט געזאָגט די מאַמע? — האָט פעלאַ געפרעגט אַן אַנטוישטע.

— זי האָט געזאָגט אַז שוין גענוג געלערנט. דאַרפסט נישט קאַ־ביכער!

— מיינע רייד! — האָט פּאַטאַקעוועט מומע טויבע לאה: — ווער מיר ביכער צום טיש? אַ באַלעבאָסטע דאַרפסטו זיין און נישט לייענען קיין ביכער! אַ מיידל דאַרף זאָקן שטריקן, פעדערן פליקן, נאָר נישט ליידיק אַרומגיין. אַנדערש שטייט צו דער שטן צו איר, אויף אַלע פוסטע פעלדער זאָל עס פאַלן.

— איך קען נישט זיצן ווי אַן אַלטע יידענע אַ גאַנצן טאָג איבערן זאָק!

— פייגעלע׳לעבן, אַ יידישע טאָכטער דאַרף זיין געצוימט. דאָס זענען די דישלען וואָס האַלטן אונדז אין שפּאַן. אַ יידישע טאָכטער דאַרף זיצן אין שטוב און אַרבעטן. אויף דער גויישער גאַס טאָר זי נישט אַרויסקוקן; לאַכן, קוויטשען, שפּרינגען פּאַסט פּאַר אַ שיקסע, נישט פּאַר אַ יידיש קינד.

פעלאַ האָט שטיל געוויינט.

— נו, וויין נישט פייגעלע, די מאַמע האָט דיך צו מיר געשיקט איך זאָל פון דיר מאַכן אַ מענטש. נאַ, נעם דעם זאָק וועסטו דיך באַרויקן.

פעלאַ האָט חשק געהאַט אַ שמייס טאָן דעם זאָק און אַנטלויפן ווו די אויגן וועלן זי נאָר טראָגן, אָבער אַנשטאָט דעם האָט זי אָנגעהויבן צו שטריקן, אַ שפּיזל נאָך אַ שפּיזל האָט זי אָפּגעאַרבעט, ביז זי האָט זיך באַרויקט און ס׳האָט זיך איינגעשטעלט אַ האַרמאָניש גלייכגעוויכט צווישן אירע געדאַנקען און די הענט.

שבת האָט די מומע טויבע לאהס שטוב אַן אַנדער אויסזען. דער טיש איז פאַרשפּרייט מיט אַ טישטעך. דער דיל איז אויסגעשמירט מיט געלן ליים

און דער אויוון אונטערגעקאַלעכט. מומע טויבע לאה טוט זיך אָן דאָס שבתדיקע קלייד, אַ ווייסע פאַטשיילע און פאַרבייט דאָס פאַרשמאַלצטע פאַרטעך אויף אַ ריינעם. פעטער יאַנקל האָט אַהיימגעבראַכט די קו פון פעלד, זיך איבערגעטאָן אין ריינע וועש, אויסגעטאָן דעם וואָכעדיקן שפּענצער און אָנגעטאָן די שבתדיקע בעקעשע און געגאַנגען צום דאַווענען. ביי הערש וואָלף קומט מען זיך צוזאַמען. ס׳איז שווער צוזאַמענשטעלן דעם מנין. הערצל שטייט שוין אַ גרייטער צום זאָגן ביים קליינעם אָרון קודש, אָבער עס זענען נאָך אַלץ נישטאָ קיין צען אירע. האַנדלען און וואַנדלען טאָר מען טאָקע נישט אום שבת, אָבער אַ קוק טאָן אין פעלד צי מען קען שוין שניידן דעם קאָרן דאָס מעג מען. און אויב דער בהמה פאַרגלוסט זיך דער בוהיי, מעג מען אוודאי, ס׳איז גאָר אַ סגולה, זי ווערט באַלד קעלביק און מען פאַרשפּאָרט זי נאָך אַ מאָל צו טרייבן. הערש וואָלף און יאַנקל זאָגן דערווייל תהילים. זיי האָבן פאַראיבל אויף די אַנדערע וואָס זענען מחלל שבת. עס האָט אָבער קיין מאָל נישט געטראָפן, חלילה, מען זאָל בלייבן שבת אָן אַ מנין. לסוף קומען דאָך אַלע צו לויפן, ווער פונעם פעלד און ווער פון דער שטאַל. נאָר עגמת נפש פאַרשאַפט עס און מען ווערטלט זיך דורך. גייט יאַנקל אַהיים אַ צעשרויפטער און אויפגערעגטער. דאַרף ער פונקט אָנטרעפן אויף איטשיע לייבס אַלמנה. זי גייט באָרוועס טראָגט אויפן קאָפּ די קויטיקע וואָכעדיקע פאַטשיילע, פאַרהויבן אין דער זייט דאָס קלייד און איינגעשטעקט אין גאַרטל ס׳זאָל נישט פאַרנעצט ווערן פונעם טוי. אַ סערפּ אויף אָן אַקסל און אַ זשמוט היי אונטערן אָרעם:

— אַ, אַ גוט שבת ר׳ יאַנקל — האָט זי געהיקעט, פאַררויטלענדיק זיך אַ פאַרשעמטע.

דעם פאַראיבל וואָס ער האָט געהאַט אויף די יידן פאַרן מחלל שבת זיין, האָט ער צו איר אויסגעלאָזט:

— וואָסער גוט שבת אויף אייך איטשיע לייבעכע, מען קומט פונעם פעלד ווי להבדיל אַ גויע?!

די איטשיע לייבעכע האָט זיך צוזאַמענגעבראָכן און אַרויס מיט אַ געוויין:

— נישט געגוג מען איז אַזוי וויסט און פאַרחושכט, איך זאָל נישט

זינדיקן מיט די רייד, ניט־קא־שבת, ניש־קא־יום טוב, קומט איר מיר נאָך ר׳ יאַנקל שיטן זאַלץ אויף די ווונדן?

זי איז אַוועק מיט פאַרבראָכענע הענט, הויך שלוכצנדיק. יאַנקל האָט חרטה געהאַט וואָס ער האָט איר אַריינגעזאָגט.

איר מאַן, איטשיע לייב, איז דערהרגעט געוואָרן פון די רוסן. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף דער שוועל און זיי נישט אַריינגעלאָזט אין זיין שטוב. זיי האָבן אים אַזוי לאַנג געשלאָגן מיט די קאָלבעס, ביז ער איז אַנידערגעפאַלן מיט בלוט אַ באַגאָסענער. ווען זיי האָבן אויפגעבראָכן די טיר, האָבן זיי דערזען ראָכציען, איטשיע לייבס דערוואַקסענע טאָכטער.

— פסיאַקרעוו! אַ שיינע זשידאָוועטשקע!

זי איז אַרויסגעשפרונגען דורכן פענצטער. זיי האָבן זיך נאָך איר געיאָגט. פלינק ווי אַ סאַרנע איז זי געשפרונגען דורך שטיינער און גריבער, דורך גערטנער און קוסטעס און איז פון זיי אַנטרינען... דעם אַנדערן טאָג האָט מען זי אַרויסגעצויגן אַ טויטע פונעם דניעסטער. איטשיע לייב איז געשטאָרבן פון די קלעפּ. ער האָט איבערגעלאָזט אַן אַלמנה, די איטשיע לייבעכע מיט צוויי יתומות און אַ שטיקל פעלד. די איטשיע לייבעכע און אירע טעכטער באַאַרבעטן אַליין דאָס פעלד און ציען דערפון אַרויס קוים אַ שטיקל ברויט. זיי טויגן זיך נישט אויס צום האַנדל ווי די אַנדערע יידישע פרויען אין דאָרף. ביי זיי איז אַרומצולויפן מיטן קיישל איינקויפן אייער אין די גויישע שטיבער אַ בושה, ווי זיי זאָלן, חלילה, אויסשטרעקן אַ האַנט נאָך אַ נדבה. פון דער פעלד־אַרבעט זענען די מיידלעך פאַרגרעבט און פאַרהאָרעוועט, פון די גויים דערווייטערן זיי זיך און פאַר די יידן שעמען זיי זיך. זיי זענען אַזוי אָרעם, אַז אפילו די פאָר זלאָטעס צו קויפן פלייש אויף שבת איז נישטאָ.

— האַ, פלייש! ווער דאַרף עס האָבן? זאָגט די עלטערע טאָכטער און מאַכט אַוועק מיט דער אויסגעאַרבעטער האַנט: אַז מיר קויפן פלייש, וואַרפן מיר עס אַרויס דורכן פענצטער! די מוטער טויבע לאה וואָס זיצט אין שכנות מיט זיי, ציט שפּאָטיש מיט די אַקסלען:

— איך האָב נאָך נישט געזען אַז פלייש זאָל פליען דורך זייערע פענצטער!

— ווער פלייש? ווער דאַרף האָבן פלייש? אַוודאי, אַז ס׳איז דאָ אַ

מאַנצביל אין שטוב דאַרף מען האָבן אַ כזית פלייש. אָבער אַזוי? איך שטעל אַריין אַ מילכיקן קרופניק אין טשאָלנט, איז ער כ׳לעבן טעם גן עדן! מעג עס אפילו דער קייזער אַליין פאַרזוכן. — גיט צו די איטשיע לייבעכע.

שבת פאַרלייגן די מיידלעך די הענט אויפן פענצטער־ברעט און קוקן אַרויס אויפן געסל. פון די גויים און זייערע פירעכצער מאַכן זיי דאָס גרעסטע געשפעט. אויפן פעלד, אַז זיי באַגעגענען זיך ביי דער אַרבעט, ווינטשעווען זיי זיך צו:

— „גאָט העלף״ — אָבער נאָך דער אַרבעט גרענעצט מען זיך אָפּ. פאַרט יידישע קינדער.

איין מאָל איז אַ שבת, ווען פעלאַ האָט זיך קיין אָרט נישט געפונען, אַרבעטן טאָר מען נישט און לייענען גוישע ביכער אום שבת האָט מומע טויבע לאה נישט געלאָזט, האָט די מומע אַ זאָג געטאָן:

— גיי פייגעלע אַריין צו דער שכנה די איטשע לייבעכע, באַקען זיך מיט אירע מיידלעך.

די מיידלעך האָבן זיך פאַר בושה ערגעץ באַהאַלטן. די איטשע לייבעכע האָט אויפגענומען פעלאַן פאַר אַ גאַר חשובן גאַסט.

— אַ שאָד נאָר וואָס מיינע מיידלעך זענען נישטאָ אין דער היים. — האָט זי זיי פאַרענטפערט.

דאָס שטיבל איז געווען אָרעם אָבער ציכטיק ריין. דער דיל איז פשוט געווען קינסטלעריש אויסגעמאָלן. אין דער מיט, מיט געלער פאַרב און אונטערן בעט און טיש מיט גרויער פאַרב, אָפּגעטיילט פון דער געלער פאַרב אין זיגזאַגן. דער אויוון איז אָפּגעקאַלעכט אויף העל בלוי און באַשפּריצט מיט פאַרשידענע פאַרבן. פעלאַ האָט אויסגעדריקט איר באַוווּנדערונג.

— וואָס וויסטו דען טאָכטערשי, וואָס מיינע מיידן אַרבעטן דאָס אויס, זיי גייען העט ווייט ביז צום גוישן צווינטער און ברענגען פון דאָרט דאָס געלע ליים און פונעם דניעסטער ברענגען זיי דעם גרויען ליים. און ביי אייך מיט וואָס שמירט מען דעם אויוון?

— ביי אונדז שמירט מען נישט קיין אויוונס. זיי זענען געמאַכט פון ציגל און פון אויבן באַדעקט מיט קאַפּליעס.

— אַזוי? וווּנדערט זיך די איטשיע לייבעכע — און מיט וואָס פאַרשמירט איר דאָס טשאָלנט־ברעטל?

— טשאָלנט־ברעטל? ביי אונדז איז נישטאָ קיין טשאָלנט־ברעטל. מען פאַרריגלט די אייזערנע טירלעך און דאָס איז עס.

— טאַקע? קאָן זיך די איטשיע לייבעכע גאָרנישט אָפּוווּנדערן ווי שטאָטישע נגידים לעבן דאָס אין ראַסקאָש.

פעלאַ הייבט זיך אויף אויף אַוועקצוגיין.

— גאָרנישט געהאַט מיט וואָס אויפצונעמען ר׳ סענדערס טאָכטער, — פאַרענטפערט זיך די איטשיע לייבעכע. — די הינער נישט געלייגט די וואָך קיין אייער, איז נישט געווען פון וואָס קיכעלעך צו מאַכן.

— מאַכט נישט אויס. — שמייכלט פעלאַ: — זאָלן זיך ביי אייך די הינער לייגן און איוודעוואָך זאָלט איר האָבן פון וואָס צו מאַכן קיכעלעך.

— גם אתם — ווינטשט איר צוריק די איטשיע לייבעכע, באַגלייטנדיק זי אַרויס.

— גריסט די מיידלעך, זאָלן זיי צו מיר אַריינקומען, מיר זענען דאָך עפּעס שכנים.

— ווו האָבן מיינע מיידלעך צייט? אַז מען איז אַזוי פאַרשוואַרצט, מ׳שטיינס געזאָגט, מיטן קאָפּ אין דער ערד, אַז מען זעט נישט די ליכטיקע וועלט, אויף מיינע שונאים געזאָגט געוואָרן אַזאַ לעבן, איך זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד.

פון דער איטשיע לייבעכע איז פעלאַ געגאַנגען צו הערצלען. זיינע מיידלעך זענען שוין מער אויפגעקלערט. אין פעלד אַרבעטן זיי נישט. זיי נייען די ספּודניצעס פאַר די שיקסעס. אַ גאַנצע וואָך זיצן זיי ביי דער מאַשין און שטעפּן. שבת איז די מאַשין פאַרדעקט. די הערצלעכע איז אַ הויכע גלייכע יידענע. ווען נישט איר געשטופּלט פּנים, וואָס איז איבער־געבליבן נאָך די קינדער־פּאָקן, וואָלט זי נישט געווען חתונה געהאַט מיט הערצלען דעם דאָרפס־ייד. הערצל איז אַ נידעריקער און דיקלעכער. זענען די טעכטער אייניקע נידעריקע און דיקע, געראָטן אינעם פאָטער און די אַנדערע הויכע און שלאַנקע, געראָטן אין דער מוטער.

הערצל איז געזעסן אויף דער פּליטע פון דער קיך, די הענט אונטער זיין געזעס און זיך אונטערגעטרעלערט. די הערצלעכע האָט אים געגעבן

אַ ווונק, ער זאָל זיך אויפהייבן, ער איז זיך אָבער געמיטלעך ווייטער געזעסן און געקוקט אויפן אויסגעפּוצטן שטאָטישן מיידל, ר׳ סענדערס טאָכטער. די מיידלעך זיצן אויסגעפּוצטע אין נייע ביליקע פּאַרקאַלענע קליידער פון טונקעלען שטאָף מיט רויטע גרעלע בלומען. פעלאַ קלערט, ווי אַזוי מען קען זיך אַזוי געשמאַקלאָז קליידן? זיי קנאַקן דיניע־קערלעך. זיי גיבן אויך פעלאַן אַ זשמענקעלע קערלעך, זי זאָל נישט זיצן ליידיק. פעלאַ האָט די מיידלעך פאַרגעשלאָגן מ׳זאָל גיין שפּאַצירן.

— וואָרטס נאָך אויס, האָט געזאָגט די הערצלעכע — קודם זייט אייך מכבד. זי האָט געשטעלט געקאָכטע באַרנעס אויפן טיש און אייער־קיכעלעך. זי האָט אויך אַוועקגעשטעלט לכבוד דעם גאַסט אַ שיסעלע מיט איינ־געשטעלטע ווײַנשל, וואָס זענען איבערגעבליבן נאָכן אָפּגעזייטן ווישניק. פעלאַ האָט געמוזט פון אַלעמען טועם זיין. זי האָט אויסגעלויבט די אייער־קיכעלעך, וועלכע זענען אויפגעגאַנגען הויך און פּוכקע ווי איבערגעקערטע שיסעלעך און וועלכע צעגייען זיך אין מויל. די באַרנעס זענען זיס־זויערלעך ווי גוטער וויין. דאָס איז שוין הערצלס בריהשאַפט. ער האָט זיי אַראָפּ־גענומען פונעם סאָד, זיי געטרוקנט אויף דער זון, די הערצלעכע האָט זיי עטלעכע מאָל געבאַקן אין אויוון, מ׳דאַרף זיין אַ מומחה זיי זאָלן אַרויס־קומען אין דער מאָס, נישט צו טרוקן, דעמאָלט פאַרלירן זיי דעם טעם און ווערן ווי טרוקענע סיטשקע, אָדער צו ווייניק געבאַקן, דעמאָלט ווערן זיי איבערגעשטאַנען און זויער. דערווייל האָבן די קלענערע מיידעלעך אַראָפּגעכאַפּט דאָס שיסעלע מיט די ווײַנשל פונעם טיש, זיי אויסגענאַגט. איצט וואַלגערן זיי זיך שיכּורע אונטערן טיש. זיי לאַכן און שווערן זיך אַז זיי זענען נישט שיכּור. די מאַמע דריגעט זיי מיטן פוס זיי זאָלן זיין שטיל, די גרעסערע מיידלעך שעמען זיך מיט זייערע שוועסטערלעך.

מ׳איז געגאַנגען שפּאַצירן איבערן דאָרף. שקצימלעך זענען זיי נאָכ־געלאָפן און געזונגען שפּאָט־לידלעך: —

— „זשידאָוואָטשקאָ כאַיקאָ, פּראָדאַוואַלע יאַיקאָ
מעני דוואָ, טאָבי דוואָ, אָ סובי אָבידוואָ״ —
(יידישקע כאַיקע פאַרקויפט אייער,
מיר צוויי, דיר צוויי און פאַר זיך ביידע).

פעלאַ איז רויט געוואָרן, זיך אָפּגעשטעלט און זיי געוואָלט אויסמוסרן, פאַרטרייבן, די מיידלעך האָבן זי אַוועקגעשלעפּט:

— זאָל זיך דיר דאַכטן, עלעהיי אַ הונט בילט...

די געסלעך זענען שמאָל, צעקרימט און שטויביק. אַ געסל באַרג אַרויף, אַ געסל באַרג אַראָפּ. באַגעגענען זיך צוויי פורלעך, שטעלן זיך די פערד דיבאָם, מיט די פאָדערשטע פיס אין דער הויך. די פורמאַנעס קריכן אַראָפּ. איינער וויל פאַרן אַנדערן נישט מוותר זיין און זיך אומקערן. קריגט מען זיך און מען שעלט — און עס פליִען פעטש. גוישע שטיבער שטייען אויף ברייטע פאָדווירעס, מיט דער בלינדער וואַנט צו דער גאַס. דער הויף איז פאַרצוימט מיט אַ פלויט און פאַרמאַכט אויף אַ פאַרטקע, אַז קיין קעלבל צי שאָף זאָל זיך נישט אַרויסכאַפּן. די פענצטער און טירן זענען געווענדט צו דער באַלעבאַטישקייט. וואָס דען? וואָס איז דאָ צו זען אויפן געסל? אין הויף: די שטאַלן, די סטאַדאָלעס, די בהמות, דאָס איז זייער גאַנצע וועלט.

די מיידלעך האָבן געוואָלט אָנווייזן פעלאַן אויף יידישע שטיבער.

— נישט נייטיק — האָט פעלאַ געלאַכט — איך דערקען זיי אַליין. פאַר אַ יידישער שטוב הענגט צווישן די הלאָדישעס אויפן פלויט אויך אַ ווייקשעפל און זאַלצברעטל כשר צו מאַכן פלייש. יידישע שטיבער זענען אויך אָפּגעלאָזטער און אָרעמער.

זונטיק. די גוים גייען אַרום אויסגעפּוצטע. זיי שטורקען און באַכען זיך, פאַרמעסטן זיך ווער וועמען וועט גיכער אַוועקלייגן. גויעס זיצן אויף די פּריספּעס, מיט נאַקעטע בריסטן און זויגן אָן די קינדער. שקצים קנאַקן דיניע־קערלעך און סיקען דורך די ציין אַרויס פאַר זיך די שאָלעכץ.

די מומע טויבע לאה גייט היינט נישט איבערן דאָרף האַנדלען. זי זיצט אויף דער פּליטע פון דער קיך און דרימלט זיך אונטער. פעטער יאַנקל זיצט מיטן תהלימל אין די הענט און ציט פאַרשלאָפן — „אַשרי האיש אשר לא הלך"... און פאַרגייט זיך אין אַ כראָפּען.

די מומע טויבע לאה וועקט אים:

— יאַנקל! די כאַדאָבענקע הונגערט! צייט זי אַרויסטרייבן אויף פּאַשע.

— נאָך אַ ביסעלע, טויבע לאה סערצע, נאָך אַ ביסעלע. — ער פאַר־

לייגט די הענט אויף דער ברוסט און פאַרגייט זיך אין אַן אַנדער נוסח פון כראָפּען.

פעלאַ האָט געגעבן אַ וואָרף מיטן זאַק און גענומען פאַרקעמען דעם קאָפּ. נעמט זיך מומע טויבע לאה צו איר:

— הערסטו, פייגעלע, האָסט אַ קאָפּ ווי ריינער פלאַקס, עס פּאַסט פאַר אַ שיקסע און נישט פאַר אַ יידיש קינד. נעם און באַשמיר דיר דעם קאָפּ מיט אַ ביסל נאַפט.

— איך קען נישט פאַרליידן דעם גערוך.

— נעם׳זשע אַביסל פלוימען־יויך, ס׳איז געבליבן פון נעכטן און באַשמיר די האָר.

פעלאַ האָט איר נישט געענטפערט.

— וווהין פוצסטו דיך?

— איך גיי צו הערצלס מיידלעך.

— אין דער וואָכן איז נישטאָ קיין צייט אַרומצושפּאַצירן.

— איך האָב יאָ צייט.

— אָבער נישט זיי.

פעלאַ איז אַרויסגעלאָפן.

— וווהין לויפסטו, דו ווילדע ציג! — שרייט איר נאָך די מומע, אָבער פעלאַ האָט זי שוין נישט געהערט.

אָנגעקומען צו הערצלען, האָט זיך פעלאַ איבערצייגט אַז די מומע איז געווען גערעכט. די מיידלעך זענען אַרומגעגאַנגען אין וואָכעדיקע, שמוציקע קליידלעך, די האָר נישט פאַרקעמט. איינע האָט שוין באַוויזן אָנצוּשטעקן אַ פאָר שיך, די אַנדערע האָט זיי ערשט געשלעפּט פון אונטערן בעט. די הערצלעכע האָט פאַרצויגן די ליפּעלעך און געזאָגט:

— מיינע קינדער אַרבעטן. אין דער וואָכן גייט מען נישט אַרום ליידיק.

נאָר הערצל איז זיך ווייטער געזעסן אויף דער פּליטע, זיך אונטער־געזונגען און באַטראַכט אַ דערשטוינטער ר׳ סענדערס טאָכטער, וואָס גייט אַרום איז דער וואָכן ליידיק.

פעלאַ איז פון דאָרט גלייך געלאָפן צו די פּאַוולאָוויטשעס. זי איז געגאַנגען מיט האַרצקלאַפּן, ווי זי זאָל עס באַטרעטן אַ פאַרבאָטענע וועלט. אויף דער פּאָדווירע זענען זי הינט באַפאַלן. נאַסטיאַ האָט זי געזען אָנ־

קומען דורכן פענצטער, איז זי איר געלאָפן אַקעגן און פאַרטריבן די הינט. דאָס הויז איז אַ נידעריקס, אָבער גענוג געראַם. צוויי שטיבער צו ביידע זייטן פון דעם פירהויז.

דער אַלטער פּאַוולאָוויטש איז געזעסן אויבן אָן און געררייכערט אַ ליולקע. ער איז דער וואָיט (בירגערמייסטער) פונעם דאָרף. די וואָיטעכע איז אַ גבאיטע אין קלויסטער, זי האַלט די ליכט בעת די גאָטעסדינסט. זי טראָגט אַ „האַרבאַטקע", דאָס איז אַזאַ וואָלן טוך וואָס די גויעס אַרבעטן זיך אַליין אויס און טראָגן עס אַרומגעוויקלט אַנשטאָט אַ קלייד. זי איז זייער אַ פרומע און אַ קעגנערין פון די ספּודניצעס וואָס די יונגע לאָזן זיך אויפנייען ביי די יידישקעס. אויסער מיכאַלן און נאַסטיאַן זענען דאָ נאָך צוויי עלטערע, אויסגעגעבענע קינדער: איוואַן דער בכור, וווינט מיט זיין ווייב מאַריסקאַ ביי די פּאַוולאָוויטשעס. האַנקע, די צווייטע טאָכטער, האָט חתונה געהאַט מיט סעמענקען און וווינט ביי אים. איצט איז זי געקומען מיט איר מאַן צו גאַסט צו די עלטערן.

מיקיטע פּאַוולאָוויטש דער וואָיט האָט צוליב פעלאַן אַרויסגענומען די פּייקע פון מויל ,ער רעדט באַדאַכט און פּאַוואָליע ווי עס פּאַסט פאַר אַ בכבודיקן מענטשן:

— אַ ליבער גאַסט. פּאַן סענדערס טאָכטער! איך באַגריס דיך אין גאָטס נאָמען אין מיין שטוב.

די וואָיטעכע הייבט אויף די הענט אין דער הויך, ווי דער גלח אין קלויסטער, דרייט מיטן קאָפּ:

— אָוואָ! אַזאַ גאַסט! דער סענדעראָוואָס טעכטערל — זיץ דאַנעטשקאַ, טייבעלע שיינס!

— אַ דאַנק! — האָט פעלאַ פאַרלעגן געזאָגט און זיך געזעצט.

— נאָך אַזאַ לאַנגער צייט, זיך קוים דערמאָנט צו קומען! — האָט זיך אָנגערופן נאַסטיאַ. מיכאַל האָט גאָרנישט געזאָגט, נאָר ער האָט אויף איר געקוקט מיט אַ פריידיקער איבעראַשונג.

— דו ביסט אָבער אויך צו מיר נישט געקומען, האָט געענטפערט פעלאַ.

— דו האָסט מער צייט פון מיר.

— זשידקעס האָבן שטענדיק צייט. זיי אַרבעטן נישט. מיר אַרבעטן

פאַר זיי. — האָט זיך אַריינגעמישט דער איידעם סעמענקע, און געגעבן וווילינגעריש אַ שפּיי דורך די ציין.

מיכאַלס פּנים האָט זיך פאַרכמורעט, נאַסטיאַ איז רויט געוואָרן, די וואַיטעכע האָט אויפגעהויבןביידע הענט און געוואָרנט ווי אַ געבעט:

— סעמענקאָ!

דער וואָיט האָט לאַנגזאַם, באַטאָנענדיק יעדעס וואָרט געזאָגט:

— סעמענקאָ, אַנו, גיב נאָר אַ קוק צו די פערד אין שטאַל.

סעמענקע האָט נאָך אַ מאָל בייז אַ סיקע געגעבן דורך די ציין און איז אַרויסגעגאַנגען. די איבעריקע האָבן געוואָלט פאַרווישן דעם שלעכטן איינדרוק וואָס סעמענקעס ווערטער האָבן געמאַכט אויף פעלאַן, זיי האָבן זי באַשיט מיט קאָמפּלימענטן און פריינדלעכע רייד און געבעטן זי זאָל נאָך אַ מאָל קומען.

איין מאָל, ווען די מומע טויבע לאה איז אַהיימגעקומען פונעם דאָרף מיט אַ שווערן קויש אייער, האָט זי געזאָגט:

שיינע זאַכן הערט מען פון דיר, דו האָסט געטאַנצט מיט שקצים אויפן „שום"?

— וואָס הייסט שום?

— די לאָנקע ווו זיי טאַנצן.

די געסלעך האָבן נישט קיין געמען, אָבער די פעלדער יאָ, אַ יעדער לאַן האָט זיך זיין נאָמען.

איך האָב נישט געטאַנצט, זיי האָבן מיך אַריינגעשלעפּט.

— אָבער ווי קומסטו צו זיי? אַ סך יידישע מיידלעך האָסטו געטראָפן אויפן שום? אַפילו דער איטשע לייבעכעס מיידלעך, וואָס אַ גאַנצע וואָך אַרבעטן זיי צוזאַמען מיט גויים אויפן פעלד, זונדערן זיך זונטיק אָפּ פון זיי. מיט גויים האָט מען נישט קיין שום משא ומתן.

פעלאַ האָט פיינט אַז מען מוסרט זי, זי האָט געגעבן אַ טופּע מיטן פוס אויף צו להכעיס און געענטפערט:

— נו, איז וואָס? אַז איך האָב שוין געטאַנצט מיט אים, האָט ער מיך אָפּגעביסן?

די מומע האָט זיך געקניפּט די באַקן:

— פייגעלע, פאַרכט דיך פאַר גאָט! פאַרשוואַרץ מיר נישט דאָס פּנים

פאַר די היגע יידן! הערסט? מער זאָל דיין פוס נישט אַריבערטרעטן דעם שום, אויב נישט וועל איך דערציילן דיין טאַטן!

פעלאַ האָט זיך דערשראָקן:

— ניין, זאָגט גאָרנישט דעם טאַטן, מומע טויבע לאה, איך וועל מער נישט גיין אויפן שום.

אָבער דאָך האָט עס פעלאַן געצויגן צו די גויים, עס איז איר געפעלן זייער פריי זאָרגלאָז לעבן. זייער הפקרדיק לאַכן. זיי האָבן נישט געהאַט קיין זאָרגן וועגן חיונה. דאָס שטיקל פעלד וואָס זיי באַאַרבעטן זומער, וועט זיי געבן ברויט אויפן גאַנצן ווינטער. זיי האָבן נישט געציטערט פאַרן מאָרגנדיקן טאָג ווי די יידן. נישט מורא געהאַט פאַר קאָנקורענץ אָדער שטייערן וואָס נעמט צו דאָס לעצטע שטיקל סחורה פון דער פּאָליצע.

האַנקע פּאַוולאָוויטשעס עלטערע טאָכטער איז געווען אַ לוסטיק שיקסל ווי איר שוועסטער נאַסטיאַ, ביז זי האָט זיך באַקענט מיט סעמענקען. ווען ער האָט אָנגעהויבן אַריינקומען צו האַנקען אין די אָוונטן, האָבן אַלע שקצים אויפגעהערט קומען צו איר, מורא האָבנדיק פאַר אים. ער איז געווען אַ פינצטערער טיפּ מיט שיקלדיקע אויגן. קיינער האָט נישט גע־וואָלט האָבן מיט אים צו טאָן און בעסער האָט מען אים אָפּגעטרעטן דעם וועג. האַנקען איז ער לגמרי נישט געפעלן, אָבער זי איז ווי היפּנאָטיזירט געוואָרן פון אים און איינגעוויליקט מיט אים חתונה צו האָבן. כאָטש ער איז געווען רייך, געהאַט פאַר זיך אַליין אַ גרויסע ווירטשאַפט מיט פי און פעלדער און דאָס איז דאָך דאָס וויכטיקסטע ביי די פויערים, דאָך האָבן די פּאַוולאָוויטשעס אים נישט געוואָלט. זיי האָבן געפילט אַז זייער קינד וועט מיט אים נישט זיין גליקלעך. זיי האָבן שוין באַמערקט די ענדערונג אין איר. זייט ער קומט אין שטוב, איז פון איר פאַרשוווּנדן די פריילעכקייט. זי האָט אויפגעהערט צו שפרינגען און לאַכן. זי זיצט ווי אַ פריטשמעליעטע און פאָלגט אים אין אַלעמען. איר מאַמע האָט איר גערעדט צום האַרצן:

— באַקלער דיך דאָנעטשקאַ, קוק נישט אויף זיין פאַרמעגן. ער איז אַן אַלטער בחור און דו ביסט יונג און שיין. נעם דיר דיינס גלייכן. מיר ווילן דיך נישט צורעדן אָדער צווינגען, חלילה.

האַנקע האָט זיך דערשראָקן, סעמענקע קען דערהערן אַז מ׳רעדט פון

יונגע בחורים, ער וואַרפט איר אַזוי אויך פאָר אַז זי קוקט אויף די יונגע הולטאַיעס און זי איז אַליין אַ הולטאַי און וואָלט גערן געגאַנגען אויפן שום הוליען, איידער אַרבעטן. זאָגט זי שנעל:

— ניין מאַמוניו! קיינער צווינגט מיך נישט. איך גיי פון מיין אייגענעם ווילן צום סליוב מיט סעמענעקן.

ערשט נאָך דער חתונה האָט מען דערזען דעם בראָך, סעמענקע שלאָגט דאָס ווייב. ער האַלט פון דעם כלל — אַ ווייב נישט קיין געשלאָגנס, איז אַ פעלד ניִשט קיין אָפּגעאַרבעטס. האַנקע איז אַריינגעפאַלן אין מרה שחורה. זי איז געזעסן אונטערן בוים און געדומעט. זי איז איינגעגאַנגען פון טאָג צו טאָג. עס האָט נישט געהאָלפן זיין שלאָגן זי און טרייבן צו דער אַרבעט. פאַרן דאָרף האָט ער זיך אויסגעפיינערט אַז ער שוינט זיין ווייב. אַ גאַנצן טאָג זיצט זי ביי אים אין שאָטן און גייט נישט אין פעלד אַרבעטן. אָבער האָט מען אויף איר אַ קוק געטאָן און געזען וואָס פון דער געזונטער, פריילעכער שיקסע איז געוואָרן, האָט מען באַלד פאַרשטאַנען אַז קיין האַניק לעקט זי ביי אים נישט. ער האָט זיך צו איר געטשעפּעט אָן אַ יעדער סיבה. איז זי געגאַנגען צו אירע עלטערן און צוריקגעקומען מיט פאַר־ווינטע אויגן, האָט ער געזאָגט:

— אַהאַ! דו האָסט דיך שוין באַקלאָגט פאַר דיין מאַמען!

זי האָט זיך דערשראָקן:

— ניין, סעמענקע, איך שווער דיר אַז נישט.

— קום נאָר אַריין מיין ווייב, איך וועל דיר דיינס אָפּגעבן.

זי האָט זיך ביי אים געבעטן:

— ניין, ניין סעמענקע, איך בעט דיך:

ער האָט זי אַריינגעשלעפּט אין שטוב און שטיל פאַרשלאָסן די טיר, קיינער זאָל נישט הערן און זען. ער האָט זי געשלאָגן און געקניפּט:

— שטיקער פלייש וועל איך דיר אויסרייסן! די ליובאָווניצקעס פון דיין קאָפּ וועל איך דיר אַרויסרייסן! האַ? בענקסט אפשר נאָך די בחורים־לעך וואָס פלעגן צו דיר קומען אויף וויטשערניעצים? אָט האָסטו דיר פאַר זיי, גיי דיר, גיי צו דיין הינטישער מאַמען מיט דיין שיינעם טאַטן אין איינעם, גיי דיך באַקלאָגן אַז איך שלאָג זייער טאָכטער, דאָס מאָגערע שטיקל פעלד וואָס זיי האָבן מיר געגעבן מיט דער זדעכעוואַטער מויד

זייערער, נאַ אַט האָסטו דיר! — האָט ער זי געקאַפּעט מיט די פיס און אויף איר געטרעטן.

שכנים האָבן געהערט די קלעפּ, דאָס שרייען, איר וויינען און זיפצן, אָבער זיך נישט אַריינגעמישט. זיין שטוב, זיין ווייב, זיין רעכט. אַ פּרעמדער טאָר נישט אַריבערטרעטן די שוועל, נישט זיין עסק. ווי אַ זאַך מאַכט זיך, דערלאַנגט אַ גוי אויך צו מאָל זיין אייגן ווייב, ווי עס זאָגט זיך דאָס שפּריכוואָרט — אַ ווייב נישט קיין געשלאָגנס — אַ פעלד נישט קיין געאַקערטס.

ווען האַנקע האָט געבוירן דאָס צווייטע קינד, האָט ער צוגענומען אַ געזונטע אָרעמע שיקסע, אַ דינסט הייסט עס צו זיין שוואַכן ווייב, אַזוי האָט ער זיך באַרימט אין דאָרף. אָבער אין דער אמתן איז זי געווען זיין קעבס־ווייב. די שיקסע איז געווען צופרידן וואָס דער באַלעבאָס שלאָגט זיין ווייב. אפשר וועט דאָס ווייב שטאַרבן און זי וועט פאַרנעמען איר אָרט. נאָר סעמענקע האָט זיך שוין צופּיל דערלויבט. ער האָט האַנקען אַזוי צעשלאָגן, אַז זי האָט שוין קוים געזשיפּעט. די דינסט האָט זיך דערשראָקן און אָוועקגעלאָפן צו אירע עלטערן: — קומט שנעלער! דער באַלעבאָס הרגעט זיין ווייב!

די פּאַוולאָוויטשעס האָבן זייער טאָכטער מיט די צוויי קינדער אַהיים געבראַכט. זי געפירט צו דאָקטוירים, פאַרקלאָגט דעם איידעם אין געריכט. די וואָיטעכע איז אַרומגעגאַנגען איבערן דאָרף און אַ יעדן דערציילט אַז דער גזלן, איר איידעם האָט געוואָלט דערהרגענען איר טאָכטער. לאַנגזאַם קומט האַנקע צוריק צו די כוחות. זי זיצט ביים פענצטער און קלערט און קלערט. מאַרושקאַ, די שוועגערין, איז דאָ די באַלעבאָסטע, זי שמייכלט צו די עלטערן און קוקט זייטיק אויף האַנקען און אירע קינדער. די קינדער, צוויי יינגעלעך, טונקעלע, ווי די טאָטערס, געראָטן אינעם פּאָטער סעמענקע, טוליען זיך אויף פאַרלוירענע צו זייער מאַמען. האַנקע זעט ווי מאַרושקע קריוודעט אירע קינדער, וואַרפט צו בעסערע ביסן אירע אייגענע, אָבער זי וואַגט נישט צו פּראָטעסטירן, זיצט זי ביים פענצטער און שווייגט:

דער פּראָצעס פאַרציט זיך. פּאַוולאָוויטש, דער וואָיט האָט די בעסטע שאַנסן צו געווינען דעם פּראָצעס. סעמענקע וועט מוזן פאַרשרייבן דאָס פאַרמעגן אויף די קינדער און פאַרזאָרגן זיין ווייב. איוואַנקע, איר ברודער

וועט ווערן דער אַפּוטרופּוס איבער אירע קינדער. ער וועט רייך ווערן פון אירע פעלדער און זי וועט עסן זייער חסד־ברויט, וואַרטן אויפן ביסן וואָס איר שוועגערין וועט איר צווואַרפן. דערווייל וועט אַן אַנדערע פאַרנעמען איר פּלאַץ ביי סעמענקען. אין דער שטוב, אין דער היים פון אירע קינדער וועט באַלעבאַטעווען אַ פרעמדע. סעמענקע וועט לעבן אַ גוטן טאָג מיט דער דינסט. ער וועט אַנפּלאָדען ממזרים. זיי וועלן צונעמען דאָס גוטס פון אירע קינדער. נאָך אַמאָל חתונה האָבן טאָר זי נישט. זי וועט בלייבן זיצן אַן אייביקע עגונה, צו שאַנד און צו שפּאָט. האַנקע זיצט ביים פענצטער און קלערט און קלערט...

אין איינעם אַן איגדערפרי, ווען אַלע זענען זיך צעגאַנגען צו זייער אַרבעט, האָט האַנקע זיך פאַריכט די פאַטשיילע אויפן קאָפּ, גענומען אירע קינדער און אַוועק צו זיך אַהיים. די קינדער האָבן זיך דערפילט אויף דער אייגענער פאַדווירע ווי פייגעלעך אַרויסגעלאָזטע אויף דער פריי. האַנקע האָט צוזאַמענגענומען די קויטיקע וועש פון איר מאַן און אַוועק צום טייך זיי אויספּראַלען. די דינסט האָט איר געוואָלט העלפן, האַנקע האָט איר מיטן נאַסן העמד פאַרפאַרן איבערן פנים:

— אַוועק דו זונה! דאָ בין איך די באַלעבאַסטע!

די דינסט איז געלאָפן צום באַלעבאָס זיך פאַרקלאָגן. סעמענקע האָט ביטרע אַריינגעשמייכלט אין זיינע געדיכטע וואָנצעס. ער האָט נאָך צייט, ער וועט איר נאָך אָפּגעבן זיינס. מען האָט אים געוואָרנט אַז מען וועט אים איינזעצן אין טורמע, אויב ער וועט שלאָגן זיין ווייב. שוויגט ער דערווייל... די עלטערן זענען געקומען, זי געבעטן זי זאָל אים פאַרלאָזן, דער מערדער, ער וועט זי דערהרגענען. זי האָט געוויינט און געענטפערט:

— איך ווייס... אַזוי איז מיין גורל, דאָס איז מיין היים...

ווידער האָבן שכנים געהערט די קלעפּ און געוואַלדן אונטער פאַרמאַכטע טירן און פענצטער, ווי סעמענקע שלאָגט זיין ווייב, אָבער קיינער האָט זיך נישט אַריינגעמישט, קיינער איז נישט געקומען זי אָפּראַטעווען, וועייל צווישן די קלעפּ ביז צום באַוווסטלאָזיקייט, האָט סעמענקע זיך באַהעפט מיט זיין ווייב...

דערנאָך איז האַנקע אַרומגעגאַנגען מיט בלויע סינעקעס און אונטערגעשלאָגענע אויגן, זי האָט זיך נאָך פאַרענטפערט פאַר שכנים אַז זי האָט

זיך אַליין צעשלאָגן, געפאַלן... שכנים האָבן געמורמלט:

— מסתמא האָט זי עס פאַרדינט... אַ פערד און אַ ווייב שלאָגט מען נישט אומזיסט...

אַזוי איז געווען האַנקעס גורל און אַזוי לעבן די פּויערים...

# וואַסילקע „טשודאַק"

וואַסילקען האָט מען גערופן דער „טשודאַק", ווייל ער האָט זיך מאָדנע אויפגעפירט, גאַנץ אַנדערש ווי אַלע אַנדערע פּויערים. ער האָט זיך מיט קיינעם נישט געחברט און געלעבט איינער אַליין, אָפּגעזונדערט פון מענטשן. אויף אַ הויכער סקאַלע, ווייט פונעם דאָרף, ביים דניעסטער, האָט ער זיך אויפגעשטעלט זיין כאַטקע. ער האָט אַרום זיין שטוב אויסגעגלייכט אַ שטיקל באָדן, געפּרוווט אויף דער שטיינערנער ערד פאַרפלאַנצןביימער. ווען זיי האָבן זיך נישט אָנגענומען, האָט ער זיי אַרויסגעריסן און פאַרפלאַנצט פרישע.

ער האָט געצייכנט פאַרשידענע סאָרטן געפליגל: קוראָפּאַטקעס, מיט זיידענע פעדערן, די קליינינקע טוליפּאַנעס און די גרויסע גרעצקע הינער, ווי די אינדיקעס גרויס. ער האָט געהאַט אַ טויבנשלאַג מיט טויבן פון די פאַרשידנסטע קאָלירן.

— צו וואָס פלאָדעסטו דיר אומזיסטע פּרעסערס, האָדעווע דיר בעסער אויס אַ פּאָר פּראָסטע הינער, וועלן זיי דיר לייגן אייער — האָבן אים געעצהט די פּויערים, אָבער גיי רעדט מיט אַ טשודאַק! אַז קיין „געלויבט איז קריסטוס" זאָגט ער נישט און אין קלויסטער גייט ער קיין מאָל נישט. אַלע אוקראַינישע צייטונגען, וואָס גייען אַרויס אין לעמבערג, האָט ער באַשטעלט. ער האָט געוווסט די גאַנצע וועלט־פּאָליטיק, נאָכגעפאָלגט אַלע סיים־זיצונגען. ער איז געווען אַ גרויסער אָנהענגער פון מאַהאַטמאַ גאַנדי:

— אָט אַזוי — פלעגט ער דרשנען פאַר די פּויערים — דאַרפן מיר

זיך פירן. באַיקאַטירן די פוילישע פאַבריקן. נישט קויפן זייערע סחורות. אונדזערע שאָף גיבן אונדז געגנוג פעל אויף פעלצן. פון דער וואָל אַרבעטן מיר זיך אויס סערדאַקעס פאַר די מענער און האַרבאַטקעס פאַר די ווייבער. צי פעלט אונדז דען אויס פעלד אויף צו פאַרזייען ליין פאַר אונדזערע לייוונטן אויף העמדער? אַ טפוי! — פלעגט ער אויסשפּייען ווען ער פלעגט באַגעגנען אַן אויסגעפּוצטע שיקסל אין אַ געפאַלדעוועט קליידל און אַ סאַמעטענעם סטאַניק. מען האָט אים נישט ליב געהאַט. ער האָט נישט געאַרבעט ווי אַנדערע פויערים אויפן פעלד. זיין חיונה האָט ער געצויגן פון פאַנגען פיש אין דניעסטער און זיי טראָגן פאַרקויפן צו די יידן. אין אַ זונטיק, ווען ער פלעגט אַרויסגיין צווישן די יום טובדיקע אויסגעפּוצטע גוים מיט זיין קויש פיש אין זיין וואָכעדיקן סערדאַק און קויטיקע, נישט געביטענע הויזן און העמד, האָט מען אים אויסגעווייכט. קיינער האָט נישט געוואָלט אָנהייבן מיט דעם גאַטלאַזן טשודאַק.

איין מאָל פאַרטשעפּעט ער מיקיטען פּאַוולאָוויטשן דעם וואָיט פון דאָרף:

— הער נאָר מיקיטע טשאָלאָוויטשע (מענטש), פאַר וואָס גייען די קינדער אין דאָרף נישט אין שול?

— וואָס פאַר אַ מיקיטע „טשאָלאָוויטשע" איז דיר דער וואָיט פון דאָרף? האַ?! קלאַפּט מיקיטע פאַר כעס מיטן שטעקן אין דער ערד — מיר האָבן עפּעס צוזאַמען חזרים געפּאַשעט, צי וואָס?

— הראַמאַדע האָט דיך אויסגעקליבן פאַר אַ וואָיט, ביסטו זייער וואָיט, אָבער נישט ביי מיר. נאָר דאַכט זיך אַז ניט נאָר אַ וואָיט, קיין מענטש ביסטו אויך נישט. — ער האָט אים שטיין געלאָזט און אַוועקגעגאַנגען.

מיקיטע האָט אים נאָכגעשריען און געדראָט מיטן שטעקן:

— וואַרט! איך וועל דיך פאַרטרייבן פון דיין כאַטע! אויף הראַמאַדסקע באָדן האָסטו געבויט!

פעלאַ זיצט אַ פאַרטראַכטע ביים פענצטער. זי קוקט נישט אויפן געסל און באַמערקט נישט דעם פאַרביי־גייענדיקן וואַסילקען מיט זיין פיש־קוישל. אירע בליקן פאַלגן נאָך די וואָלקנס וואָס צעגייען זיך דאָרט ערגעץ ווייט, זי קלערט נאָר פון אים, פון ד"ר שוואַרץ. ער קומט נישט, ניין ער וועט נישט קומען. ס'מאַכט נישט אויס, זי וועט אויף אים וואַרטן איר גאַנץ

לעבן. ס'איז גוט וואָס זי האָט אים באַגעגנט, ער האָט איר איבערגעלאָזט אַ זיסע, נאָגנדיקע בענקעניש. איינזאַם וואָלט געווען איר לעבן ווען זי וואָלט נישט געהאַט פון וועמען צו קלערן. זי זעט שטענדיק זיין פּנים איבער זיך, פילט זיינע קושן, וועלכע באַדעקן איר פּנים — זי האָט אויך נישט באַמערקט ווען וואַסילקע טשודאַק איז אַריין אין שטוב. ער האָט געבראַכט פּאָר דער יאַנקעלעכע פיש אויף שבת. ער קניט אויף דער ערד און לייגט אויס אויף שטשאַווניק־בלעטער קופּקעלעך פיש, טויבע לאָה זאָל זיך אויסקלייבן. ער ווייסט וואָס צו ברענגען די יידן: קאַרפּן אָדער העכט. אָבער היינט האָט ער אַ באַזונדערן פיש געבראַכט: אַ גלאַטן, אָן ליסקעס, נאָר פון שפּיץ קאָפּ ביז צום עק ציט זיך אַ שאַרפע גרעט — דער רוקנביין. וואַסילקע וואַרפט אַלע מאָל אַ בליק אויפן שיינעם מיידל. ער רעדט מער צו איר ווי צו דער יאַנקעלעכע:

— איר זעט דעם פיש? ער לעבט אין שוואַרצן ים. ער קומט אין דניעסטער נאָר כדי אָפּלייגן זיינע רויפן.

פעלאָן האָבן פאַראינטערעסירט זיינע אינטעליגענטע רייד, גאַרנישט צוגעפּאַסט צו זיין הולך:

— צי איז אייך נישט איינזאַם ביים דניעסטער? — האָט זי אים געפרעגט.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט קניענדיק אויף זיין געזעס, צוזאַמענלייגנדיק די הענט ווי פּאַר אַן איקאָנע:

— איינזאַם? איינזאַם קען מען זיך נאָר פילן צווישן די צוויפיסיקע בריאים. ווי קען מען זיין איינזאַם ביים דניעסטער? דו קענסט אויף אים קוקן שעהנלאַנג און עס זאָל דיר נישט נימאס ווערן. ער קען זיין ווילד און ברויזיק, אָבער אויך שמייכלען און פלאַפּלען ווי אומשולדיקע קינדער. ווען דו ביסט אומצופרידן, אָדער אויפגערעגט, וועלן זיינע כוואַליעס דיך גלעטן און באַרויקן, דיך פאַרוויגן ווי אַ מאַמעס אַ שלאָפליד.

פעלאַ האָט אויף אים געקוקט אַ גערירטע, אירע אויגן האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ פייכטן גלאַנץ. זי האָט אים לייכט אַ גלעט געטאָן איבערן אַקסל:

— איר זענט גערעכט. אויך איך האָב ליב דעם דניעסטער.

אַן איבערגענומענער פון איר גלעט, האָט ער ווייטער גערעדט:

— נישט נאָר דעם דניעסטער, די גאַנצע שיינע נאַטור דאַרף מען ליב האָבן. מען דאַרף זיין אַ מבין אויף דער מינדעסטער פלאַנץ; צי איז נישט אַ וווּנדער, ווי פּלוצעם שפּראָצט אַרויס אַ גרעזל פון דער ערד און גערייט?

די מומע טויבע לאה האָט פאַרדראָסיק איבערגעריסן דעם שמועס:

— וואַסילקאָ! — האָט זי צו אים געשריגן ווי ער זאָל עס זיין טויב — אָט די פיש נעם איך! נעם דיר צוזאַמען דיין סחורה.

וואַסילקע האָט שווייגנדיק אַרײַנגעלייגט די איבעריקע פיש אין קויש. שוין שטייענדיק אויף דער שוועל, האָט ער זיך אויסגעדרייט צו פעלאַן:

— אויב דאָס מיידל וויל זען דעם דניעסטער, זאָל זי צו מיר אַרויפ־קומען.

די מומע האָט אים נאָכגעשיקט אַ קללה:

— ברעך האַלדז און נאַקן, צוזאַמען מיט דיין דניעסטער!

זי האָט אויסגעשטרעקט ביידע הענט צו פעלאַן:

— וואָס פאַר אַן אויסטערנהען זיך איז דאָס מיט וואַסילקע טשודאַק? האָסט געזען אַ סך דיין פעטער פאַרברענגען מיט די זשלאָבעס? און אפשר האָסטו מיך געזען טאַנצן אויפן שום? מען איז אין גלות ביי זיי, אָבער זיך חברן? אָסור!

איין מאָל, ווען פעלאַ איז געווען אַליין אין שטוב, הערט זי אַ באַקאַנט פייפן. מיכאַל האָט זיך פאַרגנבעט דורכן גאָרטן, אַריבערגעשפרונגען דעם פלויט. זי האָט אים אויפגענומען אומצופרידן:

— איך וויל נישט דו זאָלסט דיך צו מיר פאַרגנבענען, ס'איז נישט שיין.

ער איז געווען אומעטיק:

— איך ווייס עס פעלאַ, אָבער איך בין געקומען דיר דערציילן מיין דורכפאַל.

זי האָט באַמערקט זיין נידערגעשלאָגנקייט און געזאָגט שוין מילדער:

— נו דערצייל, אָבער קורץ, ווייל די מומע קען אָנקומען.

ער האָט זיך געבן איר אָוועקגעזעצט אויף דער באַנק:

— וואָס איך האָב צו דערציילן איז קורץ אָבער טרויעריק: כ'האָב געקראָגן אַן אָפּזאָג פון דער מיליטער־אַקאַדעמיע.

— דו האָסט עס געקאָנט פריִער וויסן.

— פאַר וואָס ? ווייל מיר זענען אַ מינדערהייט ?

— אונדז יידן באַהאַנדלט מען נאָך ערגער.

— יאָ, אָבער... — ער האָט אפשר געוואָלט זאָגן „איר זענט דאָך יידן"... נאָר ער האָט זיך שנעל צוריקגעכאַפּט און געזאָגט:

— יאָ, מיר ליידן דעם זעלבן גורל.

ער האָט געשוויגן אַן אומעטיקער. זי האָט אים אַ גלעט געטאָן זיין האַנט:

— נעם דיר נישט צום האַרצן, וועסט דיר שוין אויסזוכן אַן אַנדערע פּראָפעסיע.

אַזוי ווי ער האָט ווייטער געשוויגן, אַ טרויעריקער מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ, האָט זי לייכט אַ גלעט געטאָן זיין שאָרסטקע באַק:

— זיי נישט טרויעריק מיכאַלוסו!

פעלאַ האָט אין זיך אַ סך פרויִשע וואַרעמקייט, אַ צערטלעכקייט וואָס זי דריקט אויס אין שמייכלען צו מענטשן, באַרויִקן, גלעטן. אַזוי האָט זי אַ גלעט געטאָן וואַסילקע טשודאַק, איצט מיכאַלן... אָבער מענער טייטשן אויס אַנדערש אַ גלעט. מיכאַל האָט אויף איר געקוקט מיט פאַרשווומענע, פאַרליבטע אויגן:

— ווי אַזוי רופסטו מיך ?

— מיכאַלוסו, מיין גוטער פריינד!

— פאַרציסט אַזוי שיין מיין נאָמען. אין שטוב רופט מען מיך פּראָסט און פשוט מיכאַלקאָ.

ער האָט זי געגעבן אַ שלעפּ צו זיך, זי איבערגעבויגן איבערן אָרעם און זיך איינגעזויגן אין אירע ליפּן. זי האָט זיך קוים פון אים באַפרייט.

— איך זע, אַז איך וועל מוזן מיט דיר ברוגז ווערן.

— זיי מיר מוחל פעלאַ, איך האָב דיך שטאַרק ליב. איבעריקנס, האָסטו נאָך אַ קרבן און מיט דעם מעגסטו דיך איבערנעמען, ווייל דאָס איז אַ האַרטגעזאָטענער בחור וואָס ביז צו זיינע פערציק יאָר האָט ער זיך נאָך נישט פאַרליבט אין אַ מיידל.

— ווער איז ער ? — האָט פעלאַ געלאַכט.

— וואַסילקע טשודאַק. ער האָט מיך געפרעגט, „ווער איז דאָס מיידל ביי יאַנקלען אין הויז ? הער מענטש!" — האָט ער אויסגערופן, „דאָס איז

די פרימאָרגנזון נאָר וואָס אַרויס פונעם דניעסטער, וואָס באַשיינט און באַרויקט מיט אירע בליקן" — און איך וואָלט דיך גיכער פאַרגליכן צו דער צויבערין „צירצע", פון דער „אָדיסעע" וואָס פאַרלאָקט מענער, פאַר־כישופט און פאַרוואַנדלט זיי אין חזירים.

וואַסילקעס פאַרגלייך געפעלט מיר בעסער — האָט פעלאַ געלאַכט.

— אויב ער געפעלט דיר, וועט ער דיך פאַרנעמען אין זיין שלאָס און דו וועסט קיניגן איבער וואַסער און הימל.

— גיי שוין גיי! — האָט אים פעלאַ לאַכנדיק אַרויסגעשטופּט.

# אַ מעשה מיט אַ קו

שוין וואָכנלאַנג ווי עס רעגנט. עס האָט זיך אַזוי פאַרסלאָטעט אַז מען קען נישט אַדורכגיין דאָס דאָרף. דאָרט וווּ דער וועג פירט באַרג אַרויף, קען מען נאָך שטעלן אַ פוס, אָבער ביי די אָפּהאַנגען און אין טאָל איז די בלאָטע זיך צעיוירן ווי אַן איבערגעשטאַנענע ראָשטשינע. דער פוס קען נישט געפונען קיין אָנהאַלט, מען גליטשט זיך אויס און מען בלייבט ליגן אין דער לענג און אין דער ברייט אַן איינגעטונקענער אין בלאָטע. מענטשן דראַפּען זיך לענג אויס די פּלויטן, זוכנדיק אַ סטעזשקע. זיצט מען אין די שטיבער, מען קוקט אַרויס דורך די פענצטערלעך צום פאַרכמאַרעטן הימל, צי לייטערט ער זיך נישט אויס? אָבער איבערן הימל ציען זיך געדיכטע טונקעלע כמאַרעס, די זאַפּאַסן פון פייכטקייט אָנגע־זאַמלטע דורכן זומער הייבן זיך ערשט אָן אויסצולאָדן און דער רעגן האַלט אין איין גיין, אַ מאָל שטאַרקער, אַ מאָל שוואַכער. גוים טייטשן עס אויס: יידישע יום טובים דערנענטערן זיך, דערפאַר רעגנט, ווי דען אַנדערש? ימים נוראים מוז רעגענען... זאָרגט זיך די מומע טויבע לאה:

— ווער וועט אַרויפברענגען אַ קענדל וואַסער?

שפרינגט אויף פעלאַ, זי וואַרפט אַוועק דעם זאַק וואָס זי האַלט אין שטריקן און זאָגט:

— איך וועל ברענגען! — זי טוט אָן דעם פעטער יאַנקלס שטיוול, פאַרוויקלט זיך אין דער מומע טויבע לאהס שאַל און נעמט די קאַן. זי גייט אין מיטן וועג ווו די בלאָטע איז שיטערער און ס'איז לייכטער אַרויס־צושלעפּן אַ פוס.

עס קומט אַריין צו מומע טויבע לאה די שכנה שיינדל שרה, די אלמנה

— אַ גוט מאָרגן אייך, טויבע לאה'קרוין, — זאָגט זי און באַמיט זיך ביי דער שוועל אָפּצורייניקן די שיך פון דער בלאָטע.

— אַ גוט יאָר! ס'קאַצל קומט! איך שוין נישט געזען, שיינדל שרה לעבן, אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך! גענוג שוין געשאַרעוועט די בלאָטע, קומט אַריין!

— אוי, די בלאָטעס! זיי קריכן מיר שוין דורכן האַלדז.

— וואָס עפּעס נאָר אייך? זיי האָבן אונדז אַלע דערעסן. זעצט אייך שיינדל שרה.

די איטשיע לייבעכע איז גלייך צוגעגאַנגען צו דער באַנק, זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעהויבן צו קלאָגן און וויינען, שנייצנדיק די נאָז אין פאַרטעך:

— אוי! טויבע לאה, סערצע. גוטע נשמה מיינע, אייער יאַנקל זאָל לעבן, זאָל ער אייך געזונט און שטאַרק זיין!

— וואָס האָט עטץ צו מיין יאַנקלען? — פילט זיך טויבע לאה גע־טראָפן.

— אוי, טויבע לאה'קרוין! עטץ האָט אינען גאָרנישט דערציילט? עך בין אַ מחלל שבתניצע! אַז ווינד און וויי איז מיר! — ברעכט זי מיט די הענט — אייער ר' יאַנקל זאָגט אַז כ'האָב מחלל שבת געווען! אַז אַ בראָך איז צו מיינע יאָרן, געגאַנגען נאָך אַ ביסל גראָז פאַר מיין בידנע בהמהלע, בין איך שוין אַ מחלל שבתניצע? מיין פינצטער, טעמנע דאַליע אויף אַלע שונאי ישראל געזאָגט געוואָרן!

— נו פרעג איך אייך שיינדל שרה'לעבן, מ'מעג שניידן גראָז, שבת? — האָט טויבע לאה איר געענטפערט מיט אַ שטילן איידעלן פאַרוואָרף.

— אוי! זאָל איך נישט האָבן קיין יאָרן! זאָל איך פוילן אין דער ערד יונגערהייט ווי מיין איטשיע לייב, אין גן עדן איז ער, צי איך האָב געשניטן גראָז אינעם ליבן הייליקן שבת קודש! וואָסי, איך ווייס נישט? איך בין עפּעס חוסר דעה, צי וואָס? לאָזט עטץ אינען דינען טויבע לאה,

סערצע, עץ עט אינען אויסזאָגן די וואָרהייט, גענומען אַ ביסל גראָז פון גוישע לאָנקעס.

— נו שוין, נישט כדאַי פאַרן מויל אַרויסצוברענגען.

— שבת ? אָט גיט מיר שוין מלקות אויב איך האָב געשניטן גראָז שבת און זי צעלייגט זיך אויף דער באַנק מיטן זייט׳זשע מוחל אַרויף...

— איי, שיינדל שרה, לאָזט עס געמאַך, נו שוין. עטץ זאָלט נישט האָבן קיין גרעסערע צרות. שפּייט דריי מאָל אויס און זאָל עס זיין אַן אָפּקומעניש פאַר אַלע אייערע זינד.

— און דער בזיון טויבע לאה ? מיר צו זאָגן אַז איך בין מחלל שבת ? — זי איז ווידער גרייט געווען זיך צו צעוויינען.

— נו שוין. קיינער זאָגט מער גאָרנישט.

פעלאַ איז אַריינגעקומען אַ באַשפּריצטע פון רעגן, מיט אַ פולער קאַן וואַסער אין האַנט.

— אָט דאָס הייסט אַ האָרעפּאַשנע מיידל, אַזאַ מיידל איז מער ווערט ווי אַ מיידל מיט נדן.

טויבע לאהן איז געפעלן וואָס די איטשיע לייבעכע לויבט איר שוועס־טערקינד און איר צוריקגעזאָגט :

— נו, אייערע טעכטער זענען דאָך באמת פליסיקע מיידלעך, זאָל אייך טאָקע דער אויבערשטער אין הימל אויפּריכטן מיט גוטע זיווגן.

די איטשיע לייבעכע האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ :

— אַ דאַנק אייך טויבע לאה. ווען עס וואָלט נישט געווען געשען דאָס אומגליק מיט מיין ראָכציען, וואָלט זי דאָך שוין געווען חתונה געהאַט און איך וואָלט שוין געווען געהאַט אייניקלעך.

—אַ באַשערטע זאַך שיינדל שרה, האָט נחת פון די קינדער.

— האָט אויך נחת פון אייער פייגע־פעלאַן. נאָר אַז עס איז שוין געקומען צו רייד, רעדט מען טאָקע אַ שידוך מיין ברײַנצען. איך דאַרף מיט איר פאָרן אויף באַשוי.

— זאָל זיין מיט מזל.

— מיט מזל זאָלט איר לעבן, טויבע לאה. מערצישעם איוודעוואָך איז דער באַשוי. אָבער אין וואָס זאָל זי פאָרן ? אַז מען איז דאָך ביי מיר

נאָר אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע דראַנקעס, נישט באַשיכט און נישט באַקליידט. מען האָט נישט קאַ׳גאַנץ קליידל אויף זיך.

— נו, און מכוח נדן? — האָט טויבע לאה געפרעגט.

— זעט איר, נדן איז דווקא דאָ. איך גיב צוויי מאָרגעס פעלד.

— וועט זיין מערצישעם אַ חתן.

— יאָ, אָבער ווי אַזוי פּאָרט מען דאָס אַרויס? עס איז דאָך אַ בושה פאַר לייטן! דו פייגע־פעלאַלע האָסט אַזוינע שיינע קליידלעך.

פעלאַ האָט געשמייכלט, זי האָט געעפנט איר רענצל און געזאָגט זי זאָל זיך נעמען וואָס זי ברויכט. די איטשיע לייבעכע האָט זיך אויסגעקליבן אַ טונקעלן סוועטער און אַ שאַליק, מער ברויך נישט אַ דאָרפיש מיידל. זי האָט דערפאַר אָנגעווינטשעוועט טויבע לאהן און פייגע־פעלאַן דאָס אייביקע לעבן.

נאָך איר אַוועקגיין, האָט פעלאַ געלאַכט פון איר, וואָס זי רופט זי פייגע־פעלאַ מיטביידע נעמען, מיינענדיק אַז זי הייסט אַזוי.

די הערש וואָלפעכע האָט שוין פון לאַנג פאַראיבל אויף דער יאַנקע־לעכע. ברוגז איז מען טאַקע נישט, מען ווינט אין איין דאָרף און מען קומט זיך צוזאַמען ביים דאַווענען, אָבער פאָרט קען זי איר נישט פאַר־געסן די מעשה מיט דער קו. כאָטש טויבע לאה שווערט זיך אַז זי הייבט נישט אָן צו וויסן, זי איז נאָר איין גאָט די נשמה שולדיק און מער ווייסט זי פון גאָרנישט. און די מעשה איז זיך טאַקע פאַרלאָפן מיט בינקאַ, פעטער יאַנקלס קו, וועלכע שלאָפט איין פירהויז און פעלאַ הערט זי ביינאַכט מאַלעגיירען און דעכנען, ווי שטילע זיפצן. פעטער יאַנקל האָט זי געקויפט פאַר אַ גאָר גרויסע מציאה. זי האָט געגעבן געלע מילך, ווי סמעטענע. זיך געמאַלקן כמעט פון איין קעלבן ביזן צווייטן. אַ פרנסה־געבערין האָט ער אַריינגענומען אין שטוב. עס איז געווען מילכיקס פאַרן אייגענעם גע־ברויך און אויך צו טראָגן אין שטאָט פאַרקויפן.

די מומע טויבע האָט זיך געקווענקלט. נישט געוואָלט מען זאָל זי קויפן. עפעס זאָגט מען אַז די קו האָט געבוירן אַ געצל, אַ שד׳ל און פון דעם גיט זי אַזוי פיל מילך.

— עט! נאַרישע זאַבאַבאָנעס! — האָט יאַנקל אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

— אָבער פּאַרט זאָגט מען אַז דער נישטגוטער לעקט ביי איר פון די הלאַדישעס און דערפאַר איז די מילך אַזוי פעט.

— נאַרישע יידענע וואָס דו ביסט! עס איז אַ בפירושער דין אַז יידן טאָרן נישט גלויבן אין כישוף. עס שטייט אין פסוק — „כישופמאַכערס זאָלסטו אויסראָטן פון דיינע געמאַרקן".

איז טויבע לאה באַשטאַנען, דערצו נאָך אַז מען האָט זי געקויפט אין גלייכן געלט און „בינקאַ" האָט זיך געלאָזט גלעטן און מעלקן ווי אַ לעמעלע.

בינקאָס פריִערדיקע באַלעבאָסטע איז געווען וואַסעלענאַ די אַלטע מויד. אירע פאַרשטאָרבענע עלטערן האָבן איר איבערגעלאָזט ירושה אַן אַלטע כאַטע, דריי יינגערע ברידער און אַ קליין קעלבל „בינקאַ". בינקאַ איז געוואַקסן, ממש אַ וואונדער. זי האָט געגעבן מילך נאָך איידער זי האָט זיך רעכט אָפּגעקאַלבט. ווען וואַסעלענאַ האָט געטריבן בינקאַן דורכן דאָרף, האָט מען באַלד דערקאָנט אַז דאָס וואַקסט אַ מאַמעלע אַ קו. זי איז געשפּרונגען אויף די קורצע פיסלעך, געדרייט מיטן קיילעכדיקן גוף ווי אַ קאָקעטקע און דער אייטער האָט זיך ביי איר געטרייסלט ווי די ברוסטן ביי אַ יונג שיקסל. וואַסעלענאַ האָט זי באַוואָרנט פאַר אַן עין הרע: איר צוגעבונדן אַ רויט בענדעלעביים עק, אָבער ווייזט אויס אַז דאָס איז געווען ווייניק, ווייל צו שיין איז געווען בינקאָס ווייס פּנים מיט די קורצע הערנערלעך און ברוינע פלעקן, ווי די רויטע בעקלעך ביי אַ שיקסל. וואַסעלענאַ האָט אויסגעמאָלן מיט שוואַרצע קויל אַ גרויסן צלם אויף דער טיר פונעם שטעלעכל, באַשפּריצט מיט קאַלך דעם אַריינגאַנג. זי האָט זי געהיט פאַר מענטשנס אויגן, ווייל אַפילו דער בעסטער פריינד קען געבן אַ „גוט'אויג", נישט ווויסנדיק אַליין. דאָס ליגט שוין אין כוח פון די אויגן. איין נישט פאַרגינערישער בליק, קען טרייבן חלילה, פון דער וועלט. האָט טאַקע וואַסעלענאַ נישט דערלאָזט אַז עמעצער זאָל זי זען מעלקן. איבער־געצלמט דעם אייטער פאַרן מעלקן און געמאָלקן מיט איבערגעקרייצטע הענט, ווי אַ צלם, פאַר אַ סגולה. אָבער ס'האָט אַלץ נישט געהאָלפן. ווען בינקאַ האָט געגעבן מילך איידער זי האָט זיך געקאַלבט, ווי צען מאָל להבדיל דעם דערלייזערס מוטער, איז אַרויס אַ קלאַנג אַז בינקאַ וואַסעלענאַס האָט געבוירן אַ געצל, אַ סימן דאָס קעלבל איז באַלד געשטאָרבן און דאָס געצל,

ווי דער שטייגער פון אַלע נישטגוטע, איז אָוועקגעפּלויגן אויף אַלע פּוסטע פעלדער און וועלדער, ווו עס האַלטן זיך אויף אַזעלכע געצלעך און שדים. בינקאַ האָט געגאָסן מיט מילך. אַלע הלאַדישעס און טעפּ ביי וואַסעלענאַן זענען געווען פול מיט מילך און די מילך איז געווען כולה סמעטענע, וויפל מען זאָל נישט אָפּהייבן, איז זי געווען נאָר סמעטענע און סמעטענע, גאָר־נישט קיין זויערמילך. זאָגן לייט אַז דאָס איז דערפאַר ווייל דאָס געצל קומט טרינקען פון דער מילך. אַ סך האָבן זיך נישט געוואָלט גלויבן, מילא, וואָס מענטשן זאָגן... אָבער עס האָבן זיך געפונען אַ פּאָר געוואָגטע שקצים וואָס האָבן געוואָלט דאָ איין מאָל פאַר אַלע מאָל דערגיין אַ טאָלק. זיי האָבן אַרומגעניוכעט וואַסעלענאַס שטוב און אָט צו וואָס זיי זענען דערגאַנגען: אין אַ פאַרנאַכט, ווען עס איז נישט טאָג און נישט נאַכט און שוואַרצע געשפּענסטער לויערן אין די ווינקלען און וואַרטן אַז אַן אָנגעצונדן ליכט זאָל זיי פאַרטרייבן אין זייער רו, קומט דאָס געצל, גרויס ווי אַ שרעטעלע, זעצט זיך אַוועק אויפן ראַנד פונעם הלאַדיש און גיט אַ פאַרזוף. אַזוי פאַרזוכט עס פון יעדן הלאַדיש און אָט פון דעם קומט די שפע פון מילך... וואַסעלענאַ שווערט זיך ביי אַלע הייליקע אַז זי ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן, זאָל זי בלינד ווערן אויף אירע אויגן צו זי האָט געזען אָדער געהערט אַ געצל, אַ שרעטעלע. ס'איז אַלץ אַן אויסגעטראַכטע מעשה, אַ וויסטער בילבול אויף איר! אָט טוט אַ קוק אויף איר בינקאַ, אַ טייערע בהמהלע, אַ מאַמעלע אַ געטרייע. שטייט בינקאַ אין מיטן הויף, די אויגן אַראָפּגעלאָזט, ווי אַ צניעותדיק ווייבל, מאַלעגיירעט און טרייבט אַוועק מיטן עק די פליגן. ווערן אָבער מענטשנס אויגן פאַרגאַפט פון דעם אייטער, אַזאַ גרויסער אייטער קיין עין הרע נישט! מאַכט וואַסעלענאַ הינטערווייִלעכס אַ פייג פון די פינגער, אַ סגולה פאַר אַ גוט'אויג.

וואַסעלענאַס ברידער, ווי דער דרך פון אַלע שקצים, זענען אויסגעוואַקסן און חתונה געהאַט. צו וואַסעלענאַ פאַרגייט נישט קיין שגץ. ווער וועט זיך דאָס וועלן אָנהייבן מיט אַ געצל? אפשר שלאָפט ער מיט איר? זיצט וואַסעלענאַ. דאָס פנים קנייטשט זיך איר, איר קערפּער ווערט ענלעך צו אירע הלאַדישעס מיט מילך. פול און קיילעכדיק. ווי לאַנג נאָך וועט זי טראָגן די פאַטשיילע פון פאַרנט פאַרבונדן? נעכאַי וואָלט זי געהאַט אַ בייסטרוק און געוואָרן אַ מאָלאָדעציע גלייך מיט אַלע ווייבלעך אין

דאָרף. אָבער קיין איינציקער מאַנצביל אין דאָרף האָט זי נישט געוואָלט צודעקן, גיי האָב צו טאָן מיט שדים און נישטגוטע! ווײנט פאַר זיי וואַסעלענאַ:

— וואָס האָט עס גוטע מענטשן צו מיר און צו מיין בינקאַ?

עס האָט איר אָבער גאָרנישט נישט געהאָלפן, די גוטע מענטשן האָבן ווייטער אויסגעווייכט איר שטוב. האָט זי זיי אַריינגעזאָגט:

— ווער מיין כאַטע פאַרמיידט, דעם דאָס גליק פאַרמיידט! — און אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן.

ווען וואַסעלענאַ האָט געזען אַז איר ווײנען, דאָס בעטן און שווערן זיך פאַר די דאָרפסלייט האָט נישט געהאָלפן, האָט זי באַשלאָסן מיט אַ שווער געמיט צו פאַרקויפן איר בינקאַ. אָבער קיינער האָט זיך נישט געקוואָפּעט אויף איר. ווער וועט עס זיין אַ בעלן אויף אָפּצוקויפן אַ בהמה מיט אַ געצל? ביז יאַנקל האָט געוואָרפן אַן אויג אויף איר בינקאַ.

— משוגע, מיינע שונאים? גייסט דיך אַריינלאָזן מיט אַ געצל? מיט אַ שד'ל?

— ווייס איך וואָס! אַ נעכטיקער טאָג! באָבע־מעשיות! — שפּייט אויס יאַנקל.

— אַזוי? באָבע־מעשיות? און דאָס וואָס מען האָט געזען אַ געצל ביי איר טרינקען מילך פון הלאַדישעס?

— אפשר איז עס געווען אַ שטשור? — בלינצלען גנביש יאַנקלס אייגלעך.

טויבע לאה איז לסוף באַשטאַנען און קיין הרטה נישט געהאַט.

שטייט זיך בינקאַ ביי יאַנקלען אין פירהויז, מאַלעגיירעט, פּרעסט וואָס מען דערלאַנגט איר און לאָזט זיך מעלקן. מומע טויבע לאה איז גאָר פון איר צופרידן.

— אַ קו איז דאָס, אויף אַלע גוטע יידן געזאָגט געוואָרן. אַ כשרע בהמה נעבעך. לאָזט צו די מילך איינס און צוויי און די מילך פון איר איז ריינע סמעטענע.

ביז אין איין נאַכט... האָט בינקאַ פּלוצעם דערוואַכט ווי פון אַ בייזן חלום. זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן, אויסגעשטרעקט דעם האַלדז אין

דער הויף און אַרויסגעלאָזט אַ פּאַרכטיקן מערוקע. מומע טויבע לאה איז צו איר צו, געגערעדט צו איר:

— בהמהלע מיינס, שיינענקע, רויטענקע. — זי געוואָלט גלעטן, אָבער בינקאַ האָט אויף איר אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן, זי געטריבן מיטן עק און ווען טויבע לאה שפּרינגט נישט באַצייטנס אָפּ, וואָלט זי זי געדורסט מיט די הערנער. בינקאַ האָט אויפגעהערט צו פרעסן. פון זיך לאָזן מעלקן, איז גאָר קיין רייד שוין נישט געווען. זי האָט טויבע לאהן בשום אופן צו זיך נישט צוגעלאָזט. זי געקאָפּעט מיט די פיס, געשלאָגן מיטן עק. אָבער מען דאַרף דאָך פּאַרט אויסמעלקן אַ בהמה, אויב נישט, קען זי חלילה אָנווערן די מילך, האָט מען איר געפּענטעט די פיס. יאַנקל איז געשטאַנען מיט אַ שטעקן און טויבע לאה האָט פון איר אַרויסגעצאַפּט דאָס ביסל מילך. אַזוי ווי איר איז נישט בעסער געוואָרן האָט טויבע לאה אַוועקגעשיקט יאַנקלען נאָכן פעלדשער. יאַנקל איז געלאָפן און געבראַכט דעם פעלדשער.

דער אַלטער ניקאָליי איז דער איינציקער פעלדשער אין דאָרף. ער איז אַ גרויסער מומחה ביי מענטשן און להבדיל אויך ביי בהמות. ער קען אַלצדינג — שלאָגן אָדערן, צאַפּן בלוט מיט פּיאַווקעס, שטעלן באַנקעס און אָפּשפּרעכן אַ גוט׳אויג. ער גיט נאָר אַ קוק אויפן חולה פון דער זייט, ווייסט ער שוין ווי ער האַלט. אַז אַ גוי לייגט זיך אַוועק אויפן פּיעקעליק און זאָגט אַז ער גייט שטאַרבן, זאָלט איר אים גלויבן און אַז דער אַלטער ניקאָליי באַשטעטיקט עס, איז עס שוין אַ פאַרטיקע זאַך... מען האָט פון אים געהאַלטן מער ווי פון אַ דאָקטער.

ווען יאַנקל האָט אים געבראַכט צו זיין קו, שפּאַרט זיך אַן ניקאָליי אין זיין שטעקן, קוקט איינזייטיק אויף דער בהמה, קלערט און קלערט און איז זיך מיט זיך אַליין מישב:

— זאָל איך זאָגן, דאָס בהמהלע האָט זיך איבערגעפרעסן, וואָלטן דאָך איר געווען די באַקעס אויפגעבלאָזן און ביי איר זענען זיי גאָר איינגעפאַלן. לאַכט טויבע לאה:

— וואָס פאַר אַן איבערגעפרעסן, פּעטער ניקאָלייקע׳סערצע, אַז זי נעמט גאָרנישט אין מויל.

ניקאָליי נעמט אַריין די פאַרגרויטע גאָמבע אין פויסט און פאַרמוח׳ט זיך שטאַרק:

— זאָל איך זאָגן אַז זי איז צוגעקילט, אָדער געכאַפּט די סוכאָטע, וואָלט זי דאָך געהוסט.

— ניין, זאָגט טויבע לאה, — זי הוסט נישט. זי ריטשעט ווי מען זאָל זי קוילען. און כדי צו באַשטעטיקן דער באַלעבאָסטעס רייד, האָט בינקאַ פֿאַרהויבן דעם קאָפּ אין דער הויך און אַרויסגעלאָזט אַ לאַנג צע־צויגענעם — מו—מו—מו...

— אויב אַזוי, — הייבט אויף ניקאָליי דעם שטעקן אין דער הויך און טראָגט אַרויס דעם פּסק דין — די כאַדאָבענקע האָט געכאַפּט אַן עין הרע, אַ שווערע עין הרע!

— וואָס'זשע טוט מען? — פֿאַרברעכט טויבע לאה די הענט און קלערט שטאַרק נאָך ווער עס האָט איר בהמהלע געקאָנט געבן אַזאַ שווער גוט'אויג. נאָר אַ נפקא מינה ווער, ווייניק נישט פֿאַרגינערס זענען דאָ אין דאָרף?

— פּעטער ניקאָלייקע'סערצע, גיט אַן עצה באַטושקאָ געטרייער, — בעט זי זיך ביי אים די יאַנקעלעכע — האָט רחמנות, גיט אַן עצה ווי אַזוי טרייבט מען אַרויס די עין הרע.

מיט אַן אויפגעהויבענעם שטעקן, ווי להבדיל דער גלח אין קלויסטער, האָט ניקאָליי געדרשנט:

— בינד זי אָפּ פֿון דער קייט, לאָזט זי נאָך, לאָזט זי נאָך! און טרייבט זי אַרויס! זאָל זי גייך, גיין! זי וועט אַזוי לאַנג גיין ביז זי וועט זיך אָפּשטעלן פֿאַר דעם וועלכער האָט איר געגעבן די עין הרע און דער באַטרעפֿנדער זאָל צו איר אַרויסקומען און ער זאָל צו איר רעדן גוטע רייד און ער זאָל פֿון זיך אָפּשניידן אַ ביסל האָר און ער זאָל עס פֿאַרקנעטן אין אַ שטיקל ברויט מיט זאַלץ און איר געבן צום פֿרעסן און זי וועט געזונט ווערן.

אָפּגעזאָגט, האָט ער געמאַכט אַ גרויסן צלם מיטן שטעקן איבער דער קו און מיט באַדאַכטע, געמאָסטענע טריט, אין איין האַנט דעם שטעקן און די אַנדערע אויפֿן רוקן, זיך געלאָזט גיין. יאַנקל איז אים נאָכגעלאָפֿן מיט אַ זלאָטע. ניקאָליי האָט אויפגעהויבן אַ האַנט:

— מ'דאַרף נישט. זאָל די כאַדאָבענקע האָבן אַ רפואה שלימה.

איז יאַנקל צוריקגעלאָפֿן צו זיין ווייב: — ער וויל נישט נעמען.

— גיב אים צוויי זלאָטעס, וועט ער נעמען.

איז אים יאַנקל נאָכגעלאָפן מיט צוויי זלאָטעס, אים אַריינגעשטעקט אין גאַרטל. האָט אים דערפאַר ניקאָליי געבענטשט מיטן הייליקן שפרוך, אָבער אַזוי ווי ער איז אַ זשיד, האָט ער פאַרמיטן צו דערמאָנען דעם נאָמען פונעם דערלייזער און נאָר געזאָגט:

— זיי געבענטשט פון גאָט און זיין הייליקן גייסט. דער הייליקער גייסט זאָל אַרויסטרייבן פון דיין כאָדאָבענקע דאָס נישט גוטע!

יאַנקלען איז געוווען דערווידער די גוישע פירעכצער מיט די זאַבאַבאָנעס:

— טויבע לאה לאָז אָפּ, ס'איז עבודה זרה צו גלויבן אין אַן עין הרע.

— טאָסטע מיר אַ פרישן תלמיד חכם! אַפילו מיין טאַטע, אין גן עדן איז ער, האָט געזאָגט אַז נייַנציק פראָצענט מענטשן שטאַרבן פון אַן עין הרע.

— ווייס איך וואָס! — האָט יאַנקל אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט — ס'איז נישט אמת.

— אַזוי? פון וואָס דען שטאַרבן מענטשן, אויב נישט פון אַן עין הרע?

— מען שטאַרבט, ווייל מען איז קראַנק.

— און קראַנק ווערט מען נישט פון אַ גוט'אויג?

יאַנקל האָט געזען אַז מיט זיין ווייב וועט ער נישט אויסקומען, האָט ער גענומען זיין שטעקן מיטן קניפּעקל און איז געגאַנגען אין שטאָט אַריין האַנדלען.

אַרויסגעפירט איר מאַן, נעמט זיך טויבע לאה צו איר בינקאַ, זי האָט זי אויפגעבונדן און אַרויסגעלאָזט אין דרויסן:

— גיי, גיי! — האָט זי זיך באַגאָסן מיט הייסע טרערן, — גיי צו דיינע באַעַנטע און זאָלסט מאָגען ביי זיי דיין רעכט — האָט זי אַרויס־באַגלייט בינקאַן מיט די ווערטער, ווי מען באַגלייט אַרויס אַ מת אויפן הייליקן אָרט. בינקאַ איז געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און שלאַ־בעריקע טריט. זי האָט געפּלאָנטערט מיט די אויסגעדייווערטע פיס, שלעפּנ־דיק זיך קוים. וואָס ס'איז געוואָרן פון דער פריילעכער, שפּרינגענדיקער טעלעצע? זי זעט אויס ווי אַ יונג ווייבל, וואָס איז פּלוצעם דורך אַ שלאָפקייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַלטער יידענע. טויבע לאה האָט איר נאָכגעטשאָטעוועט, זיך באַהאַלטן הינטער פּלויטן, מען זאָל זי נישט זען. בינקאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר יעדער פאָדווירע, אַרויסגעלאָזט

איר לאַנג געצויגענעם ריטשע און זיך געשלעפּט ווייטער. אָט איז זי שוין אָנגעקומען אויפן פּלעצל צו דעם ברונעם, ביי דער זייט לעבן הערש וואָלפס שטוב. דאָס הויז האָט פון פאָרנט אַ צוים פון ווייסע שטאַכעטלעך מיט אַ פאָרטקע. די פענצטער און די טיר זענען אַרויסגעגאַנגען צו דער גאַס. בינקאַ איז צוגעקומען ביז צום צוים און געבליבן שטיין, ווייטער נישט געגאַנגען. זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך הויך צעריטשעט. אַ רחמנות געווען צו קוקן נעבעך, אויף דעם שטומען באַשעפעניש.

בינקאַ איז געשטאַנען און געדומעט פאַר הערש וואָלפס שטוב. נאָך אַ ווייל, אַז די בהמה האָט נישט אָפּגעטרעטן, איז אַרויסגעקומען די הערש וואָלפעכע מיט אַ שטיקל ברויט אין האַנט. בשעת בינקאַ האָט געגעסן פון איר האַנט דאָס ברויט, האָט זי זי געגלעט און גערעדט מיט אַ געלעכטערל:

— וואָס האָסטו דיך אָפּגעשטעלט, דו נאַריש בהמהלע, וואָס דו ביסט? גיי, גיי אַהיים געזונטערהייט! זאָל אַל דאָס שלעכטס זיך אָפּטאָן פון דיר און אַוועק צו אַלדי רוחות אויף אַלע פּוסטע פעלדער און וועלדער! אַ טפוי, אַ טפורי, אַ טפוי! — האָט זי דריי מאָל אַרום דער קו אויסגעשפּיגן.

דאָ איז אַרויסגעשפּרונגען די יאַנקעלעכע, ווי זי וואָלט אָקערשט געקומען צו לויפן פון דער היים:

— זע נאָר! זיך אָפּגעריסן פונעם שטריק! סטופּיי בינקאַ! וואָס האָסטו דיך פּלוצעם אָפּגעריסן און אַוועקגעשטעלט פאַר דער קרעטשמע?

ביי הערש וואָלפן האָט מען שוין לאַנג צוגענומען די קאָנצעסיע אויף בראָנפן־האַנדל און קיין גויים קומען נישט שיכורן צו אים, אָבער דער נאָמען קרעטשמע איז געבליבן.

— הם, זי וויל אַ פּנים, אַ טרינק בראָנפן, — האָט די הערש וואָלפעכע געשפּאַסט און נאָך אַ מאָל געגעבן אַ גלעט דער קו איבערן האַלדז:

— גיי, גיי אַהיים געזונטערהייט דו נאַרישע כשרה בהמה וואָס דו ביסט! — אפשר האָט זי געמיינט מיט דעם זאָג אויך בינקאָס באַלעבאָסטע?!

די יאַנקעלעכע האָט פאַרלייגט אַ שטריק איבער די הערנער פון איר קו און געזאָגט, פאַרמיידנדיק צו קוקן דער הערש וואָלפעכע אין די אויגן:

— נישט וויסן זאָל איך פון קיין שלעכטס, צוזאַמען מיט מיין בהמהלע, צי איך וויים פון וואָס צו זאָגן... קום אַהיים מיין טייער אוצרל, געזונט

זאָלסטו מיר זיין, נו, קום שוין! — האָט זי זי געשלעפּט ביים שטריק.

בינקאָ האָט זיך אַביסל באַרויקט פונעם שפּאַציר. זי האָט אויפגעהערט צו ריטשען. אָבער זי איז שוין נישט געווען די פריערדיקע בינקאָ. זי האָט אָנגעווירן די מילך. נישט קיין העלפט מילך האָט זי געגעבן. ליגט זיך בינקאָ ביינאַכט ביי יאַנקלען אין פירהויז, מאַלעגיירעט פאַר זיך, נאָר פון צייט צו צייט רייסט זיך ביי איר אַרויס אַ טיפער זיפץ.

פעלאַ הערט איר זיפצן אין די שטילע נעכט, זי פאַרשטייט זי גוט: בינקאָ האָט שלום געמאַכט מיט איר גורל, זי געוווינט זיך צו צו איר נייער סביבה, נאָר פון צייט צו צייט דערמאָנט זי זיך אין איר אַלטער היים, אין איר פריערדיקער באַלעבאָסטע וואַסעלענאַ...

אויך וואַסעלענאַ האָט געבענקט. צו פיל געהאָנגען אין דעם בהמהלע. איר איינציקע טרייסט און פריינד איז זי איר געווען. זי האָט נישט געהאַט פאַר וועמען איר האַרץ אויסצורעדן חוץ פאַר בינקאָן. זיצט זי איצט ביים פענצטער און טראַכט... אַזאַ טייערע בהמה געווען און אַוועקגעגעבן דעם יידן פאַר האַלב געלט... וואָלט זי כאָטש געהאַט אַ בייסטרוק, געוויגט אין שויס אַ קינד, געהאַט וועמען ליב צו האָבן אַזוי ווי בינקאָן, אָבער קיין איינציקער מאַנצביל קוואַפּעט זיך נישט אויף איר, פאַרגייט נישט צו איר, כאָטש זי וווינט אַליין און לאָזט אָפן די טיר... וואַסעלענאַ איז אַוועק אויף כאַסלערע אין אַן אַנדער דאָרף, זיך אָפּגעזוימט דאָרט אַכט טעג און צוריק־געקומען אַ צוגעדעקטע. ווען זי האָט באַמערקט אַז שכנים קוקן מיט שפּאַ־טישע בליקן אויף איר אויפגייענדיקן בויך, האָט זי זיך דערשראָקן, מען קען נאָך מיינען גאָט באַהיט, אַז זי טראָגט פונעם געצל, פון אַ שד? ווען זי האָט אָפּגעהאַט דעם בייסטרוק, האָט זי גענומען איר ממזרל אויף די הענט און אַוועק מיט אים פונעם דאָרף, נישט אומקערנדיק זיך מער. איר קינד וועט זי אָפּהיטן פון די בזיונות וואָס זי האָט דאָ געהאַט...

## דער ווינטער איז געקומען

אַ גאַנץ יאָר כאַפּט מען אָפּ דאָס שבתדיקע דאַווענען ביי הערש וואָלפן אין שטוב ווי נישט איז, אָבער אַז עס רוקן זיך אָן די ימים נוראים,

באַפאַלט די יידן אַ יראת־שמים, אַ גאָטספאָרכטיקער פחד. עפּעס אַ קליי־ניקייט, ס׳רוקט זיך אָן דער יום הדין! מען טוט זיך אויס פון אַלע דאגות פרנסה, מען פאַרגעסט אָן די גויים, יאַרידן, און דעם גאַנצן גלות. מען קומט זיך צוזאַמען גאַנץ פרי ביי הערש וואָלפן צום דאַווענען. די יידן זיצן אונטער די פאַרהאַנגענע פענצטער כדי זייערע בליקן זאָלן נישט מחלל זיין דעם הייליקן טאָג, קוקנדיק אויף דער גוישער גאַס. הערצל פירט די גרענדע. ער דאַוונט שחרית און בנימין, דער מלמד, מוסף. און כאַפּט זיך אָן הערצל אינעם „המלך״, לאָזט ער אים גאָרנישט אָפּ. ער טרעלערט, גאָרגלט זיך און צעלאָזט זיך אויף די העכסטע טענער. דאָס קול קלינגט אָפּ וויט איבערן דאָרף, און דער עכאָ שלאָגט זיך אָפּ אין די בערג.

אין האַרבסט, ווען מען זאַמלט איין פון די פעלדער דעם מאַיס, פאָרן פאַרביי פול אָנגעלאָדענע פורלעך מיט סנאָפּעס קוקורוזיאַנקע. גויים טרייבן באַדאַכטער די פערד, זיי הערן זיך איין צו די תפילות פון די זשידקעס, זייערע הענט ציִען זיך צום איבערצלמען זיך, ווי עס איז דער מנהג ווען מען קומט אויף פרומע געדאַנקען, אָבער דערמאָנענדיק זיך אַז דאָס דאַ־ווענען די פאַרשאָלטענע יידן, שפּייען זיי אויס און פאָרן ווייטער.

ווען עס קומט צו שמחת תורה, לאָזט נאָך די פאָרכטיקייט. שוין אָפּ־געפּאַסט און אויסגעבעטן אַ גוט יאָר. איצט קומט די צייט זיך צו פרייען מיט דער הייליקער תורה, גלייך זיי, די דאָרפסיידן און טאַקע נישט קיין אַנדערע, האָט דער אויבערשטער מהנה געווען מיט דער הייליקער תורה. ביי הערש וואָלפן צו די הקפות פאַרזאַמלען זיך אַלע יידן מיט די ווייבער און קינדער. זיי הערן זיך צו צו די עליות און דערנאָך גייט מען מיט די הקפות און ווייבער און מיידלעך רייסן זיך צו קושן די הייליקייט. נאָך די הקפות דערלאַנגט די הערש וואָלפעכע יענע פּראַקערס. דאָס פלייש, געוויקלט אין קרויט, איז גוט אויסגעפּרעגלט אין אויוון. זענען אָבער מאַנצבילן נישט קיין ווייבער וואָס לאָזן זיך לאַנג בעטן, ביז זיי נעמען עפּעס אין מויל אַריין. מאַנצבילן זענען ווי אין פּסוק שטייט: „ויאכלו״ — און עס איז געוואָרן פאַרברענט. — אַלצדינג וואָס מען שטעלט פאַר זיי אַוועק, ווערט באַלד פאַרברענט. און אַז די הערש וואָלפעכע איז שוין מיד געוואָרן צו דערלאַנגען איז מען זיך אַליין מטריח צום אויוון און מען שלעפּט אַרויס אַ געבראָטענע קאַטשקע.

דעם אַנדערן טאָג, שמחת תורה, גייט מען צו אַלע יידן אויף קידוש. דאָס וועטער איז דווקא געווען נישט אַזוי געטראָפן. עס האָט געקאַפּעט אַ רעגן. קיין חידוש נישט, זאָגן דאָך די גוים אַז אויף יידישע יום טובים מוז רעגענען און אפשר דורך דעם וואָס מען האָט געבענטשט „גשם”? דער רעגן האַלט נישט אָפּ די יידן פון גיין אויף קידוש. מען פאַרקאַטשעט די בעקעשעס אין די גאַרטלען און מען שפּאַנט אין דער בלאָטע. אָנגעקומען צו הערצלען, דעם בעל תפילה, הייסט מען זיך דערלאַנגען פּראַקעס און אַ געבראָטענע גאַנדז, גישט אַנדערש. איז אָבער די הערצלעכע נישט פון די מילדע מיט אַן אָפענער האַנט. פוילן זיך נישט די יידן און זוכן און נישטערן אין אַלע ווינקעלעך, ביז זיי דערביוזען אַרויס אַ ביסל ווישניק מיט איינגעמאַכטס. זיי טרינקען און ווינטשען אָפּ דער הערצלעכע זי זאָל אויפגעריכט ווערן מיט אַ בן זכר און אויך שידוכים טאָן מיט די מיידלעך.

— איר ווינטשט מיר אָפּ עטלעכע שמחות מיט אַ מאָל, לאָזט זשע איבער אַ ביסל משקה פאַר די שמחות. — בעט ביי זיי די הערצלעכע.

און אָט איז געקומען דער ווינטער. אין איינער אַ נאַכט האָט אָנגעיאָגט אַ קאַלטער פראָסטיקער צפון־ווינט. פון דעם פראָסט זענען פאַרפרוירן געוואָרן די בלאָטעס אין האַרטע גרודעס. שפּרינגט מען איבער זיי ווי איבער שטיינער, אויף פוס צעברעכעניש און מען פאַרשעלט זיך די יאָרן, ביז אין איינער אַ נאַכט האָט אָנגעהויבן פאַלן אַ שניי. דאָס דאָרף האָט באַקומען אַ ווייס הייבעלע. ביימער זענען באַצויגן געוואָרן מיט קרישטאָלענע קרוינען. אַ ווייסקייט און אַ ריינקייט האָט זיך אויסגעגאָסן איבערן דאָרף. מענטשן, פאַרוויקלטע אין קאַזשוכן און סערדאַקעס האָבן געטאָפּטשעט מיט פאַרגעניגן אינעם לייכטן שניי.

פעלאַ איז געזעסן ביים פענצטער און זיך צוגעקוקט צו דעם פאַלן פון די שניי־פליטערלעך. זיי האָבן דעם אויסזען פון דופּטיקע, צאַרטע שטערנ־דילעך. זיי דרייען זיך אין אַ קרייז, יאָגן זיך אַרום ווי קליינע קינדער און פאַלן נישט גערן, לאַנגזאַם צו דער ערד. די מומע האָט ביי איר צוגענומען די זאָקן־אַרבעט און איר געגעבן אַ זופּ פעדערן צו פליקן:

— נאַ טאָסטו! ווינטער פליקט מען פעדערן. גיב נאָר אַכטונג אַז צווישן די געפּליקטע פעדערן זאָלן זיך נישט אַריינכאַפּן קיין פענקעס.

די ערשטע צייט איז עס צוגעגאַנגען לאַנגזאַם. פעלאַ האַלט די פעדער

מיט צוויי פינגער, צופּט אָפּ פון איין זייט און פון דער צווייטער זייט און וואַרפט די פּענעקעס אויף דער ערד. מיט דער צייט זענען די פינגער פלינקער געוואָרן, זי האָט שנעל געפּליקט די פעדערן און זיך געקאָנט אַפילו פאַרמעסטן מיט דער מומע טויבע לאה ווער עס וועט שנעלער אויס־פליקן אַ זשמענקע פעדערן.

דער פעטער איז געלעגן אויפן באַנקבעטל און געכראָפּעט. די מומע אויף דער קיך האָט געדרימלט ביי די פעדערן. זי האָט געקעמפט מיטן שלאָף:

— וואָס עפּעס מיצקעדרינען אַ שלאָף מיך באַפאַלן, אַהי!

זי האָט ווייטער געפּליקט און צווישן איין געגעץ און דעם אַנדערן, האָט זי געערעדט:

— הערסטו, אַז דער ווינטער האָט זיך שוין געשטעלט, דאַרפן מיר גיין מאָרגן מערצישעם אין אַלעינע אַ ביסל בוימל אויסשלאָגן. — און ווידער אַ געגעץ. — הערסטו, שלעפערט עס מיך היינט!

— לייגט אייך אַ ביסל צו מומע. — גיט איר פעלאַ אַן עצה.

די מומע האָט אָװעקגעלייגט די זופּ פעדערן, אָפּגעטרייסלט דאָס קלייד פון די פּענקעס און זיך צוגעשפּאַרט אַ ביסל אויפן בעט, האַלב זיצנדיק; מען וועט זיך עפּעס פאַרגינען צו שלאָפן אין דער וואָכן?

פעלאַ, זעענדיק ווי פעטער און מומע שלאָפן, האָט פאַרוואָרפן אויף זיך איר שאַל, גענומען אין האַנט די קאַן, אויב די מומע וועט זיך דערוויל אויפכאַפּן, הייסט עס, זי איז געגאַנגען נאָך וואַסער... זי איז געלאָפן אַקעגן ווינט. די שניי־פליטערלעך זענען אויף איר געפאַלן, אויפן נעזל, אויף די האָר, אויף די ליפּן. דעם וואָיטס הינט האָבן זי שוין געקענט, זיי האָבן זי אַרומגעניוכעט, דרייענדיק מיט די עקן.

אויף די פאַוולאָוויטשעס זענען שוין געווען באַשעפטיקט ביי דער ווינטער־אַרבעט. דער וואָיט און דער זון איוואַן האָבן געפירט מיסט אין פעלד און די מוטער מיט דער טאָכטער און שנור זענען געזעסן און גע־שפּינט.

— הו, איז דאָס אַ שניי! — טרייסלט פון זיך אַראָפּ פעלאַ די נאַסע טראָפּן.

— יאָ, געלויבט דער דערלייזער. — ענטפערט איר די וואָיטעכע, —

דער פאַרזיי וועט נישט אויספּרירן אויף די פעלדער. זיין טאָכטערשע — מאַכט זי איר אַ פּלאַץ נעבן זיך.

— אַ דאַנק. איך גיי נאָך וואַסער, דערווייל ביי אייך אָפּגעטרעטן, זען וואָס איר מאַכט.

— לאַנג לעבן זאָלסטו דאַנעטשקאַ, וואָס׳זשע הערט זיך ביי אייך?

— גאָרנישט. מיר גייען מאָרגן אין דער אָלעינע.

— מאַמוניו, — מישט זיך אַריין מיכאַל: — איר האָט דאָך געזאָגט אַז מיר דאַרפן אויך גיין שלאָגן אייל.

— יאָ, מיכאַלקאָ מיין זון, עס גייען די גרויסע פּאַסט־טעג, וואָלט טאַקע כדאַי געווען איר זאָלט נעמען אַ ביסל סימניע און גיין מאָרגן אין דער אָלעינע.

מיכאַל האָט אַרויסבאַגלייט פעלאַן. איר געהאָלפן אַרויפדרייען אַ וויאַדרע וואַסער. דרייען צוויי יונגע מענטשן די קאָלבע, קוקן זיך אין די אויגן און לאַכן.

— וואָס פאַר אַ שיינער ווינטער־טאָג, — זאָגט פעלאַ, — ווי גערן וואָלט איך מיך אַדורכגעשליטלט!

— קום, פאַר מאָרגן מיט מיר אין שטאָט.

— די מאַמע הייסט נאָך נישט אַהיימקומען.

— קום׳זשע אַרויס פאַרנאַכט צום טייכל, טאַקע גלייך הינטער אייער גאָרטן. איך וועל אויף דיר וואַרטן צווישן די ווערבעס.

— די מומע הייסט נישט!

— זי ברויך נישט וויסן.

— נייך, מיכאַלקאָ!

— זאָג יאָ, פעלאָ, — כאָ! כאָ! האָבןביידע הויך געלאַכט. פעלאַ האָט גענומען די קאַן און מיכאַל איז צו זיך אַריינגעשפּרונגען אין הויף.

שטייט הערש וואָלף ביים פענצטער און זעט ווי דאָס שטאָטישע מיידל, ר׳ סענדערס טאָכטער לאַכט און רעדט מיט דעם שייגעץ. הערש וואָלף דרייט זיך פאַרדראָסיק אויס כדי נישט צו זען אַזאַ חילול השם. ער שווייגט. נישט זיין עסק. אָבער די הערש וואָלפעכע קען עס נישט פאַרשווייגן. זי שטייט ביי דער הרובע און פון דאָרט זעט זי אויך וואָס עס טוט זיך אין דרויסן. זי וואָרטשעט:

— האַ, וואָס זאָגסטו נישט דערצו? היינטיקע קינדער, מ׳דאַרף וואָ־רענען טאַטע־מאַמע.

— וועסט גיין רעדן רכילות אויף ר׳ סענדערס טאָכטער? מיש זיך נישט! נישט דיין עסק!

— אָבער פאָרט, ווי דערלאָזט מען אַזאַ זאַך?

— וועסט דיר אָנהייבן מיט שטאָטישע יחסנים? אַ דאַרפסייד האָט ביי זיי אַ סך די ווערט? זאָלן זיי זיך שמירן דעם קאָפּ מיט זייער יחוס און מיט זייערע קינדער אין איינעם.

די הערש וואָלפּעכע דערמאָנט זיך דעם פּאַראיבל וואָס זי האָט אויף דער יאַנקלעכע פאַר דער מעשה מיט דער קו:

— שאַנדע באַנדע, איינס פּאַר׳ס אַנדערע! און טויבע לאה, די יאַנקע־לעכע איז בעסער? מ׳דאַרף זיך טאַקע נישט אַריינמישן! — זי האָט זיך אָפּגעווישט די ליפּן און געשוויגן, אָבער די הערצלעכע האָט זי געוואָרנט אַז זי זאָל נישט לאָזן אירע טעכטער זיך חברן מיט סענדערס טאָכטער ווייל זי רעדט מיט שקצים...

דער קומענדיקער טאָג איז געווען אַ ווינטערדיק העלער. קיין שניי איז נישט געפאַלן און די זון האָט מילד געשיינט. די כאַטקעס זענען גע־לעגן טיף פאַרשנייטע, אויף די בערג האָט דער שניי געשימערט אין פאַר־שידענע קאָלירן און פון די ביימער האָט זיך געשיט ווי צוקער דער שניי. פעלאַ האָט פאַרוויקלט דעם קאָפּ אין אַ וואָלענעם פלעטל, אָנגעטאָן אַ וואַרעמע קורטקע, הויכע שיך, געטראָגן אַ זעקל סימניע און געגאַנגען מיט דער מומע טויבע לאה אין אָלעינע. דאָ האָבן זיי שוין געטראָפן עטלעכע פּויערים. אויך נאַסטיאַ און מיכאַל זענען געקומען פרעסן אייל.

זיי האָבן געמאָלן די סימניע, דערנאָך אין מולטערס זי פאַרקנעטן. די מומע און פעלאַ האָבן אַריינגעשטופּט די הענט איו דער מולטער, גע־קנעטן און געקוועטשט די סימניע ביז זי איז געוואָרן אַ ווייכע מאַסע. דער אָלעיניק איז אַרומגעגאַנגען צווישן די אַרבעטנדיקע פּויערים, זיי געגעבן עצות, דאָ געהייסן נאָך צוגיסן אַ פּאָר טראָפּן וואַסער צום פאַר־קנעטן, דאָרט פעסטער פאַרדרייען די וואַלצן. מומע טויבע לאה האָט אויפגעשיט איר פאַרקנאָטענע סימניע צום פרעגלען אויף דער פּליטע.

פעלאַ האָט מיט צווײ שטעקלעך זי געמישט, זי זאָל זיך נישט צוברענען. מיכאַל הייצט אין קיך, אונטער דער פּליטע. ער האָט אָנגעבויגן אַ קני און שטופּט קוקורוזיאַנקע און קאַטשענעס אין אויוון. ער קוקט אַרויף מיט איין אויג צו פעלאַן און שמייכלט. זי קלערט אַז ער איז נישט קיין מיאוסער בחור. ער איז נישט בלאָנד ווי די מייסטע שקצים, ער האָט אַ ברוינע טשופּרינע און העלע ביר־אויגן, וועלכע קוקן אַזוי פאַרליבט אויף איר. כאָטש זי איז פאַרליבט אין דר. שוואַרץ, דאָך האָט זי הנאה וואָס זי געפעלט מיכאַלן. ער פאַרטרייבט איר אָפּט די בענקשאַפט און די נודאָטע, וואָס פרעסט זי ווי אַ זשאַווער. אויף זיינע פאַרליבטע בליקן ענטפערט זי מיט אַ שמייכל. די באַקן זענען איר פאַרפלאַמט פונעם פייער, דאָס טיכל איז איר אַראָפּגעפאַלן אויפן נאַקן, די בלאָנדע האָר קוואַלן איר אַרויס אויפן שטערן.

— דו ביסט שיין פעלאַ! — פליסטערט ער.

וועלכעס מיידל האָט נישט ליב מען זאָל איר מאַכן אַ קאָמפּלימענט? זי לאַכט הויך.

— איך האָב דיך ליב! — רייסט זיך אים אַרויס פונעם האַרץ.

זי לייגט צו אַ פינגער צום מויל, ער זאָל שווייגן.

עס קומט צו זיי צו דער אַלעיניק, ער גיט אַ נעם אַ זשמעניע געפּראַזשעטע סימניע:

— יונגוואַרג! קוקן זיך אין די אויגן און לאָזן פאַרברענען די סימניע!

— עט, מיין פריינד, זאָרגט נישט. פון אַ שיינעם בחור מיט אַ שיין מיידל, קומט אַרויס אַ שיינער אייל! — האָט געזאָגט אַ פּויער. און אַן אַנדערער האָט זיך אָנגערופן:

— מיכאַלקאָ! זע נאַר, זאָלסט דיך נישט פאַרליבן אין דער שיינער זשידאָוועטשקאָ!

— און אַז יאָ, איז וואָס? — האָט אים פאַרטיידיקט זיין שוועסטער נאַסטיאַ — פעלאַ איז ווי אַן אמתע רוסאַלקע.

פעלאַס באַקן האָבן נאָך מער געפלאַמט, כאָטש זי האָט פאַרשטאַנען אַז זיי טרייבן מיט איר נאַר קאַטאַוועס, דאָך האָט זי זיך פאַרשעמט, ווי געכאַפּט ביי אַ נישט קיין שיינער זאַך.

מומע טויבע לאהן איז שוין גאַרנישט געפעלן דאָס ליצנות, זי האָט פּאַרדראָסיק געגעבן אַ שטופּ אַוועק פעלאָן:

— אַנו, לאָמיך נאָר אַ מיש טאָן!

דערנאָך האָט מען די אויסגעפּרעגלטע סימניע אַריינגעלייגט אין דער פּרעס־מאַשין. וויפל עס זענען געווען מענטשן אין אַלעינע, האָבן זיך אַלע צוגעטשעפּעט צו די צוויי שטאַנגען און געהאַלפן דרייען. זיי האָבן אַלץ פעסטער געדרייט, דערביי זיך צוגעגעבן קוראַזש:

— העי, האָפּ! העי, האָפּ!

פון אַ רערל איז אַרויסגעפלאָסן פרישער, שמעקנדיקער בוימל.

די מומע טויבע לאה איז אַהיימגעקומען אַ צעקאָכטע:

— ווי קומט מען איבער דיר און אַ שייגעץ צו טרייבן ליצנות?

— וואָס בין איך שולדיק? — האָט אומגעדולדיק געענטפערט פעלאַ

— איך קען זיי עפּעס צומאַכן די מיילער, צי וואָס?

— געדענק פייגעלע, מאַך מיך נישט צו לייטיש געלעכטער!

כדי איבערצושלאָגן דער מומעס רייד, האָט זי גענומען די קאַן און געגאַנגען צו דעם ברונעם. איבערן דאָרף האָבן געקלונגען די גלעקלעך פון די שליטנס. זי איז געגאַנגען אַ פאַרטראַכטע. זי איז מקנא די שליטנס וואָס ציִען ווייט אַוועק פונעם דאָרף. ווי וואָלט זי געוואָלט מיט זיי מיט־פאָרן, ס'איז איר שוין נימאס דאָס דאָרף, די ענגע שטוב, דאָס אייביקע וואָרטשען פון דער מומען. אפשר וואָלט איר פאָרט געלונגען זיך אַרויס־רייסן פון דאַנען, אַוועקפאָרן אין אויסלאַנד שטודירן. און ווי שטענדיק קומען אירע געדאַנקען צוריק צום געליבטן: דעם דר. שוואַרץ. שיין האָט ער מיך צו רעכט געמאַכט, צי קלערט ער כאָטש אַ מאָל פון מיר? אַוודאי ניין, ווען יאָ, וואָלט ער דאָך געקומען און זי פאַרנומען פון דאַנען.

אויפן שמאָלן וועג, באַרג אַרויף, האָט זיך געשלעפּט אַ שליטעלע. זי האָט געגעבן אַ שפּאַן אַריין אין אַ פאַדרווירע, כדי אָפּצוטרעטן פונעם שמאָלן וועג. אַ גוי פירט אַ שטאָטישן מענטשן, אַ דאָקטער אַוודאי צו זיין קראַנקן ווייב. פּלוצעם האָבן זיך אירע אויגן ברייט צעעפנט, די קאַן איז איר אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט, זי איז שנעל אַרונטער הינטערן פאַרקאַן און צוויי אַנגסטיקע בלויע אויגן קוקן אויף אים דורך די שפּאַרעס צווישן די ברעטער. ד״ר שוואַרץ איז זיך גלייכגילטיק געזעסן אין דעם אויס־

געבעטן מיט שטרוי שליטן. דער קראַגן פונעם פעלץ אויפגעהויבן, די פוטערנע קוטשמע איינזייטיק אַראָפּגערוקט אויפן שטערן. זי קוקט זיך איין אין די ליפּן מיט די קורץ געשוירענע וואָנצעלעך, וועלכע פלעגן אַ מאָל איר אויסקושן אַ יעדן אבר. זי הערט זיין נעזלדיק קול, מיטן הייזעריקלעכן אַנטערשלאַק, וואָס פלעגט אויף איר ווירקן ביז משוגעת:

— שנעלער, שנעלער באַטיושקאַ, ווי לאַנג וועט איר זיך שלעפּן?

— ס׳איז באַרג אַרויף, פּאַנע דאָקטאָר, אויפן גלייכן וועג פאָרט מען שנעלער.

— מענטש איינער! ס׳איז נאָך ווייט?

— ניין! גאָרנישט ווייט, אָט דאָרט הינטערן באַרג אין דער דאָלינע.

— מענטש! גיב אַ טרייב די פערד! האָסט דאָך אַ קראַנקע ווייב. דער דאָקטאָר ווייסט פון זיין פּראַקטיק אַז אַ פויערל ברענגט דעמאָלט ערשט אַ דאָקטער, ווען זיין ווייב האַלט ביים אויסגיין.

— פּאַנע דאָקטאָר, — האָט דער גוי געענטפערט באַדאַכט — אַז איך וועל טרייבן שנעל די פערד באַרג אַרויף, וועלן זיי זיך אָנצינדן און זדעכנען, גאָט באַהיט, אַ שאָד די פערד.

— און דאָס ווייב איז נישט קיין שאָד?

קראַצט זיך דער גוי מיטן בייטשל אין קאָלטענעוואַטע קאָפּ און קלערט: אַן אַנדער ווייב וועט ער קריגן אומזיסט, אָבער קיין פערד נישט. דאָך האָט ער געגעבן מיט דעם איבערגעקערטן בייטשל אַ פּאָר שטורקע די פערד אין די ליטקעס:

— נו, רירט אייך, נבלות!

פעלאַ איז ערשט אַרויסגעגאַנגען פון הינטערן פּאַרקאַן ווען פון דעם שליטן מיטן דאָקטער איז נישט געבליבן קיין שפור. זי האָט גענומען די קאַן און ווי אַ נאַכטוואַנדלערן אַהיים געגאַנגען.

— זע נאָר! צו מיינע שונאימס קעפּ! מיט אַ ליידיקער קאַן ביסטו צוריקגעקומען?

— האַ? יאָ, געווען אַ לאַנגע ריי. — זי איז נאָך אַ מאָל געגאַנגען נאָך וואַסער...

שפּעטער, ווען פעטער יאַנקל איז אַוועק מיט קצבים איבערן דאָרף איינהאַנדלען אַ קעלבל און מומע טויבע לאה מיטן קיישל נאָך אייער, איז

דער שטורעם אין איר אויסגעבראָכן, זי האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויפן טיש און זיך פאַרצווייפלט צעוויינט:

— אַזוי מיך צו פאַרגעסן! זיך אַפילו נישט אינטערעסירן ווו איך בין אַהינגעקומען!

זי בייסט זיך די ליפּן, קראַמפּהאַפט רייבט זי זיך די הענט, פאַרפאַרט זיך מיט די פינגער אין די האָר: ער געפעלט איר נאָך אַלץ, זי האָט אים אפשר איצט נאָך מער ליב ווי אַ מאָל, ווער האָט נאָך אַזאַ שיין, איידל פּנים ווי ער? און ווי שיין פּאַסט אים דער אויפגעשטעלטער פוקסענער קראַגן און די פוטערנע קוטשמע!

ס׳איז אַריינגעקומען מיכאל פּאַוולאָוויטש:

— פאַר וואָס וויינסטו מיין נשמהלע?

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט פרעמדע אויגן:

— וואָס ווילסטו? פאַר וואָס קומסטו מיר שטערן?

ער האָט זיך פאַר איר אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, זי אַרומגענומען ביי די קני.

— טרייב מיך נישט פעלוסיאַ! קיינער אויף דער וועלט, האָט דיך נישט אַזוי ליב ווי איך!

עס זענען איר ווידער געקומען די טרערן:

— ניין, קיינער האָט מיך נישט ליב! אַפילו נישט טאַטע־מאַמע, מיך פאַרטריבן פון דער היים!

— מיין ליבע איז אַזוי גרויס, אַז זי וועט דיר פאַרבייטן טאַטע־מאַמע, די גאַנצע וועלט.

זי האָט אים טרויעריק געגלעט איבערן קאָפּ. ניין, ער וועט איר קיין מאָל נישט פאַרטרעטן דעם צוליב וועלכן זיליידט...

ער האָט זיך נעבן איר אַוועקגעזעצט, זי אָנגענומען ביי די הענט:

— זאָג מיר נשמהלע, פאַר וואָס וויינסטו?

— איך וויין דען? איך לאַך! — זי האָט זיך געצווונגען צום לאַכן, נאָר אירע ליפּן האָבן געציטערט און זיך געבראָכן ווי ביי אַ קליין קינד וואָס צווינגט זיך נישט צו וויינען.

— זיי נישט טרויעריק פעלוסיאַ, קום בעסער פאַרנאַכט זיך שליטלען.

יאָ, ער איז גערעכט. יענער איז נישט ווערט מען זאָל נאָך אים וויינען, בעסער זיך גיין שליטלען.

— איך וואָלט געגאַנגען, אָבער וואָס זאָגט מען דער מומען?

— וועסט שוין געפונען אַ תירוץ. הערסט? פאַרנאַכט וועל איך אויף דיר וואַרטן ביים טייכל אונטער אייער גאָרטן ביי די ווערבעס.

— גוט, איך וועל קומען. נאָר איצט גיי שוין.

ער האָט זי געוואָלט קושן, זי האָט צוערשט אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ, אָבער דערנאָך ווי עמעצן אויף צו להכעיס, האָט זי אים פאַרוואָרפן די הענט אויפן האַלדז און אָקעגן געשטרעקט די ליפּן.

* * *

עס איז געווען אַן אויסגעשטערנטע לבנה־נאַכט. דער שניי האָט גע־פינקלט מיט אַ ווייסקייט און געגעבן אַ ליכטיקייט ווי אין מיטן העלן טאָג. אָבער דאָך איז עס געווען אַן אַנדער ליכט, ווי מען זאָל עס קוקן דורך בלויע ברילן. עס איז געווען די זעלבע געגנט, דאָס זעלבע טייכל צווישן די ווערבעס וווּ פעלאַ גייט וואַשן גרעט מיט דער מומען. דער זעלבער באַוואַלדעטער באַרג אָקעגן אויפן אַנדערן ברעג. אָבער דאָך אַן אַנדערע וועלט, אַ פאַרכישופטע. פון דער וויטנס זעען אויס די כאַטקעס מיט די פאַרשנייטע דעכער, ווי שקצימלעך מיט ווייסע קוטשמעס. די ווייסע קרוינען פון די ווערבעס זענען צוזאַמענגערוקט, זיי סודן זיך און היטן דעם שלאָף פון דעם וואַסערל אונטערן אייז. דאָ האָט אויף איר געוואַרט מיכאַל. ער האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט, זיי זענען אַריבערגעגאַנגען דאָס פאַר־פרוירענע טייכל און זיך געלאָזט באַרג אַרויף, נאָכשלעפּנדיק נאָך זיך דאָס שליטעלע. לייכט וויגט דער ווינט די צווייגן פון די ביימער און שיט אויף זיי אַראָפּ דעם שניי ווי ווייסן פּוך.

— וואָס פאַר אַ שיינע נאַכט, — זאָגט פאַרקלערט פעלאַ.

— יאָ, באַשטעטיקט מיכאַל, — אַ שאָד אין אַזאַ נאַכט צו זיצן אין שטוב. ער ציט נאָך זיך פעלאַן באַרג אַרויף.

— דו ווייסט דאָך פון אַזאַ הויכן באַרג זיך נישט אַראָפּלאָזן מיטן שליטעלע — פרעגט אַ ביסל דערשראָקן פעלאַ.

אָנגעקומען אויפן באַרג, זאָגט מיכאַל:

— זעץ דיך אַרויף. איך וועל קערעווען מיטן שליטעלע און דו האַלט דיך פעסט אין מיר אָן פון הינטן.

— אָבער ביסטו שוין אַ מאָל דאָ געפאָרן? — האָט פעלאַ זיך געוואַקלט.

— אַ פראַגע! מיט מיינע חברים אינעם דאָרף פלעגן מיר זיך שליטלען און פאַרמעסטן ווער וועט גיכער אָנקומען.

— מען קען דאָ געהרגעט ווערן — קוקט זי אויף דעם פאַרשנייטן באַרג.

— עט, זיי נישט קיין קליין מיידעלע. האָב נישט מורא, זעץ דיך אַרויף. זי האָט זיך דערמאָנט אַז יענער האָט זי גערופן „מיין קליין מיידעלע".

— איך בעט דיך, זאָג מיר נישט „קליין מיידעלע", רוף מיך פעלאַ, אַזוי ווי ביז איצט.

— פעלאַ, פעלוסיאַ מיינע! נו זעץ דיך שוין אַרויף, אַנדערש וועל איך דיך נעמען אין מיינע אָרעמס... זי האָט זיך אַוועקגעזעצט הינטער זיינע פּלייצעס און אים אַרומגענומען. די רייזע האָט זיך אָנגעהויבן.

זשזשזש... פליט דאָס שליטעלע באַרג אַראָפּ. אַ ווינט בלאָזט פעלאַן אַקעגן אין פּנים, זי האָט פריילעך געלאַכט. זיך פעסט אָן אים אָנגעהאַלטן און באַהאַלטן דעם קאָפּ אויף זיין רוקן. דער שליטן האָט זיך ערשט איינ־געהאַלטן אונטן ביי די ווערבעס.

— ס׳איז דיר געפעלן? — פרעגט מיכאַל.

— יאָ, זייער.

ער האָט גענומען שלעפּן דאָס שליטעלע נאָך אַמאָל באַרג אַרויף.

— וואָס טוסטו? איך מוז אַהיימגיין.

— נאָר נאָך איין מאָל, דערנאָך גייסטו אַ היים.

זיי האָבן זיך נאָך אַ מאָל אַראָפּגעלאָזט. אָנגעקומען צו די ווערבעס, גיט זיך פּלוצעם מיכאַל אַ דריי אויס צו איר, בייגט זי אַריבער פלאַך איבערן שליטעלע, דריקט זי און עסט זיך איין אין אירע ליפּן. זי דערזעט איבער זיך אין זיינע אויגן דאָס באַקאַנטע פייערל, פון וועלכן עס איז נישטאָ קיין אויסבעטן זיך. אָבער נאָר צו איינעם איז זי געווען נאָכגיביק.

— מיכאַלקאָ, לאָז אָפּ!

— דו ביסט מיינע!

זי האָט זיך מיט אים געראַנגלט, צום גליק האָט דאָס שליטעלע זיך

איבערגעקערט, פלינק ווי אַ קאַץ האָט זי זיך אַרויסגעדרייט פון זײנע אָרעמס. זי איז אַנטלאָפן, נישט אומקוקנדיק זיך.

— פון וואַנען קומסטו אָן? — פרעגט מומע טויבע־לאה מיט חשד.

— זיך פאַררעדט מיט די חברטעס — נעמט פעלאַ פון זיך אַראָפּצוּען די קורטקע.

— פייגעלע, פאַרשוואַרץ מיר נישט דאָס פּנים. שכנים דערציילן אַז דו גייסט צום וואַיט און ווען מיר זענען נישטאָ אין דער היים, קומט אַהער דער שייגעץ מיכאַלקע.

— עט, וואָס שכנים דערציילן! איך בין געווען אַ צוויי מאָל ביי נאַסטיאַן און מיכאַל האָט מיר געבראַכט ביכער.

— איך וויל נישט דו זאָלסט האָבן געשעפטן מיט די גויים! דו הערסט? אַז ער וועט נאָך אַ מאָל איבערטרעטן די שוועל, וועל איך דיר צושטעלן אַ בענקעלע צו דיין טאַטן.

פעלאַ האָט זיך דערשראָקן:

— ניין, דערציילט נישט גאָרנישט. דער טאַטע דאַרף נישט וויסן. איבעריקנס, איך וויל אַהיים. שוין גענוג געזעסן אין דאָרף; — זי האָט געפילט אַז זי פאַרפּלאָנטערט זיך אין אַ נייער צרה מיט פאַוולאָוויטשן און דאָס בעסטע וואָלט געווען צו אַנטלויפן.

— דיין מאַמע האָט דיך געשיקט צו מיר, איך זאָל דיך מאַכן פאַר אַ לייט. זאָלסט ווערן אַ באַלעבאָסטע, זיך לייטיש אויפפירן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ יידישער טאָכטער און ביז דו וועסט עס נישט ווערן, וועט זי דיך נישט אַהיימנעמען. נו, וואָס שטייסטו ווי אַ גולם אין מיטן שטוב? נעם די זופּ פעדערן, שטיי נישט ליידיק.

נישט גערן האָט זי זיך געזעצט פעדערן פליקן. עס האָט זי געטריבן צו לויפן, זיך בונטעווען און דאָ צופּט זי לאַנגזאַם די פעדערן. ווען הענט זענען פאַרנומען, לייטערט זיך אויס דער קאָפּ. אַרבעט איז ווי די האָ־לאָבלעס אין וואָגן, וואָס האַלטן פערד צו גיין אין שפּאַן.

ווען זי האָט דעם אַנדערן טאָג אַרויפגעדרייט אַן עמער וואַסער ביים ברונעם, פילט זי ווי עמעצער פאַרלייגט איר פון הינטן די הענט אויף די אויגן. זי טאַפּט די הענט, גרויסע אויסגעאַרבעטע מענערישע הענט, אָבער אויך שיקסעס האָבן אַזוינע הענט.

— נאַסטיאַ? — פּרוּווט זי טרעפן.

מיכאַל האָט זיך צעלאַכט און אָוועקגענומען די הענט. זי איז בייז געוואָרן, ווי אַזוי דערלויבט ער זיך אַזאַ היימישקייט? זי ווייזט אים אָן אויף די פענצטער פון הערש וואָלפס שטוב.

— מען קוקט אונדז נאָך און דערנאָך האָב איך צרות אין שטוב.

— עט, לאָז אָפּ מיט די פאַנאַטישע יידן! איך האָב פאַר דיר אַ הער־לעכן סיורפּריז. מיר וועלן גיין אויף אַן אָרט ווו דו ביסט נאָך נישט געווען, מיר וועלן גיין צום דניעסטער.

זי האָט זיך פאַרטראַכט:

— דער דניעסטער! איך האָב אים שוין אַזוי לאַנג נישט געזען, ווי דאָס טיקן פון אַ זייגער, פלעגט ער מיך פאַרוויגן אין שלאָף.

זי האָט גענומען די פולע קאַן און זיך געלאָזט גיין. ער איז נעבן איר געגאַנגען:

— דו וועסט מיט מיר גיין שפּאַצירן צום דניעסטער?

— ניין!

— פאַר וואָס? ביסט נעכטן נישט געווען צופרידן פון אונדזער שליטלען זיך?

— יאָ, אָבער דער פינאַל?

— אַנטשולדיק, איך וועל דיך מער נישט טשעפּען. קום מיט מיר צום דניעסטער, אַ שאָד איך אַזוינע הערלעכע נעכט צו גיין שלאָפן.

— די מומע האָט מיר פאַרזאָגט איך זאָל זיך מיט דיר נישט באַגעגענען.

— הער זיי נישט! דאָס זענען פאַנאַטישע מענטשן פון אַלטן דור. איך בין דיין איינציקער פריינד וואָס פאַרשטייט דיך. קום מיט מיר!

זי איז ווייכער געוואָרן:

— איך וואָלט גערן געגאַנגען צום דניעסטער, אָבער נישט היינט ביינאַכט. אפשר שבת־צו־נאַכט. דער פעטער ווערט באַלד אַנטשלאָפן און די מומע גייט צו דער הערצלעכע אויף אַ טאָלקע פעדערן פליקן.

— און דו גייסט נישט?

— ניין, די מיידלעך ווילן זיך מיט מיר נישט חברן.

— גוט, איז שבת־צו־נאַכט!

מיט האַרצקלאַפּן, ווי צו אַ באַגעגעניש מיט אַן אַלטן פריינד, איז

פעלאַ געגאַנגען זען דעם דניעסטער. זיי האָבן פאַרמיטן דאָס דאָרף, זיך פאַרנומען אויפן פעלד־וועג, הינטער זיי האָט זיך געהערט דאָס זינגען פון די שקצים וואָס גייען אויף וויטשערניעצעס צו די שיקסעס. מיכאַל און פעלאַ זענען געלאָפן אַנגענומען ביי די הענט און נישט געפילט קיין קעלט. זייער אָטעם האָט זיך אַנגעזען ווי אַ רויך, אין דער פראַסטיקער לופט. אַ הייליקע ריינקייט איז געווען פאַרשפּרייט אויף די פעלדער, ווי גאָטס האַנט וואָלט צעשיט דעם שניי און קיין לעבעדיק וועזן וואָגט אים נישט צו באַטרעטן. פלוצעם האָלט זי פּאַוולאָוויטש איין:

— פּסט! דו זעסט דאָרט ביים היי?

עטלעכע חיות, אויף הויכע, שלאַנקע פיס, מיט געדרייטע הערנער, די גרויס פון יונגע לאָשיקלעך, זענען געשטאַנען און געצופּט פון אַ סטויג היי.

— וואָס איז דאָס?

— סאַרנעס. נישט געפונענדיק קיין נאַרונג אויף די פאַרשנייטע פעלדער, קומען זיי אַהער צום היי.

אָבער די סאַרנעס האָבן זיי באַמערקט און היפּ, היפּ, זענען זיי מיט עטלעכע שפּרינג פאַרשוווּנדן אין וויטן פעלד.

זיי זענען געגאַנגען באַרג אַרויף.

— עפּעס זעט מען נישט דעם דניעסטער? — האָט פעלאַ געפרעגט.

— באַלד וועסטו אים זען.

אויפן באַרג האָט זי דערהערט זיין רוישן, זי איז געלאָפן נאָך זיין קלאַנג.

— גיב אַכטונג, עס איז אַ שאַרפער אָפּהאַנג! — האָט זי פּאַוולאָוויטש געוואָרנט.

זי איז געבליבן שטיין ביים ראַנד פון באַרג. צופיסנס איז געפלאָסן איר אַלטער לעבנסבאַגלייטער, דער דניעסטער. קיין איינציקער ווינטער איז נישט גענוג שטאַרק אים צו פאַרפרירן. ביי די ברעגן שטרעקן זיך אייז־קרוסטעס אים צו פאַרדעקן, אָבער ער לאַכט זיך אויס פון זיי: אין דער מיט גייט ווייטער דער שטראָם, עס טרייבן און שוימען די וועלן מיט קראַפט. נישט ווייט ווו זיי זענען געשטאַנען, אין מיטן פעלדז, האָט זיך געשוואַרצט אַ טיפער קיילעכדיקער לאָך.

— וואָס איז דאָס, אַ פוקסן־הייל?

— מעגלעך אַז אויך פּיקסן באַהאַלטן זיך דאָרט. אָבער דאָס איז אַן אונטערערדישער טונעל נאָך פון די טערקישע צייטן. מען דערציילט אַז מען האָט אַריינגעלאָזט דאָ אַ הונט, איז ער אַרויסגעקומען אַזש אין קיִעוו, נאָר מילא, וואָס מען זאָגט, הלמאַי זאָגט מען אַז מיר ליבן זיך.

— און ס'איז אַ ליגן, — האָט פעלאַ דערגאַנצט.

— נישט קיין ליגן, כאָטש נאָר פון איין זייט.

נישט ווייט ווו זיי זענען געשטאַנען, אויף אַן אויסגעגלייכט שטיקל ערד, האָט זיך געפונען אַ שטיבל, פון וואַנען עס האָט זיך געטראָגן אַ שוואַך ליכט. פעלאַ האָט אָנגעוויזן אַהין מיטן פינגער:

— דאָ וווינט מסתמא וואַסילקע „טשודאַק".

— געטראָפן, דאָ איז זיין רעזידענץ.

— אַך, ווי וווּנדערבאַר!

— נישט געזען קיין שענערס ווי צו הויזן צווישן הימל און ערד?

— רעד נישט! ער איז אַ גליקלעכער מענטש. ער איז נישט איינזאַם, איינזאַם זענען מיר, מיר זוכן דעם מענטשן און קענען אים נישט געפונען, כאָטש מיר רעדן די זעלבע שפּראַך פאַרשטייען מיר זיך נישט. ער איז גליקלעך ווייל ער האָט פאַרלוירן דעם הונגער נאָכן מענטש. ער האָט אַ געמיינזאַמע שפּראַך מיט דער נאַטור, מיט די שטוב־חיות וועלכע ער האָט זיך אויפגעצויגן.

— מיין שיין מלאכל, ווען וועסטו שוין אַראָפּגיין פון דיינע הויכקייטן און גיין מיט מענטשן גלייך אויף דער ערד?

— דו פאַרשטייסט נישט, דו הערסט נישט ווי דער דניעסטער האָט זיך מיט דיר דערפרייט? ווי זיינע וועלן מורמלען צו מיר, און נעמען מיך אויף פּאַר אַ גאַסט?

די לבנה איז אויפגעשטיגן פון הינטער די בערג. די נאַכט, אַזוי אויך אַ געבנוג העלע פונעם שניי, האָט באַקומען מיסטעריעז ליכט. די לאַנדשאַפט איז געווען אַרומגעהילט אין אַ ווייסן שלייער. בערג זענען געשטאַנען פאַר־גליווערטע. שטערן און לבנה האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אינעם וואַסער און זיך צערונען ווי ריין גאָלד אויף די כוואַליעס.

פעלאַ איז דורכגענומען מיט אַ רויש ווי פון זיסן וויין, זי רעדט אַן עקזאַלטירטע:

— איצט פאַרשטיי איך אַז די לעגענדע וועגן וואַנדאַ וואָס שפּרינגט פון אַ הויכן באַרג אין דער ווייסל זיך מקריב זייענדיק פאַרן פאָלק, איז אַן אמתדיקע. זי האָט זיך געלאָזט פליִען, פליִען אין דער הויך צו אַלע אייביקייטן! — פּלוצעם נעמט זי אָן פּאַוולאָוויטשןביים אָרעם:

— מיכאַלקאָ! וואָס איז דאָרט? העט וייט, אַט יענער טונקעלער פּונקט?

— דאָס איז די מויער פון דעם אַלטן קלויסטער.

זי האָט זיך אין אים געקלאַמערט:

— מיכאַלקאָ! איך האָב מורא! זיי קומען, זיי קומען מיך נעמען איך זאָל מיט זיי טאַנצן דעם שדים־טאַנץ!

— נאַרעלע, קיינער קומט נישט!

— דו זעסט נישט די טונקעלע געשטאַלטן מיט די צעפּלאָסענע האָר און צענומענע מאַנטלען?

— אַ כמאַרע ציט איבער דער לבנה, דערפון וואַרפן זיך שאָטנס.

— ניין, דאָס זענען די גאַנעס, זיי קומען מיך נעמען... אויך דער דניעסטער דראָט מיר...

זי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. ווען פּאַוולאָוויטש כאַפּט זי נישט אין זיינע אָרעמס, פאַלט זי אַראָפּ אין אָפּגרונט. ער האָט זי גענומען אויף די הענט און אַראָפּגעטראָגן.

— לאָז מיך אַראָפּ. ס'איז מיר שוין בעסער.

זי איז געגאַנגען אַ שוואַכע, אָנגעשפּאַרט אין אים. ער האָט זי געהאַלטן אַרומגענומען.

— האָסט אויסגעשפּילט אַ סצענע פון געטעס „ערל־קעניג" — האָט ער געזאָגט שפּאַסיק זי צו צעשטרייען.

— דו פאַרשטייסט נישט, — האָט זי געענטפערט טרויעריק.

* * *

פעלאַ זיצט ביים פענצטער און פליקט פעדערן. מיט בענקשאַפט קוקט זי נאָך די שליטנס וואָס ציִען איבער די וועגן. זיי צעפירן מיסט אויף די פעלדער, אָדער פירן האָלץ פונעם וואַלד. אַ גרויסער הויפן צווייגן, דריי מאָל גרעסער פונעם שליטן, איז צוגעבונדן און די צווייגן שלעפּן זיך נאָך איבער דער גאַנצער ברייט פונעם וועג און קערן דעם שניי.

ס׳הערט זיך דאָס שטילע קלינגען פונעם קלויסטער־גלעקל. דאָס גייט דער גלח מיטן דיאַק שווענצלען איבערן דאָרף. ער גייט אַריין אין יעדער שטוב און באַשפּריצט מיט ווייִרויך, הייליקט אַקעגן די הייליקע טעג. דאָס הויזגעזינד וואַרט אים אָפּ מיט גרויס דרך ארץ. דער באַלעבאָס באַגלייט אים מיט אַן אָנגעצונדן ליכט ביז צום צווייטן שכן. דער גלח פּרעפּלט די גאַנצע צייט אַ תּפילה. יידישע שטיבער מיידט ער אויס. נאָך זיי פּאָרט נאָך אַ פור. די גוים טראָגן אַרויס צווי ברויטן פאַרן קלויסטער. די ברויטן ווערן אויסגעטרוקנט און אין די פאַסט טעג פאַרקויפט די אָרעמע פּויערן. מיט ברויט צאָלט מען אויך די אַרבעטסטעג.

קורץ איז דער ווינטער טאָג. נאָך פינף אַ זייגער לאָזט זיך אַראָפּ נידעריק איבער די פאַרשנייטע פעלדער דער אויסגעשטערנטער הימל. שקצימלעך, אין טאַטנס שטיוול, פאַרוויקלט אין פעלצן און שאַליקלעך, גייען איבערן דאָרף קאָלענדעווען. זיי זינגען הויך אונטער גויישע פענצטער און זאָגן אָן די בשורה, אַז דער דערלייזער איז געבוירן.

אויך פּעטער יאַנקל זאָגט אָן אַ בשורה דער וועלט : ער צעשניידט קאַרטאָפל, הוילט זיי אויס און גיסט אַריין אַ ביסל בוימל. מאַכט קנייטלעך פון פלאַקס, צינדט זיי אָן און בענטשט פאַר די ניסים וואָס זענען געשען אין יענע יאָרן, אין די איצטיקע טעג... אָבער ווי קליין און נישטיק ציטערן און פליטערן די חנוכּה־ליכטלעך אין פענצטער אַקעגן דער ווילדער פרייד וואָס בושעוועט אויף דער גויישער גאַס.

אין דעם טאָג פון ניי יאָר, טוט מען איבער אַ שייגעץ פאַר אַ מאַלע־דעציאַ און מען פירט אים אין אַ פּראָצעסיע איבערן דאָרף. שקצים פאַר־שטעלן זיך, זיי טוען אָן אויפן פּנים מאַסקעס מיט קלאָטשענע בערד, מען זאָל זיי נישט דערקענען, אינעם סערדאַק שטופּן זיי אָן היי אויף דער פּלייצע, מאַכן זיך אַ האָרב. נעמען אַ שטעקן אין דער האַנט און לויפן איבער די כאַטעס, זיי גייען אין יידישע שטיבער, מאַכן געוואַלדן און טרעטן נישט אָפּ ביז דער ייד גיט זיי געלט. די פּראָצעסיע מיטן איבערגעטאָענעם שייגעץ פאַר אַ מאַלעדעציאַ, וואָס מען רופט „מאַלאַנקאַ״, זיי גייען מיט איר צו אַלע שיקסעס. מאַלאַנקע טאַנצט מיט זיי און דערנאָך וואַרפן זיי אַריין געלט אין אַ פאַרמאַכטן קעסטעלע פאַרן קלויסטער. אַזוי נעמט מאַלאַנקע אַוועק די עבירות וואָס די שיקסעס האָבן געטאָן אַ גאַנץ יאָר.

פלוצעם דערזעט די מומע טויבע לאה ווי די פּראָצעסיע פאַרקערעוועט אויף איר פאַדווירע:

— אוי! אַ בראָך איז מיר! — עס האָט איר שוין נישט געפּאַסט צו פאַרריגלען די טיר. אָט זענען זיי שוין אין שטוב. די פאַרשטעלטע מאַכן אַ ראָד אַרום פעלאָן. די מאַלאַנקע נעמט זי אָן ביי די הענט און טאַנצט מיט איר. פעלאַ לאַכט און וואַרפט אַריין געלט אין קעסטעלע. די שקצים קלאַפּן מיט די פיס און טאַנצן אויס אַ שטורמישן קאָזאַטשאָק. יאַנקל הייבט אויף אַ האַנט:

— שוין געגנוג דער כבוד וואָס זיי טוען אים אָן!

זיי לויפן אַרויס ווי די ווילדע חיות מיט אויסרופן און פייפן.

— געלויבט דער אויבערשטער, שוין אַרויסגעפּטרט — דאַנקט טויבע לאה, ווען זי זעט זיי שוין אין דרויסן.

— פאַר וואָס מומע, עס איז דאָך אינטערעסאַנט זיך צו צוקוקן צו זייערע מנהגים.

— טאַכטערשי! אַז מען בייגט זיך צופיל איבערן פלויט, קען מען חלילה אַריבערפאַלן, זאָגט טויבע לאה און דער פעטער גיט צו:

— אַ גוי דאַרף מען אָפּטרעטן דעם וועג, ווי אין פסוק שטייט: „אַז עשו איז זיך משמח, באַהאַלט זיך יעקב".

דערנאָך, ווען דער גלח גייט אין אַ פּראָצעסיע מיט הייליקע בילדער שווענצלען דעם טייך, ווערט אויסגעהאַקט אַ טאַלאַנקע, אַ לאָך אין אייז, די מאַלאַנקע ווערט מיט געוואַלד אַריינגעשטופּט אין אייזיקן וואַסער, אָפּגעטובלט פון די זינד פון די שיקסעס. און די זינד ווערן דערטראַנקען אין טייך. נישט איין שייגעץ, ווי אַן איבערגעטועטע מאַלאַנקע איז פון אַזאַ טבילה געגאַנגען פון דער וועלט...

### קאַפּיטל דריי

## אַ גוישע חתונה

איין מאָל, ווען פעלאַ האָט אַרויסגעדרייט אַן עמער וואַסער, איז צו איר אַרויסגעקומען מיכאַל פּאַוולאָוויטש:

— פעלאַ, היינט איז ביי אונדז אַ חתונה, קום צו גיין, איך בעט דיך.

— ניין, איך האָב דיך שוין עטלעכע מאָל געבעטן דו זאָלסט נישט צו מיר אַרויסקומען, ווען איך גיי נאָך וואַסער.

— צו דיר אין שטוב טאָר איך נישט קומען, איצט פאַרוועהרסטו מיר זיך אַפילו מיט דיר צו באַגעגנען אין דרויסן?

זי האָט אים נישט געענטפערט, נאָר גענומען די פולע קאַן און זיך געלאָזט גיין. ער האָט זיך געפילט באַליידיקט. עס האָט אין אים אויפגע־ברויזט דער כעס. ער האָט זי ברוטאַל אָנגעכאַפּט ביים אָרעם און פאַר־האַלטן. פעלאַ קוקט אים אָן און קלערט אַז זיין בילדונג און באַנעמונג איז נאָר אַן אויבערפלעכלעכע, אינעווייניק קאָכט אין אים די גוישע יוכע, ער וואָלט אויך געוועזן מסוגל צו שלאָגן זיין ווייב אַזוי ווי דער שוואָגער זיינער, סעמענקע, וועלכער שלאָגט זיין שוועסטער האַנקע.

עס איז אַרויסגעקומען נאַסטיאַ און נאָך עטלעכע חברטעס.

— האָסט איר שוין געזאָגט? — פרעגט נאַסטיאַ.

— יאָ, זי וועט נישט קומען.

— פעלאַ, זיי דאָך נישט אַזאַ איינגעשפּאַרטע. ס׳וועט זיין ביי אונדז מוזיק. איך בין אַ מאַטקע (אונטערפירערין) און כ׳וועל טראָגן אַ ווינאָק (חתונה־קרענצל). די כלה קומט אונדז בעטן מיט איר קאַפּעלע און מען וועט טאַנצן.

פעלאַן האָט זייער אינטערעסירט די גוישע כאַסלערעס וואָס ווערן געפּראַוועט מיט אַ סך פרייד און קאָלאָריט. — אָבער, — האָט זי זיך

פאַרענטפערט: — גלויבט מיר, איך וואָלט געגאַנגען, נאָר איך קען נישט, די מומע לאָזט מיך נישט אַרויס.

— מיכאַלקאָ וועט דיר העלפן זיך אַרויסגנבענען. קום, וועסטו מיך זען אין קרענצל, — האָט זי נאַסטיאַ געבעטן.

פעלאַ האָט זיך געלאָזט איבעררעדן:

— גוט, איך וועל קומען. אָבער נאָר אויף אַ ווײַלעטשקע.

אַ גוייש הויז באַשטייט פון צוויי צימערן צו ביידע זייטן פונעם פירהויז. ווײַבען, ווי גנט מען נאָר אין איין שטוב, צוליב איינשפּאָרן הייצונג. די אַנדערע, די שענערע און גרעסערע, האָט די זעלבע אויסשטאַטונג און אַ גרויסן באַקאויוון, וועלכער פאַרנעמט אַ פערטל שטוב. די דאָזיקע שטוב ווערט באַנוצט נאָר צוויי מאָל אין לעבן: ווען עס שטאַרבט עמעצער, ליגט ער דאָרט דריי טעג, און ביי אַ חתונה. די כאַסלערע שפּילט זיך דאָרט אָפּ. אין דער קלענערער ווערט געקאָכט און געבאַקן. ביי אָרעם צי רייך, איז אַ פּויערישע שטוב גלייך. דער חשובסטער טייל איז דער גרויסער באַק־אויוון, אויף דעם פּלאַדזיען זיך די קינדער. דער פּיעקעליק ווערט צוגע־טיילט צו אַלטע בכבודיקע לייט פּאָר אַ נאַכטלעגער. נעבן אויוון שטייט אַ ברייטער פּריטש מיט אַ וואַרעטע צוגעדעקט, אָנגעלייגט מיט אויסגע־שטיקטע קישעלעך. שלאָפן, שלאָפט מען אויפן האַרטן ברעטער־פּריטש. (שטרויזעק, מאַטראַצן, דאָס זענען נאָר פאַר פּוילאַקעס, פאַר יידן און פּריצים, הייסט עס). ביי די אַנדערע דריי ווענט, אויף סלופּעס אַרייַנגעקלאַפּטע אין דער ערד ליגן לאַנגע ברעטער, וועלכע דינען פאַר בענק. אויבן אָן — אַ לאַנ־גער טיש, וואָס איז בעצם אַ קופערט. אויפהייבנדיק די דעק, באַהאַלט מען דאָ פּעלצן און וועש. איבערן טיש הענגען הייליקע בילדער, פאַר וועלכע מען קניט יעדן אין דער פרי, מען זאָגט דעם „פּאַציערזש" (די תפילה וואָס עס זאָגן אַלע קריסטן אויף דער וועלט און אין אַלע שפּראַכן), מען צלמט זיך און מען קושט די ערד. ביי דער וואַנט, נעבן דער טיר, הענגען שראַגעס אויף וועלכע עס זענען אויסגעלייגט געלײַשטע ערדענע פּאַלימעסיקעס און טעלער באַמאָלענע מיט בלומען. אויף אַ פּאָליצע שטייען אין דער ריי די ברויטן אויסגעבאַקענע אויף אַ גאַנצע וואָך.

לכבוד אַ חתונה ווערט די שטוב אויסגעצירט מיט בלומען און גרינס, דער טיש און די בענק, אַלצדינג פאַרשפּרייט מיט פאַרביקע דעקן, פון

אייגענער פּראָדוקציע. דער חתן פּראַוועט בײַ זיך באַזונדער די חתונה און די כלה באַזונדער. דריי זונטיקן פֿאַר דער חתונה האַלאַסעט (מעלדעט) דער גלח אין קלויסטער ווער און מיט וועמען עס האָט חתונה. דערנאָך גייען יעדן פֿאַרנאַכט חתן־כלה זיך לערנען ביים גלח די תּפֿילה „אויטשע נאַש". אַ וואָך פֿאַר דער חתונה, פֿרייטיק, טראָגן אָפּ דער כלהס דרוזשבעס (פֿריינד, וועלכע ווערן פֿאַרבעטן צו באַדינען די כלה בשעת דער חתונה) דעם חתן דאָס העמד וואָס די כלה האָט אים אויסגענייט צו דער חתונה. דערנאָך גייען די דרוזשבעס אין וואַלד, האַקן אויס אַ יונג סאָסנע־ביימל, פֿאַרפּוצן עס מיט סטענגעלעך און גאָלדענע פֿליטערלעך, און אויפֿן שפּיץ אַ גאָלדן שטערנדל. מען שטעלט אים אַוועק אויפֿן טיש און דערנעבן צוויי געפֿלאָכטענע קוילעטשן פֿאַרפּוצטע מיט אַ קרענצל פֿון מירטע.

די כלה גייט פֿאַרבעטן נאָענטע שכנים צו דער ערשטער סעודה. שבת נאָך מיטאָג קומט אָן די קאַפּעלע. די כלה ווערט אָנגעטאָן אין איר חתונה־טראַכט. אַן אויסגעשטיקט העמד מיט פֿאַרביקע בלומען און קרייצעלעך, באַשפּרענקלט אויף דער ברוסט און אַרבל מיט גאָלד־פֿליטערלעך, אַ האַרבאַטקע, פֿאַרשטעקט די עקן אין דער ברייטער קרייקע. מען טוט איר אָן דאָס קרענצל פֿון גאָלד־פּאַפּיר פֿון וועלכער עס הענגט דער כלה אַראָפּ אויפֿן שטערן צווישן די אויגן אַ גאָלדענע מטבע. דער גאַנצער קאָפּ ווערט באַלייגט מיט קאָלירטע פּאַפּירענע בלומען, וואָס די מיידלעך מאַכן זיך אין די לאַנגע ווינטער־נעכט. אויפֿן האַלדז טראָגט זי רויטע קרעלן, פּאַטשערקעס און מטבעות. אויף דער פּלייצע הענגען איר אַראָפּ זיידענע סטענגעס אין רעשיקע פֿאַרבן. זי באַקומט אין אויסשטייער דריי פּעלצן: אַ קליינעם אָן אַרבל, אַ דרייפֿערטלדיקער און אַ לאַנגער פּעלץ. די זעלבע פּעלצן טראָגן מענער און פֿרויען. מען פֿאַרוויקלט אין זיי די קינדער און ביינאַכט דעקט מען זיך מיט זיי צו. די פּעלצן נייען אויס יידישע קירזשנערס. זיי גייען איבער די דערפֿער, זיצן ביי די פּויערים און שטיקן אויס קונציק פֿאַרשידענע צייכנס און בלומען אויף די פּעלצן. יעדעס דאָרף האָט זיך זיינע אָפּצייכנס און קומען זיי אויף די יאַרידים, דערקענט מען אין זייערע טראַכטן פֿון וועלכן דאָרף זיי שטאַמען. פֿאַר אַ מאַטקע ווערט אויסגעקליבן אַ מיידל פֿון דער נאָענטער משפּחה. זי טראָגט די זעלבע טראַכט נאָר אַ קלענער קרענצל און אָן דער מטבע אויפֿן שטערן. זי איז איר שטענדיקע

באַגלייטערין דורך דער גאַנצער חתונה. — אַ מיידל וועלכע האָט געהאַט אַ קינד פאַר דער חתונה, פאַרלירט דאָס קרענצל. זי גייט צום סליוב אַ באַדעקטע מיט אַ טיכל.

דער חתן טראָגט שמאָלע לייוונטענע הויזן, פון אויבן אַ לאַנג העמד ביז די קני וואָס די כלה האָט פאַר אים אויסגעניית. אַ קוטשמע מיט אַ גאָלדענעם שטערן, אַ סימן אַז ער איז אַ חתן און פון דער ברייטער קרייקע הענגט אים אַראָפּ ביי דער זייט אַן עכטע קאַשמירנע שוואַרצע פאַטשיילע מיט רויטע קווייטן, מיט וועלכער ער וועט באַדעקן די כלה. די זעלבע קליידונג טראָגט אויך דעם חתנס באַטקאָ (אונטערפירער) נאָר אָן דעם שטערן אויף דער קוטשמע און אָן דער פאַטשיילע ביי דער זייט. זיי טראָגן ביידע קורצע פעלצלעך. די כלה מיט איר מאַטקע, אָדער דער חתן מיט זיין באַטקאָ זענען שוין גרייט צו גיין בעטן איבערן דאָרף. שטייט אויף אַ קוואַטער און זאָגט אַ לאַנגן שפרוך צום גראָם אַז טאַטע־מאַמע שיקן צו אַלע גוטע פריינד און פריינדס פריינד בעטן אויף חתונה. דערנאָך זעצן זיך טאַטע־מאַמע אויף אַ באַנק אין מיטן שטוב, די כלה פאַלט פאַר זיי אויף די קני און קושט זיי די פיס. די עלטערן זעצן איר אַרויף אַ ברויט און אַ טאָפּן זאַלץ אויפן קאָפּ און קושן איר אין שטערן, אַזוי דריי מאָל. די מוזיק שפּילט און באַגלייט אַרויס די כלה מיט דער מאַטקע. זיי לויפן, ווייל דאָס דאָרף איז גרויס און צו פאַרבעטן איז דאָ אַ סך. יעדעס קינד, וואָס די כלה באַגעגנט קושט זי. עטלעכע פאַלט זי צו די פיס. געוויינלעך לאָזט מען זי נישט פאַלן און מען באַגריסט זיך זי זאָל נאָר קושן די האַנט. אין יעדער שטוב וואָס די כלה קומט, זאָגט זי אָפּ דעם זעלבן שפרוך — „דער טאַטע בעט, די מאַמע בעט און איך בעט אייך, איר זאָלט קומען אויף דער חתונה".

ביים חתן שפּילט זיך אָפּ דאָס זעלבע. חתן־כלה טאָרן זיך נישט זען. באַגעגענען זיי זיך צופעליק, באַהאַלט זיך די כלה ערגעץ הינטער אַ פּלויט. קומענדיק אַהיים, גייט זיי די מוזיק אַקעגן און די עלטערן זעצן זיך אַוועק אויף דער באַנק ביי דער שוועל מיט זאַלץ און ברויט און דער חתן אָדער די כלה, פאַלט זיי ווידער צו די פיס. אויפדערנאַכט גייט די כלה מיט דער מוזיק בעטן די מאַטקע, געוויינלעך ווערט אויסגעקליבן פאַר אַ מאַטקע אַ מיידל פון דער נאָענטער משפחה. ביי דער מאַטקע ווערט געגעסן אָוונט־

ברויט. אין זיפּן און רעשעטעס ווערט אַרומגעטראָגן געשניטן ברויט, אין גרויסע פּאַלימעסיקעס ווערט געטונקען דאָס ברויט אין ראָסל־פלייש, אָבער זעלטן דערשלאָגט מען זיך צו די פּאַלימעסיקעס אַ טונק טאָן דאָס ברויט, באַגניגנט מען זיך נאָר מיטן שטיקל ברויט. אַרום טיש זיצן נאָר די חשובע מחותנים, צומייסט עלטערע פּויערים. עס ווערט אַ סך געזונגען און גע־טאַנצט אויף דער פּאַדווירע.

זונטיק אינדערפרי גרייט מען זיך צו גיין אויך אין קלויסטער צום סליוב. די כלה טוט אָן דעם גרויסן נייעם פּעלץ. זי קריגט אויך אין נדן צוויי פּאָר שטיוול, שוואַרצע אויף אינדערוואָכן און געלע אויף זונטיק. די געלע, מיט אויסקריצונגען אויף די שפּיצן, פאַרבויגן אין דער הויך. זומער גייט די כלה אַפילו צום סליוב אויך באָרוועס. זי פּאָלט ווידער די עלטערן צו די פיס, זיי באַגלייטן זי ביז צום טויער. אין קלויסטער צום סליוב גייען זיי נישט, עס זאָל נישט הייסן אַז זיי צווינגען חלילה די קינדער... עס באַגלייטן זיי די יונגע דרוזשבעס, זיי זינגען הויך, אין דרוזשבע פירט די כלה ביי אַ טיכעלע, ביי דער צווייטער זייט פירט זי די מאַטקע. נאָך זיי גייט די קאַפּעלע. זיי שפּילן און זינגען דעם גאַנצן וועג. ווען עס גייט אַ כאַסלערע, הערט מען זיי איבערן גאַנצן דאָרף. ביים קלויסטער וואַרט שוין אָפּ די כלה דער חתן מיט זיינע באַגלייטער. נאָכן סליוב צעגייען זיך ווידער חתן כלה, יעדער פּראָווועט ווייטער ביי זיך די חתונה. ביי דער טיר וואַרטן זיי שוין אָפּ די עלטערן מיט זאַלץ און ברויט, זי פּאָלט זיי ווידער צו די פיס. דערנאָך נעמען זיך אָן די דרוזשבעס ביי די הענט, די כלה דורכן טיכל מיט אַ דרוזשבע און די מאַטקע, זיי גייען מיט איר זיבן מאָל אַרום טיש און זינגען:

„וועמענס ווייב איז שענער?
צי דעם גלחס צי דעם דיאַקס? אונדזערע איז די שענסטע.
נעמט איך קידנער ביי די הענט, ווי די באָבע מיטן זיידן
און פירט די כלה מיט גליק".

נאָך מיטאָג קומען אָן געסט. אַ יעדער גאַסט מיט צוויי ברויטן אונטער די אָרעמס. די מחותנים מיט דער קאַפּעלע גייען זיי אַקעגן. די מוזיקאַנטן

שפּילן זיי אויף אַ ברוך הבא. די מחותנים פּלעסקען צו מיט די הענט, מיט פרייילעכע אויסרופן נעמען זיי אויף די געסט, נישט זשאַלעווענדיק קיין שבחים און לויב. די כלה מיט דער מאַטקע שטעלן זיך אַוועק אויבנאָן ביים טיש, לעבן דעם בוים און די ברויטן. פאַר זיי שטייט אַ פלאַש מיט עסיק־קוואַס. פאַר דער חתונה מאַכט מען אַ פעסל ווייַן פון עסיק, הייוון און צוקער. אַלע גרויס און קליין קומען צו צו דער כלה, וואַרפן אַרייַן אין אַ טעלער אַ קליינע מטבע דרשה־געשאַנק. זיי צעקושן זיך מיט דער כלה, די מאַטקע גיסט אָן אַ גלעזל קוואַס, מען טרינקט און דאָס רעשט גיסט מען אויס איבערן קאָפּ צו דער סטעליע — אַ סגולה צו גליק.

צו אַ מיידל ווערט געזונגען:

„יאַסקאַלענאַטשקאַ — ווונדערלעך בלימל
שטעל דיך אונדז פאַר,
שטעל דיך אונדז פאַר,
דייַן קולכל איז פון אַ פויגל פון הימל
שטערנדלעך צוויי — דייַן אויגן־פאַר".

צו אַ יונג ווייבל ווערט געזונגען:

„געבענטשט ווייבעלע, ווייס טייבעלע
מיטן פאַריסן בעזל
פון ראָד גיי אַרויס,
פון ראָד גיי אַרויס.
דורכזיכטיק ווייַן אַ גלעזל
טרינק מיט אונדז אויס,
טרינק מיט אונדז אויס".

אין דרויסן אויף דער פאַדווירע ווערט געטאַנצט. די כלה שיקט צוויי דרוזשבעס צום חתן. פאַרנאַכט פאַרבעט די כלה אירע חברטעס אין שטוב אַרייַן. זיי רינגלען אַרום די כלה און באַזינגען זי:

„מען רייסט אַראָפּ פון דיר דאָס קרענצל,
אין דאָרפישן סאָד

ווען מער נישט גיין אַ טענצל,
מיט מיידלעך אין קאַראַהאָד.
אוי, פידלען שפּילט אוי, פליטן,
אוי, מיידלעך טוט מיך באַגלייטן
מיט אייער פריילעך געזאַנג.
אייך לאָז איך איבער מיט באַדויער,
נאָר אין דרויסן ביי דעם טויער
מיין חתן וואַרט שוין לאַנג״.

עס קומען צוריק פונעם חתן דער כלהס דרוזשבעס, די היטלען אויף אַ זייט, זיי זינגען פריילעכע:

„געווען ביים חתן זענען מיר
געטרונקען בראָנפן און אויך ביר
און צו זעט געגעסן,
אַזש אין קאָפּ איז אַ יאַריד,
נאָר די כלה האָבן נישט
מיר זינגענדיק פאַרגעסן.
קומען מיר צו דיר אַצינד.
עפנט, עפנט אונדז געשווינד
לאָזט אַריין אונדז אַלע.
לאַנג אין דרויסן מיר געוואַרט
און אַרומגעמען עס גאַרט
דער חתן שוין זיין כלה״.

אין דרויסן ווערט אַ גערודער. דער טויער איז פאַרלייגט מיט פרענטעס. פעסט פאַריגלט. דער חתן מיט זיינע דרוזשבעס און זיין קאַפּעלע בלייבן שטיין אין דרויסן. איין דרוזשבע האַלט דעם בוים, אַן אַנדערער די ברויטן. דעם חתנס קאַפּעלע שפּילט און מען טאַנצט אין מיטן גאַס. דער חתן שיקט צוויי דרוזשבעס צו דער כלה, זי זאָל אַריינלאָזן. זיי רעכענען אויס דעם חתנס גרויסע מעלות און יחוס. נאָר דער כלה׳ס דרוזשבעס לאָזן אים נישט אַריין.

— אונדזער כלה איז שענער, גרעסער דער יחוס און דער חתן מעג זיך גיין פון דאַנען.

— ווייל אונדזער קאָזאַטשאָק די כלה געפעלט, וועלן מיר געבן אויס־לייזגעלט.

— מיר ווילן נישט אייער געלט, פון דעם זינגען איין האַלדז אונדז קרעלט.

דער חתן גיט אַ פלאַש בראַנפן, אָבער אַריין לאָזט מען אים נאָך אַלץ נישט. דעם חתנס דרוזשבעס נעמען מיט געוואַלד איבערייסן דעם טויער. נישט איין טויער איז דערביי צעבראָכן געוואָרן. דער חתן איז אַריין! ביי דער טיר זיצן פאָטער און מוטער פון דער כלה. ווידער דאָס זעלבע פון קושן די פיס און אַרויפזעצן אַ טאָפּן זאַלץ און ברויט אויפן קאָפּ. די טיר ווערט פאַר אים ברייט געעפנט. אַז די כלה דערזעט אים, פאַלט זי מיט אַן אויסגעשריי אויפן טיש. אַלע אירע דרוזשבעס טרעטן אָפּ. זי בלייבט נאָר מיט דער מאַטקע. דער חתן מיט זיינע דרוזשבעס גייען זיבן מאָל אַרום טיש זינגענדיק:

— ווּעמענס ווייב איז שענער?
צי דעם גלחס, צי דעם דיאַקס?
אונדזערע איז די שענסטע...

די כלה, וועלכע ליגט די גאַנצע צייט מיטן פנים אויפן טיש, קריגט דערווייל אַריין אין הינטן קניפּן און שטויסן וויפל ס'גייט אין איר אַריין. ביים זיבעטן מאָל הייבט אויף דער חתן די כלה. זי לאָזט זיך נישט, האַלט זיך צו ביים טיש, שרייט, לסוף הייבט ער זי אויף. דעם חתנס דרוזשבעס שטעלן אַוועק דעם חתנס בוים נעבן דער כלהס בוים. חתן כלה שטייען אויבן אָן, אַרומגערינגלט פון די דרוזשבעס. בכלל שטייען חתן כלה די גאַנצע צייט, זיצן הייסט נישט האָבן קיין דרך ארץ. נאָר אַלטע לייט זיצן און שוואַנגערנדיקע ווייבער. די כלה נעמט פון זיך אַראָפּ די סטענגעס און די פאַפּירענע בלומען, זי וואַרפט זיי צו די מיידלעך, זי דאַרף זיי מער נישט, זיי כאַפּן אויף מיט אַ געלעכטער — אַ סגולה שנעל צו ווערן אַ כלה.

דער נאַכטמאָל באַשטייט פון שאַפּנפלייש, באָרשטש און ברויט, ביי אָרעמע פשוט שוואַרץ ברויט, ביי רייכע געבייטלט ווייצנברויט. נאָכן עסן

זעצט אויף דער חתן די כלה אויף דער פור און פירט זי צו זיך אַהיים. די שוויגערעלטערן וואַרטן שוין מיט ברויט און זאַלץ ביי דער טיר. דערנאָך טוט אויס די שוויגער איר דאָס קרענצל און טוט איר אָן דאָס קאַשמירענע טיכל וואָס דער חתן האָט געטראָגן ביי דער זייט אַראָפּגעהאָנגען פון דער קרייקע (גאַרטל פון קאָלירטע פעדעם אויס שאַפּגוואָל). — דאָס טיכל טוט זי מער נישט אויס איר גאַנץ לעבן...

## אַריבערגעפאַלן איבערן צוים

מומע טויבע לאה איז גאָר וואָס אַנטשלאָפן געוואָרן, ווי עס האָט זי אויפגעוועקט אַ שטאַרקע קעלט און אַ ווינטצוג.

— וואָס איז דאָס ? איך האָב דאָך אויסגעהייצט דעם אויוון און פאַרוקט דעם קוימען ווי געהעריק און פאַר וואָס איז אַזוי קאַלט ?

זי האָט זיך עטוואָס אויפגעהויבן און געפילט ווי עס ציט פון דער אָנגעלענטער טיר :

— אַהאַ ! דער מויד איז ווידער דושנע, האָט זי אויפגעמאַכט דאָס פענצטער און פאַרגעסן צומאַכן !

זי איז אַראָפּגעקראָכן פונעם בעט זען וואָס דאָרט קומט פאָר... דאָס פענצטער איז טאַקע געווען אָפן. זי האָט געכאַפּט אַ קוק צו פייגעלעס געלעגער. ס׳איז געווען ליידיק :

— יאַנקל, יאַנקל ! שטיי נאָר אויף ! — האָט זי אָנגעהויבן צו שרייען :

— וואָסי, ס׳ברענט ? — האָט יאַנקל דערשראָקן אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון דער פערינע.

— אַז ברענען זאָלסטו צוזאַמען מיט דיין שיין געשוועסטערקינד !...

יאַנקל האָט זיך צורעכט געמאַכט די יאַרמעלקע אויפן קאָפּ און זיך אויפגעזעצט :

— וואָס איז געשען טויבע לאה סערציע, וואָס האָסטו דיך צעשריען אין מיטן נאַכט ?

— די מויד איז אַוועק ! אַרויסגעשפּרונגען דורכן פענצטער !

— איי אַלטעטשקע! — האָט יאַנקל זיך צוריק איינגעניורעט אונטער דער וואַרעמער פּערינע. — נישט כדאַי זיך אָפּצועסן דאָס האַרץ. ביים וואָיט איז היינט אַ כאָסלערע, איז זי געגאַנגען קוקן. ס׳איז קאַלט, גיי לייג זיך!

— ער ווייסט דאָך גאָרנישט אויף וואָסער וועלט ער גייט אַרום! ווו האָסטו דאָס געזען אַז אַ יידיש מיידל זאָל שפּרינגען ביינאַכט דורכן פענצטער? כ׳וויל נישט ברענגען פאַרן מויל, ס׳קאָן דאָך חלילה קומען צום ערגסטן.

יאַנקל האָט אַ גענעץ געטאָן און נאָך מער אַריבערגעצויגן די פּערינע איבער דער פּלייצע:

— וואָס בין איך וואָס, איר טאַטע איך זאָל זי אָפּהיטן? קום לייג זיך... ס׳איז קאַלט!

— יאָ, מען דאַרף צו וויסן געבן סענדערן. זאָל זיך טעמע ניאַנטשען מיט איר שיין מיזינקעלע! געמיינט אַז שוין, אַרויסגעקלאַפּט פון איר דעם דיבוק. און דאָ גאָר פּלוצעם אָפּגעטאָן מיר אַזאַ שטיקל. וואַרט! איך וועל דיך אָנלערנען אַ גאַנצע נאַכט וועסטו מיר שטיין אין דרויסן אויף דער קעלט!

זי האָט צוריק פאַרקלאַפּט דאָס פענצטער.

— וואָס טוסטו, וואָס? ווי אַזוי וועט זי אַריינקומען?

— זאָל זי אָנקלאַפּן אין טיר. וואָס דען, זי לאָזן אַריינשפּרינגען דורכן פענצטער און דערנאָך וועט זי מיר אַרומגיין מיטן גלאָטן פּנימל ווי גאָרנישט וואָלט געשען? ווער ווייס צי דאָס איז דאָס ערשטע מאָל! וואַרט! איך וועל איר שוין צושטעלן אַ בענקעלע צו איר טאַטן, שוין מאָרגן גאַנץ פרי, בלי נדר, פאַר איך אין שטאָט!

פעלאַ און מיכאַל האָבן זיך אומגעקערט פון דער חתונה. זיי האָבן לוסטיק געפּלוידערט. פעלאַ איז געווען שטאַרק באַאיינדרוקט פון דעם נאַר וואָס געזעענעם און געהערטן.

— אייערע חתונה־צערעמאָניעס זענען וווּנדערבאַרע, איר ברענגט אין זיי אַרויס אייער לעבנס־פרייד, די ליבשאַפט צו דער ערד.

פּאַוולאָוויטש, אַ ביסל אויפגעהייטערט פונעם טרינקען, האָט זי לייכט אַרומגענומען:

— אַזוי וועלן אויך מיר פּראַווען אונדזער חתונה.

זי האָט אַראָפּגענומען זיין האַנט:

— אַז דו וועסט דיר אויסזוכן דיין באַשערטע, וועל איך אויך קומען צו דיין חתונה.

— איך האָב מיר שוין אויסגעזוכט, דו ביסט מיין באַשערטע.

— וויפל מאָל האָב איך דיר געזאָגט, אַז דאָס זאָלסטו דיר אַרויסשלאָגן פונעם קאָפּ. אונדז טיילט אָפּ אַן אָפּגרונט, נישט אַריבערצושפּרינגען.

— דו מאַכסט אַ טעות פעלאַ, דו ביסט נישט קיין יידישקע. צי זעסטו נישט דעם אונטערשיד פון דיר צו אַנדערע יידישע מיידלעך? דו ביסט אַ פּאָדאָליער מיידל, גלייך מיט אַלע אַנדערע. דיין אויסזען איז אפילו פון אַ רוסאַלקע.

— קאָן זיין, — האָט פעלאַ פאַרטראַכט געזאָגט — איך האָב ליב דעם דניעסטער, די דאָזיקע ערד, ס׳איז מיין היימלאַנד: אָבער איך בין פאָרט אַ יידישקע. צי געדענקסטו — איז איר פלוצעם איינגעפאַלן — צי געדענקסטו בן ציון?

— יאָ.

— ער האָט געזאָגט אַז אונדזער היימלאַנד איז פּאַלעסטינע. אויך ביי די פרומע יידן איז דאָס היימלאַנד ארץ־ישראל, דאָס הייליקע צוגעזאָגטע לאַנד וואָס גאָט האָט צוגעזאָגט די יידן און וועט זיי צוריק ברענגען קיין ארץ ישראל.

— זיי וואַרטן שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר און קענען נאָך ווייטער וואַרטן, — האָט פּאַוולאָוויטש געלאַכט.

— בן־ציון האָט געזאָגט אַז ס׳איז געקומען די צייט זיך אומקערן אין אייגענעם לאַנד. — האָט פעלאַ געזאָגט און זיך אַליין געחידושט פאַר וואָס גאָר פלוצים האָט זי זיך דערמאָנט אין בן ציון.

ווען זיי זענען צוגעקומען צו דער כאַטע, האָט פעלאַ דערזען אַז דאָס פענצטער איז פאַרמאַכט. זי האָט זיך דערשראָקן: זאָל זי אַנקלאַפּן, וועט זי אויפוועקן אירע גאַסט־געבער און אויף אַזאַ מין אופן זיך אויסגעבן. פּאַוולאָוויטש האָט געפּרוּווט עפענען:

— מ׳קען נישט עפענען. ס׳איז פאַריגלט און פאַרקלאַפּט פון יענער זייט!

פעלאַ האָט פאַרבראָכן די הענט:

— דאָס האָט מיר מיין מומעלע אָפּגעטאָן... וואָס טו איך אַצינד?

— זאָל איך אָנקלאַפּן? — האָט פּאַוולאָוויטש געפרעגט.

— ניין! זי האָט מיך אַרויסגעוואָרפן... איז אַרויסגעוואָרפן! איך טרעט מער צו איר נישט אַריבער די שוועל! געגוג. אויב ביסט מיר אַ פריינד מיכאַל, פיר מיך אָפּ אַהיים, פיר מיך אין שטאָט, איך בעט דיך, נאָך היינט וויל איך אַהיימפאָרן, — זי האָט זיך פאַר פאַרדרוס צעוויינט.

— נו, וויין נישט אוצרל. איך וועל דיך אַהיימפירן. דערווייל קום צו אונדז, דאָ אינדרויסן וועסטו דאָך פאַרפרוירן ווערן!

ער האָט די ווייגענדיקע פעלאַ אַרומגענומען און זי געבראַכט צוריק אין וואַיטס שטוב.

אַלע זענען געווען אויף דער חתונה, אין שטוב איז נאָר געבליבן די אַלטע וואַיטעכע.

— וואָס איז געשען מיין זון? — האָט זי אים געפרעגט אַ פאַרוואונדערטע.

— מאַמוניו, פעלאַ וועט ביי אונדז איבערנעכטיקן די נאַכט.

פעלאַ איז געשטאַנען אַ בלאַסע, מיט איר מאַמעס שאַל אויף די פּלייצעס, זי האָט געציטערט מער פון אינערלעכער אויפרעגונג ווי פון קעלט.

די מיקיטעכע האָט געקוקט פאַרשנדיק אויף איר זון, זי האָט שוין פון לאַנג באַמערקט אַז איר זון איז פאַרליבט אין דער יידישקע.

— קום, מיין טאָכטער — האָט זי זי אַרומגענומען און אַריינגעפירט אין צווייטן צימער: אָט אַ דאָ אויף נאַסטיאַס געלעגער לייג זיך. נאַסטיאַ בלייבט דאָך היינט נעכטיקן ביי דער כלה. — זי האָט איר געגעבן אַ קוש און שטערן און אַרויסגעגאַנגען.

די מיקיטעכע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק:

— וואָס איז דאָ געשען מיכאַלקאָ? — האָט זי ערנסט געפרעגט איר זון.

— מאַמוניו, איך האָב ליב דאָס מיידל.

— הייליקע מאַריאַ! אין אַ יידישקע האָסטו דיך פאַרליבט?

ער איז צו איר צוגעפאַלן, דעם קאָפּ פאַרגראָבן אין איר שויס:

— איך קען אָן איר נישט לעבן, העלף מיר מאַמע, זי זאָל ווערן מיינע!

— יעזוס מאַריאַ! דו וועסט אָנהייבן מיט די פאַרעקשנטע יידן?

— וואָס גייען זיי מיך אָן? זי וויל מאָרגן אַהיימפאָרן, אָבער דאָס טאָר מען נישט דערלאָזן! העלף מיר מאַמוניו מיינע!

— נו, באַרויק זיך מיין זון — האָט זי אים געגלעט איבערן קאָפּ — יעזוס אַליין האָט זי געבראַכט אונטער מיין דאַך. איך וועל איבעררעדן מיטן

גלות, אָבער צי ביסטו זיכער, אַז זי האָט דיך אַזוי שטאַרק ליב אַז צוליב דיר וועט זי זיך וועלן שמדן?

— זי וועט מיך ליב האָבן מאָמוגיו, זי וועט! העלף מיר גאָר זי זאָל זיך נישט אַרויסדרייען פון מיינע הענט.

— זאָלן מיר אַלע הייליקע ביישטיין! — האָט זי זיך איבערגעצלמט — ס'איז דאָך אַ גרויסע מצוה צו ברענגען אַ זינדיקע נשמה אונטער יעזוסעס שוץ.

פּעלאַ האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן. עס האָט זי געשטיקט דער גערוך פון מיאַטקע־קרייטעכצער וואָס שיקסעס באַנוצן אַנשטאָט פּאַרפום. זי האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם גערוך פונעם פּעלץ וואָס די מיקיטעכע האָט איר געגעבן זיך צוצודעקן. זי וויקלט זיך אַרום אין איר מאַמעס שאַל און דעם פּעלץ פאַרוואַרפט זי אויף די פיס. עס שרעקן זי די בילדער אויף דער וואַנט. אין דעם לבנה־ליכט, צעהעלט פונעם ווייסן שניי, זעען אויס די בילדער ווי לעבעדיק. אדם און חוה שטייען נאַקעט ביים בוים מיט דער שלאַנג. יעזוס ווייזט מיט איידעלע פינגער אויף זיין בלוטנדיק האַרץ. די „הייליקע מוטער" בייגט אָן צו פּעלאַן איר הייליקן קאָפּ. זיי אַלע ווילן זיך דערנענטערן צו איר. זי האָט זיך ציטערנדיק איבערגעדעקט מיט דער שאַל ביז איבערן קאָפּ. זי האָט געבענקט אַהיים, נאָך איר ריין ציכטיק צימערל, גאָכן ווייכן געלעגער. שוין געגנוג אָפּגעקומען. זי וועט פאַלן טאַטע־מאַמע צו די פיס, ווי זי האָט עס געזען ביי די גויים, זיי בעטן זיי זאָלן איר מוחל זיין, זי מער נישט פאַרשטויסן. אָט מיט די געדאַנקען ווערט זי אַנטשלאָפן.

— נו, מיכאַלקאַ, — בעט זי זיך דעם אַנדערן טאָג — שפּאַן איין דעם שליטן און פיר מיך אַהיים.

— וואָס עפּעס פאַרן אָנבייסן? טאַכטערשע, אָט קאָך איך באַלד אָפּ, וועסטו עסן צוזאַמען מיט אונדז — האָט געזאָגט די וואַיטעכע.

באין ברירה האָט זי געמוזט וואַרטן. עס האָט זי געוואָרגן דאָס טריפהנע עסן. נאָר זי האָט נישט געוואָלט באַליידיקן אירע גאַסטגעבערס, האָט זי אויף אַריינגעשטופּט דעם לעפל אינעם גרויסן פּאַלימעסעק. דאָס איז געווען אַ קנאָבל זופּ מיט בעבעלעך און אַ פרישע מאַמעליגע איבערגעקערט אויף אַ ברעט און מען האָט פון איר געשניטן מיט אַ פאָדעם, אָנגעצויגן ווי אַ בויגן אויף אַ ריטל. די מיקיטעכע האָט זי איבערגעשיט מיט חניפה:

זי האָט איר אָפּגעשניטן אַ שטיק שינקע און איר דערלאַנגט אויף אַ שטיקל ברויט.

— ניין, מומע׳שע, איך וועל דאָס נישט עסן!

— עס, עס טייבעלע, דו געהערסט מער צו אונדז ווי צו די אומגלויביקע.

— פאַרזוך פעלאַ, עס איז נישט שלעכט — האָט אויך מיכאַל געזאָגט.

פעלאַ, אויס נייגעריקייט האָט פאַרזוכט אַ שטיקל.

— אַצינד, אַז דו עסט שוין חזיר, ביסטו אַן אונדזעריקע — האָט געזאָגט דער וואַיט, וואָס איז געזעסן אויבן אָן.

פעלאַ האָט עס אָנגענומען פאַר גלאַט שמייכלען איר, האָט זי געענטפערט אַ געריירטע:

— איר זענט אַלע צו מיר אַזוי גוט. איך וועל עס אייך נישט פאַרגעסן.

נאָכן עסן האָט די מיקיטעכע זיך איבערגעצלמט, זיך איבערגעטאָן די זונטיקדיקע פאַטשיילע און דעם נייעם קאַזשוך, זיך איבערגעווינקען מיט מיכאַלן און איז ערגעץ אַוועקגעגאַנגען. פעלאַן האָט אויסגעזען מאָדנע, וואָס זי גייט פלוצעם אַוועק, נישט אָפּוואַרטנדיק פריער איר אַוועקפאָרן.

— נו, מיכאַל — דערמאָנט אים ווידער פעלאַ: — פיר מיך שוין אַהיים.

— איוואַנקע פירט מיסט אין פעלד. אַז ער וועט צוריקקומען, וועל איך דיך אָפּפירן — ער פּרוּווט זי אַרומנעמען: — וואָס איילסטו דיך אַזוי? פאַרברענג נאָך אַ ביסל מיט אונדז. זי האָט זיך פון אים אָפּגעקערט. אויב ער פירט זי נישט אָפּ, אַנטלויפט זי צופוס, אָבער ווי אַזוי דערשלאָגט מען זיך צוויי מיילן צופוס אין די זאַווערוכעס? זי האָט נישט קיין ברירה ווי נאָר צו וואַרטן אויף מיכאַלס חסד. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק און אַרויס געקוקט דורכן פענצטער, פלוצים גיט זי אַ געשריי:

— דער טאַטע! דער טאַטע גייט!

— וואָס רעדסטו! — רופט אויס אַן איבערראַשטער מיכאַל, ער גייט צו צום פענצטער און זעט ווי סענדער שטייגט אויס פונעם שליטן. — באַהאַלט זיך, שנעל! — ער האָט זי אַריינגעשטופּט אין צווייטן צימער און אַליין האָט ער זיך אַוועקגעזעצט, פאַרוואָרפן איין פוס אויפן אַנדערן און זיך גע־מאַכט לייענען אַ צייטונג.

ר׳ סענדער איז אַריינגעקומען.

— אַ גאַסט, אַ גאַסט! זאָל גאָט געבן געזונט! — האָט דער וואַיט

זיך פאַר אים אויפגעהויבן, אים אַקעגן געגאַנגען, זיך פאַר אים טיף געבויגן מיט אייך האַנט אויפן האַרצן און מיט דער צווייטער אָנגעוויזן אויף זיין פּלאַץ, אים אָנגעטאָן כבוד הייסט עס. ער זאָל זיצן אויבן אָן. סענדער האָט זיך נישט געזעצט, נאָר הייזעריק אויסגערופן:

— מען האָט מיר געזאָגט אַז ביי אייך געפינט זיך מיין טאָכטער.

— זי איז דאָ, פאַניע סענדער, זי איז דאָ. איך האָב נאָך איר נישט געשיקט. געקומען אַ מיידל, וויל איבערנעכטיקן, נעכטיק. וויל עסן, עס. איך האָב פאַר איר נישט געזשאַלעוועט נישט קיין שינקע, נישט קיין קאָלבאַס.

— ווי קומט מיין טאָכטער אַהער? — האָט ר' סענדער אויסגערופן אַ פאַרציטערטער.

— ווי זי קומט אַהער? עפּעס האָט זי זיך דאָרט צוזאַמענגעניוכעט מיט מיין זון מיכאַלקע. איך בין גאָט באַהיט נישט דאַקעגן, — כאַפּט ער זיך אָן ביים האַרצן: ווילסטו דאָס מיידל? נעם זי דיר! כאָטש פאַנע סענדער מיין בראַט, פאַר מיין זון האָבן קיין שידוכים נישט געפעלט. מיין זון איז אַ פּיסמענע, אַ פּיסמענע איז ער!

מער האָט ר' סענדער נישט געקאָנט הערן. ער האָט געגעבן אַ קוק אויפן „פּיסמענע", וואָס איז געזעסן חוצפּהדיק, האַלב ליגנדיק, מיט אויס־געשטרעקטע פיס, לייענענדיק אַ צייטונג.

— ווו איז מיין טאָכטער? — האָט ר' סענדער אַ געשריי געטאָן.

פעלאַ איז אַרויס פון דער צווייטער שטוב, זיך אָנגעהאַנגען אין פאָטערס אָרעם:

— טאַטע, הער זיי נישט! איך וויל אַהיים, קום טאַטע!

מיכאַל האָט געגעבן אַ וואָרף די צייטונג. דאָס פּנים צונטערגרויט, מיט אויגן שלעכטע, איז ער צו צו פעלאַן, זי אָפּגעריסן פונעם פאָטער, אַ שליידער געטאָן צו דער ערד:

— קורווע! ווי לאַנג וועסטו בייטן די מענער? מיינסט איך בין שמואל דוואָרסקי וואָס האָסט פאַרביטן אויפן דאָקטער? פאָרט אַהיים פאַנע סענדער! פאָרט אייך געזונטערהייט, זי איז שוין פון לאַנג מיינע...

ר' סענדער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, אָנשפּאַרנדיק זיך אין זיין שטעקן, איז ער געבליבן שטיין אַ פאַרשמעליעטער. פעלאַ האָט זיך אויפגעהויבן און

ווידער אַן אים אָנגעהאָנגען, באַגיסנדיק זיך מיט טרערן, האָט זי זיך ביי אים געבעטן:

— גלויב אים נישט טאַטע! קום אַהיים טאַטע, קום, ס'איז אַ ליגן! גלייב זיי נישט! דעם פאָטערס פּנים איז געוואָרן טויטבלאַס. ער האָט אויף איר געקוקט מיט צוויי פרעמדע אויגן, זי אָפּגעשטויסן, און ווי נאָך אַ קרעציקער זיך אָפּגעווישט דעם אָרעם. זי האָט זיך ווידער צו אים דערנענטערט מיט פאַרבראָכענע הענט:

— טאַטע איך שווער דיר... ס'איז אַ ליגן, פאַרשטויס מיך נישט!

די באָרד האָט ביי אים געציטערט. די ליפּן האָבן זיך באַוויגן און נישט אַרויסגעבראַכט אַ וואָרט. ער האָט אַ טריט געטאָן אויף היגטערווילעכץ און געזאָגט ווי פון אַ קבר אַרויס:

— אַוועק פון מיר, דו זונה! זאָלסט ווערן די כפּרה פאַר מיר, פאַר דיין מאַמען און פאַר כל ישראל! — אויסגעשפּיגן און אַרויסגעגאַנגען.

טעמען האָט דאָס אומגליק געטראָפן ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג. נאָך יענעם שטיקל אין מיטן זומער, וואָס איר פייגעלע האָט איר אָפּגעטאָן, האָט זי לאַנגזאַם אָנגעהויבן קומען צו זיך. זי פלעגט אָפּנעמען גוטע גריסן דורך יאַנקלען פון איר טאָכטער. זי אַרבעט, שטריקט און פליקט פעדערן. און איין מאָל האָט יאַנקל געבראַכט אַ פאָר וואַלענע זאָקן פאַר ר׳ סענדערן, וואָס פייגעלע האָט פאַר אים אויסגעשטריקט. ר׳ סענדער האָט זיי אָנגעטאָן און געלויבט זייער וואַרעמקייט.

— פאַרשטייסט מיין ווייב, — זאָגט ער צו טעמען: — אַ חסיד דאַרף האַלטן די פיס וואַרעם און ריין ווי דאָס האַרץ.

טעמע האָט שוין געשפּיגען פלענער פאַר דער צוקונפט. שוין צייט אַהיים צו נעמען פייגעלען. שמואל דוואָרסקי איז אַוועקגעפאָרן אין שווייץ שטודירן און דער דאָקטער שוואַרץ מעג איינגעמען אַ מיתה־משונה. זי האָט שוין שטילערהייט איבערגערעדט מיט אַ שדכן ער זאָל איר אויסזוכן אַ שידוך פון אַ פרעמד שטעטל.

טעמע איז געזעסן היגטערן שענקטיש ביי אַ הייס גלעזל טיי. אויפן געזים פונעם פענצטער האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַ פאָר שפּערלען און געפּיקט אין דער פאַרפרוירענער שויב:

— נישטאָ פייגעלע זאָל אייך וואַרפן קרישקעלעך ברויט, וואָרטס, מיר

וועלן זי מערצישעם אַהיימברענגען, וועט פריילעכער ווערן אין שטוב. — די פייגעלעך זענען נאָך אַלץ געשטאַנען און געצופּט מיט די שנאָבעלעך דעם שניי.

— וואָס גיט איר מיר צו וויסן? אַ בריוו וועט קומען, אָדער סתם אַ גוטע בשורה?

אין דעם גיט אַ קלונג די טיר. עס קומט אַריין טויבע לאה.

— אַ, גאָר דו? טויבע לאה? — דערשרעקט זיך טעמע, אַליין נישט נישט וויסנדיק פאַר וואָס.

— האַ, זיך נישט גערעכנט אויף מיר, וואָס? — נעמט טויבע לאה פונאַנדער וויקלען די שאַלן.

טעמען ווערט אַנטפאַלן דאָס האַרץ, עפּעס געפעלט איר נישט דאָס ענערגישע אַריינקומען טויבע לאהס און איר אויפפירעכץ.

— ווו איז ערגעץ ר׳ סענדער, ווו איז ער — קוקט זיך אַרום טויבע לאה.

— ער שלאָפט. ווי זיין שטייגער נאָכן אָנבייסן.

— אַוודאי! אַז דער טאַטע שלאָפט און די מאַמע איז פאַרטאָן אין שענק, וואַקסט דאָס טעכטערל נישט קיין לייט!

— טויבע לאה! גאָט איז מיט דיר! וואָס האָסטו צו מיין קינד? שוין. איך נעם זי שוין ביי דיר זאָפ. טו זיך אויס טויבע לאה, אָט גיס איך דיר אָן אַ גלעזל הייסע טיי וועסטו דיך דערוואַרעמען. — ציטערן ביי טעמען די הענט ביים צוגרייטן די טיי.

— האָסט זיך געפעדערט און געקומען אַזוי פרי אין שטאָט. זאָרג דיך נישט וועגן מיין פייגעלען. איך נעם זי שוין צוריק.

— צו שפּעט, טעמע׳לעבן. צו שפּעט! לאָז אָפּ די טיי, נישטאָ קיין צייט צו טרינקען, וועק אויף ר׳ סענדערן, איך דאַרף אים עפּעס זאָגן.

טעמע איז אָבער פון די ווייבער וואָס נעמען אויף זיך די קלעפּ כדי צו פאַרשוינען זייערע מענער:

— עפּעס איז געשען, חלילה, מיטן קינד? זאָג עס מיר. ער דאַרף עס נישט וויסן.

— שוין לאַנג געשען מיט דיין קינד. האָסט אַ טאָכטער נישט קיין

לייט, האַלט זי דיר, פאַר וואָס האָסטו זי געשיקט צו מיר, מיר פאַרשוואַרצן דאָס פּנים?

טעמע איז צוריקגעפאַלן אויפן בענקל און פאַרבראָכן מיט די הענט:

— ווי איז מיין לעבן! ווו איז מיין קינד?

טויבע לאה האָט געמאַכט אַ שריט נעענטער צו טעמען און טייטלדיק מיטן פינגער געזאָגט:

— ביי די פּאָוולאָוויטשעס. זיך צוזאַמענגעניוכעט מיט מיכאַלקען!

— אוי, אַ בראָך איז מיר! — האָט טעמע אָנגעהויבן צו קלאָגן.

נאָר טויבע לאה האָט דערמאָנט:

— נישטאָ קיין צייט צו קלאָגן, מען דאַרף די מויד פון דאָרט אַרויס־נעמען. גיי וועק אויף סענדערן.

— סענדער, סענדער! — האָט טעמע געררופן און געגאַנגען אין צווייטן צימער אויפוועקן איר מאַן.

— האַ, וואָס'י? — האָט ר' סענדער אַ דערשראָקענער זיך אויפגע־כאַפּט. ער ווייסט אַז עפּעס שרעקלעכעס האָט פּאַסירט, ווען נישט וואָלט אים זיין וויב נישט געוועקט.

— גאָרנישט. מען דאַרף פאָרן אָפּנעמען פייגעלען פונעם דאָרף.

— צוליב דעם דאַרפסטו מיך וועקן? זי קען אַליין נישט קומען?

כדי אים נישט מצער זיין, אַז ס'איז נישטאָ קיין צייט צו שלאָפן, ער מוז שוין פאָרן, האָט זי אים דערלאַנגט די שטיוול, די בעקעשע. אָבער דורך פּראַגעס און האַלבע ענטפערס איז ער געוואָר געוואָרן די שרעקלעכע נייעס. שווייגנדיק איז ער געפאָרן אין דאָרף אָפּראַטעווען זיין טאָכטער פון גוישע הענט.

מיט האַרצקלאַפּעניש און חלשותדיקער געשפּאַנטקייט האָט טעמע געוואַרט אויף איר מאַן און טאָכטער. ס'איז איר אַלץ געפאַלן פון די הענט. זי האָט זיך אַליין געזוכט צו באַרויקן, אַז טויבע לאה האָט איבערגעטריבן. אָט וועלן זיי ביידע אָנקומען. זי האָט זיך געמאַכט פאָרוואָרפן צו וואָס זי האָט זי געשיקט אין דאָרף, הלמאי וואָלט זי זי געוווען גיכער געשיקט צו איר עלטערער טאָכטער פריידעלען, אָבער פריידעלען גייט נישט אַזוי פויגלדיק אין דער פּרנסה און זי איז געבענטשט קיין עין הרע נישט, מיט פינף קינדער זאָלן געזונט זיין.

צען מאָל קוקט זי אויפן זייגער און רעכנט אויס אַז צוויי שעה אַהין און צוויי שעה צוריק, איז אַזוי גרויס ווי פיר שעה און פאַרן אָנצינדן דעם לאָמפּ וועלן זיי נישט זיין צוריק.

פאַרנאַכט האָט זיך געשטאַרקט דאָס לייזעכץ, ס׳מערן זיך די קונים. זי פאַרקויפט זיי שנעל און פלינק. שאַ, שטיל. קיינער טאָר נישט וויסן וואָס ביי איר אין האַרצן טוט זיך.

ס׳איז אויך אַריינגעקומען די שכנה פרוי פעלץ. זי האָט באַלד באַמערקט טעמעס צעטראָגנקייט.

— שכנטע׳לעבן, וואָס ציטערן עפּעס היינט אַזוי ביי אייך די הענט?

— גאָרנישט. דער אַלטער רעוומאַטיזם דערקוטשעט צומאָל.

— פאַר וואָס העלפט אייך נישט צו ר׳ סענדער?

— סענדער? סענדער איז געפאָרן ברענגען פייגעלען פונעם דאָרף.

— אַזוי? וועלן מיר דאָך האָבן אַ גאַסט.

— יאָ, אַ גאַסט. — האַקט איר אָפּ ר׳ סענדערס ווייב און נעמט זיך צו אַן אַנדערן קונה.

פרוי פעלץ איז אַרויסגעגאַנגען און טעמע האָט חרטה וואָס זי האָט איר דערציילט, ווי אַ זאַך מאַכט זיך, וועט זי שוין צעפּויקן אַז פייגעלע קומט. אָט האָט זי שוין דערהערט די גלעקלעך פונעם שליטן, וועלכער שטעלט זיך אָפּ פאַר דער טיר. זי לויפט אַרויס און דערזעט איר סענדערן אַרויסשטייגן אַ צעבראָכענעם און פאַרעלטערטן.

— ווו איז דאָס קינד? — האָט זי אַ געשריי געטאָן.

— מיר האָבן מער נישט קיין קינד, — האָט ער געזאָגט מיט אַ צעבראָכן קול, — פאַרגעס, פאַרגעס אין פייגעלען.

זי איז מיט אַן אויסגעשריי געפאַלן אויפן שניי. שכנים האָבן זי אַריינ־געטראָגן אין שטוב. ווען מען האָט זי דערמונטערט, האָט ר׳ סענדער זיך אָנגערופן:

— נו, שוין, אַ דאַנק פאַר דער טרחה. — דאָס הייסט אײדל געזאָגט — „טוט אונדז אַ טובה, לאָזט אונדז געמאַך”.

די שכנים האָבן געוויינט, צוקוקנדיק דעם צער פון די אַלטע צע־בראָכענע לייט.

— וואָדען? קינדער דערהייבן טאַטע־מאַמע און קינדער, חלילה, לייגן טאַטע מאַמע.

נאָך ר׳ סענדערס אָנצוהערעניש, זענען זיי זיך זיפצנדיק צעגאַנגען.

טעמע האָט זיך נישט אונטערגעגעבן. נאָכן דערקוויקן זיך דאָס פאַר־חלשטע האַרץ מיט אַ ביסל שטאַרקן ווישניק, האָט זי זיך אויפגעזעצט אויפן בעט און אָנגעהויבן אויסצופרעגן איר מאַן. ער האָט איר דערציילט די סצענע אין פּאָוולאָוויטשעס שטוב.

— נישט באַדאַרפט זי איבערלאָזן, נישט באַדאַרפט.

— אַ זונה האָב איך דיר געזאָלט ברענגען אין שטוב? אפשר נאָך אויסהאָדעווען אַ ממזר?

— רעד נישט אַזוי. איך קען עס נישט גלויבן אויף מיין קינד. ס׳איז אַ ליגן. דאָס האָבן זיי אומיסנע אַזוי גערעדט אויף מיין קינד דו זאָלסט זי נישט וועלן אַהיימנעמען. סענדער, מיר מוזן זי אַרויסראַטעווען פון דער טומאה, ווי איז צו מיין לעבן אַז איך האָב דאָס דערלעבט. גאָטעניו געטרייער! פאַר וואָס האָסטו מיך נישט גיכער באַשטראָפט מיטן טויט, איידער דאָס צו דערלעבן!

ר׳ סענדער האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול. ער האָט אַריינגענומען דעם פאַרגרויטן קאָפּ איןביידע הענט. פאַר די אויגן זעט ער ווי פייגעלע בעט זיך ביי אים ער זאָל זי אַהיימנעמען. אָבער זי האָט איר נשמה פאַראומרייניקט און קיין אָרט אין זיין כשר הויז איז מער נישטאָ פאַר איר. ער זעט זי ליגן אויף דער ערד אַ רויקע, אין טויטער פאַרגליווערונג. אָט אַזוי וואָלט נאָך געווען דאָס בעסטע, דער טויט וואָלט זי אויסגעלייזט פון דער טומאה.

טעמע האָט דערווייל געזוכט אַן עצה ווי אַרויסצוראַטעווען איר טאָכטער. נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט, שוואַך און קראַנק, האָט זי באַשלאָסן צו פאָרן אין דאָרף. דאָרט קלערט זי, וועט זי פאַלן דעם וואָיט צו די פיס, קושן די הענט דער וואָיטעכע און בעטן מען זאָל איר צוריקגעבן איר קינד.

ווען מאָטל וואַסערפירער האָט פאַרטאָג אָנגעפּולט ביי ר׳ סענדערן די פעסער מיט וואַסער, בעט זיך ביי אים טעמע:

— מאָטל׳קרוין, ס׳איז פּיקוח נפש, פירט מיך אין דאָרף.

— פאַר אייך ר׳ סענדערס ווייב, וועל איך גיין אַפילו אין פייער.

אַט שוין שפּאַן איך אויס דאָס פעסל און שפּאַן איין דאָס שליטעלע.

ער געדענקט ווויל ווי ר׳ סענדערס ווייב איז פּאַר אים געגאַנגען צוזאַמען נעמען, ער זאָל זיך קענען קויפן אַ פערדל נאָך דעם ווי זיין שקאַפּע איז אים געפגרט. און געשען איז עס אַזוי:

מאָטל האָט נישט ליב ווען מען רופט אים „מאָטל וואַסערפירער״. ער איז, זאָגט ער, אַ בעל עגלה. וואַסער צעפירט ער נאָר פאַרטאָג. דערנאָך זוכט ער אַ פּאַרדינסטל מיט זיין שקאַפּקעלע, ברענגען עמעצן אַ פּעקל, אָדער אָפּפירן אַ פּאַסאַזשיר צו דער באַן, פירן אַ מענטשן אין דאָרף, אָדער צופאָרן אַ גאַנג. דעם אמת געזאָגט, קיין געהויבענער בעל עגלה איז ער נישט געווען און זיין שקאַפּקעלע האָט זיך נישט געקאָנט פאַרגלייכן מיט בעל־עגלהשע פערד. דערפאַר האָט ער זיך נישט אָפּגעשטעלט מיטן פּרייז און מען האָט ביי אים געקאָנט קריגן אַ יאַזדע אין גלייכן געלט.

מאָטל איז אַרויסגעקומען פונעם געמיינעם שטאַנד. זיין מאַמע רייצע די הייזער־גייערקע, האָט אים אין חדר נישט געשיקט. איז ער געוואַקסן אַ גראָבער יונג, אָבער מאָטל האָט געהאַט אַן אײדעלע נשמה. ער האָט נישט געהערט צו קיין שום חברותא. אין שטאָט זענען געווען פאַרשידענע חברותעס. אַ חברה תהילים־זאָגערס, אַ קלייזל פון שניידערס אָדער שוסטערס, חסידים האָבן געהאַט קלויזן אויפן נאָמען פון זייער רבין. אָבער בעל עגלות אָדער וואַסערפירערס האָבן נישט געהאַט אַ חברותא און מיט יענע ווילע יונגען פון די טונקעלע גאַסן האָט ער זיך נישט געוואָלט חברן. זיין נשמה האָט געגאַרט זיך אויך צוטוליען צו עפּעס אַ חברותא, אָבער קיינער האָט אים נישט צוגעלאָזט. ווי אין פּסוק שטייט: — „סוואַ׳ע דאָ סוועגאָ״ — (אַ יעדער צו זיינעם). —

צעטראַגנדיק וואַסער אין די שטיבער, האָט מאָטל זיך אָנגעהערט פון אַ נייער חברותא „חובבי ציון״. צו זיי האָבן זיך געקאָנט אַלע פאַרשרייבן. מען האָט נישט געפרעגט אויף קיין יחוס, נישט געקוקט צו וועלכן רבין מען פאָרט, אָרעם צי רייך, אַ חסיד צי אַ מתנגד. אויך מיטן אָפּצאָל האָט מען געהאַט איינגזען. ווער ס׳האָט געקאָנט, האָט געצאָלט אַ זלאָטע, אַ מינדערער אַ האַלבע זלאָטע און אַן אביון איז געווען גענוג אַ פינף און צוואַנציקער.

— האַ, וואָס זאָגסטו מיין ווייב, — מאַכט איין מאָל מאָטל אין אַן אויפ־

דערנאָכט בשעת זיין ווייב דערלאַנגט אים וועטשערע נאָך אַ טאָג אַרבעט ביי וועלכער ער האָט זיך אָנגעהערט די פאַרשידענע חידושים פון דער נייער חברה: — וואָס זאָגסטו אַ שטייגער, ווען איך טרעט אויך צו צו די „חובבי ציון״?

— משוגע מיינע שונאים, מאָטל רייצעס דער הייזער־גייערקעס זון, וועט ווערן אַ חסיד אויף דער עלטער און זאָגן תהילים!

— שאַ, ס'איז נישט קיין חסידים אָדער תהילים־זאָגער שטיבל. דאָס זענען אַזעלכע וואָס פאָרן קיין ארץ ישראל. יעדער איז ביי זיי גלייך. וואָס דאַרפסטו מער? אַפילו דער גרויסער גביר ר' יהושע ליפשיץ איז אויך אין דער חברותא. ער איז דאָרט גבאי ראשון: אַ פרעזידענט הייסט דאָס. אַ פרעזידענט איז ער ביי זיי.

דערהערט אַז עס האַנדלט זיך וועגן ארץ ישראל און ר' יהושע ליפשיץ איז דאָרטן גבאי, האָט זיין ווייב יענטע נעכע אַראָפּגעצויגן די פאַטשיילע איבער די האָר און פרום אָפּגעזיפצט, אַ קליינִיקייט! איר מאַן וועט זיין אין איין חברותא מיט דעם גביר ר' יהושע ליפשיץ!

זייט דעמאָלט איז מאָטל וואַסערפירער, דאָס הייסט מאָטל בעל עגלה, געוואָרן אַ ציוניסט. ער איז געגאַנגען אויף אַלע ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען און דערנאָך דערציילט זיין ווייב יענטע נעכען די אַלע חידושים וואָס ער האָט זיך דאָרטן אָנגעהערט. דעם אמת געזאָגט, האָט ער נישט אַלצדינג פאַרשטאַנען און אויך דער שלאָף האָט אים געמאַראַטשעט, אָבער פאָרט האָט ער דערהערט אַז עס האַנדלט זיך טאַקע וועגן ארץ ישראל און מען הייסט יידן אַהין פאָרן, נישט קיין אַמעריקע און נישט אין באַראָן הירשס אַרגענטינע, נאָר טאַקע אין הייליקן לאַנד. איין מאָל האָט ער געבראַכט זיין ווייב אַ קאָרטל פון אַ שיינעם יידן מיט אַ שוואַרצער לאַנגער באָרד און טונקעלע אויגן.

— אַה, דאָס איז אייער רבי וואָס פירט אייך קיין ארץ ישראל? אַ שיינער רבי, כ'לעבן! נאָר עפּעס זע איך נישט ביי אים קיין יאַרמעלקע?

— ביסט פאָרט נאָר אַ יידענע! דאָס איז נישט קיין רבי, דאָס איז דר. הערצל, וואָס איז געווען אונדזער ערשטער פרעזידענט, עליו השלום.

יענטע נעכע האָט זיך אָפּגעווישט דאָס מויל אין איינעם מיט דער

נאָז און געשוויגן. עפּעס איז איר נישט געווען קלאָר צו וואָס אַ חברותא דאַרף האָבן אַ דאָקטער און יידן אַ פּרעזידענט.

אַז עס איז אונטערגעקומען שמחת תורה, האָבן די חובבי ציון נישט געוואָלט אָפּשטיין פון אַנדערע שטיבלעך, מען האָט באַשלאָסן צו פּראַווען שמחת תורה אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן. די קינדער האָט מען געטיילט בלוי־ווייסע פענדלעך מיט רויטע עפּעלעך אויפן שפּיץ. זייער פּרעזידענט ר׳ יהושע ליפשיץ האָט זיך געשטעלט ווי אַ גביר און זיך געהאַלטן ווי אַ נאַש בראָט. ער האָט געשטעלט כיבוד מיט אַ ברייטער האַנט:

— טרינקט ברידערלעך טרינקט! ס׳איז שמחת תורה אויף דער וועלט!

מאָטל וואַסערפירער, דאָס הייסט מאָטל בעל עגלה איז געווען אין זיבעטן הימל. ווער מיר קבצן, וואָס מיר קבצן? אָט נעמט ער זיך אַרום מיט ר׳ יהושע ליפשיץ און גייט אַ ריקודל. קיינער האָט נישט אַזוי גוט אויסגעקלאַפּט אַ קאָזאַקל ווי ער, מאָטל בעל עגלה.

ר׳ יהושע ליפשיץ האָט אים צוגעגעבן קוראַזש:

— טאַנץ מאָטל, טאַנץ! ס׳היינט דיין טאָג!

און איז ווער געשטאַנען אין דער זייט און נישט געוואָלט הייסט דאָס מיטהאַלטן, האָט אים מאָטל אָנגעכאַפּט ביי אַן אויער און אַריינגעשלעפּט אין ראָד:

— היינט איז מען פריילעך. היינט, אַ טרינק, אַ זמרל, אַ צופּלעסקען מיט די הענט און געגאַנגען אַ ריקודל!

— אַז נישט געדאַכט זאָלסטו ווערן! דיין נאָמען זאָל דיר נאָר געווען צוריקקומען! גאָטעניו געטרייער! אויף צווי טעג פאַרפאַלן געוואָרן און היינט פּאַפּט ער ווי אַ געהרגעטער! קונים רייסן אָפּ די שוועל, מען וויל וואַסער, אַ פּרוטה איז נישטאָ ביי דער נשמה און ער כראָפּעט עס, אים נישט צו דערוועקן! — דאָס ווייב איז איבער אים געשטאַנען, געריסן אים, געשאָלטן מיט טויטע קללות ביז זי האָט אים דערוועקט.

— האָ? יאָ! — ער האָט זיך אויפגעזעצט, צורעכט געמאַכט די יאַרמעלקע, אַ מינוט נאָכגעקלערט, דערנאָך אַראָפּ פונעם באַנקבעטל, אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער און זיך געגעבן אַ וויש מיט צווי נאַסע פינגער די אויגן:

— וואָס געווען איז געווען. היינט דאַרף מען זיך צוריק נעמען צו דער אַרבעט.

ער איז אַריינגעגאַנגען אין שטאַל. דאָס שקאַפּקעלע, אַזוי אויך נישט קיין איבעריק זאַטס אַ גאַנץ יאָר, האָט אין די צוויי טעג וואָס דער בעל הבית האָט אָן איר פאַרגעסן, במחילה אויסגעצויגן די פיס.

— אַ ווייטיק איז מיר נישט געשען! — האָט יענטע נעכע פאַרבראָכן מיט די הענט: אויס שקאַפּע! אונדזער פּרנסה־געבערין! כאַטש טו דיר אָן אַ מעשה צוזאַמען מיט די קינדער. —

זי האָט זיך צעכליפּעט און פאַרגראָבן דאָס פּנים אין פאַרטעך. מאָטל האָט געגעבן אַ רוק מיט דער קוטשמע אַרויף און אַ דריי מיטן קאָפּ:

— עפּעס ווערט עס קאַלעמוטנע! — באַלד האָט ער צוריק אַראָפּ־געלאָזט די קוטשמע ביז צו די אויגן, צענומען ביידע הענט און גענומען שפּאַנען. אין דרויסן האָט גערעגנט. ער האָט נישט געפילט. ער איז גע־גאַנגען אין מיטן שטראָז, די בלאָטע האָט אים באַשפּריצט ביזן גאַרטל. ער האָט עס נישט באַמערקט. ער גייט דאָס צו זיין גוטן ברודער, ר׳ יהושע ליפּשיץ, וואָסי? ערשט נעכטן זיך אַרומגענומען און היינט וועט ער אים לאָזן פאַלן?

דאָס דינסטמיידל, דערזעענדיק זיינע פאַרבלאָטיקטע שטיוול, האָט אים נישט געוואָלט אַריינלאָזן, ער האָט זי געגעבן אַ שטופּ אַוועק און אַריינ־געגאַנגען גלייך אין סאַלע צום בעל הבית. ר׳ יהושע ליפּשיץ, אַן אויס־גערוטער, מיט אַן אויסגעגלעט פּנים ווי אַ פּוטער־בייגל, דאָס סאַמעטענע יאַרמעלקעלע אויפן שפּיץ קאָפּ, — איז געזעסן און זיך צופרידן געגלעט די באָרד און געשמועסט מיט צוויי געגאָלטע פּריצים.

מאָטל איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער, ערשט איצט האָט ער דערזען זיינע פאַרבלאָטיקטע שטיוול און די סימנים וואָס זיי האָבן איבער־געלאָזט אויפן פּאָלירטן פּאָל.

ר׳ יהושע ליפּשיץ איז אויפגעשפּרונגען און אָנווייזנדיק מיט דער האַנט אויף דער טיר, האָט ער אַ געשריי געטאָן נאָר איין וואָרט:

— פּאַשאָל!

— ר׳ ר׳ יהושע... ר׳ — האָט מאָטל געשטאַמלט: — מ׳מיין מ׳יין ש׳שקאַפּקעלע!

אָבער פאַר אַ גוייִשן „פּאַשאָל״, זאָגט מען, איז נישטאָ קיין תּחום שבת און מאָטלען האָט מען משלח געווען, במחילה אַרויסגעוואָרפן.

— נאַ, קראַצט זיך מאָטל אין קאָפּ, זיצנדיק אין דער בלאָטע — אַפילו ביי די חובבי ציון איז מען אַ גוטער ברודער נאָר איין מאָל אין אַ שמחת תורה.

יענטע נעכע איז אים נאָכגעלאָפן מיט פאַרבראָכענע הענט, הויך קלאָגנדיק, באַוויינענדיק זייער שקאָפּקעלע. נאָך איר זענען נאָכגעלאָפן אירע קינדער.

— ווי איז מיר און ווינד! כאָטש טו דיר אָן אַ מעשה צוזאַמען מיט די קינדער! נישט אַנדערש נאָר גיי צום טייך און טרענק זיך.

ס׳איז אַרויס די סענדערעכע און נאָך עטלעכע שכנות, זיי האָבן איינ־געשטילט יענטע נעכן און זי אַהיימגעפירט ווי להבדיל נאָך אַ לוויה. באַלד אויפן אָרט האָט מען צוזאַמען גענומען עטלעכע זלאָטעס אַן אַדערויף אויף צו קויפן אַ פערד.

— איך וועל חלילה נעמען געשענקטס? — האָט יענטע נעכע זיך געוועהרט.

— מען שענקט אייך נישט. איר וועט האָבן, וועט איר צוריקגעבן.

טעמע און נאָך אַ יידענע זענען געגאַנגען איבער דער שטאָט צוזאַמענ־נעמען. זיי האָבן גענומען בשתיקה, נישט אויסזאָגנדיק פאַר וועמען. סתם פאַר אַ בויטבאַדערפיקן. און יידן, בני רחמנים, האָבן געגעבן. ווי זאָגט מען עס? — „פון קהל אַ פאַדעם, פאַרן אָרעמען אַ העמד״. —

ווידער פאָרט מאָטל מיט זיין ניי פערדל, אָבער צו די חובבי ציון איז ער מער נישט געגאַנגען.

איצט, אַז ר׳ סענדערס ווייב האָט זיך צו אים געוואָנדן ער זאָל זי פירן אין דאָרף, ווייל עס איז „פיקוח נפש״, האָט ער קיין מינוט נישט פאַרזוימט און ער איז געווען גרייט זי צו פירן, ווייל צוערשט דעם רבונו של עולם און דערנאָך איר ר׳ סענדערס ווייב, האָט ער צו פאַרדאַנקען אַז ער פאָרט אַרום מיט זיין פערדל און קען ברוך השם שפייזן זיין הויזגעזינד.

טעמע האָט זיך איינגעהילט אין שאַלן און באַרעניצעס און געפאָרן אין דאָרף, אָבער איר טאָכטער האָט זי מער נישט געטראָפן. מיט אונטער־געבראָכענע קני איז זי געשטאַנען פאַר די פּאַוולאָוויטשעס. נאָך עטלעכע

גוים זענען צוגעקומען זען ווי די זשידוווקע וויינט נאָך איר קינד...

— וואָס וויינט זי? וואָס וויל זי? איר טאָכטער? בישטאָ הי. נאָ, זאָל זי זען אַז זי איז נישטאָ ביי זיי, — צעעפּענען זיי אַלע טירן און טויערן, זאָל זי זען אַז מען האָט זי דאָ נישט באַהאַלטן. — ווו זי איז? ביים גלח. געגאַנגען מיט זייער זון זיך מאַדליען, (תפילה טאָן). די סענדעראָווע איז שוין גרייט צו לויפן צום גלח. — ווו לויפט זי? אפשר איז זי שוין מער נישטאָ ביים גלח? מ׳קען וויסן? אפשר איז זי שוין אין קלויסטער, דאָרט וועט מען זי צוגרייטן צום שמד. —

טעמע כאַפּט זיך אָן ביי איר שוואַך הארץ און די גוים לאַכן. זי האָט זיך דערפילט שוואַך און דערשלאָגן. וואָס קען זי, אַ שוואַכע און קראַנקע יידענע אויפטאָן אַקעגן אַ הראַמאַדע מיט געזונטע גויעצעס?! ס׳איז איר טונקל געוואָרן פאַר די אויגן, זי פילט ווי זי זינקט אַראָפּ אויף דער ערד. מאָטל האָט דערוויל צווויסן געגעבן אירע קרובים, יאַנקלען און טויבע לאהן. זיי האָבן די פאַרחלשטע טעמע געבראַכט צו זיך. זיצט טעמע ביים פענצטער, ווו פעלאַ פלעג זיצן, קוקט אַרויס, ניין, זי וועט נישט אַהיימפאָרן, ביז מען וועט איר נישט אָפּגעבן איר קינד.

אַלע יידן זענען געקומען צו לויפן. אַזאַ מנהג אין דאָרף, פּראַוועט איינער אַ שמחה, אַ חתונה, אַ ברית, אַ פאַרשפּיל, תנאים וכדומה, קומען אַלע יידן נישט געבעטענערהייט. צו אַ חתונה שיקן ווייבער לעקעכער און מאַנצבילן טיילן דרשה־געשאַנק. אַ גאַנץ יאָר איז מען צעקריגט, איינער וויל ביים אַנדערן אויסכאַפּן אַ פאַרדינסטל. מען פאַרגינט נישט יענעם דעם ביסן אין מויל און וואָלט אים דערטראַנקען אין אַ לעפל וואַסער פאַר גאַרנישט. קומט אָבער אַ שבת, אַ יום טוב אָדער אַ שמחה, זענען אַלע פאַראייניקט און צוזאַמען. דאָס זעלבע, חלילה, ביי אַן אומגליק, אַ קראַנקהייט, אַלע זענען דאָ. ביי אַ חולה מסוכן זיצט מען גאַנצע נעכט ביי זיין בעט און מען זאָגט תהילים. האָט ער לא עליכם נישט פון וואַנען, לייגט מען זיך צוזאַמען און מען שיקט נאָך אַ דאָקטער.

איצט זענען זיך אַלע צוזאַמען געלאָפן צו טויבע לאהן אין שטוב.

— יידן! געוואַלד! ראַטעוועט! — האָט טעמע פאַרבראַכן מיט די הענט.

די יידן האָבן צווישן זיך גערעדט: — „ווי אַזוי דערלאָזט מען אַזאַ זאַך? דאָס דאָרף וועט דאָך באַקומען אַ שלעכטן שם. קינדס־קינדער וועט

מען דאָך נאָכדערציילן אַז אין אונדזער דאָרף האָט זיך געשמדט אַ יידיש מיידל״. — זיי האָבן באַשלאָסן גיין צום גלח, אים אַריינשטעקן אַ „לא יחרץ״ אין יד, ער זאָל דעם שמד נישט דורכפירן. מען האָט אָנגעהויבן צוזאַמענצונעמען דאָס געלט. טעמע האָט דאָס ניט דערלאָזט.

— די שטוב וועל איך פאַרקויפן און אָפּראַטעווען מיין קינד פון גויישע הענט! — זי האָט געוואָלט מיטגיין, אָבער זי איז געפאַלן פון די פיס.

די יידן האָבן איר געראָטן זי זאָל אָפּוואַרטן ביי יאַנקלען אין שטוב.

דער גלח האָט זיי אויפגענומען מיט אַ ברייטן: — סלאַווא באָגו! — (געלויבט איז גאָט), אויסלאָזנדיק דעם יעזוס כריסטוס. ער האָט זיי פאַר־בעטן זיצן. אָבער די יידן האָבן זיך נישט געזעצט און גלייך צוגעגאַנגען צום ענין:

— אַזוי און אַזוי — האָבן זיי געטענהט, — מען וווינט די אַלע יאָרן אין גוטער שכנהשאַפט, זאָל ער זיי נישט פאַרשעמען. נישט אַדורכפירן אין זיין גמינע דעם שמד. — דערביי האָבן זיי אַוועקגעלייגט אויפן טיש אַ שיינע פּויטעקע. דער גלח האָט זיי באַרויקט. זאָלן זיי געזונטערהייט אַהיימגיין, ער וועט קיין שמד איבערן יידישן מיידל נישט אַדורכפירן. דערויף גיט ער זיין הייליק וואָרט.

די יידן זענען געקומען צו ר׳ סענדערס ווייב און זי געטרייסט, דער גלח האָט זיי צוגעזאָגט אַז ער וועט קיין שמד נישט אַדורכפירן, זאָל ר׳ סענדערס ווייב זיך באַרויקן און געזונטערהייט אַהיימפאָרן. טעמע האָט אָבער אומגלויביק געדרייט מיטן קאָפּ:

— ווו איז זי? איך וועל מיך ערשט באַרויקן ווען איך וועל זען מיין קינד.

די יידן האָבן איר צוגעזאָגט אַז זיי וועלן נישט רוען ביז זיי וועלן זי געפונען.

טעמע איז מיט אַ שווער געמיט אַהיימגעפאָרן.

דער כיטרער גלח האָט זיי איבערגעקליגלט. די שמד־צערעמאָניע וועט ער טאַקע נישט אַדורכפירן, אָבער ער האָט זי אָפּגעשיקט אין קלויסטער, דאָרט וועלן עס אָפּטאָן זיינע ברידערלעך. וואָס הינטער דער הויכער קלויסטער־מויער טוט זיך, ווייסט נישט קיינער. די מאַמעס פאַרזאָגן די קינדער זיי זאָלן זיך ביי דער מויער נישט שפּילן ווייל מען קען זיי פאַר־

שלעפן איגעוויניק. מיידלעך, שפּאַצירנדיק דאָרט פאַרנאַכט, פאַררויטלען זיך, רעדן שטיל און לאָזן אַראָפּ די כשרע אויגן...

## הינטער די קלויסטער־מויערן

דער גלח איז געווען אַ נייער אין דאָרף. ערשט פּאָר עטלעכע יאָר אַראָפּגעקומען נאָכן אָפּשטאַרבן פון אַלטן גלח. ער האָט געוואָלט איינפירן ציוויליזאַציע אין זיין עדה. צום אַלעם ערשטן האָט ער צוזאַמענגעשטעלט אַ נייעם כאָר פון יונגע מיידלעך און בחורים, זיי זאָלן זינגען אין קלויסטער ביי דער הייליקער מעסע אַנשטאָט די אַלטע באָבעס. די יונגע לערערקע אין דאָרף האָט אויך צוגעלייגט אַ האַנט און געגרינדעט אַ דראַמאַטישן קרייז. מען וועט שפּילן טעאַטער פאַרן עולם. האָט מען געהערט יעדן אויפדערנאַכט דאָס לאַכן און וואַיעווען פון יונגע שיקסעס און שקצים, וועלכע זענען געגאַנגען אויף פּראָבן צום גלח. די אַלטע פּויערים האָבן געדרייט מיט די קעפּ: ווי אַזוי דערלאָזט מען יונגען און מיידן זיך אַרומ־טרייבן ביינאַכט?! אָבער מען האָט זיי נישט געהערט. נייע צייטן מיט „קולטור" מיט טעאַטערס און כאָרן. האָבן אָבער פּויערישע יונגאַטשעס האַרטע קעפּ און וואָס מען זאָל אין זיי נישט אַריינהאַקן, פאַרגעסן זיי באַלד. ענדלעך, נאָכן מאַכן פּראָבן חדשים לאַנג, האָט מען אויפגעקלעפּט אַ גרויסן פּלאַקאַט אַז מען פאַרבעט דעם עולם אין טעאַטער.

אין דער גרויסער סטאָדאָלע,ביים גלח, האָט מען אויפגעשטעלט אַ בינע און געצויגן לאַנגע בענק. קיין פּובליקום האָט נישט אויסגעפעלט. באַלד איז פאַרפולט געוואָרן די גאַנצע סטאָדאָלע, נישט געווען מער קיין פּלאַץ צום זיצן, איז מען געשטאַנען ביי די ווענט.

אַנגעהויבן האָט זיך די פאַרשטעלונג מיט כאָראַלע געזאַנגען. שטייט אַ ריי שיקסעס און הינטער זיי שקצים אויסגעשטערקט ווי די זעלנער, מיט פאַרריסענע קעפּ אין דער הויך. דאָס געזאַנג איז געגאַנגען אין איין נוסח, ווי מען באַזינגט אַ כלה. דעם ניגון וואָס די לערערקע האָט אין

זיי אַריינגעקנעלט, האָבן זיי באַלד פאַרגעסן אָדער בכלל נישט תופס געווען. דערנאָך האָט מען אויפגעפירט דאָס טעאַטער־שטיק.

קומען אַריין שקצים, די היטלען אויף דער זייט, זינגען, אַזש די סטאָדאָלע טרייסלט זיך. זיי גייען אויף דער מלחמה הייסט עס. דער צווייטער אַקט שטעלט פאָר אַ פּויערישע שטוב. ביי רייכע פּויערים דינט אַן אָרעם מיידל. די דינסט איז בעצם די לערערקע, איבערגעטאָן ווי אַ שיקסע. זי אַרבעט שווער. די באַלעבאָסטע שאָפּט זיך מיט איר. די דינסט קערט מיט אַ פלעדערוויש די הרובע און זינגט מיט האַרץ:

„וויעט ויטרע, אַזש דערעוואַ הנוטסיאַ"

(וויען ווינטן, אַזש ביימער בייגן זיך)

די דינסט באַקומט אַ בריוו פון איר געליבטן וועלכער איז אַוועק אין קריג. זי קען אים נישט לייענען, גיט זי אים דער באַלעבאָסטע צום לייענען. די שיקסע פּאַראַסקע, וואָס שפּילט פאַר דער באַלעבאָסטע, איז שטאַרק איבערגעשראָקן, זי ווייסט נישט אויף וועלכער וועלט זי איז, זי האָט אַלצדינג פאַרגעסן, זי קען נישט דאָס בריוול לייענען נישט אינעווייניק, נישט אויסנווייניק. די דינסט קוקט איר אין די אויגן, גאַרט צו וויסן וואָס איר געליבטער שרייבט איר. ווערט ביים פּובליקום דאָס גרעסטע געלעכטער, מען שרייט:

— לערערקע, וואָס ווילסטו, וואָס, פּאַראַסקע זאָל קענען לייענען? נעם דו און לייען איבער וואָס אין בריוול שטייט!

זענען אַרויף אַ פּאָר געזונטע שקצים, דאָס הייסט אַרטיסטן, נישט געבעטענערהייט און אָנגעהויבן צו שרייען:

— שטיל זאָל זיין! דאָ שפּילט מען טעאַטער!

האָבן עס נישט געקאָנט פאַרליידן עטלעכע מיוחסדיקע פּויערים:

— ס'טייטש, דו הרעצקע דעם פאַרנאַלס זון ועסט אויף אונדז שרייען, דו האַלאַדריזניק איינער!

און ווי דער דרך פון גוים, פון רייד איז מען איבערגעגאַנגען צו פעטש. עס איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג, ס'איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע, ווייבער מיט קינדער אויף די הענט האָבן געקוויטשעט. מען האָט זיך

געשטופּט צום אַנטלויפן. גויים האָבן אַרויסגעריסן סלופּעס פון דער ערד און זיך דערמיט געשלאָגן. בלוט איז גערינען! ס'איז געוואָרן יענע פאַר־שטעלונג מיט אַ וואַינע. אַן אמתדיקע מלחמה! די בינע איז איינגעפאַלן. אָט דאָס איז געווען דער סוף פון דער ערשטער פאָרשטעלונג אין דאָרף. אָבער אויף איין געביט האָבן די אַרטיסטן יאָ מצליח געווען: די אַרטיסטקעס האָבן באַקומען בייכלעך. זענען אַוועק די פּויערים מיט אַ געוואַלד צום גלח ער זאָל שוין אָפּשטעלן דאָס ציוויליזירן זיין הראַמאַדע. ער האָט צוריקגענומען זיינע אַלטע פרומע שוועסטערס. זיי האָבן וויטער געזונגען און געהאַלטן די ליכט ביי דעם הייליקן גאָטעסדינסט. די פּויערים האָבן געשיקט זייערע אַלטע באַבעס צום גלח און די יונגע מיידלעך האָט מען געהייסן זיצן ביים שפּינדל, זאָלן זיי שפּינען פלאַקס און זיך האַלטן ביי דער מאַמעס פאַרטעך און זיך נישט אַרומטרייבן מיט בחורים ביינאַכט!

איצט איז געקומען צום גלח די מיקיטעכע, דאָס ווייב פונעם וואָיט. זי איז זי איז איינע פון זיינע פרומסטע קלויסטער־שוועסטער. אין די הייליקע טעג גייט זי אָנגעטאָן אין גאַנצן אין ווייסן: אַ ווייסע האַרבאַטקע מיט אַ ווייסן שמאָלן פאַרטעך, אויפן קאָפּ אַנשטאָט די שוואַרצע קאַשעמירנע פאַטשיילע מיט רויטע קווייטן, אַ ווייס טוך אויסגעבונדן ווי אַ טורבאַן. זי האָט געשפּאַנט מיט אַראָפּגעלאָזטע בליקן און אין די צוזאַמענגעלייגטע הענט האָט געשטעקט אַ צלם מיטן רויזנקראַנץ, אַ שנירל שוואַרצע פאַטשערקעס. ווען זי האָט דעם גלח דערציילט אַז איר זון האָט זיך פאַר־ליבט אין אַ זשידוווקע, זי געפינט זיך ביי איר אין הויז, און מען ווערט זי דאַרפן שמדן, האָבן זיך פאַרן גלח געעפנט נייע מעגלעכקייטן עפּעס אויפצוטאָן פאַר זיין הראַמאַדע און פאַר דעם קריסטלעכן גלויבן. דאָס ערשטע האָט ער געהייסן באַהאַלטן דאָס מיידל, די איינגעשפּאַרטע יידן זאָלן זי נישט געפונען. און דאָס בעסטע אָרט איז דער קלויסטער. מען וועט זי אויך דאָרט צוגרייטן זי זאָל ראוי זיין אויפגענומען צו ווערן אונטער די הייליקע פליגלען פון יעזוסן.

טעמע האָט דעם שווערן קלאַפּ נישט אויסגעהאַלטן. זי האָט פאַרנאַכ־לעסיקט די שטוב, געזעסן פאַרטראַכט הינטערן שענקטיש און געלאָזט אַנטלויפן די גויים, נישט באַצאָלנדיק.

ר' סענדער האָט אויפגעהערט צו גיין מנחה־מעריב דאַווענען. אין

דער פרי אָפּגעדאַוונט מיטן ערשטן מנין צוזאַמען מיט יאַרידניקיעס, בעלי מלאכות און סתם פאַרהאָרעוועטע יידן וואָס כאַפּן אָפּ פרי דאָס דאַווענען און איילן צו זייער אַרבעט. שבת געזעסן מיטן טלית איבערן קאָפּ ביי זיין שטענדער און געווען דער ערשטער ביים צוזאַמענלייגן דעם טלית.

איר נאָמען איז מער נישט דערמאָנט געוואָרן אין שטוב, דערפאַר אָבער האָט ער שטענדיק געפיקט אין קאָפּ. ר׳ סענדער פלעגט שפּאַנען מרהשחורהדיק איבער דער שטוב, זיך אָפּשטעלן פּלוצעם אין דער מיט, פאַרבייגן די באָרד אַרויף און קוקן פאַרטראַכט צו דער סטעליע.

טעמע, קוקנדיק אויף איר פאַרעלטערטן, צעבראָכענעם מאַן, אין וועלכן זי פלעגט זיך שפּיגלען, ווי אין אַ שיינער קרוין, פלעגט אויסברעכן אין אַ געוויין אויס רחמנות צו אים. דאָס הויז איז אַלץ מער איינגעפאַלן. טעמען איז שווער געוואָרן צו טראָגן דעם עול פון דער שענק. זי האָט געשריבן נאָך איר אויסגעגעבענער טאָכטער פריידעלען, פריידעלע איז באַלד אָנגעקומען מיט איר מאַן און פינף קינדערלעך. טיף אין האַרצן איז זי אפשר געווען צופרידן וואָס איר שוועסטער האָט איר אָפּגעטרעטן די רחבותדיקע שטוב. דער איידעם האָט זיך גענומען מיט יוגנטלעכן ברען צו דער שענק און קריטיקירט דער אַלטערס פירונג. דאָס גרויסע הויז איז צו ענג געוואָרן פאַר די אַלטע לייט. דאָס יונגע פאָרפאָלק האָט איבערגענומען זייער שלאָפצימער און זיי האָט מען איינקוואַרטירט אין פייגעלעס צימער. דאָ אַהער האָט ר׳ סענדער געבראַכט זיין שאַפע ספרים. ער פלעגט זיך גאַנצע טעג פאַרטיפן אין לערנען. טעמע איז געזעסן לעבן אים און געשטריקט. זעלטן ווען איז זי אַריינגעגאַנגען אין שענק: — זאָלן שוין די יונגע פירן — פלעגט זי אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט אויף איר פריערדיקער אַרבעט. אָפּט איז זי אַרויסגעגאַנגען אויפן גאַנעק און איר בליק האָט וויט אַוועקגעבלאָנדזשעט צו יענער טונקעלער מויער ווו איר טאָכטער זיצט פאַרשפּאַרט. נאָך האָט געטליעט אַ האָפענונג אין איר האַרצן: טעג און וואָכן זענען פאַרגאַנגען און די שמד האָט מען נאָך אַלץ נישט אַדורכגעפירט...

איבער פעלאַן איז דאָס אַלץ געקומען אַזוי פּלוצעם אַז זי אַליין האָט נישט געוווּסט וואָס מיט איר איז געשען. דאָ אין קלויסטער, שפּאַצירנדיק צווישן די הויכע ביימער, האָט זי צייט געהאַט דאָס אַלעס איבערצוקלערן. אייגנטלעך האָט עס געמוזט צו דעם קומען. נישט זי האָט עס געוואָלט און

נישט מיט איר ווילן וועט זי ווערן אָפּגעשמדט. עפּעס אַ שוואַרצער פּאַטום הענגט איבער איר און פירט מיט איר לעבן אַקעגן איר ווילן. שוין דעמאָלט ווען זי איז געגאַנגען ביינאַכט זיך טרעפן מיט דר. שוואַרץ, האָבן איר געדראָט די טונקעלע מויערן מיט נקמה, ביז זיי האָבן זייערס אויסגעפירט און זי פאַרשלעפּט אַהער. איין רינגעלע נאָכן אַנדערן האָט זיך געקייטלט: יידישע מיידעלעך האָבן זי אויסגעוויכט, די מומע טויבע לאה האָט זי אַרויסגעוואָרפן און איר פאָטער פאַרשטויסן. נאָר איין מיכאל האָט זי באמת ליב. ער דערשיינט אין די טראַגישסטע מאָמענטן פון איר לעבן שטענדיק ווי אַ גואל. ער זאָגט איר צו אַז נאָך זייער חתונה וועלן זיי אַוועקפאָרן אין אויסלאַנד שטודירן און עס וועט זיך פאַר זיי אָנהייבן אַ ניי לעבן. טיף אין האַרצן האָט זי נאָך ליב דעם דר. שוואַרץ. זיין אָנבליק טראָגט זי שטענדיק מיט זיך. זי ווייסט אַז עס איז אַ נאַרישער חלום צו קלערן אַז ער וועט קומען און זי אויסלייזן פון אַלע אירע צרות. ער האָט זי שוין לאַנג פאַרגעסן, ווי עס האָבן זי פאַרגעסן די טאַטע־מאַמע, די גאַנצע וועלט... זי וויל מער נישט קלערן, כדי נישט אויסברעכן אין אַ געוויין. זי נעמט אַרויס אַ קליין שוואַרץ ביכעלע מיט זיידענע דינע בלעטלעך, דעם נייעם טעסטאַמענט. זי זעצט זיך אַוועק אויף אַ באַנק און בלעטערט דאָס ביכעלע. ווי טיפזיניק זענען די ווערטער פון קריסטוסעס באַרג־דרשה... זי פאַרטיפט זיך מיט אינטערעס אין לייענען און באַמערקט נישט ווי עס דערנעענטערן זיך צוויי נאָנעס. זיי באַגריסן זי:

— געלויבט איז יעזוס קריסטוס!

— געלויבט איז ער אויף אייביק. — ענטפערט זיי פעלא.

די נאָנעס דערווייטערן זיך. זי קלערט, צי זאָל עס זיין אמת אַז די פריערדיקע מאָנאַשקעס האָבן פאַרגראָבן זייערע געבוירענע זינדיקע עופעלעך אין די קעלערן פונעם אַלטן קלויסטער, וועלכער שטייט דאָרט ביים דניעסטער און דאָס רוישיקע אָפּשלאָגן פון כוואַליעס אין זיין בלינדער וואַנט פלעגט זי שרעקן אין די שטילע נעכט... נעבן דער רוינע פונעם אַלטן קלויסטער געפינען זיך די אַפּטריטס־רוימען. אָפט, ווען זי גייט פאַרביי די חורבה, האָט זי חשק אַריינצוגיין, אָבער אַ פחד האַלט זי אָפּ דערפון. היינט, האָט זי זיך אַנטשלאָסן אַריינצוגיין. זי באַהאַלט די ביבל אין קעשענע, וויקלט זיך אַרום אין איר מאַמעס שאַל און שטעלט שנעלע

טריט. שוואַרצע קראָען היפּערן פאַר אירע פיס אויף דעם זיך צעגייענדיקן שניי. פון די ביימער פאַלן אייז־קריסקעס. פאַר דער חורבה ליגט הויפנווייז אַ נישט באַרירטער שניי, וועלכער זינקט לאַנגזאַם אין דער ערד צעקרישלט פון די וואַרעמע פרילינגס־ווינטן. די איינגעפאַלענע מויערן זענען פאַר־זונקען אין טיפן שניי. נעבן דער הויכער בלינדער וואַנט ביים דניעסטער געפינט זיך אַ הייל, געבויט ווי אַ גויישער קיילעכדיקער אויוון. אינעווייניק זעט זיך אָן אַן אייזערן פאַרזשאַווערט טירל, דאָרט מוז זיך געפינען דער קעלער. זי האָט מיט אַ גראָבן צווייג אָוועקגעשאַרט דעם שניי און זיך געמאַכט אַ וועג. אָבער דער אייזערנער ריגל איז געווען פאַרזשאַווערט און נישט נאָכגעגעבן אירע שוואַכע הענט. זי איז צוריקגעלאָפן אין איר צימערל. זי האָט אַרויסגענומען דעם נר תמיד מיטן ברענענדיקן קנייטל אינעם ביסל בוימל וואָס ברענט ביי די פאַרבלוטיקטע פיס פון דעם געקרייצטן. זי האָט עס באַהאַלטן אונטער דער שאַל און צוריקגעלאָפן צו דער הייל. זי האָט באַגאָסן מיטן בוימל דעם פאַרשזאַווערטן ריגל און ווייזט אויס אַז אין זכות פונעם הייליקן אייל האָט דער ריגל נאָכגעגעבן און די טיר האָט זיך געעפנט. זי איז אַראָפּגעגאַנגען עטלעכע טרעפּ. אַ שווערע לופט מיט פאַר־לעגענעם שימל האָט זי אַרומגענומען. ביי דעם שוואַכן ליכט פון דעם נר תמיד האָט זי געזען אַז זי געפינט זיך אין אַ קיילעכדיקן שמאָלן טונעל. די שטיינערנע ווענט ציִען זיך ווייט אַוועק און פאַרלירן זיך ערגעץ אין דער טונקלקייט. זי האָט פאַרשטאַנען אַז זי געפינט זיך אין איינעם פון די אונטערערדישע גענג וואָס די טערקן האָבן דאָ אויסגעבויט אינעם מיטלאַלטער בעת זייער אינוואַזיע אויף אייראָפּע. זי האָט זיך אומגעקוקט: קוים וואָס מען זעט נאָך אָן די שיין ביים אַריינגאַנג. זי האָט זיך דער־שראָקן און צוריק אַרויסגעלאָפן. אין דרויסן האָט זי אין זיך טיף איינ־געאָטעמט די פרישע לופט. זי האָט צוריק פאַרמאַכט דאָס אייזערנע טירל אויפן ריגל, פאַרווישט מיט צוויגן די שפורן און זיך צוריקגעקערט אין איר צימער. בשעת זי שטעלט אַוועק דעם נר תמיד אויף זיין אָרט, הערט זי די שטילע טריט פון די נאָנעס אין קאָרידאָר:

— שוועסטער פעלאַ, צייט צו וועספּער (מנחה־תפילה) — קלאַפּט מען צו איר אין טיר.

— יאָ, אַ דאַנק שוועסטער, — מאַכט זיך פעלאַ קניִען פאַרן קרוציפיקס,

קוקט אַרויף צו דעם פאַרבלוטיקטן פּנים מיטן דערנער־קראַנץ אויפן שטערן, וואָס האַלט אָנגעבויגן צו איר דעם קאָפּ. זי צלמט זיך דריי מאָל איבער, גייט היטנערווייַלעכץ צוריק מיט צוזאַמענגעלייגטע הענט אויף דער ברוסט. זי ווייסט וויל אַז מען קוקט איר נאָך... דער קאָרידאָר איז אַ לאַנגער, טיר לעבן טיר. דאָ ווינען די נאָנעס, אַזוי ווי פעלאַ אין שמאָלע צעלן. אין יעדער צעל געפינט זיך אַ האַרט אייזערן בעטל און אַ שטענדער צום בעטן, פאַר אַ גרויסן גיפּסענעם קרוציפיקס.

די זון האָט שוין געהאַלטן אין פאַרגיין צווישן די הויכע ביימער אין פאַרק. דאָס העלע גלעקל פון דער קאַפּליצע האָט זאַנפט און איינלאַדנדיק גערופן צו דער וועספּער. די גרויסע קירך מיטן פּרעכטיקן אַלטאַר האָט מען באַנוצט נאָר זונטיק און ביי גרויסע פייערלעכקייטן. פאַרן אייגענעם געברויך האָט מען באַנוצט די קליינע ווייסע קאַפּליצע, וועלכע איז גע־שטאַנען אויף אַ היגל אין פאַרק צווישן ביימער און בלומענבייטן. דאָ האָבן די מאָנאַשקעס אָפּגעריכט זייערע טאָגטעגלעכע תּפילות. אין דער קאַפּליצע האָט פעלאַ שוין געטראָפן אַלע נאָנעס, קניִענדיק, אויסהערנדיק דעם גאָטעס־דינסט, וואָס עס רעכט אָפּ אַן אַלטער גלח, באַדינט פון אַ מינדער־יאָריק יינגל. פעלאַ האָט אַנידערגעקניט. אירע ליפּן מורמלען דאָס געבעט און אירע געדאַנקען שוועבן ווידער אַוועק צו דער מעשה וואָס רוסישע זעלנער האָבן צעפּויקט אינעם קריג, אַז בשעת זיי האָבן געגראָבן אינעם קעלער, זוכנדיק גאָלד, האָבן זיי געטראָפן ביינדלעך פון עופעלעך. עפּעס קען זי זיך גאָרנישט גלויבן אַז מאָנאַשקעס זאָלן זינדיקן. אָט קוקט זי זיך צו צו זייער לעבן שוין עטלעכע וואָכן. דער טאָג פאַרגייט זיי אין אַרבעט און תּפילה. די דירעקטאָרין, אַן אַלטע צעקנייטשטע מאָנאַשקע, איז זייער שטרענג, בפרט צו די יונגע, ערשט אויפגענומענע, וועלכע גיבן צומאָל אַ הויכן לאַך אָדער זינג. פאַר אַ חטא ווערט אַפילו באַטראַכט דאָס וואָס אַ יונגע נאָנע פאַרשאַרט אַ מאָל דאָס ענג געפּאַסטע טיכל איבערן שטערן און לאָזט זען די האָר. די שטראָף באַשטייט געוויינלעך פון זאָגן צען מאָל דעם פּאַציערזש און פאַסטן.

אין קלויסטער איז אויך איינגעאָרדנט אַ שול, ווו מיידלעך קומען לערנען לייענען און שרייבן און אויך נייען און העפטן. דער עיקר אָבער לערנט מען זיי גוטע מידות און תּפילה טאָן. זיי קומען אַרויס פון אָרעמע

היימען און קוקן מיט גרויס דרך ארץ אויף די מאַנאַשקעס. זייער אידעאַל איז צו ווערן ווי זיי, אַ נאַנע, אָבער נישט אַ יעדע האָט די זכיה צו ווערן יעזוסעס כלה. זיי מוזן אַדורכגיין שווערע פּריוווּנגען ביז זיי דערגרייכן זייער ציל. פילן זיך טאַקע די מאַנאַשקעס ווי אויסדערוויילטע. שטיל און באַשיידן גייען זיי איבערן שטעטל אין זייער שוואַרצער טראַכט, די הענט פאַרשטעקט אין די ברייטע אַרבל און פונעם גאַרטל הענגט אַראָפּ דער רויזן־קראַנץ. זיי גייען אויך איבער די דערפער, העלפן קראַנקע און קימפּעטאָרינס. פעלאַ זעט זיי אויך אַרבעטן אין גאָרטן. זיי ציִען אויף פאַרשידענע סאָרטן בלומען מיט וועלכע זיי פּוצן אויס דעם קלויסטער.

צו פעלאַן באַציִען זיי זיך פריינטלעך, אָבער רעזערווירט. זי וועט נישט ווערן קיין מאַנאַשקע. זי איז אַן אומגלויביקע און גרייט זיך דאָ צו, כדי צו זיין ראוי אויפגענומען צו ווערן אינעם שויס פון דער הייליקער קירך. די דירעקטאָרין אַליין האָט פעלאַן אונטעררעכטעט. פעלאַ איז געווען אַ גוטע שילערין. זי האָט זיך אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק די אַלע תפילות וואָס מען האָט איר געהייסן. זיך געצלמט פאַר און נאָך יעדן עסן, זיך אויפגעפירט ווי אַ פרומע קריסטין, אָבער דאָס אַלץ האָט זי געטאָן מעכאַניש, אָן פרומער התפעלות, פונקט ווי צום ביישפּיל אין גימנאַזיע. זי האָט זיך אויסגעלערנט די מיטאָלאָגיע מיט די נעמען פון די געטער און זייער געצנדינסט. אָפט, ווען זי פלעגט קניִען צו דער תפילה, פלעגט איר אַ שטאָך טאָן אין האַרצן: — „אַ יידיש מיידעלע טאָר נישט קניִען" — פלעגט איר זאָגן די מאַמע ווען זי האָט געקניט אויפן בענקל כדי צו דערלאַנגען צום טיש. זי דערמאָנט זיך ווי איר מאַמע פלעגט מיט איר זאָגן יעדן אינדערפרי די ברכה און ווען זי איז גרעסער געוואָרן, פלעגט די מאַמע זי דערמאָנען: „די ברכה זאָג פייגעלע, די ברכה!" — קריאת שמע פלעגט מיט איר זאָגן קליינערהייט דער טאַטע... יאָ, דער טאַטע! עס ווערט איר אַנטפאַלן דאָס האַרץ, זיך דערמאָנענדיק אין אים. זי זעט שטענדיק אויף זיך געריכטעט זיינע דראָענדיקע אויגן. — טאַטע, איך בין נישט שולדיק, טאַטע, — צעוויינט זי זיך — פאַר וואָס האָסטו מיך פאַרשטויסן?!

צוויי מאָל אין דער וואָך האָט מען דערלויבט איר חתן מיכאַל פאַוולאָ־וויטש זי צו באַזוכן. אין גרויסן אויפנעמזאַל האָבן זיי פאַרבראַכט אַ שעה. זי וועט אים קיין מאָל נישט מוחל זיין פאַר וואָס ער האָט אָפּגענאַרט איר

פאַטער. מיכאַל פלעגט קומען אַ הייס פאַרליבטער, זי אַרומנעמען, קושן אירע הענט, שעפטשען ליבעס־ווערטער. זי האָט פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן.

—פעלוסיאַ, מיין טייערער, האָסט נאָך אַלץ מיך נישט ליב?

— וואָס ווילסטו? — האָט זי געענטפערט אַ מידע, — האָסט דאָך שוין דיינס דערגרייכט.

— פעלוסיאַ, ביסט אַזאַ קאַלטע, אַזאַ קאַלטע, גאַרנישט ווי אונדזערע מוידן!

זי האָט אים געוואָלט ענטפערן — „האָסט נאָך אַ ברירה, קענסט דיר נעמען פון דייניקע". אָבער זי האָט פאַרשוויגן די ווערטער, זי האָט פשוט פאַר אים מורא געהאַט... נאָך זיין אַוועקגיין דאַכט זיך איר אַז די נאָנעס קוקן אויף איר מיט קינאה. אָרעמע נאָנעס, גאַרנישט אַזאַ גליק צו באַזיצן אַ חתן...

איין מאָל איז זי אַריינגעדרונגען טיפער אין זייערע נשמות און זיי פאַרשטאַנען. דאָס איז געווען אַ שטילער אויפדערנאַכט, דווקא נישט די צייט פון תפילה. דורך אַ שפּאַרע פון אַ טיר זעט זי ווי אַ מאָנאַשקע ליגט אין שטילן עקסטאַז פאַרן קרוציפיקס. די ליפּן קושן די שטיינערנע פיס, די הענט גלעטן און צערטלען דעם נאַקעטן גוף, אין היילקער פאַרגע־טערונג קוקט זי אויפן צערפולן פנים מיט די פאַרגלייזטע אויגן... פעלאַ האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס קושן זיי נישט גאָטס זון, נאָר דעם מאַן נאָך וועלכן זייערע פרויען־נשמות בענקען. דאָס צערטלען און פאַרגעטערן זיי אין אים דעם אומבאַקאַנטן מאַן. אָפט מאָל אויס פאַרצווייפלונג האָט זי זיך אויך געוואָרפן פאַרן קרוציפיקס, זיך פאַרגאַנגען אין אַ געוויין: צוליב איינעם ליידט זי. דורך אים איז דאָס אַלץ געקומען. נישט אָפּגעשאַצט האָט ער איר ליבע, נישט פאַרשטאַנען דעם גרויסן קרבן וואָס זי האָט אים געבראַכט. ער האָט דעם קרבן צוגענומען מיט דעם עגאָיזם פון אַ מאַן און זי דערנאָך איבערגעלאָזט אין איר נויט, אויף איר אייגענעם גורל. די אויגן זענען איר פאַרשוואומען געוואָרן פון טרערן, די שטיינערנע פיגור נעמט אָן דר. שוואַרצס געשטאַלט. לאַכנדיקע, ברוינע אויגן קוקן אויף איר פאַרליבט, שמייכלענדיקע ליפּן מיט אַ גאָלדענעם צאָן אין דער זייט פליס־טערן: „מיין קליין זיס מיידעלע"... זי האָט אים נאָך אַלץ ליב. ער גייט

אַראָפּ פון דער הויך און לייגט זיינע הענט אויף איר קאָפּ, ווי ער וואָלט זי בענטשן. אַ פאַרטראָגענער שמייכל צעהעלט איר פּנים ,און שטילן עקסטאַז לייגט זי צו אירע ליפּן צו די שטיינערנע פיס, קושט זיי...

פּאַרזיכטיק האָט דער פּרילינג געשטעלט זיינע ערשטע שריט. צוערשט נאָר אַ שיין געטאָן ביי טאָג. פון סטריכעס האָט אָנגעהויבן צו טריפן, אָבער באַלד האָט אָנגעיאָגט אַ קאַלטער ווינט און די טראָפּנס זענען פאַרפרוירן געוואָרן אין צאַפּנס. דער שניי אויף די וועגן האָט אָנגעהויבן צו לאָזן, אָבער פאַרנאַכט האָט אַראָפּגעגנידערט אַ פראָסט און פאַרוואַנדלט די וועגן אין גליטשיקן גלאָז, אַ סכנה געווען אַ פוס צו שטעלן. סוף כל סוף האָט דער פרילינג גובר געווען. די הויפנס שניי זענען איינגעזאַנגען. פון די בערג איז געפלאָסן דער שניי אין ריטשקעלעך גלייך אין טייך אַריין. דאָס שטילע טייכל, וואָס איז געפלאָסן רויק אַ גאַנץ יאָר צווישן די ווערבעס, איז מיט אַ מאָל געוואָרן אַ גרויסער שטראָם. מיט אַ גרויסן געקראַך זענען געשווומען אייז־קריִעס. דאָס וואַסער איז אַרויס פון די ברעגעס, פאַר־פלייצט גערטנער און לאָנקעס, מיטגעשלעפּט מיט זיך וואָס איז אים גע־קומען אין וועג. די קריִעס האָבן צווישן זיך מלחמה געהאַלטן. איינע האָט געוואָלט די אַנדערע אַריבעריאָגן. דאָס וואַסער האָט געשוימט און געברויזט, געפּרוווט די קריִעס אַריבערשפּרינגען. אין די פעלזיקע ברעגעס פון די בערג, האָבן די כוואַליעס זיך אָפּגעשלאָגן, אָבער אין די נידעריקע טאָלן איז דאָס וואַסער זיך צעפלאָסן אין דער לענג און אין דער ברייט. פאַר דער שטאָט האָט מען אויפגעמאַכט די הרעבליעס, זאָל דאָס וואַסער זיך צעגיין איבער די פעלדער און פאַרשווינען די שטאָט. קינדער האָבן זיך געשפּילט ביים ברעג. געוואָרפן שטיינער אויף די קריִעס, אָדער געוואָלט מיט לאַנגע האָקנס זיי אַרויסשלעפּן. די מער געוואַגטערע ייִנגלעך האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ קריִע און קערוועגדיק מיט אַ שטעקן, זיך געלאָזט אויף זיי שיפן.

ווייבער, די הענט אונטער די פאַרטעכער, שטייען אין דרויסן. זיי וואַרעמען זיך אויף דער זון און כאַפּן אַ שמועס. נאָך דעם לאַנגן ווינטער וויל זיך עס נישט זיצן אין פייכטן, שימלדיקן הויז. זיפצנדיק און שנייצנדיק די נעז אין די פאַרטעכער, האָט מען זיך איבערגעגעבן די טרויעריקע

נייעס, אַז דעם צווייטן טאָג פּסחא וועט מען אָפּשמדן פּיגעלען, ר׳ סענדערס טאָכטער.

— אַז נישט דערלעבן זאָל זי עס, גאָטעניו געטרייער!

— נעבעך אַ רחמנות אויף אירע אַלטע טאַטע־מאַמע.

— אָפּגעהיט זאָל מען ווערן, אין קיין שום יידיש הויז זאָל אַזוינס נישט געהערט ווערן, זיפצן אָפּ די ווייבער.

— איר זאָלט הערן מיט וואָס פאַר אַ גדולה די זשלאָבעס רעדן דער־פון. — „שוין, זאָגן זיי — מיר מישן זיך שוין אויס. אייער סענדעראָוואָס טאָכטער שמדט זיך און האָט חתונה פאַר אונדזער וואָיטס זון״. —

— זאָלן זיי איינגעמען אַ מיתה משונה צוזאַמען מיט דער משומדתטע — שפּייען אויס די ווייבער אין דער זייט און צעגייען זיך טרויעריק.

די דירעקטאָרשע פונעם קלויסטער האָט שוין געגעבן די הסכמה אַז פעלאַ איז ראוי אויפגענומען צו ווערן אין שויס פון דער קירך. דעם צווייטן טאָג פּסחא האָט באַדאַרפט פאַרקומען די שמד־צערעמאָניע און באַלד נאָך דעם — דער סלוב מיט מיכאַל פּאַוולאָוויטש. פעלאַ איז אַרומגעגאַנגען זייער אַ באַאומרויקטע. כאָטש זי איז שוין געווען דערצו צוגעגרייט פון לאַנג, דאָך וואָס נעענטער עס קומט דערצו אַלץ מער שרעקט עס זי. ר׳ סענדערס טאָכטער גייט זיך שמדן?! דאָס טאָר דאָך קיין מאָל נישט געשען! נאָר ווי אַזוי פאַרמיידט מען עס? דאָס רוישן און שטורעמען פונעם דניעסטער ווירקט אויף איר, איר אומרויקייט שטייגט, עס באַשלאָגן זי אַנגסטן פאַר שרעק. זי פאַרמאַכט זיך אין איר צעל. אָבער אין דער איינזאַמקייט הערט זי נאָך דייטלעכער דעם דניעסטערס רוישן. זי לויפט אַרויס, אַ האַלבער פאַרק שטייט אין וואַסער. די שפּיצן פון די קוסטעס שטאַרצן אַרויס פונעם וואַסער ווי נידעריק גראָז. מיט אַ געקראַך שלאָגן זיך אָפּ די קריִעס אין די אַלטע דעמבעס. עס ברעכן זיך די יונגע ביימלעך און די כוואַליעס שלעפּן זיי מיט זיך. פעלאַ שפּאַרט זיך אָן אין אַ הויכן בוים און קוקט מיט שטאַרע אויגן פאַר זיך. דער ווינט רייסט איר די קליידער, צעשויבערט איר די האָר. זי האָט נישט געפילט. זי קוקט אויף די צעשטורעמטע וואַסערן און פונקט אַזוי שטורעמט עס אין איר. ווילדע כוחות האָבן זיך אין איר צעבונטעוועט און גיבן איר נישט קיין רו. זי זעט שטענדיק איר בייזן פאָטער. זיינע שטרענגע אויגן זאָגן איר — „גיכער

אַ טויטע טאָכטער, איידער אַ געשמדטע". — ער שטייט פאַר איר ווי דעמאָלט ווען זי האָט אים צום לעצטן מאָל געזען, אַ דראָענדיקער און פאַרשעלטנדיק זי, זי אָפּגעשטויסן פון זיך און זי איז געפאַלן אויף דער ערד... וווהין לויפט מען? וואָס טוט מען? אפשר זיך לאָזן טרייבן פון די כוואַליעס? זיי זאָלן זי פאַרשלעפּן צוזאַמען מיט די קרי̤עס צום אָפּגרונט פון דני̤עסטער?

מאָנטיק, דעם צווייטן טאָג פסחא, האָבן מחנות פּויערים געצויגן אין שטעטל. פון יעדן דאָרף איז מען געקומען אין זייערע באַזונדערע טראַכטן. יעדער האָט געוואָלט דערביי זיין ווי די זשידיווקע וויכרישטייעט זיך. יעזוס האָט צוגעשיקט אַ שיינע פּאָגאָדע. די וואַסערן זענען שוין אָפּגעפלאָסן, און די בלאָטעס האָבן אָנגעהויבן אויסצוטריקענען. דאָס פלאַץ פאַרן קלויסטער, ווו די שמד דאַרף פאָרקומען, איז פול מיט מענטשן. דער קלויסטער איז אָפּגעשלאָסן, עס ווערן נאָר אַריינגעלאָזט דעם חתנס קרובים און דרוזשבעס די כלה צו פירן.

פון גאַנץ פרי אָן קלינגען די גלאָקן. זיי הייבן אָן דין און אויסגעצויגן — קלינג קלאַנג — דערנאָך שנעלער און העכער ביז זיי צעלאָזן זיך מיט שטאַרקע טענער אַלע אויף אַ מאָל ווי עס זאָל דאָס דונערן מיט אַ האָגל אויף אַ בלעכענעם דאַך און דערנאָך ווידער אויסגעצויגן און דין אין שטילע טענער, אַזוי כסדר. דאָס צי̤ען די גלאָקן איז אַ קונץ וואָס נאָר דער דיאַק קען און ער גיט עס איבער בירושה זיינע קינדער. עס זענען דאָ גרויסע און קליינע גלאָקן און נאָר דער דיאַק ווייסט ווי צו צי̤ען ביי די פאַרשידענע שטריק און עס שאַפט זיך אַ גאַנצער אָרקעסטער. אַנדערש קלינגט עס אין די חגא־טעג, ביי אַ חתונה, אַ באַגרעבעניש, אַ קריג אָדער שריפה. די מענטשן דערקענען לויט דעם קלינגען פון די גלאָקן די געשעעניש. גאָר חשוב פילן זיך די שקצים וועלכע דער דיאַק קלויבט אויס זיי זאָלן אים העלפן אין דער הייליקער מלאכה. שטייט דער שייגעץ מיטן שטריקל אין דער האַנט און קוקט אויפן דיאַק, ווי אַ מוזיקער אויפן דיריגענט, ווען און ווי אַזוי ער זאָל צי̤ען ביים שטריק. היינט האָט דער דיאַק זיך גאָר פייערלעך צעלאָזט. עפּעס אַ קלייניקייט, אַ זשידיווקע וויכרישטייעט זיך. נישט אַלע מאָל מאַכט זיך אַזאַ געלעגנהייט.

פּלאַץ צעל איז פול מיט שיקסעס, וועלכע פּוצן די כלה. זי וועט

גיין אין פויערישער טראַכט. נאַסטיאַ האָט איר אויסגעניייט אַ פּרעכטיק העמד פון גויישער לייוונט, אויף ברוסט און אַרבל אויסגעשטיקט פאַר־שידענע בלומען. דערצו אַ ברייט קליידל און אַ סאַמעט סטאַניקל. ווען מען האָט זי איבערגעטאָן, האָבן די שיקסעס געפּאַטשט אין די הענט פאַר איבעראַשונג:

— הייליקע מאַריאַ! ס׳פּאַסט איר דאָך אַזוי שיין, אַן אמתדיקע רוסאַלקע!

מען האָט זי אַנידערגעזעצט, פאַרפלאָכטן די האָר און איר אַרויפ־געזעצט דאָס קרענצל.

— אוי! — מאַכט פעלאַ, — עס דריקט מיר דעם קאָפּ!

— וועסט דיך צוגעוווינען שוועסטערל!

זיי האָבן איר אָוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויפן טיש און באַלייגט אים מיט בלומען, אויף דער פּלייצע זיידענע קאָלירטע סטענגעס און אויף דער ברוסט קרעלן, פּאַטשערקעס און קמיעות. פעלאַ איז זייער אומרויק געוואָרן. דאָס קלינגען פון די גלאָקן האַקט איר אין קאָפּ, נישט בלומען שפּילן זיי איר אין קאָפּ נאָר טשוועקעס. דאָס גראָבע צוזאַמענגעציליעוועטע העמד אונטער דעם האַלדז, שטיקט זי. פּונקט אַזוי האָט מען יידישע מיידלעך אין מיטלאַלטער אונטער גלאָקן־געקלאַנג געפירט אויף די שייטערהויפנס, באַקליידטע אין זעק מיט דערנערקרענץ אויף די קעפּ. אַ בלייך גרוי פּנים קוקט אויף איר, דער טאַטע!

— וווהין גייסטו מיין טאָכטער?! — קלינגט זיין קול ווי פון אַ קבר אַרויס.

הינטער דער טיר האָבן שקצים־דרוזשבעס געטומלט:

— מען קען שוין פירן די כלה? דער חתן וואַרט אויף איר!

די שיקסעס האָבן ברייט צעעפנט די טיר און אַריינגעלאָזט די דרוזשבעס. פעלאַ איז אויפגעשפּרונגען, איר אומרויקייט איז געוואַקסן: אַנטלויפן! אַנטלויפן! אָבער וווהין? דער פּאַרק איז אַרומגענומען מיט אַ הויכער מויער. אויך די אַנדערע זייט איז פול מיט גויים.

— וואַרטס, וואַרטס נאָך צו אַ וויל, — האָט זי שנעל געזאָגט, פאַר־וואַרפנדיק דער מאַמעס שאַל אויף איר פאַרביקער טראַכט. נאַסטיאַ האָט זיך איר אָנגעהאָנגען אויפן אָרעם:

— זאָל איך דיך באַגלייטן?

— נישט נויטיק, איך קום באַלד.

פעלאַ איז אַרויס און זיך געלאָזט לויפן צווישן דיביימער. דער גלאָקן־געקלאַנג האָט איר נאָכגעיאָגט: — קלינג, קלאַנג קלינג... דער בית הכסא האָט זיך געפונען נעבן דער חורבה פונעם אַלטן קלויסטער. אַנשטאָט אַהין, איז זי פאַרגאַנגען פון הינטן גלייך צו דער הייל. אַ פּאַרסאַפּעטע האָט זי געצומען רייסן די טיר. אין האַרצן האָט זי געדאַנקט גאָט וואָס נאָך צוריק מיט עטלעכע וואָכן האָט זי אַנטדעקט דעם אונטערערדישן גאַנג. דער שלאָס, נאָך פּעט פון אייל, האָט זיך לייכט געעפנט. זי איז אַריין און הינטער זיך פאַרקלאַפּט די טיר. איצט האָט איר דאָס פלעמל פון דעם נר תמיד נישט צוגעלויכטן און זי האָט זיך דערפילט ווי לעבעדיק באַגראָבן. בעסער באַגראָבן, איידער צו גיין צו שמד. דער גלאָקן־געקלאַנג האָט זי געיאָגט, אַנטלויפן, אַנטלויפן וואָס ווייטער פון זיי! ערשט ווען זי האָט מער נישט געהערט די גלאָקן, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט כאַפּן דעם אָטעם. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין דער פייכטער וואַנט. לעבעדיק באַ־גראָבן! ווי יענע וועסטאַלקעס אין רוים, וועלכע האָבן געהיט יופּיטערס הייליקע פייער אין טעמפּל. זיי האָבן געשווירן אייביקע יונגפרוישאַפט און אויב איינע האָט געבראָכן איר שבועה, האָט מען זי באַגראָבן לעבע־דיקערהייט און זי האָט פאַרענדיקט איר לעבן אין שרעקלעכע יסורים. אָט אַזוי איז זי אויך, לעבעדיק באַגראָבן. אָבער צוריק גייט זי נישט. מיט איין האַנט צוהאַלטנדיק אויף זיך דער מאַמעס שאַל און מיט דער אַנדערער טאַפּנדיק די ווענט, איז זי ווייטער געגאַנגען. דער טונעל ציט זיך אָן אַן ענד, אומזיסט איז איר שפּאַנען, זי וועט זיך אַראָפּלאָזן אויף דער ערד און אַנטשלאָפן ווערן, זיך מער נישט אויפכאַפּן. זי פאַרמאַכט די אויגן. די זעלבע פינצטערקייט, די געדיכטע לופט שטיקט זי. פלוצים, — די שוואַרצע מאַנאַשקעס! דאָ הויזן זיי דאָך! זיי שטרעקן צו איר אויס די דאַרע פינגער, פון די סקעלעטישע פנימער פינקלען אַרויס די אויגן־היילן און עס שטאַרצן אַרויס זייערע ווייסע ציין. אַנגסטלעך האַלט זי אויף זיך צו איר מאַמעס שאַל און לויפט, לויפט, פאַרטשעפּעט זיך, פאַלט, הייבט זיך אויף און לויפט ווייטער. זי פאַרדעכעט זיך, בלייבט אָן אָטעם, גיט זיך אַ וואַקל צום אומפאַלן, עס ציט זי אַראָפּ צו דער ערד, אָבער

די מאַנאַשקעס יאָגן זי, אַט דערגרייכן זיי זי שוין, זיי וועלן זי דערשטיקן. פּלוצעם ווערט די לופט לויטערער, בלוילעכער, פון ווייטנס דרינגט אַריין אַ שיין, זי ציט זיך צו דער שיין און מיט אירע לעצטע כוחות פאַלט זי צו צו אַ פעלדזן־לאָך. זי שטעקט אַרויס דעם קאָפּ, אַ פעלדז ביים ברעג פון דניעסטער. אויף דער אַנדערער זייט בלינצלט אַרויס די פאַרגייענדיקע זון צווישן דיביימער פון וואַלד. עפּעס קומט איר פאַר באַקאַנט די געגנט. צי האָט זי דאָ אַ מאָל נישט שפּאַצירט מיט פּאַוולאָוויטשן? אין דער זייט אויף אַן אויסגעגלייכט שטיקל באַרג, דרייט זיך אַרום אַ פויער, שאַ נאָר! ס'איז דאָך ער, וואַסילקע, וואַסילקע טשודאַק.

— וואַסילקאָ, וואַסילקאָ! — שרייט זי מיט אירע לעצטע כוחות.

וואַסילקע הייבט אויף דעם קאָפּ פון דער אַרבעט, שפּאַרט זיך אָן אויפן ריסקאַל, קוקט זיך אום אויף אַלע זייטן, זעט נישט קיינעם, הויבט ער אָן ווייטער צו צעגראָבן די ערד. אָבער ער הערט ווידער דייטלעך:

— וואַסילקאָ, וואַסילקאָ, ראַטעווע!

ער קוקט אַראָפּ צום דניעסטער, קיינער טרעגט זיך נישט. ער הייבט אויף דעם קאָפּ און דערזעט פונעם פעלדז שטעקט אַרויס אַ מיידלשער קאָפּ אין אַ קרענצל. די סטענגעס פלאַטערן אַרום איר אויפן ווינט.

— וואַרט, איך קום גלייך.

אָבער עס איז נישט געווען אַזוי לייכט אַהין אָנצוקומען. ער האָט גענומען אַ שטריק, געמאַכט דערפון אַ הוידעלקע, ווי פויערישע קינדער טשעפּען צו צום בוים און אַרויפגעקראָכן אויפן באַרג, איבער דעם פעלדז ווו פעלאַ האָט זיך געפונען. נאָך אַ ווייל זעט זי ווי אַ שטריק לאָזט זיך פאַר איר אַראָפּ. זי הערט וואַסילקעס קול:

— זעץ דיך אַריין אין דער הוידעלקע און האַלט דיך פעסט אָן אין שטריק.

זי האָט אַזוי געטאָן, אַ מינוט האָט זי זיך אַ וויג געטאָן צווישן הימל און וואַסער, דערנאָך האָט זי געחלשט. ער האָט דאָס פאַרחלשטע מיידל אַריינגעטראָגן צו זיך אין זיין כאַלופּע.

# אַנטלאָפֿן פֿון שמד

מיכאַל פּאַוולאָוויטש, אויסגעפּוצט ווי אַ חתן, אין דער פּויערים־טראַכט, איז געשטאַנען אַרומגערינגלט מיט זיינע דרוזשבעס און געוואַרט אויף דער כלה. אומגעדולדיק קוקט ער צום אַריינגאַנג, עפּעס געדויערט עס צו לאַנג דאָס אויספּוצן די כלה. אויך דער גלח ביים אַלטאַר, אין אַ ווייסער טענדע־ווערענדע, מיט אַ שמאָלן שטרייף פֿון גאָלד־בראָקאַט אויף די אַקסלען, האָט שוין פֿאַרענדיקט די תּפֿילות און וואַרט אויף דער וויכרישטיאַנקע כדי דורכצופֿירן די שמד־צערעמאָניע. אין דרויסן שטייט מען קאָפּ אויף קאָפּ, יעדער וויל זי זען אַדורכפֿירן. שטאַרקע שקצים שטופּן צוריק דעם עולם, מאַכן אַ וואַרע, עס זאָל זיין פּלאַץ זי אַדורכצופֿירן. אין אַ נערוועזער געשפּאַנטקייט האָט יעדער געוואַרט. פּלוצעם זעט מען אַרויסלויפֿן פֿונעם קלויסטער אַ פּאָר שיקסעס מיט פֿלאַטערנדיקע קליידער און סטענגעס, און זיי מאַכן מיט די הענט:

— זי איז אַנטלאָפֿן!

בליצשנעל האָט זיך פֿאַרשפּרייט די נייעס: — די פֿאַרשאָלטענע יידישקע איז אַנטלאָפֿן! אין די יידישע געסלעך איז געווען שטיל. פֿאַרמאַכט אונטער שלעסער און ריגלען איז אַ יעדער געזעסן ביי זיך אין דער היים. „אַז עשו פֿריידט זיך, טרעט אים אָפּ יעקב פֿונעם וועג". אַממייסטן טרויער האָט זיך אָנגעזען אין דער גאַס ווו ר' סענדער האָט געוווינט. די בושה פֿון דער שמד האָט אויך געווירקט אויף די שכנים.

פֿינצטער און פֿאַרחושכט איז געווען ביי ר' סענדערן אין שטוב. אין שענק זענען געווען פֿאַרהאַקט די לאָדנס און פֿאַרריגלט די טירן. ר' סענדער איז געזעסן אויף אַ נידעריק בענקעלע, דעם קאָפּ פֿאַרזונקען אין די הענט. זיין שווייגן האָט זיך געלייגט ווי אַ שווערע משא אויף די אַרומיקע און האָט מער געווירקט ווי טעמעס וויינען און קלאָגן. זי איז נעבן אים געזעסן, געשאָקלט זיך און געקלאָגט. איר קול איז שוין געווען הייזעריק, די אויגן

רויט און געשוואָלן פון וויינען. פריידעלע איז אַריינגעקומען. זעענדיק אירע צעבראָכענע עלטערן, האָט זי אַליין קוים איינגעהאַלטן די טרערן:

— טאַטע, נעם עפּעס אין מויל אַריין, ווי לאַנג איז דער שיעור צו פאַסטן?

זי האָט זיך דערשראָקן פאַרן פאָטערס שטאַרן בליק און האָט אָפּ־געהאַקט. וועמען ליגט היינט אין זינען צו עסן? דער איידעם האָט זיך אַרומגעדרייט אַ ברוגזער און אָנגעכמורעטער. די קינדער האָבן נישט געוואָגט הויך צו רעדן אָדער לאַכן.

פון דרויסן האָט מען כסדר געהערט דאָס קלינגען אין די גלאָקן. ווי בייטשן איבערן לייב, האָט איבער זיי געדונערט דאָס קלינגען. ר׳ סענדערס בליק איז געווען געריכטעט אויף איין פּונקט. אין קאָפּ האָט געבויערט נאָר איין געדאַנק: ער זעט זי ליגער אויף דער ערד אַ קאַלטע און רויקע איידער זי זאָל פאַרלירן איר נשמה. זאָל זי גיכער שטאַרבן. דעמאָלט וועט זיך איר נשמה אומקערן צום כסא הכבוד אַ ריינע און נישט באַפלעקטע. זי וועט זיך באַהעפטן מיט אַנדערע לויטערע נשמות. וואָס העכער די גלאָקן האָבן געקלונגען, אַלס שטאַרער איז געוואָרן זיין בליק, פאַרעקשנטער דאָס בילד. טעמע האָט זיך פאַר אים דערשראָקן, זי האָט אים אָנגעהויבן צו טרייסלען ביים אָרעם:

— סענדער, סענדער! וואָס איז דיר? נאָ, נעם אַ טרונק וואַסער!

ער האָט אָפּגעשטויסן איר האַנט, נישט אַראָפּנעמענדיק זיין שטאַרן בליק פון דעם זעלבן פּונקט אויף דער ערד. טעמע איז זיך ווידער פאַר־גאַנגען אין אַ געוויין.

פּלוצעם איז איבערגעריסן געוואָרן דאָס קלינגען. סענדער האָט אויפ־געהויבן דעם קאָפּ, ווי אויף עפּעס געוואַרט... טעמע האָט אויפגעהערט צו קלאָגן — זאָל שוין זיין נאָך אַלעמען?

פאַר די פענצטער אויף דער גאַס איז געוואָרן אַ געלויפעריי. דער איידעם איז אַרויס געוואָר ווערן וואָס ס׳איז געשען. עמעצער האָט אָנ־געקלאַפּט אין פענצטער און אַריינגעשריגן:

— ר׳ סענדער! טעמע, שטייט אויף! אויס שמד, זי איז אַנטלאָפן!!

— אוי! — האָט טעמע געגעבן אַ קוויטש און געפאַלן. ר׳ סענדער האָט זיך אויפגעהויבן און געמאַכט אַ ברכה:

— ברוך הוא וברוך שמו!

דערנאָך האָט ער זיך אָנגעבויגן צו זיין ווייב זי צו דערמונטערן.

* * *

וואַסילקע האָט דאָס פאַרהלשטע מיידל אַוועקגעלייגט אויף זיין פריטש. זי איז געקומען צו זיך און שטיל געקרעכצט. ער האָט פאַרשטאַנען אַז עס דריקט זי דאָס קרענצל. ער האָט עס איר אַראָפּגענומען, אַרויסגעצויגן אַלע בלומען. אַנשטאָט דעם האָט ער איר געלייגט אַ קאַלטן קאָמפּרעס פון וואַסער. זי האָט אויפגעהערט צו קרעכצן און פאַרמאַכט די אויגן. באַלד זיי געעפנט:

— קוק נישט אַזוי אויף מיר טאַטע, איך גיי נישט צו דער שמד.

וואַסילקע האָט איר געמאַכט אַ שטאַרקע טיי און איר געגעבן צו טרינקען.

— וואַסילקאָ, שפּאַן איין די פערד.

— איך האָב נישט קיין פערד.

— וואַסילקאָ! — שפּאַן איין די פערד מיט די פליגלען, איך פלי וואַסילקאָ, איך פלי וויַיט אַוועק, העט וויַיט אַוועק איבערן דניעסטער, אויף יענער זייט ביז צו די שפּיץ בערג. ס׳איז אַזוי גוט צו פליִען!

פּלוצעם האָט זי אָנגעהויבן צו שרייען:

— וואַסילקאָ! — איך פאַל, איך פאַל אין אָפּגרונט! די שוואַרצע מאַנאַשקעס יאָגן מיך, זיי ווילן מיך דערשטיקן! — זי האָט זיך געוואָלט אַראָפּרייסן פונעם בעט, ער האָט זי צוריקגעהאַלטן, איר איבערגעביטן דעם קאָמפּרעס. זי האָט אינגאַנצן געגליט פון פיבער. מיט ביידע הענט האָט זי זיך צוגעהאַלטן דעם קאַלטן קאָמפּרעס:

— דער קאָפּ ווערט מיר צעזעצט פון די טשוועקעס! — זי איז געלעגן אַ וויַיל שטיל מיט פאַרמאַכטע אויגן, נאָר באַלד האָבן זיך איר צעקרימט די ליפּן ווי ביי אַ קליין מיידעלע צום וויינען:

— טרעט נישט דאָקטער אויף די בלומען, אויך בלומען האָבן נשמות ווי מיידלעך... האָסט פאַרגעסן דיין קליין מיידעלע, איך וואַרט שוין אַזוי לאַנג אויף דיר און דו קומסט נישט... מאַמע, מאַמע, איך האָב דיר געזאָגט אַז איך דאַרף נישט קיין דאָקטער, ער האָט מיך נישט געזונט געמאַכט נאָר קראַנק, אויף מיין גאַנץ לעבן האָט ער מיך קראַנק געמאַכט.

זי שטופּט אַוועק וואַסילקען, וואָס וויל איר דערלאַנגען אַ טרונק טיי צו די ליפּן. זי נעמט אים אָן פאַר מיכאַלן:

— אַוועק פון מיר מיכאַלקאָ! איך וועל נישט ווערן דיין ווייב. האָסט אָפּגענאַרט מיין טאַטן. אַוועק פון מיר!

מיט אַ טרויעריקן ראַזלעכן שיין איז דער טאָג פאַרגאַנגען. וואַסילקע האָט אָנגעצינדן אַ קליין קאַנעצל, עס אַוועקגעשטעלט אויפן פּריפּעטשיק עס זאָל נישט טשאַדן. צו פעלאַן האָט זיך קיין שלאָף נישט גענומען. אירע באַקן האָבן געפלאַמט פון פיבער און זי האָט ווייטער פאַנטאַזירט:

— מאַמע, וויין נישט, זאָג דעם טאַטן ער זאָל אויף מיר אַזוי נישט קוקן, איך בין נישט שולדיק. אָט האַלט איך אים הויך, הויך די הבדלה־ליכט.

וואַסילקע האָט פאַרקאָכט אַ טיי פון מאַנבלעטער וועלכע פאַרשלעפּערן און האָט עס געגעבן דער קראַנקער אויסטרינקען. איר קאָפּ איז שווער אַראָפּגעזונקען אויפן האַרטן היי־קישעלע. אָבער די ליפּן האָבן נאָך אַלץ געמורמלט, קוקנדיק אין טונקעלען רוים, ווי זי וואָלט פון זיך געוואָלט אַרויסברענגען די אַלע פאַרבאַרגענע ווייטיקן:

— פאַר וואָס וואַרפסטו מיך צו דער ערד? שמואליק ביסט ערגער פון מיר. מיכאַלקאָ! נישט דו האָסט מיך באַדאַרפט אויפהייבן. ער, דער דאָקטער, צוליב וועלכן איך בין געפאַלן... רייס מיר נישט דאָס קלייד, מ׳טאָר נישט... זיי שטיל מיין ווילד יינגל, לייג דיין קאָפּ אויף מיין האַרץ, איך וועל גלעטן דיינע האָר...

זי איז אַריינגעפאַלן אין אַן אומרויקן שלאָף. אין שלאָף האָט זי שווער געאָטעמט.

וואַסילקע איז צוגעגאַנגען צום ווינקל ביים אויוון, אַרויסגעגראָבן פון דער ערד אַ ליימיק קריגל, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ בייטל מיט געלט, עס פאַרשטופּט אין גאַרטל, פאַרוואָרפן אויף דער פּלייצע אַ ליידיקן זאַק. ער האָט נאָך אַ מאָל געוואָרפן אַ בליק אויפן אומרויק שלאָפנדיקן מיידל, אויסגעלאָשן דעם קאַנעץ און אַרויסגעגאַנגען.

די לבנה האָט פאַרוואונדערט באַטראַכט דעם איינזאַמען מענטשן וואָס שפּרייזט באַרג אַראָפּ. די שטערן האָבן זיך אָנגעהויבן לאַנגזאַם אויסצו־לעשן. נאָר דער מאָרגנשטערן האָט ווי אַ מורה דרך געפינקלט אַקעגן

וואַסילקען. דער טונקעלער הימל האָט באַקומען אַ בלווילעכן קאָליר. אין מזרח האָבן זיך באַוויזן ראָזעווע שטרייפן. די לבנה מיט די שטערן זענען איינגעגאַנגען, נאָר דער מאָרגנשטערן האָט עקשנותדיק ווייטער באַגלייט דעם מענטשן אין זיין איינזאַמען גאַנג.

ווען וואַסילקע איז אָנגעקומען אויפן ברייטן שליאַך, האָט אָנגעהויבן צו גרויען אויף טאָג. אַ וויסער, פאַרנעפּלטער פראָסט האָט געסקריפּעט אונטער די פיס. וואַסילקע וויקלט זיך אַרום פעסטער מיטן זאַק און הייבט אָן שנעלער צו שפּאַנען. אין וועג דעריאָגט אים אַ באַקאַנטער פויער מיט זיין פורל. וואַסילקע הייבט אויף דעם שטעקן און האַלט אים איין. דער פויער ציט איין די לייצעס, רוקט זיך אַ ביסל אין דער זייט, זאָגט:

— זיצט פעטער.

וואַסילקע פאַרוואַרפט אַ פוס. מען זיצט איינזייטיק, מיט די פיס צווישן די דראַבעס, די לייטער־לייסט פון דעם וואָגן און מען פאָרט. וואַסילקע פרעגט אים:

— וואָס עפּעס אַזוי ברודערל פרי אין שטאָט?

— איך האָב טערמין, האָב איך מיך געפעדערט פריִער, איידער מען מאַכט אויף דאָס געריכט־הויז. און איר פעטער, איר האַלט אויך פון דעם ווערטל: „ווער עס שטייט אויף פרי, דעם באַלוינט גאָט די מי?"

— אַוו דען, ווו דען? — ענטפערט וואַסילקע. נעמט אַרויס זיין בייטעלע מיט מאַכאָרקע־טיטון און ביט אָן דעם פורמאַן. דאָס פויערל האָט צוגעבונדן די לייצעס צום וואָגן, אַריינגעשטעקט צוויי פינגער אין ביטל, אַרויפגעשיט דאָס ביסל טיטון אויפן ציגאַר־פּאַפּירל, פאַרדרייענדיק זיך דעם ציגאַרעט, אָפּלעקנדיק מיט דער צונג און צוקלעפּנדיק, האָט ער בשעת מעהש געפרעגט וואַסילקען:

— האַ, וואָס זאָגט איר עפּעס, צו אַזאַ פאַרשאָלטענער יידישקע?

— וואָס איז? איך ווייס נישט פון גאָרנישט.

— איר זענט נעכטן נישט געווען אין קלויסטער?

— ניין.

— אַהאַ! — דערמאָנט זיך יענער אַז וואַסילקע טשודאַק גייט נישט אין קלויסטער.

— אָבער פון דער יידישקע וואָס דאַרף זיך שמדן, האָט איר דאָך געהערט?

— ווו דען? עפּעס דאָרט האָב איך געהערט. דאָס איז די, וועלכע האָט זיך אויפגעהאַלטןביים זשיד יאַנקל אין שטוב?

— יאָ, די זעלבע. זי האָט געזאָלט חתונה האָבן מיטן וואָיטס בנאָק.

— ני? יאָ?

— הערט מענטש! זי איז אַנטלאָפן! פּונקט פאַרן אָפּשמדן זיך, איז זי אַנטלאָפן!

— און מען האָט זי נישט געפּאַקט?

— אַ ווו דיר? זי איז אַריין ווי אין דער ערד!

— אפשר אַריינגעשפּרונגען אין דניעסטער?

— כאַפּט זי דער רוח! — האָט דאָס פויערל געגעבן אַ סיקע צווישן די ציין. — אָבער דעם וואָיטס זונדל ווערט נאָך איר משוגע.

— ער וועט געפונען אַן אַנדערע.

— אַ ווו דיר! ער האָט געשווירן אַז ער מוז זי געפונען און זיין טאַטע, דער וואָיט, קערט איבער וועלטן, די גאַנצע הראַמאַדע קערט ער איבער! אַזאַ בושה!!

— אַנו ברודערל, טרייבט נאָר צו אַ ביסל דאָס פערדל, איר קענט נאָך פאַרשפּעטיקן דעם טערמין.

— זאָל גאָט היטן! — האָט דאָס פויערל דערלאַנגט דעם פערדל אַ פּאָר גוטע שמיץ — אַז מען ווערט אָן אַ טערמין, צאָלט מען שטראָף.

דאָס שטעטל האָט אָנגעהויבן צו דערוואַכן פון ביינאַכטיקן שלאָף. יידן האָבן אַראָפּגענומען פּרעטעס פון טירן, פאַרשויבן די לאָדן. וואַסילקע איז געגאַנגען צו מאָטל בעל עגלה. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. באַלד האָבן זיך דערהערט טריט. די מאָטלעכע האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, דערזעענדיק וואַסילקען, האָט זי זיך צעשריגן:

— וואָס עפּעס קלאַפּסטו פאַרטאָג אין די טירן? ווער דאַרף דיינע פיש? ס'איז נאָך וויט ביז פרייטיק — האָט זי אים געוואָלט צוקלאַפּן די טיר פאַר דער נאָז.

ער האָט אַריינגעשטעקט אַ פוס:

— איך ווייס ווויל ווען ס׳געפאַלט אייער הייליקער שבת, איך ברויך אַ פורל, גייט וועקט אויף אייער מאַן.

די מאַטלעכע האָט זיך צעלאַכט:

— און צו פוס ביסטו קראַנק צו גיין? הראַשי האָסטו? אַ פורל קאָסט אַ פינפערל.

וואַסילקע האָט אַרויסגענומען פון אונטער זיין קרייקע דאָס לעדערנע בייטעלע, צעצויגן די בענדלעך און פּאַמעלעך אויסגעציילט אויף דער מאַטלעכעס דלאָניע פינף זילבערנע זלאָטעס.

— אַזוי איז עפּעס אַנדערש, איך גיי שוין אויפוועקן מיין מאַן.

— זאָגט אים ער זאָל צופאָרן צו דר. שוואַרץ, איך ברויך דעם דאָקטער צו אַ חולה מסוכן.

פון דאָרט איז וואַסילקע געגאַנגען צום דאָקטער. ער האָט געגעבן אַ צי ביים גלעקל און ווען מען האָט גלייך נישט געענטפערט, האָט ער אָנגעהויבן צו קלאַפּן אין דער טיר. אַ שיקסל אין אַ ווייס הייבל האָט זיך באַוויזן:

— איך ברויך דעם דאָקטער.

— ער שלאָפט נאָך. קום שפּעטער. — זי האָט געוואָלט צוריק פאַר־מאַכן די טיר, אָבער ער איז שוין געווען פון יענער זייט:

— איך וועל אים אויפוועקן! — און גלייך גענומען שפּאַנען צו די אינעווייניקסטע צימערן.

זי האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג:

— וואָס רייסטו דיך אַריין ווי אַן איינברעכער?

— איך ברויך דעם דאָקטער צו אַ חולה מסוכן.

— זעץ דיך דאָ אַוועק, — וויזט זי אים אָן אויף די ווייכע שטולן. — איך גיי אים אויפוועקן.

ער האָט זיך נישט געזעצט, נאָר איר נאָכגעגאַנגען. דאָס מיידל האָט פאַרוואונדערט געגעבן אַ הייב מיט די אַקסלען און לייכט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פונעם שלאָף־צימער. קיין ענטפער.

— דו זעסט? — לייגט זי אַרויף אַ פינגער אויפן מויל און רעדט שטיל צו וואַסילקען:

— דער דאָקטער שלאָפט. ער איז נעכטן שפּעט אַהיים געקומען.

וואַסילקע גיט זי אַ שטופּ אַוועק און גיט אַ פּאָר זעץ אין דער טיר:

— פּאַנע דאָקטאָר, שטייט אויף!

אינעווייניק האָט זיך דערהערט אַ גערויש און אַ פאַרשלאָפן קול:

— וואָס איז דאָרט?

— פּאַנע דאָקטער! שטייט אויף! מען דאַרף אייך צו אַ חולה מסוכן!

— יאַ... — האָט זיך דערהערט אַ גענעצן — איך קום שוין.

די דינסט איז געלאָפן אים צוגרייטן אַ קאַווע.

בשעת דעם טרינקען פרעגט ער זי:

— ווער רופט מיך?

— איך ווייס? עפּעס אַ באָרוועסער פּויער מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס.

— אויך מיר אַ סימן. ווו האָסטו געזען אַ פּויער אָן אַ זאַק, אַ ייד אָן אַ שטעקעלע און אַ יידענע אָן אַ קיישל?

דערווייל האָט זיך וואַסילקע אַריינגעשלייכט אין שלאָפצימער. ער באַטאַפּט דאָס ווייכע געלעגער, נעמט אַראָפּ דעם זאַק פון די פּלייצעס און הייבט אָן אַריינצושטופּן די פּוכיקע קאָלדרע, צוזאַמען מיט די יילעכער און קישן. ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט די פיינע זיידענע פּיזשאַמע און געצווייפלט צי זי וועט זיין גוט פאַר פּעלאַן. לסוף האָט ער זי אַריינגעשטופּט. ער איז אַרויסגעגאַנגען מיטן פולן זאַק און געזאָגט צו מאַטלען:

— דער דאָקטער נעמט דאָס מיט. מאַך אים דערפון אַ ווייכן זיצאָרט.

מאַטל האָט צו אים געמאַכט מיט אַן אייגל:

— דעק עס צו מיט דער וואָרעטע.

באַהאַלטן דעם זאַק, גייט וואַסילקע צוריק צום דאָקטער:

— פּאַנע דאָקטער, איילט אייך צו!

דער דאָקטער, אַ האַלב אָנגעטוענער, האָט געלאָזט די קאַווע נישט דערטרונקען. אַרויפוואַרפנדיק די שלייקעס אויף די אַקסלען, האָט ער געפרעגט דעם גוי:

— ווער איז די קראַנקע? אייער פרוי? אייער טאָכטער?

— איר וועט שוין זען. זי איז מסוכן קראַנק און דאַרף אייער הילף.

דער דאָקטער האָט געוואָרפן אַ פאַרוואונדערטן בליק אויפן באָרוועסן, אָפּגעשליסענעם פּויער. געווייגלעך באַציִען זיי זיך צו אים מיט גרויס רעספּעקט און דער האָט אַפילו פאַר אים נישט אויסגעטאָן דאָס היטל.

גערן וואָלט ער אים געשיקט צו אַלדי רוחות, אָבער זיין דאָקטאָריש געוויסן האָט איבערגעוויגן און ער איז מיטגעפאָרן.

וואַסילקע איז געזעסן לעבן מאָטלען אויף דער קעלניע און זיך אונ־טערגעדרימלט, דאָך האָט ער דערפילט ווען מאָטל לאָזט נאָך די לייצעס און לאָזט פּאַוואָליע גיין דאָס פערדל.

— מאָטקע! שנעלער! גיב אַ טרייב דיין נבלהלע!

— דו זעסט נישט ווי עס שוויצט? — ווייזט מאָטל אָן מיטן איבער־געקערטן בייטשל די פּייכטע פּאָדבאָקעס פונעם פערדל.

נעמט וואַסילקע סמאָטשקען און שרייען צום פערדל:

— הע! וויאָ!

— הער אויף מענטש! צו מיין פערד וועסטו סמאָטשקען?

— מענטש! דיר איז גרינג צו רעדן! מיין קראַנקע קען מיר דערווייל אויסגיין.

— און מיין פערדל איז וואָס? עס מעג יאָ אויסשטרעקן די פיס? קיין האָבער האָט עס נאָך היינט נישט פאַרזוכט.

— נאַ, טאָסטו נאָך אַ זלאָטע אויף האָבער! — שלעפּט אַרויס וואַסילקע נאָך אַ זלאָטע און דערלאַנגט אים.

— אַזוי איז עפּעס אַנדערש, — הייבט אויף מאָטל די בייטש.

אָנגעקומען פאַרן דאָרף, פרעגט מאָטל אין וועלכן געסל צו פאַרפאָרן.

— אין קיין שום געסל. אָט דאָרט צום באַרג פאַרפאָר. באַהאַלט דאָס וועגעלע אין וועלדל צווישן דיביימער און וואַרט אויפן דאָקטער. מיר וועלן אַרויפגיין צו פיס.

— קריכט אַראָפּ, פּאַנע דאָקטער.

דער דאָקטער איז אַראָפּגעקראָכן. עפּעס איז אים די זאַך פאָרגעקומען משונהדיק. ער האָט געקוקט פרעגנדיק אויף מאָטלען, דער האָט אים אויף יידיש אויפגעקלערט אַז דער ערל איז אַן אָרנטלעכער מענטש, ער ברענגט יידן פיש אויף שבת און מ׳קען אים געטרויען. אָבער צו וועמען ער דאַרף אַ דאָקטער, ווייסט ער נישט. ער האָט נישט קיין פאַמיליע. דאָס האָט נאָך מער מאָדנע אויסגעזען אין דאָקטערס אויגן.

— הער נאָר מענטש, אפשר איז קראַנק אייער כאָדאָבענקע?

— ווי דען? אוי, קראַנק איז מיין אָרעם שעפּעלע.

— האָסטו דאָך דיר געזאָלט ווענדן צום וועטערינאַר און נישט צו מיר?

— דער וואָס האָט זי קראַנק געמאַכט, דער זאָל זי געזונט מאַכן...

דעם דאָקטערס פאַרווּנדערונג איז נאָך מער געשטיגן, דאָך האָט ער גענומען זיין שוואַרץ רענצל און שווייגנדיק נאָכגעגאַנגען דעם מאָדנע גוי מיטן פולן זאַק אויף אַן אַקסל. דאָס גיין באַרג־אַרויף איז אים אָנגעקומען שווער, דער באַרוועסער גוי איז פאַר אים געגאַנגען אויפן שטעקן אָנגע־שפּאַרט, לייכט ווי אויף אַ גלייכן וועג. דער דאָקטער האָט זיך אַלעמאָל אָפּגעשטעלט און זיך אָפּגעווישט דעם שווייס. וואַסילקע האָט געטריבן:

— שנעלער, שנעלער פּאַנע דאָקטאָר, ס׳איז שוין נישט ווייט, אָט דאָרט, יענץ שטיבל.

דר. שוואַרץ האָט אין האַרצן פאַרשאָלטן דעם גוי צוזאַמען מיט זיין פּראָפעסיע. ער פלאָגט זיך טאָג און נאַכט און וואָס האָט ער דערפון? די פויערים האָבן דען צו באַצאָלן? ערשט ביי דעם דאָזיקן מאָדנעם מענטש וועט ער דאָס פּאַקן דעם אמתדיקן פאַרדינסט.

לסוף זענען זיי אָנגעקומען. דער הויכער דר. שוואַרץ האָט זיך געמוזט אָנבייגן, כדי אַריינצוגיין דורך דער נידעריקער טיר. דאָס איז גיכער געווען אַ קאָטשע פאַר בהמות, איידער אַ וווין־אָרט פאַר מענטשן. די ליימענע ווענט זענען געווען טוכלע און פאַרשימלט. פונעם קליינעם שייבעלע האָט די זון געוואָרפן אַ שטראַל אויפן האַרטן פּריטש אויף וועלכן ס׳איז געלעגן די קראַנקע, מיט אַ וואַרעטע צוגעדעקט. דער דאָקטער איז צו איר צו־געגאַנגען:

— פעלאַ?! — האָט ער אויסגערופן אַ טיף דערשיטערטער און פאַר איר אַנידערגעפאַלן. אָה, אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד האָט ער צוריק געפונען זיין קליין, זיס מיידעלע! וואַסילקע איז געשטאַנען אין דער זייט, די הענט אַריינגעשטופּט אין די ברייטע אַרבל:

— פּאַנע דאָקטאָר, ראַטעווע זי!

דער דאָקטער האָט זיך באַהערשט, פאַרביסן די ליפּן, כדי צוריקצו־דרענגען די טרערן. ער האָט איר געמאָסטן די היץ, געטאַפּט דעם פּולס. זי האָט געהאַט ביי די פערציק גראַד היץ. פעלאַ איז געלעגן אַ פאַר־טראָגענע, נישט וואָך און נישט אין שלאָף. זי האָט געדרייט מיטן קאָפּ, ווי דאָס קרענצל וואָלט זי נאָך אַלץ געדריקט. די ליפּן זענען איר געווען

פּאַרטרוקנט. וואַסילקע האָט איינגעטונקען אַ פעדער אין קאַלט וואַסער און דאַמיט איר באַנעצט די ליפּן. ער האָט איר צוגעלייגט אַ קאַלטן קאָמפּרעס צום קאָפּ.

— וואַסילקאַ, — האָט דער דאָקטער געפרעגט אַ טיף געריהרטער, — ווי קומט זי אַהער?

— זי האָט אָנגעטראָפן אויף אַן אונטערערדישן טונעל פון מיטלאַלטער, וואָס די טערקן האָבן דאָ אויפגעבויט, ווען זיי זענען געקומען פון דער רומענישער זייט און איינוואַדירט דאָס לאַנד. זי איז מיט אָט דעם וועג אַנטלאָפן פון קלויסטער און געקומען ביז אַהער. איך האָב זי אַרויסגע־שלעפּט פון אַ פעלדזן־לאָך.

וואַסילקע האָט אַרויסגענומען פונעם זאַק דעם דאָקטערס בעטצייג. געמיינט האָט ער אַז דער דאָקטער וועט אים פירהאַלטן פאַר דער גניבה, אָבער דער דאָקטער האָט אים געקלאַפּט איבער דער פּלייצע:

— ביסט אַ כוואַט וואַסילקע!

זיי האָבן איר איבערגעבעט, אַראָפּגעצויגן פון איר דאָס גראָבע העמד מיט די שווערע באַנייטע בלומען, אָנגעטאָן דעם דאָקטערס פּיזשאַמע.

— וואַסילקאַ, נעם אַוועק דיינע קרייטעכצער. גיב איר איין יעדע צוויי שעה פון דעם רעצעפּט וואָס איך לאָז דיר איבער. יאָ, האָסטו דען אַ זייגער?

— נישט געזאָרגט פּאַנע. איך קען מיך אויס אויף דער זון. זי איז בעסער ווי אייערע זייגערס. זי פאַרשפּעטיקט קיין מאָל נישט און נישט זי לויפט.

פעלאַ איז געלעגן מיטן קאָפּ טיף אין קישן, די אויגן האָבן אַרויס־געקוקט דורך די האַלב געעפנטע לעפלעך, אָבער גאָרנישט געזען. דער דאָקטער האָט מיטן פינגער אַראָפּגעדריקט די הויט פאַרן אויג און באַ־טראַכט די ווייסלען.

— וואָס איז איר דאָקטאָר? — האָט וואַסילקע געפרעגט. לויט זיין פויערישן שכל איז דאָס מיידל אַ פאַרבייקע?

— זי האָט דאַכט זיך אַ געהירן־אָנצינדונג, יעדנפאַלס אַ שטאַרקן שאָק. מען טאָר זי נישט רירן פון אָרט. קאָך אויף אַ ביסל וואַסער.

וואַסילקע האָט צעבלאָזן אַ פייער אויפן פריפּעטשיק און אַוועקגעשטעלט אַ פאַרייכערטן טשוהו מיט וואַסער. ווען דער טשוהו האָט אויפגעזאָטן, האָט

דער דאָקטער אויפגעקאָכט זיין אינזשעקציע־אַפּאַראַט און געשטעלט דער קראַנקער אַ נאָדל.

— וואַסילקאָ, איך מוז שוין גיין, איך לאָז זי איבער אין דיינע הענט, היט זי אָפּ.

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פאַר פעלאַן, אַנגעבויגן דעם קאָפּ, געקושט איר צאַרט הענטל וואָס איז אָן כוחות אַראָפּגעהאַנגען. איר שטאַרער בליק האָט געהאָנגען אין אים, אָבער זי האָט אים נישט דערקענט.

— מיין שיין, אָרעם מיידעלע, — האָבן דעם דאָקטער געשטיקט די טרערן. ער האָט וואַסילקען געגעבן די האַנט:

— אַ דאַנק וואַסילקאָ! — ער איז שנעל אַרויס, זיך שעמענדיק מיט זיינע טרערן.

אויפדערנאַכט איז דער דאָקטער ווידער געקומען. דאָס קליינע קאַניצל אויפן פּריפּעטשיק האָט געוואָרפן לאַנגע, אומרויקע שאָטנס. מיט אַ יעדן ריר פון די מענער האָבן זיך זייערע שאָטנס אויף די ווענט פילפאַך פאַר־גרעסערט, אַנגענומען דראָענדיקע געשטאַלטן. פעלאַס בעט איז אין גאַנצן אין טונקלען, נאָר איר בלאַס פּנים שיינט פון דאָרט אַרויס. זי קרעכצט פון ווייטיקן און זיפצט אָפּ — „אוי, מאַמע מיינע!

— דאָקטאָר, לינדער אירע ליידן.

דער דאָקטער האָט צענומען הילפלאָז די הענט:

— עס קומט אַ צייט, ווען דער דאָקטער האָט אַלץ געטאָן און בלייבט דערנאָך שטיין מאַכטלאָז פאַר דער העכערער מאַכט, וועלכע אַנטשיידט.

וואַסילקע האָט אַנידערגעקניט פאַרן בעט און זיך געצלמט.

— בעזבאָזשניק (כופר) וואָס טוסטו?

— איך קני פאַר אַ הייליקער. נישט אין די געבעט־הייזער און אויך נישט אין הימל זאָלט איר זוכן די הייליקע. אָט ליגט אַ הייליקע אויף איר יסורים־בעט. ווי אַ ליכטיקער זונען־שטראַל איז זי צווישן אייך אַרומגע־גאַנגען און איר האָט זי נישט פאַרשטאַנען, זי דערנידעריקט, צעטרעטן, אָט צו וואָס איר האָט זי געבראַכט...

פאַרטאָג איז דער קראַנקערס שווערע אָטעמען רויקער געוואָרן, אויך דאָס פיבער איז עטוואָס געפאַלן.

דער דאָקטער האָט שטיל גערעדט, כדי נישט צו שטערן דער קראַנקער:

— וואַסילקאָ, איצט מוז איך גיין. אויפדערנאַכט וועל איך צוריקקומען. איך מוז זי דערווייל ביי דיר איבערלאָזן ווייל מען זוכט זי אַרום. אויך טאָר מען זי נישט רירן פון אָרט.

אויף דער דריטער נאַכט איז פעלאַ אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף. דורכן פענצטערל, דורך די שפּאַרעס פון דער טיר, דרינגט אַריין אַ נייער טאָג. פעלאַ עפנט די אויגן, אַקעגן איבער דרימלט דר. שוואַרץ, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט. זי האָט געפילט די גאַנצע צייט אַז ער דרייט זיך דאָ אַרום, אָבער זי איז נישט געווען זיכער צי ס'איז נישט קיין חלום. איצט זעט זי אים אויף דער וואָר. יאָ, ס'איז ער, אָבער אַ פרעמדער, נישט דער נאָך וועלכן זי האָט געבענקט.

וואַסילקע האָט באַמערקט איר וואַך ווערן און צו איר צוגעקומען.

— ווּ בין איך? — האָט זי אים געפרעגט מיט אַ שוואַכער שטים.

— ביי מיר. געדענקסט נישט, ווי איך האָב דיך אַרויסגעשלעפּט מיטן שטריק?

— ווי לאַנג איז עס?

— דריי טעג.

דר. שוואַרץ איז צו איר צוגעקומען. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן. וואַסילקע איז אַרויסגעגאַנגען כדי זיי נישט צו שטערן. דער דאָקטער האָט אָנגענומען איר האַנט, געפּרוווט איר פּולס, זי געגלעט איבער אירע גאָלדענע האָר.

— מיין קליין זיס מיידעלע, פעלוסיאַ מיין טייערע... — ער איז פאַר איר אַראָפּגעזונקען אויף דער ערד, געבויגן דעם קאָפּ. זי האָט אַרויפ־געלייגט איר האַנט אויף זיין קאָפּ:

— פאַר וואָס ביסטו נישט געקומען? איך האָב אויף דיר געוואַרט. ס'איז נישט געווען דער טאָג, די שעה, איך זאָל אויף דיר נישט וואַרטן, אָבער דו ביסט נישט געקומען.

— איך האָב עס געטאָן צוליב דיר. נישט געוואָלט דיר פאַרשאַפן נאָך מער ליידן. אָבער איצט בין איך נעבן דיר און וועל דיך מער נישט פאַרלאָזן.

זי האָט אָוועקגענומען איר האַנט פון זיין קאָפּ:

— צו שפּעט... — האָט זי געפליסטערט און פאַרמאַכט די אויגן.

ער האָט זיך אויפגעהויבן, איר דערלאַנגט דעם רעצעפּט.
עס איז אַריינגעקומען וואַסילקע:

— פּאַנע דאָקטאָר, ס׳טאָגט שוין, מ׳קען אייך באַמערקן. איר דאַרפט פאָרן.

דר. שוואַרץ האָט זיך איבער איר איבערגעבויגן, איר געגעבן אַ לייכטן קוש אין שטערן:

— זיי געזונט מיין אוצרל. איך וועל ווידער קומען.

עס האָבן זיך צעבליט די ביימער. אין די סעדער זענען די עפּל־ביימער באַשיט געוואָרן מיט ראָזעווע צוויט. די נידעריקע ווייַנשל־ביימלעך זענען געשטאַנען ווי כלות אין ווייסע שלייערס אַרומגעהילט. פון די הויכע קאַרשן־ביימער זענען געפאַלן בליטן ווי פּוכיקע שנייעלעך אויפן וועג. קינדער האָבן זיך געיאָגט נאָך כרושטשעס. די לינדע לופט און די אַנגענעמע ריחות פון די צעבליטע ביימער האָבן די מענטשן אַרויסגעלאָקט פון די שטיבער. מען האָט שפּאַצירט אונטער די צעבליטע אַקאַציע־ביימער אויף דער אַלייע. פון פייגעלעך, ר׳ סענדערס מיזינקע, האָט מען אויפגעהערט צו רעדן. נישט אַנדערש, זי איז געשפּרונגען אין דניעסטער. ס׳איז נאָר אַ חידוש וואָס דאָס וואַסער וואַרפט זי נישט צוריק אַרויס. נאָר איין מיכאַל פּאַוולאָוויטש האָט נישט אויפגעהערט זי צו זוכן. ער מוז זי געפינען, אַ לעבעדיקע אָדער אַ טויטע. אויך טעמע האָט געהאָפט אַז איר טאָכטער לעבט. זי וועט זי נאָך דערלעבן צו זען. איר נאָמען איז ווייטער נישט דערמאָנט געוואָרן ביי ר׳ סענדערן אין הויז. דאָך האָט זיך איר פאָטער באַרויקט, ברוך השם, נישט געליטן קיין בזיון...

אין שטעטל איז אַרויס אַ נייער קלאָגג: דר. שוואַרץ האָט אַ געליבטע אין דעמבריוּוקע. וואָס דען? מען ווייסט נישט? אין שטעטל זענען נישטאָ קיין סודות! מען האָט אים געזען אַן אויפדערנאַכט פאָרן אויף מאַטלס וועגעלע און פאַרטאָג, ווען באַלעבאָסטעס פאַרקערן פאַר די שטיבער און קרעמערס נעמען אַראָפּ די פּרעַנטעס פון די טירן, זעט מען אים אַריינפאָרן אַ דרימלענדיקן אין שטעטל. מאָטל שווערט זיך אַז ער ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן, ס׳איז סתם אַן אויסגעטראַכטע מעשה. מען פאַרגינט אים נישט וואָס ער פירט דעם דאָקטער. אמת, ער פירט אים צו מאָל דעם דאָקטער, ערשטנס נישט יעדע נאַכט און נישט דווקא קיין דעמבריוּוקע

און צווייטנס נישט צו אַ געליבטער נאָר צו אַ חולה. מען האָט פשוט אויסגעטראַכט אַ בילבול אויפן דאָקטער. נאָר טעמעס צער האָט ער נישט געקאָנט פאַרטראָגן:

— ר' סענדערס ווייב, — האָט ער איר איין מאָל צוגעוואָרפן אַ וואָרט מיט אַ פינטל פון אַן אויג, בשעת ער האָט איר אָנגעפולט דאָס פעסל מיט וואַסער: — נישט געזאָרגט! גאָט איז אַ פאָטער!

— האַ? וואָס זאָגט איר? — איז זי פאַרציטערט געוואָרן.

— אָט דאָס וואָס איר הערט! האָט בטחון! — האָט ער צוגעלייגט אַ פינגער צום מויל.

זי האָט אים אָנגעכאַפּט ביים אָרעם, אַזש ער האָט פאַרגאָסן דאָס וואַסער:

— איר ווייסט עפּעס פון מיין פייגעלען?

— ש... האָט געדולד, מערצישעם וועל איך אייך ברענגען אַ גוטע בשורה.

מער האָט זי פון אים נישט געקאָנט געוואָר ווערן.

וואַסילקע האָט געהאַט אַ סך אַרבעט. ער האָט מיטן הילצערנעם לעפל געמישט אַ מילך־בריי פאַר דער קראַנקער. אין ווינקל אונטערן פריפעטשיק האָבן זיך געפּיקט הינדעלעך. די אויסגעפּיקטע האָט ער אַרויסגענומען פון אונטער דער קוואָטשקע און זיי געהאַלטן אין אַ זופּ אויף פעלאַס געלעגער. נאַסע, פּיפּטשענדיקע האָט מען זיי אַרויסגענומען, אָבער ווען זיי האָבן זיך אויסגעטרוקנט, זענען זיי געוואָרן פּוכקע, געלע פּיסקליאַטעלעך. פעלאַ האָט זיי געהאַלטן אויף דער האַנט, זיי געקושט אין די שנעבעלעך. פון ווייטנס האָט זיך געהערט אַ דונערן.

— ס'וועט זיין אַ געוויטער די נאַכט, — האָט געזאָגט אַ פאַרזאָרגטער וואַסילקע.

— און דער דאָקטער וועט אפשר קומען, — האָט געענטפערט פעלאַ. ער האָט זיך שוין עטלעכע טעג נישט באַוויזן, דער קראַנקער איז בעסער און ער האָט זיך געהיט מען זאָל נישט געוואָר ווערן.

— עט! איך מיין נישט דעם דאָקטער. מיין ציג האָט מיר געוואָרפן ציגעלעך און זיי וועלן מיר אויסגיין אויפן רעגן.

— נעם זיי אַריין.

— און דו ווייסט נישט דערציילן דעם דאָקטער?

— ניין.

וואַסילקע האָט אַריינגעפירט די ציג מיט די צוויי ציגעלעך. איר אויס־געבעטן אונטער פעלאַס בעט אַ געלעגער פון היי. די ציג האָט אַ צופרידענע זיך אויסגעצויגן און געלעקט אירע קינדערלעך. זי האָט זיך דאָך דאָ אוטנער וואַסילקעס פריטש אויסגעכאַוועט.

פאַרנאַכט האָט וואַסילקע אויף זיך אַרויפגעוואָרפן אַ זאַק, גענומען אַ שטעקן און געגאַנגען אַקעגן דעם דאָקטער. באַלד איז ער צוריק אַריינ־געפאַלן אַ דערשראָקענער:

— צוויי מענטשן קומען אַהער, מסתמא די פּאָליציי. — פעלאַ האָט פאַרבראָכן די הענט.

— זאָרג דיך נישט, — האָט ער זי באַרויקט — ער האָט זי איינ־געוויקלט אין איר דעק, געהייסן איר אַרונטערקריכן אונטערן בעט, זי פאַרדעקט מיט היי און פאַר איר אַוועקגעלייגט די ציג מיט די ציגעלעך. אַליין זיך אַוועקגעלייגט אויפן פריטש, צופוסנס באַזעצט די קוואָטשקע מיט די הינדעלעך. ער האָט זיך צוגעלייגט אַ קאָמפּרעס פון שטאַרקע גאָרשעצע און געקרעכצט. באַלד האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר:

— מאַך אויף די טיר וואַסילקאָ! — האָט ער דערקענט מיכאַל פּאַוולאָוויטשעס קול.

— עס איז נישט פאַרשלאָסן ברודערל. — האָט געזאָגט וואַסילקע מיט אַ שוואַך, שוואַך קול.

עס איז אַריין מיכאַל און נאָך אים דער סטרוזש פון דאָרף.

פּאַוולאָוויטש האָט געהאַלטן דעם לאַמטערן איבער וואַסילקען:

— דו האָסט באַהאַלטן ביי דיר דאָס מיידל פעלאַ?

— וואָס האָב איך באַהאַלטן, אַ מיידל? אַ מיידל איז דען אַ פאַר־באָטענע סחורה? טיטון אָדער בראָנפן איך זאָל באַהאַלטן? אוי, גוטע מענטשן, העלפט מיר! אַ היץ מיט ווייטיק האָבן מיך באַשלאָגן, נישט פאַר אייך געדאַכט.

די קוואָטשקע, וואַסילקען צו פוסנס, האָט אויפגעשטעלט די פעדערן, פאַרדעקט מיט די פליגלען די פּיסקליאַטעס, גרייט געווען דורס צו זיין די אומגעבעטענע געסט.

— אוי! איך גיי שטאַרבן! — קלאָגט ווייטער וואַסילקע.

— פאַררעד נישט די ציין! דר. שוואַרץ קומט אַהער ביינאַכט? זאָג דעם אמת! — שרייט אויס אַ צעהיצטער פּאַוולאָוויטש.

— באַטיושקאַ געטרייער, — בעט זיך וואַסילקע ביים סטרוזש, — דער יונגערמאַן איז נישט ביים זינען! וואָס האָב איך עפּעס אַ באָרדעל? נקבות פעלן מיר נאָך אויף מיין קאָפּ?

— אָבער מענטשן זאָגן דאָך פאָרט אַז זיי האָבן געזען דר. שוואַרץ אַרויפקריכן. — לאָזט נישט אָפּ פּאַוולאָוויטש.

— געווען ביי מיר, געווען. זאָל ער זיין געזונט. געווען. איך האָב אים גערופן צו מיין קרענק.

— וואָס איז אייך פּעטערל? — האָט געפרעגט מיט מיטגעפיל דער סטרוזש.

— טיפוס! אַ שווערער פלעקן־ און בויך־טיפוס, נישט פאַר אייך געדאַכט.

דער סטרוזש, דערהערנדיק דאָס וואָרט „טיפוס", האָט זיך פאַרמאַכט מיט צוויי פינגער די נאָז און אַרויסגעלאָפן. פּאַוולאָוויטש האָט ווייטער געזוכט. אַרויפגעקראָכן אויפן פּעקעליק, געלויכטן אונטערן פּריפּעטשיק, אין אַלע ווינקעלעך, אויך אונטער וואַסילקעס בעט, די ציג האָט אויפגעהערט צו לעקן אירע ציגעלעך און אים דערשטוינט אָנגעקוקט. דער סטרוזש פון דרויסן האָט גערופן:

— מיכאַלקאָ, אייל זיך! ס'קומט אַ שטורעם!

— נעם אים דיר אַרויס באַטיושקאַ'סערצע, ער לאָזט מענטשן רויק נישט שטאַרבן. — האָט וואַסילקע גערופן מיט אַ ליידנדיקער שטים:
— זעץ אים איין אין טורמע, און נישט ער זאָל דיך אַרומשלעפּן ביי נאַכט.
מיכאַל איז אַרויס אַ בייזער, אָן אַ זיי געזונט.

וואַסילקע האָט צוריק אַרויסגעשלעפּט פעלאַן. די שרעק און דאָס אומבקאַוועמע ליגן, האָבן איר פאַרשאַדט. זי איז געלעגן אַ שוואַכע, מיט פאַרמאַכטע אויגן. דער רעגן האָט געגאָסן, אַלע מאָל האָט אַ קראַך געטאָן אַ דונער און אַ בליץ האָט אויפגעהעלט אין שטוב.

— זיכער קריכט איצט אַהער דער דאָקטער. צרות ברענגט ער מיר נאָר אויפן קאָפּ.

— יאָ, איך ברענג אייך נאָר צרות. דאָס בעסטע וואָלט געווען ווען איך שטאַרב שוין.

— נו, שאַ, וויין נישט. ווער רעדט דאָס באַלד פון שטאַרבן?

ער האָט צוזאַמענגעלייגט דעם זאַק ווי אַ קאַפּוזע מיטן דנאָ אויפן קאָפּ, גענומען דעם שטעקן און אַנטקעגן געגאַנגען דעם דאָקטער.

דר. שוואַרץ האָט געאײַלט מיט דער סטעזשקע כדי באַוויזן נאָך אַנצוקומען פאַרן רעגן.

פלוצעם הערט ער שטימען. צוויי געשטאַלטן, מיט אַ לאַמטערן, גייען באַרג אַראָפּ. ער האָט זיך באַהאַלטן אין אַ שפּאַלט פון פעלדז. אין אויפּ־לויכטן פון אַ בליץ האָט ער דערקענט מיכאַל פּאַוולאָוויטשן.

— איך זאָג דיר, — רעדט דער צווייטער צו אים, — דיין אַרומזוכן זי, מאַכט דיך נאָר צום נאַר. זי איז זיכער געשפּרונגען אין דניעסטער.

זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט דער סטעזשקע צום דאָרף און נישט צום טראַקט, ווו עס וואַרט אויפן דאָקטער מאָטל מיט זיין פור. ער איז אַרויס פון דער באַהעלטעניש. אַ גאַס רעגן האָט זיך געגעבן אַ לאָז און אים באַלד אויסגעווייקט. ער האָט מורא געהאַט אָנצוצינדן זיין עלעקטריש טאַשנ־לעמפּל, מען זאָל אים נישט באַמערקן. אין דער פינצטער האָט ער נישט געזען ווו אַוועקצושטעלן אַ פוס. ער קען זיך אַראָפּגליטשן און געהרגעט ווערן. פון דעם רעגן איז די סטעזשקע גליטשיק געוואָרן. ער האָט זיך געדראַפּעט אויף אַלע פיר באַרג אַרויף און די פיס האָבן זיך געגליטשט אויף צוריק. זאָל ער זיך אומקערן? אָבער ווי אַ קאַמפּאַס האָט אים געדינט דאָס פלימערדיקע ליכט אין וואַסילקעס שטוב און געצויגן צו זיך. פלוצעם האָט ער זיך אַ וואַקל געטאָן און געבליבן ליגן אַן אויסגעצויגענער אין דער בלאָטע. ווי אַ גואל איז אים אַקעגן געקומען וואַסילקע. ער האָט אים געהאָלפן זיך אויפשטעלן.

— האָסט געהאַט געסט, וואַסילקע?

— יאָ, צום טייוול! מיר איבערגעקערט די גאַנצע שטוב און איבער־געשראָקן מיר מיינע כאַדאָבענקעס.

— אַנטדעקט פעלאַן? — דערשרעקט זיך דער דאָקטער.

— אָוו? איך מיין מיינע פּיסקליאַטע און ציגעלעך, זאָלן מיר זיין געזונט, האָבן זיי איבערגעשראָקן. זיי וועלן שוין פאַרזאָגן קינדס־קינדער

צו קריכן אויף די בערג. אויף אַלע פיר פאָרן זיי איצט אַראָפּ.

— זאָג מיר, ווו האָסטו אַהינגעטאָן פּעלאַן, וואָס זיי האָבן זי נישט געפונען?

— כ׳וועל איך שפּעטער דערציילן, דערווייל האַלט איך אָן פּעסט אין מיר און קומט!

וואַסילקעס באַרוועסע פיס האָבן זיך איינגעקלאַמערט אין דער בלאָטע ווי אַ טשערעפּאַכע. ער איז ווי אויף אַ גלייכן וועג גלייכמעסיק געגאַנגען, גאָכשלעפּנדיק נאָך זיך דעם דאָקטער.

אָנגעקומען אין שטוב, האָט וואַסילקע צעלייגט אַ גרויס פייער. דער דאָקטער איז צוגעגאַנגען צו דער קראַנקער.

— פּאַנע דאָקטאָר! — שרייט וואַסילקע, — גיט אַכטונג איר זאָלט זיי נישט פאַרנעצן!

— זעסט דאָך אַז איך שטיי פון פּעלאַן דערווייטערט.

— איך מיין נישט די אויבן בעט, איך מיין די אונטערן בעט. פון אייערע קליידער רינט אַ ריטשקעלע גלייך צו מיינע ציגעלעך.

— איי, וואַסילקע, וואַסילקע! וויפל מאָל האָב איך דיר געזאָגט אַז דיין כאַדאָבענקע זאָלסטו נישט האַלטן אין כאַטע?

— איך איז גרינג צו זאָגן! אין זכות פון דער ציג איז דאָך אָפּגעראַטעוועט געוואָרן אייער טייבעלע! אָט־אָ־דאָ הינטער דער ציג האָב איך זי באַהאַלטן, אין שטרוי.

— ביסט אַ כוואַט! — האָט אים דער דאָקטער געקלאַפּט אין פּלייצע: איך ווייס גאָרנישט ווי דיר אָפּצודאַנקען.

— דאַנקט אָפּ דער ציג. — האָט זיך וואַסילקע אָפּגעווישט די נאָז מיטן אַרבל.

דער איבערפאַל האָט שלעכט געווירקט אויף פּעלאַן. זי האָט ווידער באַקומען פיבער און עס האָבן זי געפּלאָגט די קאָשמאַרן. עס דאַכט זיך איר אַז אין שטוב טאַנצן די מאַנאַשקעס, זיי ווילן זי אַריינשלעפּן אין ראָד.

דער דאָקטער האָט אויסגעטאָן דעם רעגן־מאַנטל, זיך אַ ביסל אַרומגעווישט און אָוועקגעזעצט נעבן פּעלאַן. ער האָט זי געוואָלט אויפמונטערן און איר דערציילט אַז אין קורצן וועט זי שוין קענען פאַרלאָזן דאָס אָרט. אין אַ צוויי, דריי טעג וועט זי אויפשטיין פונעם בעט און דעמאָלט וועט

ער זי אַריבערפֿירן אויף אַ פֿאָלוואַרק צו זיינע פֿריינט, ווו זי וועט זיך גוט פֿילן.

פֿעלאַ אָבער, קוקט אַריבער אים מיט שטאַרע אויגן און מורמלט:

— די מאַנאַשקעס, די מאַנאַשקעס...

דער דאָקטער האָט איר געשטעלט אַ נאָדל, זי צו באַרויקן. זי איז באַלד איינגעשלאָפֿן. וואַסילקע האָט אים אַראָפּגעפֿירט פֿונעם באַרג. ביים געזעגענען, זאָגט אים דער דאָקטער, אַרויפֿלייגנדיק די האַנט אויף זיין אַקסל:

— וואַסילקע, מיין געטרייער פֿריינד! איך ווייס נישט ווי דיר אָפּ־צודאַנקען.

— איך האָב דאָך אייך שוין געזאָגט איר זאָלט אָפּדאַנקען דער ציג.

— וואַסילקאָ, גיב אויף איר אַכטונג ווי ביז איצט, און אפשר נאָך מער, ווייל איר צושטאַנד האָט זיך ווידער פֿאַרערגערט.

— זייט רויק פּאַנע דאָקטאָר.

אָבער וואַסילקע איז געווען צופֿיל פֿאַרנומען מיט דער ווירטשאַפֿט, ער זאָל זיך קענען אָפּגעבן מיט דער קראַנקער. אין פֿרילינג באַנייט זיך די נאַטור. חיות וואַרפֿן זייער קליינוואַרג. גראָז שפּראָצט אַרויס פֿון אַלע ווינקעלעך. די ערד שטייט אַ גרייטע צום צעגראָבן און פֿאַרזייען. נאָך דעם ביינאַכטיקן רעגן האָט זיך געשטעלט אַ זוניקער, העלער טאָג.

פֿעלאַ באַטראַכט דורך דער אָפֿענער טיר די צעצוויטעטע ווינשל־ביימלעך:

— וואַסילקאָ, זע ווי שיין עס האָבן זיך צעבליט דיינע ווינשל־ביימלעך.

— יאָ, זיי בליִען צום ערשטן מאָל. סוף כל סוף האָבן זיי זיך דאָך אָנגענומען אויפֿן שטיינערנעם באָדן.

וואַסילקע האָט אַרויסגענומען די קוואָטשקע מיט די הינדלעך אין דרויסן, אַרויסגעטריבן די ציג מיט די ציגעלעך, זאָלן זיי זיך וואַרעמען אויף דער זון.

— וואַסילקאָ, אַלע נעמסטו אַרויס, נאַר מיך איינע לאָזטו איבער אין שטוב.

— דער דאָקטער האָט פֿאַרזאָגט אַז דו קענסט נאָך נישט פֿאַרלאָזן דאָס בעט.

— אַך, וואָס! אַט גיי איך שוין אַליין אַראָפּ! — זי האָט אַראָפּגע־שטעלט די באָרוועסע פיס, אָבער עס האָט זיך איר פאַרדרייט דער קאָפּ.

— וואַרט מיין טייבעלע, איך וועל דיך אויך אַרויסנעמען אין דרויסן.

ער האָט אויסגעשפרייט זיין וואַרעטע נעבן די ווינשל־ביימער, ער האָט זי געגומען ווי אַ קינד אויף די הענט און זי אַרויסגעטראָגן.

— אַך, ווי שיין דאָ איז! — האָט פעלאַ געפּאַטשט מיט די הענט.

דער אויסבליק איז אַ וווּנדערלעכער. פון ווייטן האָט דאָס טאָל אויס־געזען ווי אַ גרינער מאָזאַיק באַשטעקט מיט די ווייסע כאַטקעס ווי די שאָכטעלעך.

—וואַסילקאָ, אַז איך וועל שטאַרבן, זאָלסטו מיך דאָ באַגראָבן מיטן פנים צום דניעסטער. ער וועט מיך פאַרוויגן אין אייביקן שלאָף. דאָ וואָלט איך געוואָלט רוען צווישן די טויזנטיעריקע בערג, זיי וועלן מיך אין זיך אַריינגעמען און מיך פאַרהיטן פאַר דער אייביקייט.

— פאַנטאַזירסט מיין טייבעלע, באַלד וועסטו געזונט ווערן און אַוועק־פליִען פון דאַנען און אַלץ פאַרגעסן...

— ניין, איך וועל נישט פאַרגעסן. — אירע גרויסע בלויע אויגן האָבן מיט ליבשאַפט אַרומגענומען די געגנט. — אַז איך וועל הערן ביימער רוישן, וועט זיך מיר דאַכטן אַז פּאַדאָליער ביימער רוישן. אַז איך וועל הערן וואַסער פּליסקען, וועל איך מיינען אַז מיין דניעסטער פּליסטערט צו מיר. אויך דיך וואַסילקע וועל איך קיין מאָל נישט פאַרגעסן. — זי האָט זיך צעוויינט.

וואַסילקע האָט זי געוואָלט צעשטרייען, האָט ער נעבן איר אַוועקגעלייגט די ציגעלעך. — ציגעלעך זענען ווי קליינע קינדער. זיי האָבן ליב מען זאָל זיי פּיעסטשען און ליאַשטשען. זיי לויפן דיר אומעטום נאָך און פאַר־מאַכסטו פאַר זיי די טיר, וועלן זיי אַזוי לאַנג מעקן און וויינען ביז דו וועסט זיי מוזן אַריינלאָזן.

אַ כמאַרע האָט דורכגעצויגן דורך דער זון און אַ קיל ווינטל האָט אַ וויי געטאָן. פעלאַ האָט זיך אַרומגעהילט אין איר מאַמעס שאַל:

— ווען איך פיל די פוכקע וואַרעמקייט פון דער שאַל, איז מיר ווי מיין מאַמע וואָלט מיך אַרומגענומען. זי האָט מיר אין דער לעצטער מינוט ביים געזעגענען דעם שאַל אַרויפגעוואָרפן אויף די אַקסל: — „ער וועט דיר צו נוץ קומען״, — האָט זי געזאָגט, און ער איז מיר זייער, זייער

צונויף געקומען... ווען איך בין געלאָפן פון דער שמד, איינגעהילט אין דער מאַמעס שאַל, האָט זיך מיר געדאַכט אַז דער מאַמעס אָרעמס האַלטן מיך אַרומגענומען... אָבער פאַרוואָס קומט זי נישט? איר פייגעלע איז אַזוי קראַנק און זי קומט נישט.

— זי וועט קומען — האָט וואַסילקע געזאָגט.

— יאָ, זי וועט קומען, — האָט פעלאַ פאַרטראַכט געשמייכלט. — אויך דער טאַטע וועט קומען, ער וועט מיר מוחל זיין... זי האָט נאָכגעקוקט די ווייסע כמאַרעס וואָס ציִען אויפן הימל, פאַרדעקן די זון, וואַרפן לאַנגע שאָטנס אויף די בערג און ציִען ווייטער. וואַסילקע האָט אַראָפּגעקוקט צום דניעסטער, ער איז געווען פאַרגרעסערט פונעם ביינאַכטיקן רעגן, געהאַט אַ מוטנע קאָליר. אַ מענגע פיש האָט דער שטראָם מיט זיך געבראַכט. זיי זענען אַלע מאָל געשפּרונגען אין דער הויך און געכאַפּט די זון־שטראַלן.

— זע נאָר די מענגע פיש — האָט ער געזאָגט.

פעלאַ האָט פאַרשטאַנען אַז ער וויל גיין כאַפּן פיש.

— וואַסילקאָ, וואָלט דאָס היינט געווען אַ גוטער פאַנג! גיי פאַנגען פיש.

— און אויף וועמען וועל איך דיך לאָזן?

— גיי, גיי. איך וועל מיך דאָ וואַרעמען אויף דער זון און אויף דיר וואַרטן.

וואַסילקע האָט גענומען די נעץ און צוויי קוישן און אַראָפּגעגאַנגען. ער האָט פאַרוואָרפן די נעץ און זי באַלד אַרויסגעשלעפּט אַ פולע, אַריינ־געוואָרפן די פיש אין קויש און ווייטער פאַרוואָרפן די נעץ. ער איז געווען גליקלעך. אַזוי מוז ער קריכן אין די זומפּן ביי די שליימיקע ברעגעס און מיט די הענט זיי אויפזוכן, היינט קומען זיי אַליין אין נעץ. ער איז געוואָרן אַזוי אַריינגעטאָן אין פאַנג, אַז ער האָט אין גאַנצן פאַרגעסן אין פעלאַן.

די זון איז פאַרגאַנגען. פעלאַ פילט ווי דורך דער שאַל פאַרגנבעט זיך אַ קיל ווינטעלע און בלאָזט איר אַרום דאָס האַרץ און די פּלייצע. די ערד איז אַ קאַלטע. זי האָט נאָך אין זיך דעם ווינטערדיקן פראָסט און די פייכטקייט פון די רעגנס. פעלאַ ווייסט אַז זי דאַרף זיך אויפהייבן און אַריינגיין אין שטוב, אָבער דערצו האָט זי נישט קיין כוח. טוליעט זי זיך צו דער קאַלטער ערד, באַהעפט זיך מיט איר. די קעלט פאַרקריכט איר אונטער דער הויט, באַטאַפּט מיט קאַלטע פינגער איר וואַרעם האַרץ. זי פאַלט

אַריין אין אַ לייכטן דרימל, זי זינקט, זי זינקט אַראָפּ... אָט ליגט זי אַן אויס־געצויגענע אויף דער ערד, איבערגעדעקט מיט דער מאַמעס שאַל. דער טאַטע שטייט נעבן איר, טייטלט אויף איר מיטן פינגער:

— אָט אַזוי מיין טאָכטער! קום אָפּ פאַר דיינע זינד!

— טאַטע, זיי מיר מוחל, — וויל זי שרייען און קען נישט. אויפן באַרג, נעבן דניעסטער שטייט אַ מצבה, איר מצבה. וואַסילקע פלאַנצט ביימער, בלומען בליִען אויף איר קבר. מענטשן פאָרן פאַרביי אין דער נידער, קוקן אַרויף, גויים צלמען זיך איבער: „כמעט אַ קריסטין געוואָרן און אַזוי יונג געשטאָרבן". יידן זיפצן אָפּ: „אַ כשרע פאַרוואָגלטע נשמה געווען נעבעך, אַנטלאָפן פון דער שמד און אַזוי יונג געשטאָרבן". אַ מאָל קומען אַרויף צוויי מענער, דער דאָקטער שוואַרץ און מיכאַל פּאַוולאָוויטש, איינער ווייסט נישט פון דעם אַנדערן, זיי לייגן בלומען אויף איר קבר, דערמאָנען די קליינע, אָרעמע, פעלאַ...

וואַסילקע איז אָנגעקומען מיט צוויי שווערע קוישן פיש: — יעזוס מאַריאַ! פאַרגעסן אין גאַנצן אין מיין טייבעלע! — ער האָט די כמעט פאַרפרוירענע פעלאַ אַריינגעטראָגן אין שטוב, וואַרעם איינגעדעקט. איינ־געהייצט דעם אויוון. ער האָט אַרומגעשלאָנדערט אַ באַרוועסער, פון דעם לאַנגן העמד האָט געטריפט וואַסער. די ציגעלעך האָבן זיך אַרום אים געדרייט מעקנדיק. וואָס זאָל ער אַנהייבן פריִער צו טאָן? און דאָ גייט אים דאָס מיידל, זאָל גאָט היטן, חלילה, אָפּשטאַרבן.

— וואַסילקאָ — האָט פעלאַ געקרעכצט: — איך קען נישט אָפּאָטעמען, אָט אַ דאָ שטעכט מיך.

— הע! זאָלן מיר אַלע הייליקע בייִשטיין! — האָט דער אומגלויביקער זיך איבערגעצלמט, אַראָפּגענומען פון דער פּאָליצע אַ טוץ פאַרריכערטע באַנקעס, אָנגעצונדן אויף אַ שטעקעלע אַ ביסל קלאָטשע, אָוועקגעלייגט פעלאָן מיטן פּנים אַראָפּ, אויפגעריסן דאָס העמד, אַ וויש געטאָן מיטן ברענענדיקן פלאָקס דאָס גלעזל און צוגעלייגט צו פעלאָס פּלייצע, צוועלף באַנקעס האָט ער אויסגעלייגט איר אויף די פּלייצעס, אויף די ריפּן. זיי האָבן אָנגעצויגן ווי די זעמעלעך אינעם גלעזל. ער האָט אַ דרוק געטאָן מיטן פינגער אינעם פלייש און אָפּגעריסן די באַנקעס. צוועלף רויט־בלויע צייכנס זענען געבליבן אויפן לייב.

— אַצינד טעכטערל שלאָף, ס׳וועט דיר זיין צו אַ רפואה.

— אוי, מאַמע, איך וויל די מאַמע, — האָט פעלאַ געקרעכצט.

— גוט, איך וועל דיר ברענגען דיין מאַמע!

— איך וויל אויך דעם טאַטן.

— גוט, אויך דעם טאַטן. — האָט וואַסילקע נאָכגעזאָגט: — נאָר אַצינד שלאָף!

איר אָפּגעהאַקטער אָטעם איז רויקער געוואָרן. זי האָט איינגעדרימלט. וואַסילקע האָט געגומען ביידע קוישן פיש און געגאַנגען אין שטאָט. אין שטעטל האָט מען זיך געגרייט גיין שלאָפן. איינציקווייז האָבן זיך אויס־געלאָשן די ליכטער אין די פענצטער. וואַסילקע האָט זיך געאײלט. ער האָט אָנגעקלאַפּט ביי זיינע קונים:

— ריבע נאַ סובאָטאַ! (פיש אויף שבת).

— אוי אַ שווארץ יאָר אויף אים! מיצקידערינע פיש אויף שבת! איבערגעשראָקן נישט צו נאַכט געדאַכט.

אָבער דאָך האָט מען זיי ביי אים צוגענומען ווייל ער האָט זיי אָפּגעגעבן בחצי חינם, אבי פטור צו ווערן פון זיי. דערנאָך איז ער געגאַנגען צו מאָטל בעל עגלה. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין די אויסגעלאָשענע פענצטער:

— שטיי אויף ברודער מאָטל. דאָס טייבעלע גייט אונדז אָפּשטאַרבן!

— אוי! זאָל דער איבערשטער שומר ומציל זיין! לויף צום דאָקטער! איך גיי שוין איינשפּאַנען!

— ווער דאַרף אַ דאָקטער? זי וויל זען טאַטע־מאַמע און נישט דעם דאָקטער. איך גיי זיי אויפוועקן און דו קום אַהין מיטן וואָגן.

און נישט אָפּוואַרטנדיק אַן ענטפער, איז ער גלייך געלאָפן צו ר׳ סענדערס שטוב. טעמע האָט אַ לייכטן שלאָף, זי האָט באַלד דערהערט דאָס קלאַפּן:

— ווער איז דאָרטן?

— וואַסילקע, געבראַכט איך פרישע פיש אויף שבת. נאָר וואָס אַרויס־געצויגענע פונעם דניעסטער.

— וואָס עפּעס אין מיטן נאַכט? קום מאָרגן.

— פּאַני סענדעראָווא, איך האָב געבראַכט אַ גרוס, אַ גרוס...

טעמען האָט זיך געמישט אין קאָפּ. אויך סענדער האָט עפּעס דערהערט וואָסילקעס רייד „אַרויסגעצויגן פונעם דניעסטער״?

— האַ? ווער? וואָס? אַרויסגעצויגן, אַ טויטע?

— ניין, נאָך נישט. זי האַלט ביים שטאַרבן און וויל אייך זען. קומט שנעלער.

אין שטוב איז געוואָרן אַ יללה, אַ סומאַטאָכע, מען האָט געריבן שוועבעלעך, געזוכט אַ ליכט. צום גליק איז באַלד אָנגעקומען מאָטל. ער האָט באַרויקט:

— שאַ, שטיל! עס איז גאָרנישט. אַ גוי איבערטרייבט. איך האָב דאָך אייך געזאָגט טעמע לעבן אַז איר וועט מערצישעם אויפגעריכט ווערן מיט אַ גוטער בשורה. קומט פאָרן זיך זען מיט אייער טאָכטער!

ווען פעלאַ האָט זיך איבערגעוועקט, האָט זי דערזען איר מאַמען שטיין ביים בעט.

— אוי, מיין קינד! — איז די מאַמע צו איר צוגעפאַלן מיט אַ געוויין.

— ווו איז דער טאַטע? — האָט פעלאַ געפרעגט און געקוקט צו דער טיר. ר׳ סענדער איז צוגעקומען צו איר בעט. טאָכטער און פאָטער האָבן זיך אָנגעקוקט. אין פעלאָס אויגן איז געלעגן אַ געבעט: צי איז ער איר מוחל?

— טאָכטער מיינע, איך בין דיר מוחל. זאָל דיר דער אויבערשטער צושיקן אַ רפואה שלימה. ער האָט זיך געוואַשן די הענט און זיך אַוועקגעזעצט זאָגן תהילים פאַרן געזונט פון זיין קינד.

מאָטל האָט געדרענגט:

— קומט פאָרן ר׳ סענדער. מיר מוזן אָנקומען ביינאַכט אין שטעטל, מען זאָל אונדז נישט זען.

טעמע איז געבליבן. זאָל זיין וואָס עס וויל זיך, זי לאָזט נישט איבער איר קינד. מען האָט זי נישט געקאָנט איבעררעדן, זי איז געבליבן און זיך מטפל געווען מיט איר; זי האָט איר איבערגעטאָן אַ ווייס באַטיסטן העמד, איר אויסגעצוואָגן דעם קאָפּ, פאַרפלעכטנדיק איר די בלאָנדע האָר, האָט זי איר שטיל געזונגען, ווי זי פלעגט איר זינגען קליינערהייט:

— פייגעלע וויל אַ קליידעלע האָבן, דאַרף מען גיין דעם שניידער זאָגן...

פעלאַ האָט שמייכלענדיק מיטגעזונגען:

— יאָ, מאַמע יאָ, דו ווייסט שוין וואָס איך מיין...

די קינפּטיקע נאַכט איז געקומען דר. שוואַרץ. געוואָר ווערנדיק וואָס עס איז געשען האָט ער שטרענג געזאָגט צו וואַסילקען:

— האָ, געגאַנגען כאַפּן פיש און פאַרגעסן אין דער קראַנקער! כ'וואָלט דיר באַצאָלט טאָפּל וואָס די פיש זענען ווערט.

פעלאָ האָט אים פאַרטיידיקט:

— ער איז נישט שולדיק, איך האָב אים געבעטן ער זאָל מיך אַרויס־נעמען אין דרויסן.

וואַסילקע דערציילט:

— זי האָט געכאַפּט אַ שטעכעניש און נישט געקאָנט אָפּאָטעמען.

— איז, וואָס האָסטו געטאָן?

— וואָס איז דאָ צו טאָן? איך האָב איר אויסגעשטעלט אַ טוץ באַנקעס, און אָפּגעהאַקט דאָס שטעכעניש. — ער קוקט איינזייטיק אויפן דאָקטער, זיך ריכנדיק אויף אַ פּסק, וואָס ער מישט זיך אין זיינע זאַכן.

— ביסט אַ כוואַט! וואַסילקע! — האָט אים דער דאָקטער געקלאַפּט אויף דער פּלייצע:

— מיט די באַנקעס האָסטו איר געראַטעוועט דאָס לעבן!

וואַסילקע האָט זיך געגעבן אַ וויש מיטן אַרבל אַ צופרידענער אונטער דער נאָז, און געגאַנגען צו זיינע ציגעלעך.

פעלאָ איז לאַנגזאַם געקומען צו זיך. איר מאַמע האָט זיך מיט איר מטפל געווען און דר. שוואַרץ האָט געזאָגט אַז אין אַ גאָר קורצער צייט וועט זי פאַרלאָזן דאָס אָרט. זיינער אַ גוטער פריינד, דער פּריץ גלעמבאָצקי, זוכט אַ גוווערנאַנטקע פאַר זיין מיידעלע און ער האָט אים רעקאָמאַנדירט פעלאָן.

אין איינער אַ נאַכט, האָט מאָטל געוואַרט מיט זיין וועגעלע אָוועק־צופירן פעלאָן. רירנדיק איז געווען דאָס געזעגענען זיך מיט וואַסילקען. פעלאָ האָט אים געקושט אויף זיינע פאַרגרויטע באַקן.

— האָסט מיר געראַטעוועט דאָס לעבן, איך וועל עס דיר קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

טעמע האָט אים געוואָלט באַצאָלן, וויפל ער וויל נאָר אַליין.

— פּאַני סענדעראָוואָ, איך וויל נישט נעמען קיין געלט — האָט

וואַטילקע זיך געווישט די טרערן: — איך האָב עס נישט געטאָן פאַר קיין שום געלט אין דער וועלט.

— אויב עס געפינען זיך נאָך אַזוינע גוטע גויים, איז נאָך נישט עק וועלט — האָט געזאָגט טעמע און ר׳ סענדער האָט צוגעגעבן, זיך ווישנדיק די פאַרהויכטע ברילן:

— זיי פאַרלענגערן דעם גלות, ווי ס׳שטייט געשריבן, אַז צוליב די חסידי אומות פאַרזוימט זיך די גאולה.

אין ר׳ סענדערן איז אַריין אַ נייע נשמה. ער האָט צוריק געוווּנען זיין טאָכטער. נישט נאָר האָט זי דער אויבערשטער מציל געווען פון שמד, נאָר ער האָט איר אויך געראַטעוועט דאָס לעבן. אין שטוב האָט מען זיך באַרויקט. געלויבט דער אויבערשטער, מען האָט נישט חלילה געליטן קיין בזיון, ער מעג זיך באַווייזן פאַר לייטן. ר׳ סענדער האָט זיך צוקעמט זיין פאַר־גרויטע באָרד, טעמע האָט מיט אַ בערשטל אָפּגעפּוצט זיין זומערדיקע קאַפּאָטע, ער האָט גענומען דאָס שטעקעלע און געגאַנגען אין בית מדרש דאַווענען. צווישן אַ מנחה־מעריב פאַרבראַכט מיט יידן אין דברי תורה. ער האָט זיך ווייטער עוסק געווען נאָר אין לערנען. מיטן עול פון פרנסה, האָט ער זיך אין גאַנצן פאַרלאָזט אויף זיין געטרייער אשת חיל, טעמע זאָל לעבן.

## קאַפּיטל פיר

# פּאַן גלעמבאָצקי

אַקעגן ר׳ סענדערס דירה, נעבן דער קאַמענעצע פון ר׳ יהושע ליפשיץ, אויף אַ היגל, אַרומגערינגלט פון אַ גרויסן גאָרטן, איז געשטאַנען אַ ווייס הויז מיט מירמל־זײַלן און קיילעכדיקע פילאָרן; דאָס איז געווען די רעזידענץ פון די גלעמבאָצקיס. זיי האָבן געטיילט זייער וווינאָרט צווישן דעם שטעטל און דעם דאָרף גאָרקיווקע, ווו זיי האָבן געהאַט זייער גוט. ווען דער אַלטער גלעמבאָצקי האָט נאָך געלעבט, האָט ער זיך צומיינסטן אויפגעהאַלטן אויפן גוט. אין שטאָט האָט געוווינט זיין זון באָריס גלעמבאָצקי. דאָס באַלעבאַ־טישקייט האָט אים געפירט סטאַסיאַ, די ווירטשאַפטלערין. כאָטש ער איז שוין געווען אַן אַלטער בחור, קרוב צו די פערציק, דאָך האָט אים סטאַסיאַ גערופן נאָך „מאַי פּאַניטשו״, מיין יונגער הער.

באָריס גלעמבאָצקי פלעגט צוזאַמען מיט פּראָפעסאָר קאָוואַלסקי שיכורן ביי ר׳ סענדערן אין שענק. אין אַן אָפּגעטיילט צימערל, פאַרהאַנגען מיט אַ פאָרהאַנג, אָנשטאָט אַ טיר, פלעגן זיי ביידע זיצן ביי אַ טישל. נישט געאיילט, פלעגן זיי טרינקען, דער עיקר דאָס פלעשל זאָל שטיין פאַר זיי. זיי פלעגן זיך אָנקלאַפּן מיט די גלעזלעך:

— צום געזונט! פאַרן פאָטערלאַנד!

מיט יעדן גלעזל זענען זיי פריילעכער געוואָרן, אָבער נאָך האַלבע נאַכט זענען זיי געוואָרן טרויעריק, זיי האָבן אָנגעהויבן צו פלאָנטערן מיט די צינגער. ר׳ סענדער בעט זיך ביי זיי:

— ווי לאַנג איז דער שיעור? מען דאַרף פאַרמאַכן די שענק.

ער וויל זיי מער נישט געבן צו טרינקען. בעטן זיי זיך ביי טעמען:

— פּאַני סענדעראָווּאַ, נישט מער ווי נאָך אַ גלעזעלע! ס׳איז אונדז טרוקן אין האַלדז!

דער שיכורער גלעמבאָצקי בייגט זיך פאַר איר ווי פאַר אַ פּאַני און קושט איר די האַנט.

— וואָס איז דאָס היינט פאַר אַן אָנשיקעניש? — ווערט ר׳ סענדער בייז. ער מאַכט פאַר זיי ברייט אויף די טיר. זיי נעמען זיך אָן ביי די אַקסלען און זינגענדיק הויך:

— נאָך איז פּוילן נישט פאַרלוירן, אַזוי לאַנג מיר לעבן! — גייען זיי וואַקלענדיק אַרויס.

פאַר מיטאָג, ווען פּראָפעסאָר קאָוואַלסקי איז פאַרנומען אין גימנאַזיע, זיצט גלעמבאָצקי אַליין ביי זיין טישל. די פלאַש מיטן גלעזל שטייט פאַר אים, אָבער ער גיט זעלטן אַ שלוק. ער צייכנט. אַט קריצט ער דאָרט עפּעס מיטן בליישטיפטל אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, קוקט נאָך טעמעס יעדער ריר און צייכנט. דער נאָך ווייזט ער טעמען דאָס שטיקל פּאַפּיר. ער האָט זי אָפּגעמאָלן ווי זי שטייט און גייט: אין דער פּאַטשיילע, מיטן ברייטן לאַנגן פאַרטעך; טעמע דרייט פאַרחידושט מיטן קאָפּ: „אַ שגעון פון אַ פּריץ אָפּצומאָליעווען מענטשן! אויך ר׳ סענדערן האָט ער אָפּגעמאָלן מיט דער ברייטער באָרד, ווי ער זיצט הינטער דער סטאָיקע.

— אַן אמתדיקער ראַבין, — שווערט זיך פּאַן גלעמבאָצקי, — ווי גאָט איז מיר ליב!

ר׳ סענדער שווייגט. אַ ברירה האָט ער? מען איז אין גלות, איז מען.

צומאָל פלעגט פּאַן גלעמבאָצקי פאַרשווינדן אויף גאַנצע חדשים. דעמאָלט, האָט מען געזאָגט, זיצט ער אין לעמבערג. ער האָט דאָרט זיין אַטעליע און מאָלט. איין מאָל האָט ער זיך אָפּגעזוימט אַ פּאָר לאַנגע חדשים און צוריקגעקומען מיט אַ יונגער פרוי. חתונה געהאַט. דאָס גאַנצע שטעטל איז געלאָפן קוקן אויף דער נייער פּאַני גלעמבאָצקאַ. אויפדערנאַכט שפּאַצירט מען פאַרביי ר׳ סענדערס שטוב אַרויף צו דער אַלייע און די בליקן זענען געווענדט צו דעם העל באַלויכטענעם הויף פון די גלעמבאָצקיס. דורך די קיילעכדיקע פילאַרן זעט מען זיצן האַלב ליגנדיק די נייע פּאַני גלעמבאָצקאַ אויף דער טעראַסע, אין אַ שאָקל־שטול זיך לייכט וויגנדיק, מיט די הענט אונטערן קאָפּ און מיט די בליקן צום הימל. זי האָט טונקעלע ווייכע אויגן, אַ ביסל פאַרחלומטע, וואָס קוקן נישט אויף קיינעם, ווי ס׳זאָל

זי גאַרנישט אינטערעסירן. די שוואַרצע האָר צעטיילט מיט אַ שריינט צו ביידע זייטן פּונעם ווייסן פּנים, כוואַליען זיך אויף די אַקסלען.

— אַ קראַסאַוויצע! — האָבן מבינים געזאָגט: — נישט אומזיסט האָט פּאַן גלעמבאָצקי אַזוי לאַנג געוואַרט.

אָפט פלעגט זי שפּילן אויף דער פּיאַנע. דעמאָלט האָבן זיך די קלאַנגען צעטראָגן דורך די אָפענע פענצטער איבערן שטעטל. מיידלעך האָבן פאַר־בענקטע זיך איינגעהערט. און אַזוי ווי אין שטעטל זענען נישטאָ קיין סודות, איז אַרויס אַ קלאַנג אַז די פּאַני גלעמבאָצקאַ איז אַ משומדת. קוקט מען מיט נאָך מער נייגיריקייט אויף איר און מען וויל דערגיין איר סוד.

ביי סטאַסיאַ, דער ווירטשאַפט־פאַרוואַלטערין איז פּאַן גלעמבאָצקי אויך נאָך דער חתונה ווייטער איר „פּאַניטש". פון דער פּאַני גלעמבאָצקאַ האָט זי אַ פול מויל צו דערציילן:

— מאַיאַ פּאַני (מיין פּאַני), שלאָפט שפּעט. מאַיאַ פּאַני זאָגט: „סטאַסיו! פרעג מיך נישט, טו וואָס דו ווילסט. פיר די ווירטשאַפט ווי ביז איצט".

— מאַיאַ פּאַני האָט אַ באַזונדער צימער. סטאַסיאַ באַרעדט נישט, חלילה, די הערשאַפטן, ווייזט אויס היינט איז אַ פּנים אַזאַ מאָדע, מאַיאַ פּאַני פאַרשליסט זיך אויף ביינאַכט... סטאַסיאַ רעדט חלילה נישט קיין רכילות. קלינגט מאַיאַ פּאַני אין דער פרי נאָך דער קאַווע, זאָגט דער פּאַניטש:

— סטאַסיו, גיב מיר די טאַץ! — און טראָגט אַריין מאַיאַ פּאַני די קאַווע און קומט צוריק מיט אַן אויסגעגאָסענער קאַווע אויף דער פּיזשאַמע. סטאַסיאַ דערציילט נישט גאַרנישט — נאָר ווי מיינט איר? זיך באַדאַרפט אָנטאָן דעם סמאָקינג כדי אַריינצוטראָגן די קאַווע מאַיאַ פּאַני? — אָבער סטאַסיאַ זאָגט נישט גאַרנישט.

אין שטעטל האָט מען דער משומדת געגעבן אַ צונאָמען „מאַיאַ פּאַני". מאַיאַ פּאַני איז געווען זייער אַן עלעגאַנטע דאַמע. ווען זי פלעגט אַרויסגיין שפּאַצירן, האָט די פרוי פּעלץ, וואָס איז תמיד געזעסן אויף דער באַנק פאַר טעמעס שענק, אַ רוף געטאָן איר מאַן זיינוול דעם דאַמסקי שניידער, ער זאָל אַרויסקומען און אַראָפּנעמען דעם נייעם מאָדעל. זיינוול איז אַרויס־געלאָפן מיטן סענטימעטער אויפן האַלדז, אינעם וועסטל־שפּענצער מיט די ציצית אין דרויסן, זיך פאַריכט די שפּאַקולן איבער די קורצזיכטיקע אויגן און זיך גוט איינגעקוקט אין דער „מאַיאַ פּאַני", דאָס הייסט אין איר קלייד.

— ווייס איך וואָס ! — האָט ער אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט : — אויך מיר אַ מאָדע ! ווו זעט איר אַ פאַסאָן ? ווו זעט איר אַ מאָדעל ? הענגט, מיט רעספּעקט צו זאָגן, ווי אַ זאַק, אָן אַ טאַליע, אָן אַ פיגור !

— מען זאָגט דיר אַז ס'איז אַ זאַק־מאָדע, דאַרפסטו פאַרשטיין. דו ביסט דען אַ מבין אויף נייע מאָדעס ?

— אַליין טוט זי נישט קיין שטאָך אַרבעט, אָבער אַ דעה זאָגט זי. — האָט ער געוואָרטשעט אין דער זייט אויף זיין ווייב. אָבער דאָך האָט ער אָפּגעמערקט אַז דער גירטל קומט דאָרט... מיט רעספּעקט צו זאָגן... קיין בריסטן ווערט נישט אָפּגעשטעפּט, הענגט טאַקע דאָס גאַנצע קלייד ווי אויף אַ ברעט. ער זיינוול, דער דאַמסקי שניידער האָט נאָך געלערנט דאָס פאַך ביי אַ ווינער שניידערמייסטער. דעמאָלט האָט מען צו אַ דאַמסקי קאָסטיום געברויכט אַ זעקס מעטער שטאָף, דעם קאָסטיום האָט מען אונטערגעשלאָגן מיט אַ פּאָדשעווקע, אויסגעבעט מיט וואַטע, פישביינער און שטייפליייונט. איז דאָס געווען אַ מלבוש פון וועלכן אַ שניידער האָט אָנגעקוואָלן און געהאַט נחת. אָבער היינט ? מיט רעספּעקט צו זאָגן... זיין בליק פאַלט אויף דעם בן זקונימל זיינעם, דעם הויקערל, וואָס שפּילט זיך מיט דעם שיינעם מיידעלע, ר׳ יהושע ליפשיצעס איניקל : „נגידים האָבן נישט נאָר מזל צו געלט, נאָר אויך צו קינדער״. און ער לויפט אַריין צוריק צו זייןניימאַשין.

אָפּטע האָט מען ביי די גלעמבאָצקיס איינגעאָרדנט הוליאַנקעס. דער בעל הבית האָט איינגעלאַדן זיינע אַ פּאָר פריינט. דאָס גאַנצע הויז איז געווען באַלויכטן. אַזוי ווי עס איז געשטאַנען אויף אַ בערגל, האָט מען געזען די באַלויכטענע פענצטער איבערן גאַנצן שטעטל. צוערשט האָט מען נאָר געהערט דאָס לאַכן און פלוידערן און קלימפּערן פון גאָפּל און מעסער, דערנאָך האָט „מאַיאַ פּאַני״ געשפּילט אויף דער פּיאַנע. וואָס שפּעטער אין דער נאַכט, זענען די קולות אַלץ שטאַרקער געוואָרן. עס האָט זיך דערהערט אַ שיכור געזאַנג :

— נאָך איז פּוילן נישט פאַרלוירן, אַזוי לאַנג מיר לעבן״ —

פאַרטאָג קלאַפּט דער שיכורער גלעמבאָצקי אין ר׳ סענדערס לאָדן :

— פּאַני סענדעראָווע ! פּאַני סענדעראָווע ! האָט רחמנות ! עס איז אונדז אויסגעגאַנגען דאָס טרינקען. גיט אונדז אַ פּאָר פלעשער ביר און ווייַן !

— איך וועל אים באַלד מיט דער פרענטע שפּאַלטן דעם קאָפּ ! צו

ערשט לאָזט ער נישט שלאָפֿן מיט זיינע הוליאַנקעס און איצט קומט ער נאָך קלאַפּן אין לאָדן! ניין, איך וועל אים נישט עפֿענען!

— לאָז געמאַך, — ענטפֿערט טעמע מיט אַ גענעץ, — די יונגעלייט ווילן פֿאַרבערענגען מיט זיין יונג ווייבל, האָבן זיי אים אַרויסגעפּטרט פֿון דער שטוב.

ס׳האָט נישט געהאָלפֿן, גלעמבאָצקי האָט אַזוי לאַנג געקלאַפּט אין די לאָדן און געשריגן ביז מען האָט אים געמוזט עפֿענען.

זונטיק פֿאָרט די פּאַני גלעמבאָצקאַ אין קלויסטער. כאָטש דער קלויסטער געפֿינט זיך נישט וויט, שפּאַנט מען איין די קאַרעטע, דער קוטשער זיצט אויף דער קעלניע אין אַ הויכן שוואַרצן הוט, האַלט אין ווייסע הענטשקעס די לייצעס. ער וואַרט אויף דער פּאַני. פּאַן גלעמבאָצקי פֿירט זי אַרויס, ער גיט איר אַ קוש אין האַנט און העלפֿט איר אויפֿשטייגן. ער אַליין גייט נישט אין קלויסטער. די פּאַני, אָן אויסגעפּוצטע, דאָס היטעלע אַראָפּגערוקט ביז טיף איבער די אויגן, דער ריח פֿון די פּאַרפֿומען צעטראָגט זיך איבער דער גאַס. זי טראָגט שטענדיק אַ בייע קלייד, ווו זי נעמט אַזוי פֿיל בייע קליידער און ווו זי טוט אַהין די אַלע אַלטע, בלייבט אַ שאלה. צוריקקומענדיק פֿון קלויסטער, בלייבט די פּאַני זיצן אין קאַרעטע ביז דער פּאַן קומט אַרויס. געוויינלעך, ווי ער הערט נאָר פֿאַרפֿאָרן דעם וואָגן, לויפֿט ער שנעל אַראָפּ די ברייטע טרעפּ פֿון דער טעראַסע, קושט איר די האַנט, העלפֿט איר אויסשטייגן, און פֿירט זי אונטערן אָרעם אַרויף די טרעפּ. אָבער לעצטנס האָט ער זי געלאָזט וואַרטן. דער קוטשער מאַכט עטלעכע מאָל — פּררר — דאָס הייסט, מען איז אָנגעקומען, ער האַלט אין די פֿערד. דער פּאַן באַווייזט זיך נישט. די פּאַני זיצט און וואַרט. עס האָט אָנגעהויבן צו קאַפּן אַ רעגן, ער קומט נאָך אַלץ נישט אַרויס, און זי שטייגט נישט אויס. סטאַסיאַ איז אַרויס אויף דער טעראַסע, זי הייבט די הענט צום הימל, קלאַפּט זיך אין פֿאַרטעך.

— סטאַסיו! — זינגט אויס מאַיאַ פּאַני, גיי מעלד דעם פּאַן אַז די פּאַני איז אָנגעקומען!

סטאַסיאַ זוימט זיך אַ ווייל, קומט צוריק, זי זאָגט נישט גאָרנישט, נאָר אירע הענט אַרבעטן מעשים: זיי פֿאַרקראַמפּן זיך אויף איר הויכער ברוסט, הייבן זיך צו גאָט אין דער הויך.

— סטאַסיו, — זינגט ווידער אויס מאַיאַ פּאַני — גיי מעלד דעם פּאַן דזיעדזיץ (גוטבאַזיצער) אַז די פּאַני איז אַוועקגעפאָרן!

זי האָט געהייסן דעם קוטשער זיך אָפּפירן צו דער באַן. נישטאָ מער מאַיאַ פּאַני. גלעמבאָצקי זיצט ווידער מיט זיין חבר קאָוואַלסקי ביי ר׳ סענדערן אין שענק. זיי טרינקען שוויגנדיק. ווען זיי ווערן שיכור, וויינען זיי מער נישט אויף פּוילן, זייער היימלאַנד, נאָר איבער די וויבער.

— האָב איך דיר דאָך באַלד געזאָגט אַז דו זאָלסט נישט אָנהייבן מיט די וויבער. — נעמט אַרום קאָוואַלסקי זיין חבר און באַוויינט אים מיט הייסע טרערן:

— ברודער מיינער! קלאָגט גלעמבאָצקי — זי האָט מיר אָנגעטאָן אַ כישוף! פּסיאַקרעוו!

— אַ כישוף ברודער, אַ כשוף...

— נאָר איך האָב זי נאָך אַלץ ליב!

ר׳ סענדער לאָזט זיי היינט אויסוויינען זייער צער און דערמאָנט זיי אַפילו נישט אַז עס איז שוין צייט צו פאַרמאַכאַן די שענק.

זי איז צוריקגעקומען, מיט אַ געדונגענער דראָשקע, פול מיט ראַנצן און פּעק, באַגלייט פון אירע עלטערן, דאָס הייסט טאַטע־מאַמע האָבן זי צוריקגעבראַכט, ווילן שלום מאַכן צווישן ברוגזן פּאָרפאָלק. אַז גלעמבאָצקי האָט דערזען די געסט, האָט ער זיך אויפגעהויבן און אַנטלאָפן צו זיך אין גוט אין גאָרקיוועקע.

אויב עס איז נאָך געווען אַ ספק, צי מאַיאַ פּאַני איז אַ משומדת, איז גאָר קיין ספק נישט אַז אירע עלטערן זענען משומדים. דער פאָטער האָט געטראָגן אַ „לעניך־בערדל” און דער גלאַנציקער גאָלער קאָפּ האָט זיך ממש געבעטן, ער זאָל אים באַדעקן. עס האָט אויסגעזען ווי אַ ייד וואָס טוט אויס פאַרן פריץ דאָס היטל און גאָרט עס צוריק אָנצוטאָן. די מאַמע איז געלעגן אַ גאַנצן טאָג אויף דער טעראַסע און געלייענט דייטשע ראָמאַנען. ביי טרויעריקע שטעלן האָט זי יידישלעך אָפּגעזיפצט. מיט איין זאַך האָבן זיי באַשטעטיקט זייער גוישקייט — קיין שום משא־ומתן נישט געוואָלט האָבן מיט די יידן.

— וואָס פאַר אַ פּאַלאַטשקע ביסטו, אַז דו גייסט קויפן צו יידן? — טענהן זיי צו סטאַסיען: — גיי קויפן אין דער פּוילישער „קולקע”, וועסטו

זיין אַ פּאַטריאָטקע. לויפט פאַרביי סטאַסיאַ מיט אַ געבויגענעם קאָפּ פאַר דער סענדעראָוואַס שטוב און גייט קויפן אין דעם נייעם קאָאָפּעראַטיוו וואָס האָט זיך נישט לאַנג געעפנט. זעט ר׳ סענדער ווי סטאַסיאַ שלעפּט פולע קוישן פון דער קולקע, זאָגט ער טעמען:

— הערסטו מיין ווייב, איצט גלויב איך שוין אַז זיי זענען משומדים.

זונטיק קומט פאַן גלעמבאָצקי, ביים טיש זעט ער אַן אַנדערע עטיקעט אויף די פלעשלעך ביר, ווערט ער געוואָר אַז דאָס ביר איז פון דער קולקע, צעבייזערט ער זיך:

— איך וויל נאָר ביר פון דער פּאַני סענדעראָוואַ! מיין טאַטע האָט געטרונקען ביר פון זייער שענק, אויך איך וויל נאָר ביר פון דער סענדעראָוואַ!

איז סטאַסיאַ געלאָפן און געבראַכט ביר פון ר׳ סענדערס שענק.

ס׳איז געווען אין די צוואַנציקער יאָרן. די יוגנט האָט זיך געריסן צו בילדונג, צו פּראָגרעס. די מיידלעך האָבן זיך באַפרייט פון דער השגחה פון די מאַמעס. פריער פלעגט די מאַמע באַגלייטן די טאָכטער אויף אַ באַל, די מאַמעס זענען געזעסן אין דער זייט, און געהאַלטן אַן אויג מיט וועמען די טאָכטער רעדט, מיט וועמען זי טאַנצט. היינט לאָזט מען זיצן די מאַמעס אין דער היים; דאָס מיידל גייט אין קלוב, אין פּאַרייך, געהערט צוזאַמען מיט די ייִנגלעך צו פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס. זי וויל זיין גלייך מיט די מענער. די האָר קורץ אונטערגעשויר, אַ „בובי־קאָפּ". דאָס קורצע קליידל איז לויז, מערקט נישט אָן קיין שום פאָרמען. דער דעקאָלט אַנט־בלויזט דעם האַלדז, די אַקסלען. זיי רייסן זיך צו בילדונג, אַנצוקומען אויף אוניווערסיטעט.

יאַנינאַ פּאָדאָלסקאַ איז געווען אַ מאָדערן מיידל. זי האָט געוואָלט שטודירן אויף אוניווערסיטעט, אָבער שוין עטלעכע יאָר ווי זי בייט די פאַקולטעטן. מעדיצין איז אַ צו לאַנג און שווער לערנען. פּעדאַגאָגיק איז צו נודנע. פאַר ליטעראַטור און פילאָזאָפיע האָט זי נישט קיין אינטערעס. אפשר פּרוּוון אויפן קונסט־געביט? זי האָט זיך פאַרשריבן אויף דער קונסט־אַקאַדעמיע צו שטודירן מאָלעריי. געוואָרן אַ מיטגליד אין זייער קלוב. עס איז איר געפעלן די געזעלשאַפט, באָהעמע־מענטשן. מען טאַנצט, טרינקט, רויכערט. דער אמת איז אַז מיט איר טאַלאַנט צום מאָלן האָט זי נישט אַזוי שטאַרק אויסגענומען, אָבער דערפאַר איז זי געווען אַ שיין מיידל, גענוג

קולטורעל, מ'זאָל מיט איר פאַרפירן אַן אַנגענעמען שמועס, שטענדיק מאָדערן און עלעגאַנט געקליידט. זי איז געווען אומרויק, אירע שיינע טונקעלע אויגן האָבן געזוכט צווישן די מענער, וועלכער אַ שטייגער וואָלט געוואָרן איר באַשערטער? שליסלעך איז איר בלאָנדזשען און זוכן נאָר צו געפינען אַ מאַן וואָס דאָס איז דאָך דער ציל פון אַ יעדער פרוי. זיי אַלע מאַכן איר קאָמפּלימענטן, האָקן אַ טשייניק וועגן „פרייע ליבע", מאָדערניזאַציע אויף אַלע געביטן, אפילו אין דער הייראַט; עס איז דאָך דער צוואַנציקסטער יאָר־הונדערט! זי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געלאַכט. זי האָט זיי געפונען פּאַר גרויסע נודניקעס, זיי פּאָזירן און גלייבן אַליין נישט אין זייערע רייד. ניין, אויך דאָ צווישן די מאָלערס און סקולפּטאָרן וועט זי נישט טרעפן איר באַשערטן.

איינמאָל אין אַן אָוונט, ווען זי איז געזעסן אַליין ביי אַ טישל, איז צו איר צוגעקומען דער מאָלער באָריס גלעמבאָצקי.

— ס'איז דערלויבט? — האָט ער העפלעך געפרעגט.

— ביטע — האָט זי געוויזן איינלאַדנדיק אויף אַ שטול.

ער האָט איר אָנגעבאָטן אַ ציגאַרעט. זיי האָבן פאַררייכערט. זי האָט געהאַלטן דעם ציגאַרעט צווישן צוויי פינגער, מיטן עלנבויגן אויפן טישל, געצויגן דעם רויך און אים פאַרשנדיק באַטראַכט. ער איז צו אַלט פאַר איר און עפּעס אויך צו פיל פּויעריש, זי ווייסט אַז ער איז אַ שלאַכטשיץ, אַ גוטבאַזיצער, וואָס דאָס האָט זיך גערעכנט הייניטיקע צייטן פאַר אַ גוטן שידוך. דערצו איז ער אַ טאַלענטירטער מאָלער. זיינס אַ בילד האָט אפילו באַקומען אַ פּרייז אויף אַ קאָנקורס־אויסשטעלונג. ער האָט זיך אָבער נישט געיאָגט נאָך כבוד. נאָכן אָפּזיצן אַ ווינטער אין לעמבערג, איז ער צוריק־געפאָרן אין זיין דאָרף, געקומען צוריק אַן אָפּגעברענטער פון דער זון ווי אַ פּויער. ער איז נישט שיין. ער האָט שמאָלע, גרויע אויגן, ליפּן דיקע, ברייטע באַקן און אַ קורצע נאָז. איבערן שטערן זענען די פלאַקסענע האָר ווי אַ בערשטל געשטאַנען אין דער הויך; אָבער זיין הויכע, ברייטפּלייציקע געשטאַלט האָט דערוועקט צוטרוי. זיינע רויקע, געלאַסענע ווערטער האָבן פאַראינטערעסירט. ער האָט נישט געזוכט איר געזעלשאַפט ווי אַנדערע מענער, אָבער שטענדיק אויסגעוואַקסן נעבן איר ווען זי איז געווען אַליין.

ער האָט באַשטעלט משקה. אָנגעגאָסן צוויי גלעזלעך, ער האָט צו איר אויפגעהויבן דאָס גלעזל:

— נאַ זדראָוויע, (צום געזונט, לחיים).

— נאַ זדראָוויע! — האָט זי אָנגעשטויסן אין זיין גלעזל — אַביסל צו שטאַרק — האָט זי זיך פאַרקרימט פון דעם ברי אין האַלדז.

— נאָר פון דעם ערשטן שלוק — האָט ער געלאַכט און אויסגעליידיקט זיין גלעזל, ער האָט זיך ווידער אָנגעגאָסן און געוואָלט איר צוגיסן.

— ניין, אַ דאַנק.

ער אָבער, האָט געוואָלט טרינקען, נאָר געוואַרט אויף איר. זי האָט מיט אַ שמייכל צו אים אויפגעהויבן דאָס גלעזל.

דער דזשאַז־אָרקעסטער האָט געשפּילט אַ גרילצנדיקן פאָקסטראָט. ווען ער איז איבערגעגאַנגען צו אַ טאַנגאָ, האָט גלעמבאָצקי זיך אויפגעהויבן און זיך פאַר איר פאַרנייגט, איינלאַדנדיק זי צום טאַנץ. זי האָט זיך צוגעפּאַסט צו זיינע שווערע, געמאָסטענע טריט. נישט ער פליט, נישט ער טאַנצט עס צו פּאַוואָליע. נאָכן טאַקט פון דער מוזיק שטעלט ער זיכער זיינע טריט. זי האַלט די הענט אויף זיינע אַקסלען, ער האַלט זי אַרומגענומען, זי ווייסט נישט פאַר וואָס, נאָר מען פילט זיך זיכער אין זיינע אָרעמס.

נאָכן טאַנץ האָבן זיי זיך אומגעקערט צו זייער טישל. ער האָט איר אָנגעבאָטן זיין ציגאַרעטן־שאַכטל. זי האָט מיט — אַ דאַנק — אַרויסגענומען אַ ציגאַרעט.

— פּאַננאַ יאַנינאַ — האָט ער אָנגעהויבן און זיך געדרייט נערוועז אויפן בענקל: — איך האָב אייך שוין לאַנג געוואָלט זאָגן...

איצט וועט ער זיך דערקלערן אין ליבע, קלערט זי. זי האָט זיך פאַר־כמורעט, עס פאַרשטייט זיך אַז זי וועט אים אָפּזאָגן, אָבער צי קענען מענער נישט פאַרברענגען מיט אַ פרוי און נישט זוכן גלייך אַ פלירט?

— איר פאַרשטייט פּאַננאַ יאַנינאַ, ווי איך האָב אייך נאָר דערזען צום ערשטן מאָל, איז מיר אויפגעפאַלן אייער פּראָפיל מיטן גלייכן נעזל — וויל ער מיט די פינגער אַ פיר טאָן איבער איר נאָז. זי גיט זיך אַ צי צוריק, ער רעדט ווייטער: — פריילין יאַנינאַ, איך בין אַ פּראָסטער לאַנדסמאַן, איך ווייס נשט ווי מען רעדט צו אַ דאַמע, איר פאַרשטייט פּאַננאַ יאַנינאַ?

זי לאָזט אים אויסרעדן, זאָל ער זיך ברעכן דעם קאָפּ „ווי מען רעדט צו אַ דאַמע". זי וועט אים נישט העלפן זיך אַרויספּלאָנטערן.

— פּאַני יאַנינאַ!

— יאָ? וואָס ווילט איר זאָגן? — האָט זי אַ ביסל רחמנות אויף אים.

— פּאַננאַ יאַנינאַ, איר וועט מסכים זיין? זאָגט מיר מיין טייערע פּאַני — נעמט ער זי אָן ביי די הענט.

— בשום אופן נישט! — ציט זי אַרויס אירע הענט פון זיינע.

— פאַר וואָס פּאַני פּאַדאָלסקאָ און איך האָב געמיינט אַז מיר זענען פריינד און איר וועט טאָן אַ טובה אַ קאָלעגע.

— וואָס ווילט איר אייגנטלעך פון מיר?

— איך בעט אייך איר זאָלט פאַר מיר פּאָזירן. אייערע טונקעלע אויגן מיט דעם מאָדנע בליק, בעטן זיך ממש פאַראייביקט צו ווערן אויפן לייוונט.

זי האָט זיך צעלאַכט, הויך און קלינגענדיק האָט זי געלאַכט. אַט דאָס גאָר?

דער מאַן האָט זיך געפילט באַליידיקט פון איר לאַכן:

— צי האָב איך אייך באַליידיקט פּאַני פּאַדאָלסקאַ? מיין אָנבאָט איז קאָרעקט. איך וועל אייך דזשענטעלמעניש באַהאַנדלען.

זי איז באַשטאַנען.

יאַנינאַ האָט אָנגעהויבן צו באַזוכן דעם פּאַן גלעמבאָצקי אין זיין אַטעליע וואָס האָט זיך געפונען אין אַ דאַך־שטוב. דורך די שיפּע דאַך־פענצטער האָבן אַריינגעשיינט די פאַרנאַכטיקע זון־שטראַלן. גלעמבאָצקי האָט אַזוי אויס־קאָמבינירט אַז די שטראַלן זאָלן פאַלן פונקט אויף אירע האָר, וועלכע זענען געווען אין דער הויך פאַרקעמט, מיט בענדער דורכגעצויגן, ווי ביי די פאַר־צייטיקע גריכנס. איין אַקסל איז געווען אָפּגעדעקט, אויפן צווייטן איז געהאָנ־גען אַ ווייס, ווייך געוואַנט. די הענט האָט זי געהאַלטן נאַכלעסיק אין שויס און געקוקט צו דער פאַרגייענדיקער זון. גלעמבאָצקי איז אַלע מאָל צו איר צוגעקומען און איר אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אויסגעגלייכט דעם פּראָפיל. זי האָט זיך געפילט אומבאַקוועם, קוים וואָס זי זיצט איין. איר פּנים האָט פאַראָטן איר אומגעדולד, אירע ברעמען האָבן זיך צוזאַמען געצויגן מיט אַ קנייטש איבערן גלייכן נעזל.

— אום גאָטס־ווילן פאַננאַ יאַנינאַ! — האָט גלעמבאָצקי אויסגערופן — זיצט רויק, איר מאַכט מיר קאַליע דאָס בילד!

יאַנינאַ האָט געפּרוווט אויסגלייכן דאָס פּנים, אָבער עס איז איר נישט געלונגען. ווייל זי איז געווען אומצופרידן מיטן מאָלער וועלכער לייגט אַריין די גאַנצע ליידנשאַפט אין דער לייוונט און איר, דעם „מאָדעל" שענקט ער נישט קיין ברעקל אויפמערקזאַמקייט. גלעמבאָצקי איז אָן אויפגערעגטער צו איר צוגעגאַנגען:

— וואָס איז דאָס היינט מיט אייך פאַני יאַנינאַ? איר צעקרימט דאָס פּנים און מאַכט מיר אַ טעל פון מיין אַרבעט. איר זעט? ווייזט ער מיטן אומגעדרייטן פּענזל אויפן פּנים: — אָט דאָ ווו עס דאַרף זיך אָפּשפּיגלען אַ לייכט שמייכעלע, האָט איר פאַרצויגן אַ גרימאַסע ווי אַן אַלטע באָבע, און וואָס איז דאָס פאַר אַ קנייטשן דעם שטערן און צוזאַמענציִען די ברעמען?

זי איז אויפגעשפּרונגען אַ באַליידיקטע:

— אַ שיינער קאָמפּלימענט מיך צו פאַרגלייכן צו אַן אַלטער באָבע!

ער האָט געוואָלט פאַרגלעטן דעם זאָג און זי אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט. זי האָט זיך פון אים אַרויסגעריסן און פאַרשוווּנדן הינטערן פּאַראַוואַן. באַלד איז זי פון דאָרטן אַרויס אָן איבערגעטאָענע אין אַ העלן קאָסטיום, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ איז זי פאַר אים פאַרבייגעגאַנגען און אָן אַ זיי געזונט אַרויס.

זי האָט באַשלאָסן מער צו אים נישט צו גיין. אָבער אין קלוב האָבן זיי זיך ווידער באַגעגנט. ער איז צו איר צוגעשטאַנען, זי מער געבעטן מיט די אויגן ווי מיט ווערטער:

— איר פאַרשטייט פאַני יאַנינאַ, אַן אָנגעהויבענע אַרבעט קען מען נישט איבערלאָזן אַ נישט פאַרענדיקטע...

פּונקט דאָס האָט זי געהאַרט. ער מיינט נאָר דאָס פּאַזירן, זי אַליין אינטערעסירט אים נישט. אַלס אַ שיין מיידל איז זי געווען געוווינט צו קאָמפּלימענטן, מען זאָל זי חנפענען. אמת, זי ווייסט אַז דאָס איז פאַלש, און אַז די אָנגענומענע פּוילישע באַגריסונגען „איך קוש די האַנט", אָדער „איך פאַל צו די פיס", זענען פּוסטע צביעותדיקע פראַזעס, אָבער עס האָט זי אויך אָפּגעשטויסן גלעמבאָצקיס פּויערישע אומגעהובלטקייט, כאָטש זי האָט אין דער זעלבער צייט אָפּגעשאַצט זיין ערלעכקייט, זיין גראָדלי־

ניקייט. ער איז נישט געווען הינטערליסטיק, געזאָגט שטענדיק דאָס וואָס ער קלערט. מיט דעם חוש פֿון אַ פּרוּוו האָט זי פֿאַרשטאַנען אַז זי מאַכט יאָ אויף אים אַן איינדרוק און אפשר ווייסט ער אַליין נאָך נישט אַז דאָס וועלן זי אַפּמאָלן דערקלערט זיך מיט דעם, ווייל זי געפעלט אים.

זי האָט זיך אַ ביסל מיט אים געדרייצט, אים צוערשט אָפּגעזאָגט ווייטער צו פֿאָזירן, דערנאָך איינגעוויליקט און ווידער אָנגעהויבן צו אים צו קומען.

ס׳איז געווען אַ מילדער האַרבסטטאָג. די זון האָט פֿאַרגאָסן די שטוב מיט אַ רויטלעכן שיין. ס׳איז געווען פֿון די זעלטענע האַרבסט־טעג וואָס שטראַלן פֿון זיך אַרויס די גאַנצע וואַרעמקייט, איידער עס שטעלט זיך דער קאַלטער ווינטער. אַ שטילקייט האָט געהערשט אין רוים. מען האָט נאָר געהערט די באַוועגונגען פֿון דעם מאָלער, וואָס איז געווען פֿאַרטיפֿט אין זיין אַרבעט. אַן אָנגענעמע מידקייט איז באַפֿאַלן יאַנינאַן. פֿאַרחלומט קוקט זי אַרויס דורכן פֿענצטער. פֿאַרבענקט און שטיל קוקט צו איר אַריבער דער פֿאַררויטלטער הימל. די הענט האַלט זי אויפֿן שויס. זי זעט אויס אין דעם ברייטן לאַנגן קלייד פֿולער, ווייבלעכער. די הענט ליגן ליידיק אויף איר שויס. ווי גוט וואָלט געווען ווען זי האַלט אַזוי אַ קינד אויף דער שויס, אַ גאַנץ קליין פּיצינקעלע עופּעלע, וואָס קען נאָך דאָס קעפּעלע נישט האַלטן און ס׳איז ענלעך צו אַ געליבטן מאַן, און פֿאַר וואָס טאַקע נישט צו אָט דעם וואָס איז אַזוי פֿאַרטיפֿט זי אָפּצומאָלן? און זי וועט זיך איבערבויגן איבער דעם צאַרטן, זיסן באַשעפֿעניש און וועט אַרויסנעמען אַ פֿולע ווייסע ברוסט און אים שטופּן אין ראָזעווע מיילעכל...

— אַ דאַנק פּאַננאַ יאַנינאַ, איר האָט היינט וווּנדערבאַר פֿאָזירט! ענדלעך האָב איך געקאָנט אָנוואַרפֿן דעם לאַנג געזוכטן שטריך. איר זעט, אייערע מויל־ווינקלען האָבן אויסגעדרוקט אַ יונגפֿרוייִשן שמייכל און אין די אויגן איז געלעגן אַ פֿאַרחלומטע בענקשאַפֿט.

זי איז רויט געוואָרן, זיך אויפֿגעהויבן אַ פֿאַרווירטע, נישט געוווּסט וואָס צו ענטפֿערן און כּדי צו פֿאַרבאָרגן איר פֿאַרלעגנהייט, איז זי אַנטלאָפֿן הינטערן פֿאַראַוואַן. ווען זי איז צוריקגעקומען, האָט זי אים שוין געטראָפֿן אין דעם אַרבעטס־כאַלאַט, אין אַרומגעוואַשענעם, מיט אַ צוגעקעמטן קאָפּ. זי האָט זיך געגרייט אַרויסצוגיין.

— וואָס איילט איר זיך אַזוי? ביטע זיצט פּאַננאַ יאַנינאַ.

זי האָט שוין געהאַט איבערגעוווּנדן די „אַלטמאָדישע" שעמעוודיקייט, זי איז צוריק געוואָרן די שפּרודלדיקע, לעבעדיקע יאַנינאַ פּאַדאַלסקאַ. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַן עק פונעם טיש, די פיס איבערגעוואָרפן איינער איבערן אַנדערן און שטיפעריש געקוקט אים אין די אויגן. ער איז געשטאַנען נעבן איר, אָנגעשפּאַרט אינעם טיש. ער האָט נערוועז געגעבן אַ שלעפּ אַרויס דאָס ציגאַרעטן־שאַכטל, אַריינגעשטעקט אַ ציגאַרעט אין מויל און אויך איר אָנגעבאָטן.

— אַ דאַנק. איך רויכער אַן אַנדער מאַרקע. — און מעשה מאַנצביל האָט זי אַרויסגענומען פון דער בוזעם־קעשענע פון לייכטן, ענג געפּאַסטן קאָסטיום אַ פּעקל ציגאַרעטן. געגעבן אַ קלאַפּ אַרויס אַ ציגאַרעט און פאַררויכערט אין דעם שוועבעלע וואָס ער האָט פאַר איר אָנגעצונדן.

— פּאַננאַ יאַנינאַ, — האָט ער אָנגענומען איר האַנט און געצערטלט: איך האָב אייך שוין לאַנג געוואָלט זאָגן...

— גיט אַכטונג איר זאָלט אייך נישט פאַרברענען ביי מיין ציגאַרעט, — האָט זי געלאַכט און אַרויסגענומען איר האַנט פון זיינער. זי האָט פאַרשטאַנען אַז ער וויל זיך איר דערקלערן און זיך שטאַרק געשראָקן דערפאַר. זי האָט אים נישט ליב, וויינ׳קסטן נישט מיט דער הייסער באַגערטער ליבע וועלכע מען וואָלט באַדאַרפט פילן צו אַן אויסגעבענקטן מאַן. זי האָט חשק געהאַט צו אַנטלויפן פון אים, זי קען נישט ליידן זיין נאָענטקייט, אָבער דער שכל האָט איר דיקטירט צו בלייבן, קיין אַנדערער קאַנדידאַט זעט זיך נישט אויפן האָריזאָנט און ווי לאַנג וועט זי נאָך וואַרטן? זי איז שוין נאָענט צו די שלושים. אָבער ווי אַזוי נעמט מען אַרום אַזאַ אומגעלומפּערטן פאַרשוין? זי האָט זיך אינסטינקטיוו געגעבן אַ רוק אַוועק.

ער האָט די פינגער דורכגעצויגן דורך זיינע קורצע האָר, אַ מאַך געטאָן נערוועז מיט דער האַנט און אַרויס מיט לשון:

— וואָס איז דאָ אַ סך צו רעדן? איך בין אַן איינפאַכער לאַנדווירט און ווי זאָגט מען עס ביי אונדז „פּראָסטאָ ז׳מאָסטו"*: איך האָב אייך ליב און אויב איר זענט מסכים...

---

* פּראָסטאָ ז׳מאָסטו — אַראָפּ פון דער בריק.

זי האָט זיך צעלאַכט, פּרויען וועלכע ווייסן נישט וואָס צו ענטפערן, העלפן זיך אַרויס מיט אַ געלעכטער.

איר לאַכן האָט אים נאָך מער דענערווירט.

— וואָס לאַכט איר וואָס, פּאַני יאַנינאַ, איך מיין עס ערנסט, אויב איר זענט מסכים, קענען מיר חתונה האָבן.

זי האָט אַ צי געטאָן פונעם ציגאַרעט און קאָקעטיש, איינזייטיק געקוקט אויף אים:

— לויט די מאָדערנע באַגריפן איז הייראַט אַ פּאַקט ווי יעדער אַנ־דערער אָפּמאַך, וואָס פאַר אַ באַדינגונגען שטעלט איר?

— איך ווייס? — האָט גלעמבאָצקי רעכט נישט פאַרשטאַנען די פראַגע: — איך בין אַ שליאַכטשיץ, שטאַם אָפּ פון אַן אַדעליקער משפחה, נאָך דעם אָפּשטאַרבן פון מיין פאָטער האָב איך איבערגענומען דאָס גוט אויף גאָרקיווקע און מיין פרוי וועט זיין די גוטבאַזיצערין, און איך וועל זיין איינער פון אירע געטרייעסטע דינער...

— און וואָס פאַר אַ באַדינגונגען שטעלט איר מיר? — האָט יאַנינאַ געשמייכלט.

— קיין שום באַדינגונגען. איך נעם אייך ווי איר שטייט און גייט...

— ווער ווייסט צי מיר וועלן פּאַסן צוזאַמען... אפשר חתונה האָבן אויף פּראָבע?

זיי האָבן חתונה געהאַט און אַראָפּגעקומען אין דאָרף גאָרקיווקע. יאַנינאַ, די גרויסשטאָטישע דאַמע, איז אַריינגעפאַלן אין אַ פרעמדער, איר דאַכט זיך ווילדער סביבה. די דינסטן האָבן איר אָפּגעגעבן גרויס כבוד. זיך פאַר איר געבויגן אין דרייען, אָבער אין זייערע ווייט אויפגעפּראַלטע בלויע אויגן האָט זיך איר געדאַכט בליצט אַ חוזק־שמייכל. איר מאַן, דער פּריץ גלעמבאָצקי, האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די שטאָטישע קליידער, אַרומגעגאַנגען מיט פאַרבלאָטיקטע שטיוול, אַ צעכראַסטעט העמד מיט אַן אויפגעשטעלטן קראַגן פון דער קורצער קורטקע. זי האָט ליב לאַנג צו שלאָפן, ער אָבער, פלעגט זיך אויפכאַפּן פאַרטאָג, ווי אַן עכטער לאַנדווירט, אַרויסצופּראַווען די פאַרנאַלן אין פעלד. ווען ער איז איין מאָל צוריק אַריינגעפאַלן צו איר אין שלאָפצימער, אַ נישט ראַזירטער, זי געכאַפּט

אין זיינע אָרעמס און זי געוואָלט אויסקושן, האָט זי אים ברוטאַל אָפּ־געשטויסן:

— גיי דיר! ביסט פול מיט ריחות פון דער שטאַל!

— מיאוסט דיך פון מיר? ביסט דאָך מיין ווייב!

זי האָט מיט אַ היסטערישן געוויין זיך געוואָרפן אויפן בעט!

— גיי דיר! איך קען דיך נישט ליידן! גיי דיר צו דיינע שיקסעס און לאָז מיך געמאַך.

— יאַק באָגאַ קאָכאַם! (ווי גאָט איז מיר ליב). זיי נעמען מיך אויף בעסער ווי דו! — האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר און איז אַרויס.

זי איז אויפגעשטאַנען נאָך האַלבן טאָג. מאַנאַטן האָבן זיך געצויגן די טעג. ביים מיטאָג איז זי געזעסן אַקעגן איר מאַן פון וועמען ס׳האָט זיך שטאַרק איר געוואָלט אַנטלויפן. זי קאָן נישט ליידן זיינע כלאָפּסקע מאַניערן. דעם צו גרויסן אַפּעטיט זיינעם, דאָס גיסן אין זיך איין גלעזל נאָכן אַנדערן. דערצו זענען געלעגן צו זיינע פיס צווי גרויסע הינט. זיי האָבן קונציק אויפגעכאַפּט יעדן ביין אין די פּיסקעס וואָס דער פּריץ האָט זיי אַראָפּגעוואָרפן.

— דו זעסט די אינטעליגענטע הינט? — זאָגט צו איר גלעמבאָצקי — דאָס כאַפּן זיי אַזוי דאָס עסן אין מויל, כדי נישט אויסצושמירן דעם טעפּיך.

— ווי גאָט איז דיר ליב — האָט יאַנינאַ געדרייט מיטן קאָפּ און די שיינע ברוינע אויגן האָבן זיך אָנגעפולט מיט טרערן: — טרייב אַרויס די הינט, איך קען נישט פאַרטראָגן זייער ריח!

גלעמבאָצקי האָט אָבער געקראַצט די הינט ביים האַלדז און זיך נישט געמאַכט הערנדיק דעם ווייבס באַמערקונג. זי האָט געגעבן אַ וואָרף די סאַלפעטקע אויפן טיש און אַרויסגעלאָפן נישט דערעסנדיק.

פון צייט צו צייט איז די פּאַני גלעמבאָצקאַ געפאָרן אין שטאָט אַריין. דעמאָלט האָט פּאַן גלעמבאָצקי זי אַראָפּגעפירט די טרעפּ, געהאָלפן איר איינשטייגן אין דער קאַרעטע, איר גאַלאַנט געקושט די האַנט און געגעבן אַ הויב אויף די האַנט צום קוטשער, אַז ער קען שוין פאָרן. ווען ער האָט געהערט די קאַרעטע צוריק אָנקומען, איז ער שנעל אַראָפּגעלאָפן די טרעפּ, איר געגעבן די האַנט צום אויסשטייגן און זי אונטערן אָרעם אַרויפגעפירט.

ער האָט זיך אַזוי אויפגעפירט ווי עס פּאַסט פאַר אַ שליאַכטשיץ און ווי ער האָט עס געזען ביי זיינע עלטערן.

אָבער מיט דער צייט איז אים נימאס געוואָרן די שפּיל, אפשר איז עס געווען דעם ווייבס קאַלטקייט וואָס האָט אים דערווייטערט. ער האָט זיך אַלץ מער געפּוילט אַרויסצוגיין זי צו עמפּפאַנגען. אָט זיצט ער מיט זיין יידישן תבואה־סוחר פאַרטיפט אין אַ שמועס. ער הערט גוט די קאָרעטע פאַרפאָרן, מאַכט זיך אָבער נישט וויסנדיק. די פּאַני גלעמבאָצקאַ האָט זיך געשעמט פאַר די דינסטן און פאַרנאַלן וואָס האָבן זיך געדרייט אין הויף. דערצו האָט אָנגעהויבן צו פאַלן אַ דריבנער רעגן. זי האָט אַריינגעשיקט דעם קוטשער מעלדן אַז די פּאַני איז אָנגעקומען. דער קוטשער איז געשטאַנען אויף דער שוועל, געדרייט דעם הוט אין דער האַנט און נישט געוואַגט אַ וואָרט אַרויסצורעדן. דער פּריץ האָט אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט:

— גיי ניקאָלייקע, גיי, איך קום באַלד, איך ענדיק נאָר דעם שמועס מיטן סוחר.

דער סוחר איז אויפגעשפּרונגען:

— זאָל גאָט היטן! איך האָב צייט!

גלעמבאָצקי האָט קורץ אַ לאַך געטאָן און געגאַנגען אָראָפּנעמען זיין פּאַני.

יאַנינאַ איז אַריין צו זיך אין שלאָפצימער, זיך געגעבן אַ וואָרף אויפן בעט און זיך צעוויינט. גלעמבאָצקי זעט זי צום ערשטן מאָל אַזוי וויינען.

— פאַר וואָס וויינסטו יאַנינאַ? —

זי האָט געוויינט אויס פאַרדרוס, זי האָט גוט געזען ווי ער האָט געגעבן דעם דינסטמיידל אַ פּאַטש איבערן הינטן, זי האָט פאַרשאַרט געלאַכט און זיי האָבן זיך איבערגעוווּנקען און איצט דאָס פאַרשעמען זי, זי לאָזן זיצן אויפן רעגן... אָבער זי קען אים דאָס נישט זאָגן, זי וועט עס אים קיין מאָל נישט זאָגן.

ער האָט זיך נעבן איר אָוועקגעזעצט אויפן בעט, זי געגלעט צאַרט איבער דער פּלייצע:

— פאַר וואָס וויינסטו יאַנינאַ? — האָט ער זי נאָך אַ מאָל איבער־געפרעגט.

— איך וויל אַוועק! אַוועק פון דעם העק.

— שאַ, איך האָב אַן עצה, לאָמיר זיך אַריינציִען אין שטאָט.

זי האָט זיך אויפגעזעצט, פאַרשאַרט די האָר:

— גוט, מיר קענען פּרווון.

— שוין דאָס צווייטע מאָל אַז מיר פּרווון — האָט ער געשמייכלט.

— און דו האָסט חרטה?

— ניין, יאַנינאַ, איך האָב דיך ליב. — האָט ער אויף זיין פּראָסטן און ערלעכן אופן געענטפערט.

— און דאַך... האָט זי נישט דערזאָגט און ווידער מיט אַ געוויין פאַר־גראָבן דעם קאָפּ אין קישן.

— וויין דיך אויס, וועט דיר בעסער ווערן מיין אוצרל — האָט ער געזאָגט און אַרויסגעגאַנגען. געקלערט האָט ער אַז ווייבער איז שווער צו פאַרשטיין אָדער זיי וויינען אָדער זיי לאַכן און גיי ווייס וואָס זיי מיינען...

יאַנינאַ איז געבליבן ליגן אין בעט מיט די הענט אונטערן קאָפּ און די בליקן צו דער סטעליע. זי האָט געקלערט: ווי שווער איז צו געפינען די געמיינזאַמע שפּראַך מיט דעם אייגענעם מאַן! זי איז נישט געווען רעליגיעז, אויב זי גייט אין קירך, איז עס ווייל אַלע גייען און ווו זאָל זי אויסברענגען אירע נייע קליידער? אָבער אין איין זאַך גלייבט זי, אין איר גורל. גלעמבאָצקי איז איר באַשערטער מאַן אויף לעבן און טויט. איי זי האָט אים נישט ליב, ווייניקסטנס נישט אַזוי ליידנשאַפטלעך ווי זי וואָלט געליבט אַן אַנדערן און אויב דער „אַנדערער" וואָלט געוואָרן איר מאַן, צי וואָלט ער נישט אויך איר געוואָרן דערווידער? וואָלטן כאַטש זייערע געפילן צוזאַמענגעשפּילט. אָבער דעמאָלט ווען זי באַגערט אים, מאָלט ער אָדער ער שלאָפט, אָדער ער איז סתם ווייט דערפון. פאַרגליסט זיך אים באַפאַלט ער זי ווי אַ חיה און דאָס רופט ביי איר אַרויס נאָר אַן עקל... נישטאָ קיין געמיינזאַמע שפּראַך, נישטאָ קיין איינפאַרשטענ־דעניש, בכלל נישטאָ קיין ווערטער פאַר אינטימע געפילן...

זיי האָבן זיך אַריינגעצויגן אין שטעטל. די פּאַני גלעמבאָצקאַ האָט פאַר זיך גענומען אַ באַזונדער שלאָפצימער, לויט דער לעצטער מאָדע. אין דעם צימער איז זי געזעסן פאַרן שפּיגל, אָדער געלעגן אויף דער

סאָפֿאַ. דער דיוואַן פֿון דער סאָפֿאַ האָט זיך געצויגן איבערן גאַנצן צימער. דאָ אַרומגעשוועבט ווי אַ פֿאַרכישופֿטע פּרינצעסין, איינגעהילט אין דינע, דורכזיכטיקע, זיידענע טיולן. איבערן צימער האָבן זיך צעטראָגן אירע פּאַרפֿום־ריחות. שפּעט נאָכמיטאָג איז זי אַרויסגעקומען אויפֿן ברייטן באַלקאָן, אַן אויסגעפּוצטע, אַ שמעקנדיקע, אָבער אַן אומעטיקע...

גלעמבאָצקי האָט פֿאַרבעטן פֿריינד אויף אַ קערמעסל. ס'איז געוואָרן פֿריילעך אין הויז. אַלע צימערן זענען געווען העל באַלויכטן. אַ מאָל האָט מען אַנגאַזשירט אַ קוואַרטעט פֿון אַמאַטאָרן. די פּאַני גלעמבאָצקאַ האָט באַגלייט אויף דער פּיאַנע. מען האָט געשפּילט, געטאַנצט און געזונגען. וואָס שפּעטער אין דער נאַכט, זענען די קולות העכער געוואָרן. די פּאַני גלעמבאָצקאַ האָט זיך פֿיין אַמוזירט. זי איז געוואָרן ווי אין לעמבערג, אַרומגערינגלט פֿון פֿאַרערערס. דעם פּאַן גלעמבאָצקי האָט מען גראַטולירט מיט זיין אויסוואַל פֿון אַזאַ שיין געראָטן ווייבל. נאָך דער הוליאַנקע איז זי געבליבן אַליין מיט דעם שיכּורן גלעמבאָצקי. זי האָט געפֿילט צו אים אַן עקל און זיך געשראָקן ער זאָל זיך צו איר נישט דערנענטערן. זי איז שנעל אַריין אין איר צימער און אָפּגעשלאָסן די טיר. ער האָט אָנגעקלאַפּט, זי האָט נישט געעפֿנט, ער האָט געפּרוּווט די קליאַמקע, עס איז געווען פֿאַרשלאָסן. ער האָט שיכּורלעך עפּעס אַ וואָרטשע געטאָן און איז אַוועק.

בייטאָג איז זי געלעגן איינגעדרייט ווי אַ קעצל אויף דער סאָפֿאַ, גענאַשט שאָקאָלאַדקעס און געבלעטערט מאָדע־זשורנאַלן. ער האָט געלייענט אַ צייטונג, זיי האָבן נישט גערעדט. זי האָט חרטה געהאַט וואָס זי האָט אים נישט אַריינגעלאָזט, סוף כּל סוף איז ער דאָך איר מאַן. די אַנדערע נאַכט האָט זי בכּוונה געלאָזט אָפֿן די טיר, אַ ליכט האָט זיך דורכגעזייט דורך דער טיר אינעם טונקעלן קאָרידאָר. ער איז נישט געקומען. פֿרישטיק האָט זי געגעסן אַליין. סטאַסיאַ האָט געמאָלדן אַז דער פּאַניטש איז פֿאַרטאָג אָפּגעפֿאָרן אין דאָרף.

פֿלוצעם האָט זיך די פּאַני גלעמבאָצקאַ אַרומגעזען אַז זי שוואַנגערט. זי האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן, זאָל זי אָפּטרייבן? אָבער זי וויל דאָך אַ קינד. דאָס ערשטע דאַרף זי דערציילן איר מאַן, דעם פֿאָטער פֿונעם קינד. עס איז געווען זונטיק, זי האָט זיך געקליבן גיין אין קירך. זי וועט

זיך אומקערן, ביים מיטאָג ווען זי איז דערציילן אַז זי שוואַנגערט. זי האָט זיך היינט באַזונדער שיין אויסגעפּוצט. קעמענדיק זיך די האָר און אָפּ־לייגנדיק זיי אין קאָרבן, האָט זי מיט צופרידנקייט פעסטגעשטעלט קוקנדיק אין שפּיגל, אַז די פּאַני גלעמבאָצקאַ איז אַ שיינע פרוי. זי וואָלט זיך באַדאַרפט פילן גליקלעך און דאָך איז זי עס נישט; אפשר איז זי זיך אַליין שולדיק? זי האָט דערפילט אַ בענקשאַפט נאָך גלעמבאָצקין, איר מאַן. ביי מיטאָג וועט זי אים דערציילן דעם סוד. זי וועט זיך צו אים צוטוליען, זי דאַרף דאָך אַצינד האָבן זיין שוץ... אַרויסגייענדיק אין אַ כוואַליע פון פאַרפומען, האָט זי גוט באַמערקט אַז די יידישע שכנים לויפן אַרויס, גלאָצן אויף איר אויס די אויגן, ס'האָט איר הנאה געטאָן. צוריק־קומענדיק פון קירך, האָט זי דער מאַן געלאָזט זיצן אויף דער קאַרעטע. נישט געקומען זי אַראָפּנעמען. זי האָט געזען ווי סטאַסיאַ לויפט אַרום אַ פאַרצווייפלטע, ווי דער קוטשער זיצט אַ שטייפער, מיט די ווייסע הענטשקעס האַלט ער די לייצעס. זיכער קוקן זיך צו די שכנים צו דעם ספּעקטאַקל... אַנטלויפן!

— ניקאָלייקאַ! פיר מיך אָפּ צו דער באַן!

די עלטערן האָבן זיך גאַרנישט אַזוי דערפרייט מיט דעם פּלוצעמדיקן באַזוך פון זייער טאָכטער. עלטערן האָבן ליב אַז חתונה געהאַטע טעכטער זאָלן קומען אויף אַ באַזוך צוזאַמען מיט זייערע מענער. קומען זיי אַליין, איז אַ שלעכטער סימן. ווען יאַנינאַ האָט זיך מיט אַ געוויין געוואָרפן דער מאַמען אין די אָרעמס, האָבן זיי באַלד דערזען דעם בראָך.

פּאַן פּאַדאָלסקי, יאַנינאַס פאָטער, איז געווען אַ גרויסער סוחר פאַרן ערשטן וועלט־קריג. ער האָט געהאַנדלט מיט פּריצים, געקויפט וועלדער, זיי געלאָזט אויסהאַקן און דאָס געהילץ געשיקט קיין דאַנציק און פון דאָרט איז עס געגאַנגען אין דער גרויסער וועלט. ער האָט זיך אָפּגעגאָלט די באָרד, געגאַנגען בגלוי ראש, די יידן האָבן עס אים פאַראיבל גענומען און אַז ער איז נאָך דערצו געווען אַ קאַרגער און נישט געוואָלט געבן נדבות פאַר אָרעמע לייט, אָדער אַנדערע צוועקן פון וווילטעטיקייט, האָט מען אים אויסגעווייכט. האָט ער זיי אָפּגעטאָן אויף צו להכעיס און זיך אָפּגעשמדט. איבערגעביטן דאָס רענדל און טוט מיר עפּעס. סיי ווי האַלט מען אים פאַר אַ גוי גמור, אַ פושע ישראל, זאָל ער טאַקע זיין אויף אַן

אמתן! צו דער פרנסה האָט עס אים נישט געהאָלפן, ביי די פּריצים איז ער געבליבן דער זעלבער זשיד, זיי האָבן מיט אים געהאַנדלט און געפירט געעשפטן, אָבער אין זייער געזעלשאַפט, האָבן זיי אים נישט אַריינגעלאָזט.

אין קריג האָט ער, ווי אַ סך אַנדערע סוחרים, פאַרלוירן זיין פאַרמעגן. ער האָט ווייטער אָנגעהאַלטן די גרויסע שטוב, וואָס פאַרן קריג, אָבער עס איז שוין נישט געווען די רחבותדיקייט פון אַ מאָל. קיין נדן פאַר די טעכטער האָט ער נישט אָנגעגרייט. ווען זיין טאָכטער יאַנינאַ האָט חתונה געהאַט מיטן שליאַכטשיץ גלעמבאָצקי, האָט עס אים גאָר הנאה געטאָן. אַיין קלייניקייט! זיין טאָכטער וועט זיין אַ גוטבאַזיצערין!

און איצט, אַזאַ בראָך! נאָך עטלעכע חדשים קומט מען צוריק צום פאָטער?! דאָס הייסט אַ שליאַכטשיץ? אַ דזשענטלמאַן? ער וועט עס אים ווייזן! — האָט זיך פאַן פאָדאָלסקי געהיצט. אַזוי באַהאַנדלט מען אַ דאַמע? זיין טאָכטער? ער וועט אים שוין אָנלערנען! ער וועט, ער וועט אים רופן אויף אַ דועל!

די מאַמע, ווי אַן אשת חיל, האָט באַרויִקט. צוערשט זאָל זיך יאַנינאַ אויסרוען, דערנאָך וועט מען זען. ווי זי איז גאָר געוואָר געוואָרן אַז איר טאָכטער שוואַנגערט, האָט זי באַלד געהייסן איינפּאַקן און זיי האָבן צוריק־געבראַכט די טאָכטער.

די מאַמע האָט געהאַלטן אין איין באַלערנען:

— געדענק! אַ מאַן לאָזט מען נישט איבער אַליין. צו דיינע עלטערן האָסטו נישט וואָס צוריקצוקומען. ווילסט האָבן אַ גוט לעבן, אַ גוטן מאַן, האַלט אים אין דיין זייט!

— מאַמע, ער לאָזט מיך איבער. זע ווי ער זיצט גאַנצע טעג און נעכט אויפן גוט!

— פאָר אים נאָך! פאַרטרייב די שיקסעס פון זיין זייט! ער קומט אַהיים אַן אויסגעזונגערטער? זאָל ער דיך טרעפן מיט אַ ווייס פאַרטעכל אַרומגעבונדן, מיט אַ שמייכל אויפן פנים. דערלאַנג דו אים עסן און נישט די שיקסע! געדענק: „ליבע פון אַ מאַן גייט דורכן מאָגן״.

יאַנינאַ האָט אַ געגעץ געטאָן. וועגן איר מעג זיך גלעמבאָצקי האַלטן מיט זיינע שיקסעס און דינסטן. איר זאָל ער נאָר אונטערשרייבן וועקסלען, זי זאָל זיך קענען קויפן נייע קליידער. פאַר איר איז גענוג אַז זי איז די

גוטבאַזיצערין, פּאַני גלעמבאָצקאַ. זי האָט זיך אויסגעצויגן אויפן ווייכן שאָקלשטול און זיך געוויגט. זי הייבט זיך אָן איינצולעבן אין דער נייער סביבה פון אַ פּריצעטע, אָבער דאָך האָט זי געפאָלגט דער מאַמען און זיך אַראָפּגעצויגן אין גוט. די עלטערן האָבן זיך אומגעקערט אַהיים.

ווען זי איז אָנגעקומען מיט אַ סך פּעק און ראַנצן אויפן גוט, זענען איר ביידע הינט אַקעגנגעשפּרונגען מיט גרויס פרייד.

— אַ שטו! אַ טשו! — האָט זי ניקאָליי אָפּגעטריבן מיט זיין בייטש — זע נאָר אַ חוצפה פון הינט, צו שפּרינגען אויף דער וויעלמאָזשניע פּאַני!

— לאָז זיי ניקאָליי! זיי נעמען מיך אויף מיט פרייד, כאָטש איך פלעג זיי פון מיר טרייבן!

— הינט, פּראָשעי פּאַני, פאַרשטייען מער פון אונדז. זיי האָבן שטאַרק געבענקט נאָך דער וויעלמאָזשנע פּאַני. אויב עמעצער האָט זיך געזעצט אויף דער גנעדיקער פּאַני׳ס שטול, האָבן זיי געמרוקעט. אַ גאַנצן טאָג זיצן זיי אַקעגן דעם וויעלמאָזשנע פּאַן, קוקן אָט אויפן פּאַן, אָט אויפן ליידיקן שטול...

יאַנינאַ האָט זיי געגלעט. ס׳איז געווען זומערצייט. דער פּאַן גלעמ־באָצקי איז געווען אַ גאַנצן טאָג אין פעלד. ער פלעגט אַריינפאַלן אויף מיטאָג, אַ הונגעריקער. דערשטוינט פלעגט ער זען זיין שיין ווייבעלע, אַרומגעבונדן מיט אַ ווייס פאַרטעכל, אים גרייטן דעם טיש. די דינסט האָט אַריינגעבראַכט די טאַץ מיטן כיבוד. יאַנינאַ האָט ביי איר צוגענומען און איר אַ ווונק געטאָן אַז זי קען זיך גיין. אַליין האָט זי אויפגעוואַרט איר מאַן, אים דערלאַנגט אויפן טעלער. געפרעגט וועלכעס פלייש ער ווינטשט זיך.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק! — האָט ער שנעל געזאָגט, ער איז נישט געווען געוווינט זיין ווייב זאָל אים באַדינען. ער האָט מיט איין צי אַראָפּגע־שלונגען די גאַנצע גלאָז וויין.

יאַנינאַ האָט געהאַט געדולד. זי געדענקט גוט וואָס איר מאַמע האָט איר אָנגעזאָגט:

— אַ הונט, אַ קינד און אַ מאַן, דאַרף מען דערציִען!

זי האָט באַשלאָסן אים דערווייל נישט אויסצוזאָגן אַז זי שוואַנגערט. ס׳איז געווען שניטצייט, ווען די אַרבעט ברענט. ער איז געווען גאַנצע

טעג אין פעלד. אַזוי ווי די דרעשמאַשין האָט געאַרבעט טאָג און נאַכט, איז ער אויך זעלטן אַהיימגעקומען אויף בייגאַכט. ער האָט געהאַלטן פון דעם פויערישן ווערטל: — פּריצישע אויגן באַאַרבעטן פעלדער. —

יאַנינאַ איז געווען אַליין; נישט אַליין, די צוויי הינט האָבן זי געהיט. זיי זענען געזעסן אַקעגן איר און נישט אַראָפּגענומען די בליקן פון איר. אַפילו ווען זיי האָבן איינגעדרימלט, האָבן זיי דורך די שפּעלטלעך גע־בלינצלט צו איר מיט די אויגן. דעם פּריץ האָבן זיי פאַרלאָזט. ווען ער פלעגט אָנקומען האָבן זיי אַרום אים געטענצלט, אים באַניוכעט, דערנאָך אַרויסבאַגלייט און זיך צוריקגעקערט צו דער האַרנטע.

— פּוילאַקעס! — האָט אויף זיי אָנגעשריגן גלעמבאָצקי, — איר ווילט זיצן גיכער אין שאָטן, איידער מיך באַגלייטן אויף דער זון אין פעלד.

יאַנינאַ האָט עס אַנדערש באַנומען. געוויכט איז ניקאָליי, הינט פאַר־שטייען מער ווי די מענטשן מיינען. אפשר האָבן זיי דערפילט מיט זייער אינסטינקט אַז אין איר גייט אויף דער המשך פון די גלעמבאָצקיס און דערפאַר היטן זיי זי אָפּ?

אין די מילדע, שטילע זומער־נעכט האָט זי ליב געהאַט זיך צו באָדן אין טייך, וואָס איז געפלאָסן הינטער זייער גאָרטן. זי האָט פון זיך אַראָפּ־געוואָרפן די קליידער און געשפּרונגען אַ נאַקעטע אינעם וואַסער. אַ מאָדנע פאַרגעניגן האָט זי געהאַט ווען די מילדע כוואַליעס האָבן געגלעט איר לייב. באַגלייט איןביידע זייטן פון די הינט, איז זי געשוווּמען און גע־שוווּמען... אין טייך פון דער לבנה האָט זיך איר געדאַכט האָבן די ווערבעס אָנגענומען דעם אָנבליק פון אויסטערלישע געשטאַלטן. זי איז אַ פאַר־כישופטע פּרינצעסין און דאָרט ווו עס שימערט דאָס ווייסע הויז, איז איר שלאָס. די צוויי הינט זענען בייסיקע וועלף, וואָס באַוואַכן זי. און אפשר איז זי אַ נימפע וואָס טויכט אויף מיט נאַסע האָר פונעם טייך... זי ליגט נאַזנדיק אויפן וואַסער און לאָזט זיך טראָגן פון די כוואַליעס און חלומט און חלומט...

פאַרנאַכט פלעגט זי זיך אַרויסלאָזן שפּאַצירן, רייטנדיק אויף אַ **פערד**. אָבער גאַנץ זיכער איז זי אין זאָטל נישט געזעסן. ניקאָליי האָט זי גע־לערנט:

— די וויעלמאָזשנע פּאַני זאָל פעסט האַלטן די לייצעס, ווען דאָס

פערד גיין פּאַוואָליע, אָבער ווען די פּאַני וועט לויז האַלטן די לייצעס און די גאַכלאַזן, וועט דאָס פערד זיך צעבריקעווען און אַנטלויפן. כדי איינ־צוהאַלטן דאָס פערד, דאַרף די פּאַני ציִען צו זיך די לייצעס.

— איך ווייס שוין! — האָט זי אים אָפּגעהאַקט און אָוועקגאַלאָפּירט. זי איז געריטן הינטערן וואַלד, אויפן שטילן וועג. די זון האָט זיך געגרייט צו פאַרגיין הינטער די בערג. אין טאָל האָט דער בלעכענער קופּאָל פונעם קלויסטער געשיינט ווי ריינער זילבער איבער די אַנדערע נידעריקע דעכער פון די פּויערישע הייזקעס. —

— שיין ביסטו מיין נייע היים, — האָט יאַנינאַ געקלערט, אַט גייט זי געבוירן אַ קינד וואָס וועט ירשענען די דאָזיקע פעלדער. פּלוצעם האָט דאָס פערד זיך דערשראָקן פאַר אַ ווייס שטיקל פּאַפּיר, וואָס דער ווינט האָט געגעבן אַ בלאָז אויפן וועג. עס האָט געגעבן אַ שפּרונג און אויפ־געהויבן די אויבערשטע פיס. יאַנינאַ האָט פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט, אַנשטאָט איינצוציִען די לייצעס, האָט זי זיי אָפּגעלאָזט. דאָס פערד האָט אָנגעהויבן צו גאַלאָפּירן, זי פילט ווי זי גליטשט זיך אַראָפּ פונעם פערד. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אין אַן אַראָפּהענגענדיקן צווייג פון אַ בוים, די צווייג האָט זיך איינגעבראָכן און זי איז אַראָפּגעפאַלן. דאָס פערד האָט אָן איר אָוועקגאַלאָפּירט אַהיים צו דער שטאַל, ווו מען טיילט איצט דעם האָבעריק פאַר די פערד. גלעמבאָצקי איז אָנגעקומען רייטנדיק פונעם פעלד. ער האָט דערזען יאַנינאַס רייטפערד אָניאָגן מיט אַ ליידיקן זאָטל. ער איז שנעל אָוועקגעריטן זי אויפזוכן. ער האָט זי געטראָפן ליגן אויפן וועגביים וואַלד. ער איז שנעל אַראָפּ פונעם פערד און זיך איבער איר איינגעבויגן:

— האָסט דיר ווי געטאָן, מיין אוצרל?

זי האָט געוואָלט זיך אויפהייבן, נאָר קרעכצנדיק זיך צוריק אַראָפּ־געלאָזט. זי האָט זיך צעקלאַפּט די קני. ער האָט זי גענומען אויף די הענט און זי פאַר זיך אַוועקגעזעצט אויפן פערד. זי איז געווען זייער בלאַס. זי האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין זיין ברוסט און פאַרמאַכט די אויגן.

— ס'טוט דיר ווי מיין אוצרל דער פוס?

— נייך, דאָס האַרץ...

ער האָט זי אַ האַלב־פאַרחלשטע אַהיים געבראַכט, זי אָוועקגעלייגט

אויף דער סאָפע און אָנגעקוקט דעם דאָקטער. איר איז נישט גוט געוועזן. די דינסטן האָבן זיך אַרום איר געפּאָרעט, זיי האָבן זיך איבער־געווינקען, מ׳קען וויסן? אַ יונג ווייבל, דאָס זענען אַלע סימנים פון שוואַנגערשאַפט.

ס׳איז אָנגעקומען דער יונגער, גייער דאָקטער פון שטעטל, ד״ר שוואַרץ. ער האָט מיט צאַרטע ווייכע פינגער באַקלאַפּט איר קערפּער. אויף דער וואַנד איך קוי האָט ער אָנגעמאַכט מיט דער האַנט:

— צולייגן אַ קאַלטן קאָמפּרעס, וועט עס זיך אויסהיילן!

ער האָט אָנגענומען די וואָרצלען פון אירע ברוסטן, וועלכע הייבן אָן פולער צו ווערן און אַ דרוק געטאָן:

— די פּאַני גלעמבאָצקאָ שוואַנגערט. — האָט ער פעסטגעשטעלט. — אין וועלכן חודש?

— אין דריטן, — האָט זי שטיל געזאָגט.

— און די פּאַני רייט אויף אַ פערד? — האָט ער געדרייט מיטן קאָפּ.

ביים געזעגענען, האָט גלעמבאָצקי געפרעגט מיט זאָרג דעם דאָקטער:

— וואָס איז מיין פרוי?

— גאָרנישט באַזונדערס. נאָר די פּאַני גלעמבאָצקאָ שוואַנגערט, איז נישט געוווּנטשן, אַז זי זאָל רייטן אויף אַ פערד.

גלעמבאָצקי האָט אים אָנגעכאַפּט ביי די אָרעמס:

— מיין טייערער פריינד! — ער האָט אים געקושט אויףביידע באַקן, אים געלאָזט שטיין אַ צעטומלטן און אַריינגעלאָפן צו זיין ווייב:

— יאַנינאַ! איז דאָס אמת?

ער האָט פאַר איר אַנידערגעקניט און אַ גליקלעך איבעראָשטער אויף איר געקוקט. זי האָט אים צוגעצויגן צו זיך:

— יאָ, מיר וועלן האָבן אַ קינד.

— אַ יורש, אַ יורש אויפן גוט אין גאָרקיוווקע!

די נייעס האָט זיך צעטראָגן שנעל איבערן גאַנצן דאָרף. דער גלח האָט זונטיק אָפּגעריכט אַ תפילה פאַר די פריצים און ספּעציעל האָט ער געבעטן פאַרן געזונט פון דער פריצטע פאַני יאַנינאַ גלעמבאָצקאָ. די דינסטן האָבן אַרום דער פאַני אַרומגעשוועבט ווי אַרום אַ הייליקער. דער פּאַן האָט אָוועקגעלייגט אַלע אַרבעטן און יעדן פאַרנאַכט זי געפירט אונטערן אָרעם

שפּאַצירן צו די שמעקנדיקע ליפּע־ביימער, וואָס וואַקסן ביים וועג. די פּאָר־בייגייענדיקע פּויערים האָבן געקוקט מיט נחת אויף דעם פּאַרונדיקנדיקן קערפּער פון זייער פּריצטע, אָפּגעשפּיגן אין דער זייט פון אַ גוט אויג: — „טפּיו, טפּיו" — און אָפּגעווינטשעוועט: — „אַ גאָט העלף" —

ווען יאַנינאַ האָט מיט מזל געבוירן, נישט דעם יורש, נאָר די יורשטע, האָבן זיך צעקלונגען די גלאָקן און אַנגעזאָגט דער וועלט אַז אויפן גוט אין גאָרקיוּוקע ביים אַדלדיקן גוטבאַזיצער באָריס גלעמבאָצקי איז געבוירן געוואָרן — אַ נייע פּריצעטע, איר דורכלויכט — אַנדזשיאַ יאַדוויגאַ סטעפאַניאַ גלעמבאָצקאַ! —

## פּעלאַ אויפן גוט אין גאָרקיוּוקע

מיטן קומען אויף דער וועלט פון דער יורשטע, האָט זי צוגענומען די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פונעם הויף. דער פּאַן גלעמבאָצקי, ווי ער האָט נאָר איבערגעטרעטן די שוועל, האָט ער באַלד געפרעגט:

— וואָס טוט דאָס קינד?

און דערהערנדיק אַז זי שלאָפט, איז ער געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער. די גליקגילטיקסטע איז געווען די פּאַני יאַנינאַ: וואָס האָט צו טאָן אַ פּריצעטע מיט דער דערציונג פון אַ קינד? זי פלעגט צוגיין צו דעם הויכן וויגעלע מיט די טיולענע פירהענגלעך, אָנרירן מיט צוויי פינגער דאָס וויקל־קינד:

— ליאַלקעלע. — האָט זי אַ שמייכל געטאָן און אַרויסגעגאַנגען. די דערציונג האָט איבערגענומען די אַלטע סטאַסיאַ. וואָסי? דעם פּאַניטש, דאָס הייסט דעם איצטיקן פּריץ האָט זי געקאָנט אויסניאַנטשען און זיין טאָכטער נישט? מען האָט אַוועקגעזעצט אַ געזונטע גויע אַקערשט נאָך אַ קימפּעט, און אָנגעהויבן צו קאָרמען:

— ווילסט נאָך אַ שיסעלע קאַשע, נאָך אַ קוואָרט מילך?

און די אַם האָט נישט אָפּגעזאָגט, זי האָט זיך אָנגעגעסן נישט נאָר

פאַר די פאַרגאַנגענע הונגעריקע יאָרן, נאָר אויך פאַר די קומענדיקע. וואָסי? אַ פּריצטע האָט עפּעס יעדעס יאָר אַ קינד, ווי אַ מוזשיק? צו אירע פולע בריסטן האָט מען צוגעלייגט דאָס פּריצישע קינד, אַנדזשיע האָט אָבער נישט געוואָלט זייגן, זי האָט געשריגן, געריסן אירע איינגעשנירע־וועטע גלידער, געדרייט דאָס קעפּל אין אַלע זייטן, זיך געוואָלט אַרויס־רייסן פון די פּענטעס און נישט געקאָנט. זי האָט געשריגן ביז בלויקייט, זיך פאַרגאַנגען אין אַ פאַרקייכטקייט, מען האָט זי געוויגט, זי אַרומגע־טראָגן, איר געזונגען, זי איבערגעשריגן.

דאָס קינד, באַטויבט פון ז'עם שרייען און שאָקלען, איז איינגעשלאָפן. באַטראַכט איין מאָל פאַן גלעמבאָצקי ווי זיין טאָכטער רייסט זיך פון דעם קישן מיט די זיידענע בענדער און באַפעלט מען זאָל זי באַפרייען פון די וויקל־שנורן.

— יעזוס מאַריאַ! — צלמט זיך איבער סטאַסיאַ, — ס'וועט דאָך אויסוואַקסן מיט קרומע פיסלעך! ווי האָט מען עס געהערט אַז מען זאָל אַ קינד נישט וויקלען? — אָבער דאָך האָט זי דאָס קינד אויפגעוויקלט.

אַנדזשיע האָט אויפגעהויבן די פיסלעך און הענטלעך, געבלינצלט מיט די אייגעלעך צום לאָמפּ, זיך געשפּילט מיט די הענטלעך און געשוויגן. אָבער לאַנג האָט סטאַסיאַ נישט געלאָזט ליגן דאָס קינד פריי. מיט אירע אַלטע הענט האָט זי אויסגעגלייכט די אויפגעהויבענע קני'עלעך, איין פיסל איינבאַנדאַזשירט, דערנאָך דאָס צווייטע. אַזוי אויך אויסגעגלייכט די הענטלעך צוביידע זייטן, פאַרוויקלט דאָס לעבעדיקע מומיעלע אין אַ ווינדעלע, אַנגעטאָן אַ הויב אויפן קאָפּ און אַריינגעלייגט אין אַ קישעלע. מען האָט נאָר אַרויסגעזען דאָס קעפּל, וואָס איז געלעגן אין אַ ראַם פון אויסגעהאָפטע שפּיצן.

אין לעבן קומט מען אַלץ איבער און אַנדזשיע איז אַרויס פון די ווינדעלעך, געזעסן אויפן שויס פון די דינסטן, אין אַ ברייט קליידעלע. צום שפּאַצירן האָט מען איר אָנגעהאָנגען אַ לאַנג זיידן מענטעלע, וואָס האָט נישט נאָר זי פאַרדעקט, נאָר אויך די דינסט. דעם פאָטער האָט זי שטאַרק ליב געהאַט, ווי זי האָט אים נאָר דערזען, האָט זי זיך צו אים געריסן. ער האָט זי געלאָזט רייטן אויף זיין קני און איר געזונגען: — האָפּ, האָפּ, האָפּ, רייט אַ רייטער אין גאַלאָפּ". — אַנדזשיע איז געווען

גערֹאטן אין פֿאָטער. געהאַט זיינע פֿלאַקס־בלאָנדע האָר, זיין ברייט פּנים און קורץ נעזל. אויך זיין געשטאַלט. זי איז געוואַקסן הויך, מיט ברייטע פּלייצעס, נאָר אויגן האָט זי געהאַט ווי די מוטער, טונקעלע, ברוינע. אַנדזשיע האָט סטאַסיען מיט די דינסטן פֿיינט געהאַט, זיי זענען געווען אירע שונאים, אויך די מאַמוסיאַ האָט זי נישט ליב געהאַט, ווייל זי האָט געהאַלטן מיט די דינסטן: זי האָט זיי געהייסן מען זאָל זי באָדן און קעמען, אָדער מען זאָל איר געבן עסן. דעם פֿאָטער איז זי אומעטום נאָכגעלאָפֿן. אָבער דער פּריץ האָט ווייניק צייט געהאַט פֿאַר זיין קינד. ער איז אַרויס־געריטן אין פֿעלד, אָדער געפֿאָרן אין שטאָט. איין מאָל האָט אַנדזשיאַ באַשלאָסן צו גיין צו איר פֿאָטער. ער איז דאָרט ערגעץ אויף די פֿעלדער, וווהין ער נעמט זי אַמאָל מיט אויף זיין פֿערד רייטנדיק. זי איז אַנטלאָפֿן פֿון אירע ניאַנקעס. זי איז געגאַנגען אין גאָרטן צווישן די יונגע ביימער. עס איז געווען אַ זוניקער, וואַרעמער פֿרילינגס־טאָג. זי האָט זיך געדראַפּעט צווישן די גראָזן. זי וועט אָבער נישט אָפּשטיין ביז זי וועט דערגיין צו איר טאַטוניו. פּלוצעם הערט זי געשרייען:

— אַנדזשיאַ! יאַדוויגאַ! גאָט דערבאַרעם דיך! אַנדזשיאַ, יאַדוויגאַ! העלף אונדז הייליקע פּאַטראָנאַ טשעפּאַניאַ, וואָס זי טראָגט דיין נאָמען, נעם זי אונטער דיין שוץ!

אין גאָרטן איז געווען אַ קעלער וווּ מען באַהאַלט די קאַרטאָפֿל און בערעקעס אויפֿן ווינטער. דאָס טירל האָט געהאַט אַ פֿיר־שפּרינגל. דאָרט איז זי אַריינגעקראָכן און זיך באַהאַלטן. זי האָט זיך איינגעדוטשקעט אין אַ ווינקל, געוואַרט ביז די קולות זענען פֿאַרקלונגען געוואָרן. ווען זיי האָבן זיך איינגעשטילט, זיך דערווייטערט פֿון איר, איז זי אַרויסגעקראָכן און ווייטער געגאַנגען. זי איז אַרויסגעקומען אויף אַ וועג. דאָ האָט זי פֿאַר־האַלטן אַ פֿויערל. ער האָט געפֿרעגט דאָס אויסגעפּוצטע מיידעלע:

— וווּהין גייסטו מיידעלע?

— איך גיי צו מיין טאַטונציאַ.

— וועמענס ביסטו קינד?

— איך בין מיין טאַטונציאַס.

— ווי אַזוי רופֿט מען דיין טאַטונציאַ?

— איך רוף אים טאַטונציאַ און אַלע אַנדערע רופן אים פֿאַן דזיעדזיץ (גוטבאַזיצער).

— קום, וועל איך דיך פירן צו דיין טאַטונציאַ. — ער האָט זי אָנ־געגומען ביים הענטל און זי צוריק געבראַכט אין הויף. דאָ האָבן זיי גע־טראָפן אַ גאַנצע סומאַטאָכע. די פּאַני דזיעדזיצקאַ איז געלעגן און געחלשט. די דינסטן האָבן איר דערלאַנגט וואַלעריאַן־טראָפּנס אויף אַ קלעצל צוקער, געשפּריצט אויף איר וואַסער.

נאָך דער געשעעניש האָט די פּאַני גלעמבאָצקאַ באַשלאָסן אַז איר טאָכטער דאַרף אַ גוווערנאַנטקע. די אַלטע סטאַסיאַ איז צו אַלט אויף צו דערציִען איר טאָכטער. געגוג זי שוין געניאַנטשעט מיט אָפּשפּרעכעכץ און זאַבאַבאָנעס. מען האָט זיך בּאַראַטן מיטן הויז־דאָקטער שוואַרץ און ער האָט רעקאָמענדירט זיינע אַ באַקאַנטע אַלס דערציִערין פֿאַר אַנדזשיען.

ווען דר. שוואַרץ איז אָנגעקומען מיט דער נייער גוווערנאַנטקע, האָבן זי אַלע דערשטוינט באַטראַכט: אַ שיין מיידל, אָבער אַן אויסגעמאַגערטס, ווי נאָך אַ קרענק. עפּעס האָט דאָס מיידל אויסגעזען סטאַסיען באַקאַנט. וואַרט נאָר... צי איז זי נישט ענלעך צו דער פּאַני סענדעראָוואַס טאָכטער? אויך פֿאַן גלעמבאָצקי האָט געשמייכלט אין די וואָנצעס... נאָר אַז מען זאָגט אַ מיידל פון אַ ווייטער שטאָט, זאָל זיין אַזוי! די פּאַני גלעמבאָצקאַ האָט גענומען דאָס מיידל אויף אַ פֿאַרהער:

— די פּאַני רעדט פראַנצויזיש?

— נייך, איך האָב געלערנט אַ ביסל פראַנצויזיש אין גימנאַזיע, אָבער דאָס איז נישט גענוג אויף צו קענען רעדן.

— און ענגליש?

— אויך נישט ענגליש.

פֿאַן גלעמבאָצקי האָט זיך אָנגערופן:

— צו וואָס דאַרף מען פרעמדע שפּראַכן? אונדזער פּוילישע שפּראַך איז שלעכט? זאָל די פּאַני רעדן מיטן קינד נאָר פּויליש. מיין מיידעלע רעדט דאָך גאָר רוטעניש בעסער ווי פּויליש, זיך אויסגעלערנט ביי די דינסטן.

אַנדזשיע איז געזעסן אויף איר פֿאָטערס שויס. איין האַנט האָט זי

געהאַלטן אויף זיין נאַקן און מיט דער צווייטער זיך געדליבעט די נאָז. זי האָט באַטראַכט די פרעמדע יונגע פריילין.

דער פאָטער האָט איר געזאָגט:

— גיי צו דער פאַנינקע, באַקען זיך מיט איר. זי וועט זיין דיין חברטע.

— זי איז צו גרויס פאַר מיר.

— צי ווילסטו דען נישט זיין אַ גרויסע? — האָט זי פעלאַ געפרעגט מיט אַ שמייכל.

זיכער וויל אַנדזשיע זיין אַ גרויסע, זי וויל אויך שמירן די ליפּן און גיין אויף הויכע קנאַפּל, אָבער צוליב דעם אָפּלאָזן איר טאַטונציו און גיין צו דער פרעמדער איז נישט כדאַי.

פעלאַ איז צו איר צוגעגאַנגען, אַרויסגענומען מיט אַ שמייכל איר פינגער פון נאָז, איר געגעבן די האַנט.

— גיי אַנדזשיע — האָט די מוטער געזאָגט: — ווייז דער פאַניענקע דיין צימער. זי וועט שלאָפן מיט דיר אין דיין צימער.

אַנדזשיע, באַווירקט פון פעלאַס שמייכל, איז אַראָפּגעקראָכן פון פאָטערס שויס און אָנגענומען זי ביי דער האַנט. זיי זענען אַרויפגעגאַנגען מיט די טרעפּ צו אַנדזשיעס צימער. סטאַסיאַ איז זיי נאָכגעגאַנגען. זי האָט אָנגעוויזן פאַר פעלאַן אַ שראַנק, איר געמאַכט דאָס בעט, ווו ביז איצט איז זי געשלאָפן.

— טאָכטערשע, — מאַכט זי צו פעלאַן: — צי קענסטו נישט דעם פּאַן סענדער און די סענדעראָוואַ? דו ביסט אַזוי ענלעך צו זייער טעכטערל...

פעלאַן האָט געגעבן אַ טיאַכקע אין האַרצן:

— ניין, איך קען זיי נישט.

— געווען אַזוי שיין און יונג ווי דו, מען זאָגט אַז זי האָט זיך געטראַנקען.

— האָט סטאַסיאַ זיך איבערגעצלמט.

אויך פעלאַ האָט זיך איבערגעצלמט:

— אויב מען זאָגט, איז עס מסתמא אמת.

— פון וואַנען איז די פאַנינקע?

— פון אַ קליין שטעטל נעבן קראָקע.

— און ווי רופט מען די פאַניענקע?

— ווערא, ווערא יערזשאָוונאַ.

סטאַסיאַ האָט זיך געלאָזט אַרויסגיין, אַנדזשיאַ איז איר נאָכגעלאָפן.

— בלייב מיט דער פּאַננאַ וועראַ — האָט סטאַסיאַ געזאָגט און אַ ווונק געטאָן צו פעלאַן, זי זאָל זיך מיט איר אָפּגעבן.

פעלאַ האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט:

— קום, ווען מיר זיך ביידע שפּילן. — זי האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויפן טעפּיך און זי צוגעצויגן צו זיך.

— איך וויל מיך נישט שפּילן, — האָט אַנדזשיאַ געזאָגט.

— וואָס דען ווילסטו?

— פליִען, דו זעסט? אַט דורכן פענצטער, צו די בערג, צעשפּרייטן די הענט און פליִען, פליִען ווי אַ פויגל.

— הם, האָט פעלאַ געזאָגט: — אַ מענטש קען נישט פליִען.

— פאַר וואָס קען ער שווימען אין אַ טייך ווי אַ פיש און נישט פליִען אין דער לופטן ווי אַ פויגל.

אָט אָ די פראַגע האָט זיך פעלאַ אויך נישט איין מאָל געפרעגט, אָבער קיין ענטפער אויף דער פראַגע איז נישטאָ.

— אַז אַ מענטש וויל פליִען, זעצט ער זיך אַריין אין אַן עראָפּלאַן און פליט.

אַנדזשיע האָט זיך צו איר צוגעבויגן און געקוקט אין די אויגן:

— פּאַננאַ ווערא! ווילסט איך זאָל דיך ליב האָבן?

— זיכער וויל איך! — האָט זי געגלעט דאָס קינד איבערן בלאָנדן קעפּל.

— דאַן מאַך מיר אַזאַ הוידלקע, איך זאָל מיך קענען אַריינזעצן און פליִען.

— מ׳קען עס מאַכן, אָט קען מען אַזאַ הוידלקע אויפהענגען אין מיטן שטוב, אָנקניפּן צום האָקן...

אַנדזשיע איז אויפגעשפּרונגען און געטופּעט מיטן פיסל:

— ניין, ביים פענצטער, איך זאָל קענען פליִען איבער ביימער, איבער בערג!

— אָבער אַנדזשיע! וועסט אַראָפּפאַלן און צעברעכן דעם קאָפּ!

— אָט אַזאַ הוידלקע זאָלסטו מיר מאַכן, אַז איך זאָל נישט אַראָפּפאַלן.

— אַנדזשיאַ! פּאַננאַ ווערא! די הערשאַפטן האָבן געבעטן צום אָוונט־

ברויט! — האָט גערופן סטאַסיאַ ביי די טרעפּ, זיך איינשפּאַרנדיק אַרויפ־צוגיין.

די אַנוועזנדע האָבן צופרידן געשמייכלט, זעענדיק אָנקומען ווערען און אַנדזשיען זיך האַלטנדיק ביי די הענט. מען איז געזעסן אַרום טיש. אויבן אָן דער באַלעבאָס. נעבן אים זיין פרוי. נעבן דער פּאַני יאַנינאַ איז געזעסן דר. שוואַרץ. געווינלעך זאָגט ער אָפּ צו פאַרבלייבן צום אָוונט־ברויט, ער איז צופיל פאַרנומען מיט זיינע פּאַציענטן, היינט אָבער, צוליב זיין קרובהלע, איז ער פאַרבליבן.

פעלאַ און אַנדזשיאַ האָבן זיך געזעצט זיי אַקעגן.

געפעלט דיר דיין נייע פריינדין ווערא? — האָט געפרעגט פון גלעמ־באָצקי זיין טעכטערל.

— יאָ, פּאַפּאַ! זי געפעלט מיר! זי האָט מיר צוגעזאָגט צו מאַכן אַ הוידלקע, איך זאָל קענען פליִען!

— אַך! זי הייבט שוין ווידער אָן מיט איר פליִען! — האָט פּאַני יאַנינאַ אויסגערופן.

— פּראָשען באַרדזאָ פּאַני גלעמבאָצקאַ, וועלכער מענטש האָט דאָס אַ מאָל נישט אַ באַגער צו פליִען? — האָט זיך אָנגערופן דער דאָקטער.

— צו אַלעמען געפינט באַלד דער פון דאָקטער אַ לייזונג — האָט געזאָגט די פּאַני יאַנינאַ מיט אַ קאָקעטישן דרייען מיטן קאָפּ.

די פּאַני יאַנינאַ הייבט אָן דיק צו ווערן. פון דעם גאַרנישט נישט טאָן און שטענדיקן ליגן און נאַשן זיסוואַרג, ווערט איר קערפּער צעפלאָסן. אָבער צום כבוד האָט עס איר נישט פאַרשאַדט. אַ דיקע פּאַני רופט נאָך מער אַרויס דרך ארץ צו זיך.

ד"ר שוואַרץ האָט געקוקט אויף פעלאַן, געוואָלט איר זאָגן מיט די בליקן ווי שטאַרק ער האָט זי ליב, אַז ער איז שטענדיק ביי איר זייט, זי געוואָלט אויפמונטערן.

פעלאַ האָט אויסגעמיטן אויף אים צו קוקן, געווען פאַרנומען מיט איר נייער וויכאָוואַנקע, געזוכט ווי איינצונעמען דאָס פּריצישע, צעפּיעש־טשעטע קינד. זי האָט אויך מיט אַ כוונה אויסגעמיטן זיינע בליקן. איר ליבע צו דר. שוואַרץ איז געגנצלעך אָפּגעשטאַרבן. זי האָט זיך אַליין גע־וואונדערט ווי אַזוי זי האָט געקאָנט דעם זיך עלטערנדיקן מענטשן אַזוי

הייס און שטאַרק ליבן. עס האָט זי נאָר געמאַכט טרויעריק אַז איר גרויסע בענקשאַפט, די ליבע וועלכע האָט זי שיעור געבראַכט צום אָפּגרונט און פאַראומגליקט אירע עלטערן, איז אויסגעלאָשן, עס איז נאָר געבליבן אין איר אַ גרויסע ליידיקייט. נאָר איר שטאַרקער ווילן און ליבע צום לעבן האָט איר אונטערגעזאָגט — דו וועסט נאָך געפינען דיין וועג פעלאַ.

געסט פלעגן קומען אָפט אין הויף. פעלאַ האָט זיי אויסגעמיטן. זיך געשראָקן נישט צו באַגעגענען קיין באַקאַנטע. זי האָט זיך אָפּגעגעבן מיט איר וויכאַוואַנקע און ווען אַנדזשיע איז געגאַנגען שלאָפן נאָכן נאַכטמאָל, איז זי געזעסן אין דער ביבליאָטעק און געלייענט.

פאַן גלעמבאָצקי האָט ליב געהאַט געסט צום נאַכטמאָל. איינער פון זיינע שטאַם־געסט איז געווען דער אַלטער פּראָפעסאָר פאַן קאָוואַלסקי. פעלאַ האָט זיך זייער געשראָקן ער זאָל זי נישט דערקענען, און אפשר איז עס אויך געווען די אַלטע קינדישע שרעק פאַר איר פּראָפעסאָר. אָבער דער אַלטער עובערבטלניק האָט איר נישט געשאָנקען קיין שום אויפמערק־זאַמקייט. ער האָט זיך פאַסמאַקעוועט מיט די גוטע מאַכלים, געזשליאָקעט דעם גוטן אַלטן וויין וואָס דער גוטבאַזיצער האָט אויפגעהאַלטן אין זיינע קעלערס און נאָך אַ יעדן געריכט וואָס די פּאַני יאַנינאַ האָט אים דערלאַנגט, געכאַפּט קושן איר האַנט:

— אַ דאַנק, אַ גרויסן דאַנק אייך גנעדיקע פרוי גוטבאַזיצערין, מיין גרויסע אַכטונג און פאַרערונג פאַר מיין טייערסטער שענסטער וויעלמאָזשניע פּאַני...

די פּאַני יאַנינאַ האָט צוגענומען מיט אַ גנעדיקן שאָקל פונעם קאָפּ די קאָמפּלימענטן. כדי איר צו באַדאַנקען פאַרן נאַכטמאָל, האָט מען זי געבעטן זי זאָל עפּעס אויפשפּילן. זי האָט זיך געלאָזט אַ ביסל בעטן, זי איז מיד און נישט ביי דער שטימונג. אָבער צוליב די טייערער געסט וועט זי עפּעס אויפשפּילן אויף דער פּיאַנע. מען האָט זיך געדולדיק צו־געהערט, דערנאָך זענען אַלע מענער צו איר צו איר קושן די הענט וואָס שפּילן אַזוי געטלעך. די פּאַני האָט אַ גענעץ געטאָן, זיך אָפּגעזעגנט און זיך צוריקגעצויגן אין אירע בודואַרן. ערשט נאָך איר אַוועקגיין, האָט זיך אָנגעהויבן די הוליאַנקע. מען האָט געטרונקען, געשפּילט אין קאָרטן און צומאָל האָט עס זיך פאַרצויגן ביז פאַרטאָג.

די הויפּט־מאָלצייט איז געווען דער נאַכטמאָל. פאַן גלעמבאָצקי האָט זיך געפירט ווי ער האָט עס געזען ביי זיינע עלטערן, ווי געווײנלעך עס פירן זיך אַלע פּריצים. עס איז אַ פויערישער מנהג. בייטאָג איז נישטאָ קיין צייט צו עסן. צו מיטאָג כאַפּט מען אָפּ אַ שטיק ברויט מיט זאַלץ און מען פאַרטרינקט מיט וואַסער. אויך ביי יידן קאָכט מען אויפדערנאַכט וועטשערע, דעמאָלט ווען דער טאַטע קומט אַהיים פונעם יאַריד צי פון פעלד.

די פאַני יאַנינאַ, וואָס גייט אַרום אַ גאַנצן טאָג אין אַ לאַנגן זיידענעם שלאָפראָק, פאַרפוצט זיך פאַרנאַכט, גרייט זיך אויפצונעמען געסט, אָדער אַפילו נאָר פאַר איר אייגענער משפחה. אויך אַנדזשיאַ ווערט אַרומגעוואַשן און אויסגעפוצט. אויך איר גוווערנאַנטקע טוט זיך איבער צום נאַכטמאָל.

פעלאַן איז געווען אַן אָפּקומעניש דאָס זיצן ביים טיש און זען אויף זיך געווענדט די באַוווּנדערנדיקע בליקן פון די מענער. זיי האָבן זי גע־וואָלט אַריינציִען אין געשפּרעך, זי געפרעגט צי זי איז אויך אַ שליאַכ־טשאַנקע, ווייל זי איז אַ קריסטן, איז דאָך זעלבספאַרשטענדלעך לויט איר אויסזען.

איין מאָל אין אַן אָוונט, האָט זי דערזען דר. שוואַרצן צווישן די געסט. ער האָט זיך נעבן איר אַוועקגעזעצט און צו איר היימיש געשמייכלט. ער האָט זי געפרעגט ווי זי פילט זיך דאָ?

— גוט, גוט. — האָט זי קורץ געענטפערט און זיך אָפּגעגעבן מיטן קינד. גאָט, קלערט זי, ווי ער האָט זיך געעלטערט. ווי איז דאָס מעגלעך אַז זי איז געווען אין אים פאַרליבט? ביי דעם בלויזן גערדאַנק אַז זי האָט זיך אים אַמאָל אָפּגעגעבן, איז זי רויט געוואָרן. פּלוצעם פילט זי ווי ער נעמט אַריין אונטערן טיש איר פיסל צווישן זיינע, און אָט גלעט זיין האַנט איר קני. ער הייבט איר אויף דאָס קליידל. ווי וואַגט ער עס?! אַזאַ חוצפּהניק! זי דרייט זיך אין אַלע זייטן, כדי זיך אַרויסצודרייען פון זיינע הענט. ווען נישט אַנדזשיאַ, וואָלט זי אַנטלאָפן און זיין שמייכלענדיקן פּרצוף מיט די גלוסטיקע אויגן נישט אָנגעקוקט. געלויבט איז גאָט, אַנדזשיע האָט שוין אָפּגעגעסן, זי גייט זי לייגן שלאָפן, דערנאָך זיצט זי אין דער ביבליאָטעק און וויל זיך פאַרטיפן אין לייענען, אָבער איר אויפ־רעגונג לאָזט זי נישט. נאָר אָט קומט אַריין דאָקטאָר שוואַרץ. ער קוקט

זיך אַרום, קיינער איז נישטאָ, ער כאַפּט זי אַרום און קושט זי.

— לאָזט מיך! — האָט זי זיך פון אים אַרויסגעריסן.

— פעלוסיאַ טייערע, איך האָב דאָך דיך ליב! פאַר וואָס שטויסטו מיך אָפּ? — ער וויל זי נאָך אַ מאָל אַרומנעמען: — איך האָב אָנגעגרייט אַ צימער, ווו מיר וועלן זיך קענען באַגעגנען.

— דאָס קיין מאָל נישט מער!

— פאַר וואָס? צי האָסטו מיך מער נישט ליב?

— ניין! איך וויל אייך מער נישט זען!

— אָבער פעלאַ, האָסט דאָך מיר אַליין געזאָגט אַז דו האָסט געבענקט נאָך מיר די גאַנצע צייט!

— יאָ, אָבער דעמאָלט ווען איך האָב נאָך אייך געבענקט, זענט איר נישט געקומען. איר האָט מיך פאַרלאָזט אין מיין נויט.

— אָבער איך האָב דאָך דיר געראַטעוועט דאָס לעבן.

— איר האָט נאָר געטאָן אייער דאָקטאָרישע פליכט און אפשר דורך דעם פאַריכט אַ ביסל די עוולה, וואָס איר זענט אָקעגן מיר באַגאַנגען, אָבער די עוולה קעגן מיינע עלטערן, ניין דאָס קען מען מער נישט פאַר־ריכטן. דאָס דערמאָנען זיך אין איר'ע צעבראָכענע עלטערן, האָט איר געטריבן די טרערן אין די אויגן.

— פעלוסיאַ, איך האָב איבער דיר געוואַכט און דיך קורירט, ווייל איך האָב דיך ליב.

— אויב איר האָט מיך געראַטעוועט כדי איך זאָל ווערן אייער גע־ליבטע, איז געווען אומזיסט אייער טרחה.

— פעלאַ מיינע, איך דערקען דיך גאָרנישט. ביסט תמיד געווען אַזוי נאָכגיביק. צי ביסטו דען נישט מער מיין מיידעלע?

ניין, ניין! איך בעט אייך פאַרלאָזט דאָס צימער, אויב נישט וועל איך שרייען! — איז איר אויפרעגונג געשטיגן ביז היסטעריע.

— גוט פעלאַ, איך גיי. איך פאַרשטיי, ביסט אויפגערעגט, וועסט דיך באַרויקן, וועסטו אַנדערש קלערן... — ער האָט איר אַ לייכטן גלעט געטאָן איבער דער באַק און אַרויסגעגאַנגען.

פעלאַ האָט צרות מיט איר וויכאָוואַנקע. זי וויל זי נישט פאָלגן, לויפט פון איר אַוועק און פעלאַ מוז איר נאָכלויפן.

— אַנדזשיאַ, — בעט זי זיך ביי איר: — קום, וועל איך דיך פאַר־קעמען, זע ווי דו ביסט צעפּאַטלט. עס דאַרפן דאָך אָנקומען געסט.

— ניין, סיידן וועראַ וועט זיך צוערשט לאָזן פאַרקעמען.

זיצט פּעלאַ און לאָזט זיך רייסן די האָר פון אַנדזשיען.

— וועראַ האָט שוין אַ חתן? — פרעגט זי זי.

— ניין, נאָך נישט — שמייכלט פּעלאַ.

— איך האָב שוין יאָ אַ חתן.

— ווער איז ער?

— פראַנעק. אַלע זאָגן אַז מיר זענען חתן־כלה.

פראַנעק איז אין די יאָרן וואָס אַנדזשיע. ער איז אַ זון פון די פריצים פון נאָענטן דאָרף שופערקע. זונטיק נאָכמיטאָג קומען זיי צו גאַסט צו די גלעמבאָצקיס.

אַנדזשיע און פראַנעק שפּילן זיך אין באַל אין דרויסן. פּעלאַ זיצט נישט ווייט און גיט אויף זיי אַכטונג. פּלוצעם הערט זי צווישן זיי אַ שטרייט:

— גיב מיר דעם באַל! — שרייט פראַנעק.

אַנדזשיע וויל אים נישט געבן. זי האַלט צוגעדרוקט דעם באַל מיטביידע הענט צו דער ברוסט.

— גיב מיר דעם באַל, דו שמוציקע יידישקע!

— ביסט אַליין אַ שמוציקער ייד!

— ניין! דיין מאַמע איז אַ יידישקע, ביסטו אויך!

אַנדזשיע איז געוואָרן ווילד. זי האָט זיך געוואָרפן מיט ביידע פויסטן אויף פראַנעקן און אים גוט אָנגעשלאָגן; דערנאָך האָט זי געכאַפּט דעם באַל און אַנטלאָפן אויף דער טעראַסע צו איר פאָטער, ווו ער איז געזעסן מיט זיינע געסט. פראַנעק איז מיט אַ געוויין צו צו זיין מאַמען:

— אַנדזשיע האָט מיך געשלאָגן!

אַנדזשיע איז געשטאַנען מיט פלאַמיקע אויגן צווישן די קני פון איר פאָטער. גלעמבאָצקי האָט געלאַכט:

— וואָס פאַר אַ קאַוואַליער ביסטו אַז דו לאָזט דיך שלאָגן פון דיין כלה? זאָג אַנדזשיע, פאַר וואָס האָסטו געשלאָגן פראַנעקן?

— ער וויל דעם באַל. — האָבן ביידע קינדער פאַרשוויגן די אמתע אורזאַך פון זייער קריגן זיך.

— אַנדזשיע, גיי גיב אים דעם באַל און בעט אים איבער.

— איך וויל אַהיים, אַהיים. — האָט פראַנעק געוויינט.

— גוט, מיר פאָרן באַלד אַהיים, אָבער צוערשט בעט דיך איבער מיט אַנדזשיען, האָט געזאָגט זיין מוטער.

— ניין, איך וויל זי נישט קענען!

— זיי קריגן זיך ווי אַן אמת פאַרפאַלק — האָט פראַנעקס פאָטער געלאַכט. ער האָט אָנגענומען זיין זון ביי דער האַנט און אים צוגעפירט צו אַנדזשיען:

— בעט זי איבער און דו אַנדזשיע גיב אים דעם באַל.

אַנדזשיע האָט פעסט געהאַלטן דעם באַל מיט ביידע הענט און גע־דריגעט צו פראַנעקן מיט די פיס:

— גיי דיר!

פראַנעק האָט געהאַלטן אין איין וויינען:

— איך וויל אַהיים, איך וויל אַהיים!

אויך אַנדזשיע האָט געוויינט. דער נאָכמיטאָג איז שוין געווען אַ פאַר־שטערטער. די געסט האָבן זיך באַלד אָפּגעזעגנט און אַוועקגעפאָרן. אַנדזשיע האָט זיך ערשט באַרויקט ווען פראַנעק איז אַוועק.

אויפדערנאַכט, ווען אַנדזשיע איז שוין געלעגן אין בעט, האָט זי זיך פלוצעם צעוויינט. פעלאַ האָט זיך נעבן איר אַוועקגעזעצט. דאָס וויינען איז נישט געווען פון אַ צעפּיעשטשעטע קינד וואָס וויל עפּעס אויספירן, נאָר אַ שטיל צעווייטיקט געוויין.

— פאַר וואָס וויינסטו אַנדזשיאַ? — האָט זי פעלאַ איבעראַשט גע־פרעגט און געגלעט זי איבער די אויסגעצוואָגענע האָר, וועלכע זענען געווען פאַרפלאָכטן אין צוויי צעפּלעך. אַנדזשיע האָט זיך אויפגעזעצט. דאָס נאַכט־לעמפּל האָט געוואָרפן אַ בלוילעכן שיין אויפן פריצישן קינד אין דער פיינער געבלימטער פּיזשאַמע אויפן ראָזעווען בעטל:

— וועראַ, וואָס איז אַ ייד?

— אַ ייד? — איז פעלאַ איבערראַשט געוואָרן פון דער פראַגע — אַ ייד איז אַ מענטש אַזוי ווי אַלע מענטשן.

— ניין, אַ שמוציקער! אַלע מענטשן מיאוסן זיך מיט אים.

פעלאַ האָט געשוויגן, זי ווייסט ווייל אַז דער נאָמען „זשיד" איז אַ זידל און שפּאָט־נאָמען.

אַנדזשיע האָט געכליפּעט:

— ס'איז אמת אַז מיין מאַמוסיאַ איז אַ יידישקע?

— וואָס פאַר אַ פראַגע איז דאָס? אַנדזשיע! דיין מאַמע איז די גוט־באַזיצערין יאַנינאַ גלעמבאָצקאַ!

— ניין, איך האָב אַ מאָל געהערט ווי די קעכין זאָגט צו סטאַסיען „זי האָט די יידישע אויגן פון איר מאַמען", און אויך היינט האָט פראַנעק געזאָגט אַז איך בין אַ יידישקע, ווייל מיין מאַמע איז אַ יידישע.

פעלאַ האָט זיך צעלאַכט. זי האָט אַרומגענומען אַנדזשיען, איר אויס־געווישט די אויגן, אַנדזשיעס געוויין היינט איז איר געווען ליב, דאָס איז געווען אַ יידיש געוויין.

— אַנדזשיע, אויך איך בין אַ יידישע, אַלע זענען מיר יידן, אויך דער הייליקער יעזוס און די הייליקע מאַטקע באָסקע זענען געווען יידן. אַלע מענטשן זענען פאַר גאָט גלייך. דו אַנדזשיע ביסט פאַן גלעמבאָצקיס טאָכטער, אַ קאַטוילין און מער גייט דיך גאָרנישט אָן.

זי האָט נאָך לאַנג איבער איר גערעדט.

איר דערציילט מעשיות, ביז אַנדזשיע איז אַנטשלאָפן געוואָרן, אָבער אויך פונעם שלאָף, האָט זי אַרויסגעכליפּעט.

איין מאָל, ווען פעלאַ איז געזעסן מיט אַנדזשיען אויף דער טעראַסע און זי געלערנט (בכלל זענען זינט יענעם אָוונט, די באַציונגען צווישן פעלאַן און אַנדזשיען געוואָרן נענטערע, האָט זי דאָך מיט איר אַ סוד, וואָס אַפילו מיט איר טאַטונציאַ האָט אַנדזשיע דאָס נישט איבערגערעדט). — זעט פעלאַ אָנקומען דר. שוואַרץ. די פאַני יאַנינאַ איז אים אַנטקעגנגעלאָפן אינעם זיידענעם פלאַטערדיקן מאָרגנראָק, מיט אַן אויפגעהויבנעער האַנט צום קושן:

— וואָס פאַר אַן אַנגענעמע איבעראַשונג, דער פאַן דאָקטאָר!

דר. שוואַרץ האָט צוגעפירט אירע פינגער צו זיינע ליפּן, דערווייל אַריבערגעקוקט צו פעלאַן:

— איך בין געווען אויף אַ וויזיט אין דאָרף, וויל זיך עס זאָגן דער פאַני יאַנינאַ גוט מאָרגן.

פעלאַ איז אויפגעשפּרונגען:

— קום אַנדזשיאַ, דאָ קען מען נישט לערנען. — זי האָט שנעל צו־זאַמענגענומען די ביכער און נאָכשלעפּנדיק נאָך זיך אַנדזשיען, איז זי אַרויפגעלאָפן די טרעפּ. „אַזאַ חוצפּהניק!" קלערט זי. זי האָט דאָך אים אָפּגעזאָגט, וואָס קומט ער ווייטער? און אפשר איז ער גאָר אויסן די פּאַני יאַניגאַ און נישט זי, פּעלאַן? אָבער נאָך אַ ווייל הערט זי אים אָנקלאַפּן אין דער טיר און נישט וואַרטנדיק מען זאָל אים בעטן אַריין, מאַכט ער אויף די טיר.

— פּאַני ווערא, איך האָב געבעטן די פּאַני גלעמבאָצקאַ, זי זאָל אייך געבן אויף אַ טאָג אורלויב, איר זאָלט קענען באַזוכן אייערע קרובים. זי האָט באַוויליקט און אָט בין איך אייך געקומען נעמען.

— אַ דאַנק. איך פאָר נישט.

— פאַרוואָס? מיר וועלן אַריינפאָרן אין אַ גרעסערער שטאָט, גיין אין טעאַטער, עסן צוזאַמען אָוונטברויט.

— אַ שיינעם דאַנק אייך. איך פאָר נישט. איך לאָז נישט איבער אַנדזשיען.

— איך וועל אויך פאָרן, אָנקל דאָקטער, נעמט מיך מיט.

— ביסט נאָך אַ צו קליין מיידעלע, אַנדזשיעלע, דו קענסט נישט מיטפאָרן.

— גיין! — האָט זיך איינגעשפּאַרט אַנדזשיע — איך וויל יאָ פאָרן! — זי איז אַראָפּגעלאָפן צו דער מאַמוסיאַ זי זאָל זי לאָזן פאָרן.

פעלאַ איז געבליבן אַליין מיטן דאָקטער:

— מיט וואָס פאַר אַ רעכט בעט איר פאַר מיר אורלויב? — האָט זי אויפגעברויזט.

— מיט די רעכט פון דיין פריינד, פון אונדזער ליבע.

— איך האָב אייך שוין איין מאָל געזאָגט איר זאָלט מיך מער נישט באַלעסטיקן, צווישן אונדז האָט זיך אַלצדינג געענדיקט. — זי האָט אים שטיין געלאָזט און נאָכגעלאָפן אַנדזשיען.

אַנדזשיע האָט געטופּעט מיט די פיס, געשריען אַז זי וויל אויך מיט־פאָרן מיט ווערען און דעם אָנקל דאָקטער.

פעלאַ האָט זי באַרויקט:

— איך פֿאַר אויך נישט. מיר בלייבן אַלע אין דער היים.

דער דאָקטער איז אַוועקגעפֿאָרן אַ געטראָפֿענער.

פֿאַרנאַכט איז אָנגעקומען אַן אומדערוואַרטער גאַסט. פֿעלאַ זעט פֿון דער טעראַסע ווי עס קומט אָן אַ יונגער רייטער. עפּעס זעט ער איר אויס באַקאַנט. גלעמבאָצקי גייט אים אַקעגן, דער רייטער שפּרינגט אַראָפּ פֿונעם פֿערד, זיי באַטראַכטן ביידע דאָס פֿערד. אפֿט קומט מען צום פּריץ פֿאַרקויפֿן אָדער קויפֿן פֿערד.

פֿעלאַן ווערט אַנטפּלעקט דאָס האַרץ, — מיכאַל פּאַוולאָוויטש! — ווהין אַנטלויפֿט מען? צום אומגליק האָט ער זי אויך שוין דערזען. קיין צייט צום אַנטלויפֿן איז שוין נישט געווען.

פֿאַן גלעמבאָצקי קומט אַרויף מיטן גאַסט אויף דער טעראַסע:

— זייט באַקאַנט, דאָס איז מיין טאָכטער אַנדזשיע און דאָס איז איר גוווערנאַנטקע פּאַננאַ ווערא.

— פֿעלאַ! — גיט אַ געשריי מיכאַל, צענעמט ביידע הענט און איז גרייט זי איינצושליסן אין זיינע אָרעמס.

פֿעלאַ אַנטלויפֿט, זי לויפֿט דורכן פּאַרק, צווישן די ביימער. דער יונגער שייגעץ לויפֿט נאָך איר. ער האָט זי געפּאַקט, נעמט זי אַרום און קושט זי הייס. זי בלייבט אָן אָטעם פֿונעם לויפֿן און פֿונעם קושן. פּלוצעם צעלאַכט ער זיך, ער לאַכט הויך און שטאַרק, ווי נאָר אַ יונגער מענטש קען לאַכן. זיין לאַכן האָט אַזוי אָנשטעקנדיק געווירקט, אַז אויך פֿעלאַ האָט מיטגעלאַכט, זיי האָבן אַזוי געלאַכט ,אַז זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי די זייטן:

— נאַ, האָסטו עס זיי אָפּגעטאָן! כאַ, כאַ! צו אַנטלויפֿן פּונקט פֿאַר דער שמד־צערעמאָניע?! — פּלוצעם גיט ער זיך אַ קלאַפּ אין קאָפּ — איך נאַר! צו וואָס די אַלע צערעמאָניעס? וואָס גייען אונדז אָן די גלויבנס פֿון די אַלטע? מיר זענען יונג און געהערן זיך קעגנזייטיק. — ער האָט זי אויפֿגעהויבן און זי געטראָגן אין זיינע אָרעמס.

— לאָז מיך אַראָפּ!

— נישט פֿריִער ביז דו וועסט מיר אַ קוש טאָן.

— דו ביסט אַ שיינער בחור מיכאַל, אָבער נישט פֿאַר מיר.

ער האָט זי אַראָפּגעלאָזט, זיי זענען געגאַנגען ביי די הענט אָנגענומען:

— פאַר וואָס ? זע, פאַן גלעמבאָצקי, צי איז זיין פרוי נישט קיין יידישקע ?

— זיין פרוי'ס פאָטער איז דער משומד פאָדאָלסקי און מיינער איז ר' סענדער.

פאַוולאָוויטשעס פּנים האָט זיך פאַרכמורעט :

— דו הייבסט שוין ווידער אָן מיט זיי ?

פעלאַ קלערט : דאָס לעבן איז קיילעכדיק, מען גייט און מען גייט און מען קומט אויס אויף דעם זעלבן אָרט.

— פעלאַ, איך וועל דיך מער נישט אַרויסלאָזן, — האָט ער געדריקט איר האַנט — איך וועל פאַרקויפן מיין שטיקל פעלד, עס מאַכן צו געלט און מיר וועלן אַוועקפאָרן אין אויסלאַנד.

— איך דאַרף דעריבער נאָכקלערן, — האָט זי געזאָגט און אַרויס־גענומען איר האַנט פון זיינער. ער איז פאַר איר מער געפערלעך ווי דר. שוואַרץ, ווייל ער איז יונג און שיין.

זיי האָבן זיך אומגעקערט אין הויז. גלעמבאָצקי באַטראַכט דאָס פּאָרל און זאָגט :

— ווי איך זע, קענט איר זיך ?

— מיט פאַנגאַ ווערא האָב איך מיך באַקענט אין דער צייט פון מיינע סטודיעס. ער האָט צוזאַמען מיט פעלאַ ווייטער אָנגעהאַלטן דעם סוד.

נאָך זייער אַוועקפאָרן איז זי געבליבן זייער אומרויק. אַז זי זאָל זיך פאַרבינדן מיט פאַוולאָוויטשן, קומט גאָרנישט אין פראַגע. גיכער שטאַרבט זי איידער אָנטאָן אירע עלטערן נאָך אַ מאָל אַזוינע צרות. זיך אַרויסגע־ראַטעוועט פון דער טומאה, קריכט מען נישט צוריק אַריין אין איר. אָבער ווו געפינט מען דעם אויסוועג ? זי איז די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. זי איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און געקלערט. און אָט האָט אין איר געדעכעניש אויפגעטויכט אַ שטילער בחור, איינער וועלכער האָט זיך שטענדיק געהאַלטן אין דער זייט, אָבער זיינע בליקן האָבן זי פאַרפאָלגט, זיי האָבן זי געוואָרנט :

— דו גייסט נישט דעם ריכטיקן וועג פעלאַ ! אַ מענטש דאַרף האָבן אַן אידעאַל, אַ ציל אין לעבן ! אַז דו וועסט עלטער ווערן וועסטו גאַנץ

אַנדערש קוקן אויף דיין סביבה, וועסט ליב באַקומען דאָס וואָס עס שטויסט דיך היינט אָפּ. —

איצט זעט זי ווי ער איז געווען גערעכט, ווען זי האָט אים צוריק־געגעבן די ביכער פון די יידישע קלאַסיקער, ווייל זיי האָבן געשריבן פון יידישן לעבן, פון דעם לעבן וואָס עס האָט זי אָפּגעשטויסן, איצט זעט זי דעם טעות.

זי האָט זיך אָוועקגעזעצט און אים אָנגעשריבן אַ לאַנגן בריוו.

צו מיין יוגנט־חבר בן ציון!

עס וועט אייך אפשר וווּנדערן פון מיר אַ בריוו צו באַקומען. בריוו שרייבט מען אַ סך און מען באַקומט אַ סך. אָבער ס'זענען דאָ בריוו וועלכע מען שרייבט דורך לאַנגע נעכט, מען קלערט פון זיי אַ סך און אפשר דאָס גאַנצע לעבן, אָבער מען שיקט זיי קיין מאָל נישט אָוועק. אָט אַזאַ בריוו מיין פריינד, וויל איך אייך שרייבן.

איך געדענק גוט אייערע ווערטער. איך האָב מיך איבערצייגט אין זייער וואַרהאַפטיקייט. איך בין געווען לייכטזיניק, איך האָב איבערגעלעבט אַ סך און בין געקומען צו דער איבערצייגונג אַז אייערע ווערטער „נישט קלערן פון זיך, אויסלייזן אַנדערע, ווערט מען אַליין אויסגעלייזט".... זענען געווען ריכטיקע ווערטער. איך ווייס נישט צי איך זענען באַקאַנט מיינע איבערלעבונגען. איך האָב געבלאָנדזשעט, איך בין אַראָפּ פונעם ריכטיקן וועג, געשטרויכלט געוואָרן. די שטרויכלונגען לויערן אויך ווייטער אויף מיר. איך פיל אין מיר גענוג כוחות זיי בייצוקומען, אָבער דאַך נייטיק איך זיך אין אַ חברישער האַנט וועלכע זאָל מיך פירן, מיר העלפן. איר וועט אפשר זאָגן אַז אַ יעדער מענטש דאַרף זיך אַליין העלפן, — האָב איך טאַקע אַזוי באַשלאָסן: — איך וויל פאָרן אויף הכשרה און דאָרט פאַרבלייבן ביז איך וועל קענען עולה זיין קיין ארץ ישראל. אויב איר קענט מיר אין דעם עפּעס העלפן, בעט איך אייך זייער, שרייבט מיר אַן ענטפער.

עס גריסט אייך מיט ציון־גרוס

אייער יוגנט־פריינדין

פ ע ל אַ ש מ ו ק ל ע ר.

איך בעט אייך צו ענטפערן אויפן אַדרעס:

„ווערא יערזשאָווּנאַ גוט אין דאָרף גאָרקווּקאַ".

זי האָט זיך געקווענקלט, אָבער דאָך נאָך צוגעשריבן מיט אייליקער שריפט:

פּ. ס.

„די צייט דרענגט. די סכּנות באַדראָען מיך אַלץ צודרינגלעכער.
איר איינער קענט מיך ראַטעווען.
ענטפערט שנעל!

פּ. ש."

זי האָט אָפּגעשיקט דעם בריוו און געוואַרט אויף ענטפער. קיין ענטפער איז נישט געקומען. זי איז געוואָרן נערוועז, אפשר האָט זי נישט באַדאַרפט שרייבן? יעדן טאָג איז זי אַנטקעגנגעלאָפן דעם רייטער וואָס פלעגט ברענגען די פּאָסט.

— ניין, פּאַננאַ וועראַ, צו אייך איז גאָרנישט געקומען, אפשר מאָרגן. — האָט ער מיט אַ שמייכל געענטפערט דעם שיינעם מיידל, וואָס איז אַ טרויעריקע, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אַוועקגעגאַנגען. אָבער אויך מאָרגן איז קיין בריוו פאַר פּאַננאַ ווערע נישט אָנגעקומען.

אָנגעקומען זענען אין איינעם אַ פאַרנאַכט געסט. צווישן די געסט האָט פעלאַ באַמערקט צוויי באַקאַנטע — דר. שוואַרץ און מיכאַל פּאַוולאָוויטש. עס האָט אין איר געוויינט דאָס האַרץ. וואָס זאָל זי טאָן? ווי אַזוי פּלאָנטערט מען זיך אַרויס פון דער נעץ וואָס די צוויי מענער שפּינען פאַר איר?

די באַלעבאָסטע האָט באַזעצט די געסט. דעם סטודענט פּאַוולאָוויטש נעבן דער פּאַננאַ ווערע און דעם דאָקטער נעבן זיך. דער דאָקטער שמועסט מיט דער פּאַני יאַנינאַ, הערט זיך העפלעך צו צו דעם וואָס זי דערציילט אים און זיינע אויגן אָבסערווירן דאָס פּאָרל פעלאַ און מיכאַל, וואָס זיצן אים אַקעגן. מיכאַל העלפט פעלאַן צו פאַררעדן אַנדזשיען זי זאָל עסן. אַנדזשיע כאַפּט אַרויס דעם גאָפּל־מעסער פון דער גוווערנאַנטקעס הענט און עסט אַליין, דער שיינער בחור זאָל זען אַז זי איז שוין אַ גרויסע. זי עסט אַליין. פּאַוולאָוויטש לאַכט, אויך פעלאַ און אַנדזשיאַ לאַכן. — יונג־וואַרג! — קלערט זיך דר. שוואַרץ — פאַרשטייט זיך גוט, ער האָט דער־פילט אַן אייפערזוכט צו דעם שייגעץ. קאָן טאַקע געמאָלט זיין אַז ר' סענ־דערס טאָכטער זאָל זיך נאָך אַ מאָל פאַרבינדן מיט אַט דעם גוי? ער קען אָבער פעלאַן, ער ווייסט אַז זי וועט עס נישט טאָן. נאָר פאַר וואָס בליצן

אירע אויגן צו פּאַוולאָוויטשן? אַט שטויסט ער אָן זיין גלאָז ווײַן אין אירן און זיי טרינקען ביידע. אפשר טוט זי עס עמעצן אויף צו להכעיס? וועמען, אויב נישט אים?

נאָר פעלאַ האָט פון אים נישט געקלערט. אַ פרוי, ווען זי הערט אויף צו ליבן אַ מאַן, הערט ער אויף צו פאַרנעמען אירע געדאַנקען. זי האָט געקלערט פון בן ציונען. אַט דער שייגעץ וויל אַרויסשטופן פון אירע געדאַנקען דעם ווייטן בן ציון.

מיכאַל איז צודרינגלעך מיט זיין הייסער ליבע, אַ פרייד און אַ לעבנס־לוסט שלאָגט פון אים אַרויס. אויך זי האָט ליב דאָס לעבן. מיט יעדן אָטעמצוג פילט זי ווי אַ כוואַליע פרייד קומט אין איר אַריין. יאָ, לעבן, געניסן פון לעבן, אָבער... אויפן דרך הישר...

פּאַוולאָוויטשעס בעכער לעבנס־לוסט איז סם פאַר איר. זי טאָר דערפון נישט טרינקען. אָבער פאַר וואָס ענטפערט נישט בן ציון? אפשר האָט ער שוין אַ מיידל? זיי ביידע לייענען איר בריוו און לאַכן... דער געדאַנק מאַכט זי משוגע. אפשר טאַקע וויל נישט יענץ מיידל פעלאַ זאָל קומען אויף הכשרה? זי האָט געלאַכט צוזאַמען מיט אַנדזשיען און פּאַוולאָוויטשן און אינעווייניק האָט איר געוויינט דאָס האַרץ...

נאָכן נאַכטמאָל איז אַנדזשיאַ צוגעגאַנגען צו דער מאַמוסיאַ, איר געקושט די האַנט, זיך אַרויפגעוואָרפן איר פּאַפּאַטשקאַ אויפן האַלדז, זיך געלאָזט פון אים גוט אויסקושן און אַרויפגעגאַנגען מיט איר גוווערנאַנטקע. פעלאַ לייגט זי שלאָפן, זאָגט מיט איר די תפילה. אַלץ קומט צונויף אין לעבן, קלערט זי מיט איראָניע — אַפילו דער אויסגעלערנטער „פּאַציערזש" אין קלויסטער... ווען זי האָט אַנדזשיען געגעבן אַ קוש און געזאָגט אַ גוטע נאַכט, איז זי זייער אומרויק געוואָרן, גיין אין דער ביבליאָטעק? ניין, דערצו האָט זי קיין געדולד. זי האָט זיך שנעל איבערגעטאָן, אויסגעטאָן דאָס איינפאַכע קלייד און זיך אָנגעטאָן אַ שוואַרצן ראָק מיט אַ רויטער זיידן־בלוזע. אַרום האַלדז און אַרום די לאַנגע ברייטע אַרבל, ווייסע שפּיצן־ריזשעלעך. די רויטע פאַרב האָט איר צוגעגעבן קאָליר צום בלאַסן פּנים. לאַנגזאַם האָט זי אַראָפּגעשפּרייזט די טרעפּ. די מענער האָבן אויפגעהויבן איבעראַשט די קעפּ און איר אַפּלאָדירט. זי האָט געגעבן אַ פאַרוואָרף דעם קאָפּ און זיך צעלאַכט.

די פּאַני יאַנינאַ האָט געשפּילט אויף דער פּיאַנע. די פּאַקאַיוווקע האָט אַרומגעטראָגן אין קליינע שעלעכלעך שוואַרצע קאַווע. די מענער זענען געשטאַנען אין גרופּן. זיי האָבן געזופּט פון דער שוואַרצער קאַווע און געוואַרט די פּאַני יאַנינאַ זאָל אויפהערן צו שפּילן. אייניקע האָבן זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן, צווישן זיי פּאַן גלעמבאַצקי. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ קיילעכדיק טישל און זיך אָנגעגאָסן צו גלעזלעך. די פּאַני יאַנינאַ האָט אויפגעהערט שפּילן. זי האָט געוואָלט זיך צוריקציִען אין איר בודואַר, אָבער די מענער האָבן נישט דערלאָזט. זיי האָבן געבעטן זי זאָל זיי אָנטאָן דעם כבוד און זיך אַוועקזעצן צווישן זיי. אויך דר. שוואַרץ האָט זיך העפלעך פאַר איר פאַרנייגט און איר אָנגעבאָטן אַ פּלאַץ נעבן זיך.

— אויב דער פּאַן דאָקטער בעט מיך, וועל איך אים צוליב טאָן — האָט געזאָגט די פּאַני יאַנינאַ קאָקעטיש מיט דער האַנט אויף איר הויכן בוזעם. יאַנינאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפע נעבן דר. שוואַרץ. מיכאַל האָט געהאַלטן אַרומגענומען פעלאַן. מען איז געזעסן ענג. גלעמבאַצקי האָט אָנגעגאָסן די גלעזלעך, די דאַמען ווייַן, די הערן קאָניאַק. פאַר פעלאַס אויגן האָט זיך געדרייט די שטוב. זי האָט זיך געוויגט אין אַ לייכטן רויש, אָבער זי האָט זיך גוט געפילט... זי האָט אַוועקגעלייגט דעם שווערן קאָפּ אויף פּאַוולאָוויטשעס אַקסל. פּאַני יאַנינאַ האָט געקעמפט מיטן שלאָף, ביז איר קאָפּ איז אַוועקגעפאַלן מיט אַ כראָפּען אויפן דאָקטערס ברוסט. ער האָט מיט דער פּריווילעגיע פון אַ הויז־דאָקטאָר, זי אַרומגענומען און אַריינגעפירט אין אירע צימערן. ער האָט געגעבן אַ ווונק צו אַ דינסטמיידל זי זאָל זי באַדינען.

אין זאַל האָט מען געהאַלטן אין איין טרינקען, מען האָט הויך געזונגען. פּאַוולאָוויטשעס קול האָט אַלעמען איבערגעשריגן. פעלאַ האָט געלאַכט. עס האָט זיך איר געגלוסט צו וויינען, נאָר זי האָט געלאַכט און געלאַכט... אין קאָפּ האָט געבוירערט איין געדאַנק — „פאַר וואָס ענטפערט ער נישט״? פּאַוולאָוויטש האָט זי געדרוקט צו זיך, איר אַלעמאָל אונטערגעטראָגן צו אירע ליפּן, אַ זופּ טאָן פון זיין גלאָז. זי האָט אָנגעשפּאַרט איר שווערן קאָפּ אין זיין אַקסל.

דר. שוואַרץ האָט מיט אַ ניכטערן קאָפּ זיך אַרומגעקוקט. — „וואָס טוט ער דאָ צווישן די שיכורע גוים? אייַ, די שיינע פעלאַ? זי קוקט זיך

אַפילו נישט אום אויף אים. אַ שאָד זיין מי, זי וועט צוריק זיין געליבטע נישט ווערן. זי ליגט אַ שיכורע אין די אָרעמס פונעם שייגעץ. וואָס איז ער עפּעס דער שומר פון ר׳ סענדערס טאָכטער, ער זאָל זי אָפּהיטן?

ער האָט זיך אויפגעהויבן:

— פּאַנאָוויע, עס טוט מיר לייד זיך מיט אייך צו געזעגנען, אָבער „סלוזשבאַ ניע דרוזשבאַ״ (אַרבעט איז נישט קיין פריישאַפט), מאָרגן פרי וואַרטן אויף מיר פּאַציענטן.

די געסט האָבן קוים באַמערקט זיין אַוועקגיין. פּאַוולאָוויטש און פעלאַ זיכער נישט. זי איז געלעגן אין מיכאַלס אָרעמס אַ פּאַרטראַגענע. די שטוב, די מענטשן האָט זי געזען ווי דורך אַ נעפּל. זי האָט זיך געוואַקלט, נישט געקאָנט אַפילו זיך אויפהייבן. האָט זי זיך צוגעטוליעט צו פּאַוולאָוויטשן, וועלכער האָלט זי אַרומגענומען מיט זיינע שטאַרקע אָרעמס. אין איר אָבער האָט עס געווײנט, געעקבערט אַ געדאַנק און זי האָט הויך אַרויסגעקלאָגט מיט פאַרמאַכטע אויגן און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ:

— פאַר וואָס שרייבט ער נישט?!

פּאַוולאָוויטש האָט זי באַדעקט מיט קישן, איר האַלדז, איר פּנים:

— ווער דאַרף עס שרייבן מיין אוצרל, ביסט מיינע, נאָר מיינע!

ער איז צונטער־רויט. אין קאָפּ רוישט אים. די בלוטן האָבן זיך אין אים צעשפּילט. אין איר נאָכגיביקן קערפּער האָט ער געפילט אַז זי איז וויליק צו ווערן זיינע. ער האָט זי אויפגעהויבן, זי האָט אים פאַרוואָרפן די הענט אויפן האַלדז. זי פילט ווי ער הייבט זי אויף, זי שוועבט אין דער לופטן... אפשר דאַרף זי זיך אויפהייבן און אַנטלויפן? דערצו האָט זי קיין כוח און ס׳איז איר גוט אין זיינע אָרעמס... פּאַוולאָוויטש מאַכט אַ שריט, ער וויל זי אַרויסטראָגן אין דער פינצטערער נאַכט, וואָס רופט און לאָקט, דאָרט אין גאָרטן... ער דערנענטערט זיך מיט דער שלאָפנדיקער פעלאַ אין זיינע אָרעמס צו דער טיר, פאַן גלעמבאָצקי פאַרשטעלט אים דעם וועג:

— לאָז זי אָפּ!

— זי איז מיין מיידל! — האָט פּאַוולאָוויטש זי נישט געוואָלט אַראָפּ־לאָזן.

פעלאַ הייבט אויף דעם קאָפּ פון זיין אַקסל. זי דערזעט דורך די שווינדלענדיקע אויגן פאַן גלעמבאָצקי. זי שטויסט אָפּ פון זיך מיכאַלן.

אָבער זי איז צו שוואַך זיך פֿון אים אַרויסצורייסן, זיך צו שטעלן אויף די פֿיס. ווי אַ קינד, שטרעקט זי אויס די הענט צו גלעמבאָצקין.

— דו ווערסט מיט איר טאָן וואָס דו ווילסט, אָבער נישט ביי מיר אין שטוב... האָט געזאָגט דער גוטבאַזיצער און אים אָפּגעשטויסן. געהאָלפֿן פֿעלאַן זיך שטעלן אויף די פֿיס. זי האָט זיך אָבער געוואַקלט אַ שיכורע. ער האָט זי פֿעסט אַרומגענומען, אַוועקגעלייגט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל און אַרויפֿגעפֿירט די טרעפּ צו איר צימער, זי אַוועקגעלייגט נעבן זיין קינד אויף איר שמאָלן בעטל און פֿאַרמאַכט שטיל די טיר.

דורך די פֿענצטער האָט ער געזען, אָדער בעסער געזאָגט געהערט, אַוועקגאַלאָפּירן פּאַוולאָוויטשן אַ צעשטורעמטן אויף זיין פֿערד...

די געסט זענען זיך צעפֿאָרן, שטיל איז געוואָרן אין הויף. מען האָט נאָר געהערט דאָס קרייען פֿון הענער. פֿאַרטאָג כאַפּט זיך אויף פֿעלאַ. דורך די פֿאַרמאַכטע לאָדנס רויטלט זיך די אויפֿגייענדיקע זון. די טיולענע פֿאַרהאַנגען באַוועגן זיך לייכט פֿון אַ לינד ווינטל. אין אַנדערן בעט שימערט אַנדזשיעס בלאָנד קעפּל. זי שלאָפֿט נאָך דעם אומשולדיקן שלאָף פֿון אַ קינד וואָס ווייסט נאָך נישט די שטרויכלונגען פֿון לעבן, קלערט פֿעלאַ. פֿעלאַ ליגט אין די קליידער, אַ נישט אויסגעטועטע. זי זעצט זיך אויף, דערמאָנט זיך אין אַלצדינג. יאָ, אַזוי ווייט האַלט עס שוין, ווען נישט גלעמבאָצקי, לאָזט זי זיך פֿאַרפֿירן פֿון פּאַוולאָוויטשן. זי מוז אַוועק, שוין אַוועק! אויב זי איילט זיך צו, כאַפּט זי נאָך דעם ערשטן צוג, וואָס גייט אָפּ פֿינף אַזייגער. זי כאַפּט אַרויס אירע זאַכן פֿון שראַנק, פּאַקט זיי אַריין אין רענצל, וואַשט זיך שנעל אָפּ, פֿאַרקעמט דעם קאָפּ. זי גיט נאָך אַ פֿאַרבעט איר בעט, שטייט שוין מיטן רענצל אין דער האַנט, באַטראַכט אַנדזשיען וואָס דאַרף שוין נעבעך פֿירן אַ קאַמף צוליב איר יידישער אָפּשטאַמונג. זי האָט זי ליב באַקומען, וואָלט איר גערן געגעבן אַ קוש צום אָפּשייד, זי האָט אָבער מורא זי אויפֿצוועקן און אויפֿרודערן דעם גאַנצן הויף, גיט זי איר אַ לייכטן גלעט און שעפּטשעט:

— פֿאַרבלייב געזונט מיין אָרעם יידיש שיקסל!

אין דרויסן איז אויפֿגעגאַנגען די זון. אַ פֿריש ווינטל האָט איר געווייט אַקעגן אין פּנים, איר צענומען דעם מאַנטל, פֿאַרשאַרט די האָר. פֿעלאַ האָט טיף איינגעאָטעמט די פֿרישע לופֿט. — אַ נייער טאָג! אַ ניי לעבן!

זי גייט אַקעגן איר נייעם שיקזאַל. דער עיקר: — אַנטלויפן, אַנטלויפן פון פּאַוולאָוויטשן, פון שוואַרצן, פון זיי אַלע! זי האָט געשטעלט שנעלע טריט, דאָס צוויטשערן פון פייגעלעך אויף דיביימער האָט זי באַגלייט. אין איר האָט עס אָפּגעקלונגען דאָס צוויטשערן, זי האָט צוזאַמען מיט זיי באַגריסט דעם נייעם אויפגייענדיקן טאָג:

— אַ גוט מאָרגן דיר, גאָטס שיינער, ליכטיקער טאָג!

און אָט שטייט זי שוין אין דער באַן און קוקט אַרויס דורכן פענצטער. ווייטע בערעזקעס טאַנצן איר אַקעגן. שמאָלע, אָפּגעאַרבעטע פעלדער, לייגן זיך אונטער די רעדער פון דער באַן. לאַנקעס מיט זיך פאַשענדיקע בהמות פליען פאַרביי. דער צוג שטעלט זיך אַלע מאָל אָפּ אויף קליינע סטאַנציעס און פליט ווייטער. אין סטאַניסלאַווע שטייגט זי איבער אין דעם צוג וואָס גייט קיין „קאָסאָוו הוצולסקי". דאָרט אין קאָסאָוו, אין קיבוץ הכשרה פון „הנוער הציוני" געפינט זיך איר יוגנט־חבר בן ציון.

קאָסאָוו ליגט אין אַ מאָלערישער געגנט, צופוסנס פון די קאַרפּאַטן. פאַרנאַכט האָט פעלאַ זיך דערנענטערט צום ציל. פאַרנאַכטיקע שאָטנס, באַהויכט פון דעם ראָזעווע ליכט פון דער פאַרגייענדיקער זון, האָבן זיך געשלייערט איבער די בערג. דאָס זענען נישט געווען די נאַקעטע סקאַלעס וועלכע זי איז געווען געוווינט צו זען אין איר היים ביים דניעסטער. די היגע בערג זענען געווען באַדעקט מיטביימער און גראָז. די קוואַלן אין די שפּאַלטן פון די בערג, די רייכע וואַסער־פאַלן, האָבן געמאַכט וואַקסן געדיכטע וועלדער און פעטע לאַנקעס מיט רייכע פאַשע פאַר בהמות.

זי שטייט מיטן רענצל אין דער האַנט און ווייסט נישט וווהין צו גיין. זי פרעגט זיך ביי אַ פאַרבייגייענדיקער פרוי און די ווייזט איר אָן אויף אַ וועג מיט וועלכן זי דאַרף גיין אַ צוויי קילאָמעטער ווייט. זי האָט אָנגעהויבן האָפערדיקער צו שפּאַנען. וואָס מער זי האָט זיך דערווייטערט פון דער שטאָט, זענען איר אַלץ מער אַקעגנגעקומען די בערג. דער וועג איז געווען אַ שמאָלער, געפירט לענגויס אַ טיפן טאָל. אונטן אין טאָל האָט געראַשט אַ שפּרודלדיק ריטשקעלע, וואָס איז לוסטיק געפלאָסן צווישן די בערג. פעלאַ, אַ ליבהאָבעריך פון דער נאַטור, איז געווען באַצויבערט פון דער געגנט, זי האָט אָבער געשטעלט שנעלע טריט, זי זאָל נאָך פאַרנאַכט אָנקומען אויפן אָרט.

ווען זי איז אָנגעקומען צו דעם באַשטימטן הויז, איז שוין געווען גוט פינצטער. אויף איר אָנקלאַפּן, האָט איר אַ מיידל געעפנט די טיר. ביי אַן אומגעהובלטן טיש זענען געזעסן צוויי יינגלעך. זיי האָבן מיט אַן אָפן מויל פאַר דערשטוינונג באַטראַכט דעם אומגעבעטענעם גאַסט. פעלאַ האָט נאָך געטראָגן די רויטע זיידן־בלוזע מיט די ווייסע קרייזעלעךביים האַלדז און איבער דעם אַ לייכטן מאַנטל. איר צאַרט אײדל פּנים מיט כוואַליקע בלאָנדע האָר האָבן זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין דער האַרטער סביבה. די יינגלעך זענען אַזוי איבעראַשט געוואָרן פון איר דערשיינען, אַז זיי האָבן איר קוים געענטפערט אויפן גרוס. געוואַרט וואָס דער אַראָפּגעפאַלענער גאַסט האָט צו זאָגן. דאָס מיידל, וואָס האָט איר געעפנט די טיר, האָט זיך צוריק אויסגעדרייט צו דער קיך און ווייטער געמישט אין טאָפּ. פעלאַ האָט פאַר זיך אַוועקגעשטעלט דאָס רענצל און גלייך צוגעגאַנגען צום ענין:

— איך בין אָנגעקומען אויף הכשרה!

— מזל טוב! — האָבן די יינגלעך זי אָנגעקוקט און זיך צעלאַכט. אָבער צו פעלאַן האָבן זיי געזאָגט: — מיר האָבן נישט באַקומען קיין פאַרשטענדיקונג פונעם מרכז אַז עס קומט אַ נייע חברה.

— איך האָב געשריבן צו בן ציון אַ בריוו.

— אַזוי? — רופט זיך אָפּ דאָס מיידל, זיווישט זיך אָפּ די הענט אינעם פאַרטעך און קומט צו נענטער: — איר זענט פון דער זעלבער שטאָט וואָס בן ציון?

— יאָ.

— בן ציון איז נאָך נישט געקומען פון דער אַרבעט. זעצט אייך ביטע, און וואַרט צו. — זי האָט זיך צוריק אויסגעדרייט צו איר אַרבעט. ביי פעלאַן האָט געפלאַמט אַ באַק. אַ פרעמדקייט האָט געשלאָגן פון די חברים, ווער ווייסט צי זיי וועלן זי אויפנעמען? איר גוטע שטימונג איז פאַר־שוווּנדן.

— יצחק... — ציט אויס דאָס מיידל די ווערטער — מ׳דאַרף וואַסער! זי שטרעקט אים אויס אַ ליידיקע קאַן.

פעלאַ שפּרינגט אויף:

— לאָזט מיך! איך וועל ברענגען וואַסער!

מען לאָזט זי נישט. יצחק נעמט די ליידיקע קאַן, פעלאַ נעמט די צווייטע

קאַן און גייט אים נאָך. וואָסער צו טראָגן האָט זי זיך אויסגעלערנט ביי איר מומע טויבע לאה אין דאָרף.

— איר פאַרשטייט? — דערקלערט זי אים — איך קען אַלע אַרבעטן טאָן. איך בין געקומען אויף הכשרה ווייל איך וויל פאָרן קיין ארץ ישראל.

— ווען מיר וואָלטן אַלע אויפגענומען וואָס ווילן פאָרן קיין ארץ ישראל, וואָלט דאָ געוואָרן אַן אַנלויף פון ייִנגלעך און מיידלעך. מיר נעמען נאָר אויף די, וועלכע דער מרכז שיקט אָדער באַשטעטיקט מען זאָל זיי אויפנעמען.

פעלאַ העלפט דעם בחור דרייען די קאָלבע. זי סטאַרעט זיך שנעל צו דרייען, ווי זי וואָלט וועלן באַווייזן איר בריהשאַפט. — איצט, אַז איך בין דאָ, וועט מיר דער מרכז באַשטעטיקן. ווי מיינט איר?

— איך ווייס נישט. — מיידט אויס יצחק אַן ענטפער.

פעלאַ האָט זיך געפילט זייער דערשלאָגן. עס איז איר גאָרנישט געקומען אויפן זין, אַז מען קען איר אָפּזאָגן. זי איז געזעסן אַ שווייגנדיקע ביים טיש און געוואַרט אויף בן ציון. זי איז געווען מיד און זיך געשראָקן אַז מען קען איר גאָר הייסן גיין צוריק אין אָט דער ווייטער פרעמדער נאַכט אַריין. די שויבן אין די פענצטער זענען אַלץ טונקעלער געוואָרן. דער שיינער ליכטיקער טאָג האָט זיך טרויעריק פאַרענדיקט. אָבער, צי וועט דען נישט קומען ווידער אַ טאָג?

עס האָבן זיך דערהערט טריט אין דרויסן. דאָס מיידל עפנט די טיר און זאָגט צו עמעצן:

— בן ציון, עפּעס אַ פּאַניענקע פרעגט זיך אויף דיר.

פעלאַ האָט זיך געפילט געטראָפן פון דעם אָנרופן זי „פּאַניענקע". דער צונאָמען איז איר שוין געבליבן אויפן גאַנצן לעבן. זי האָט זיך אויפגעהויבן, אַקעגן געגאַנגען איר יוגנט־חבר און אים דערלאַנגט די האַנט.

## קאַפּיטל פינף

# אויף הכשרה

בן ציון איז געווען צווישן די ערשטע וועלכע האָבן געגרינדעט די הכשרה. זיי זענען געקומען קיין קאָסאָוו ווייל דאָ, האָבן זיי געהאָפט, וועט זיין גרינגער צו באַקומען אַרבעט. אין קאָסאָוו זענען געווען פאַרשידענע טעקסטיל־פאַבריקן און דער עיקר האָט מען דאָ אויסגעאַרבעט די טעפּיכער, די באַרימטע קאָסאָווער קילעמס וואָס האָבן געהאַט אַ שם איבערן גאַנצן לאַנד. זיי האָבן באַצירט דילן און ווענט סיי ביי רייכע, סיי ביי אָרעמעלייט. פון לעמבערג האָט די הנהלה הראשית סובסידירט אויף דער גרינדונג פון דער הכשרה 150 זלאָטעס, דאָס געלט איז זיך באַלד צעגאַנגען און זיי האָבן געדאַרפט זאָרגן אויף חיונה. זיי האָבן זיך געלאָזט איבערן שטעטל זוכן אַרבעט. אָבער זיי זענען נישט געווען קיין יחידים. עס האָבן זיך דאָ אויפגעשלאָגן זייערע הכשרות אויך „בני עקיבא", „גורדוניה", „החלוץ" און אַנדערע.

ווינטער. די געגנט איז איינגעטונקען אין שניי. דאָס טייכל אין טאָל דרימלט אונטער אַ דיקער אייז־שיכט. צופוסן ביי די קאַרפּאַטן ליגן צע־וואָרפן גויישע שטיבער. דאָ וווינען די „הוצולן". פרילינג שטייגן זיי אויף מיט זייערע סטאַדעס אויף די בערג. זיי פאַרברענגען דאָרט דעם גאַנצן זומער, פאַשענדיק דאָס פי און הויפּטזעכליך די סטאַדעס שאָף און ציגן. ביי די ערשטע פרעסט נידערן זיי אַראָפּ אין די טאָלן.

דער פויער דרימלט הינטער דער הרובע, דאָס פי ווערט איינגעזאַמלט אין די שטאַלן. שטיל ווערט אויך אין שטעטל. דער מאַרק איז קיילעכדיק, מיט געשעפטן איינס נעבן אַנדערן. להיפך צו גויישע שטיבער, וועלכע שטייען אָפּגעזונדערט איינע פון דער אַנדערער צעשפּרייטע איבער פאָדווירעס און גערטנער, זענען יידישע שטיבער פאַרבונדן איינע אין דער אַנדערער. שותּפותדיקע מויערן פאַרבינדן זיי אַלע.

בן ציון גייט איבערן שטעטל זוכן אַרבעט. ער דערזעט אַ שטויס מיט

האָלץ. ער וואָלט געוועזן אַ בעלן צוזאַמען מיט זיינע חברים צעזעגן, צעשפּאַלטן און אַריינטראָגן ווו מען דאַרף דאָס האָלץ און פאַרדינען אַ פּאָר זלאָטעס.

דער בעל הבית האָט דערזען דורכן פענצטער ווי אַ בחורל, אין אַ קורץ פּעלצל, דעם קראַגן אויפגעשטעלט און די הענט אין ד׳ קעשענעס, דרייט זיך אַרום זיינע קלעצער, איז ער צו אים אַרויסגעקומען.

— ר׳ ייד, — מאַכט צו אים בן ציון, — מיר ווען אייך צעהאַקן דאָס האָלץ און נישט נעמען ביי אייך מער ווי די הוצולן.

דער ייד האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס בחורל איז פון די חלוצים, די האַלאַ־דריזנעקעס וואָס פאַרשוואַרצן יידן דאָס פּנים, ענטפערט ער:

— איך קען אייך געבן אַ נדבה איר זאָלט אייך אהיימפאָרן. די טאַטע־מאַמע האָבן זיכער עגמת נפש וואָס איר זענט אַוועק אויף הכשרה, און בכלל — מאַכט ער אַוועק מיט דער האַנט:

— ווי קען מען צוזען אַז יידישע קינדער זאָלן אַרבעטן אין אַזלעכע פרעסט? ניין, נישט ביי מיר. איך וויל נישט יידישע קינדער זאָלן פאַר מיר אַרבעטן. — אָפּגעזאָגט, האָט ער געוואָלט צוריקגיין אין זיין וואַרעמער שטוב. בן ציון איז אים פאַרגאַנגען דעם וועג.

— ר׳ ייד, איר פאַרשטייט, מיר מוזן אַרבעטן ווייל מיר מוזן זיך פאַר־דינען אויף חיונה. פון אונדזערע היימען פאַרלאַנגען מיר נישט קיין שטיצע.

דער ייד האָט זיך אַנגעצונדן, ער האָט געטופּעט מיט די פיס אויפן פּראָסטיקן שניי:

— איר פאַרנעמט אייך פון דאַנען, איר פושעי ישראל! איר וועט ברענ־גען אַן אומגליק אויף אונדזער שטאָט, איר ווינט צוזאַמען ייִנגלעך און מיידלעך אָן חופּה וקידושין!

אַ טיף־געטראָפענער איז בן ציון אָפּגעטרעטן. אויף אַזאַ תשובה האָט ער זיך נישט געריכט. דעם קאָפּ איינגעזונקען צווישן די אויפגעהויבענע אַקסלען איז ער ווייטער געגאַנגען. אַ פושע ישראל איז דער ייד מיט די פּיאות אויב ער קען אַזאַ בילבול אויסטראַכטן.

אָבער נישט אַלע יידן האָבן אַזוי געטראַכט ווי דער דאָזיקער ייד. אָט איז דער ייד קרייזלער. ביי אים אין שטוב רעדט מען נאָר העברעיש. ער איז אַ דעלעגאַט צו די ציוניסטישע קאָנגרעסן. קרייזלער האָט נישט נאָר

אונטערגעשטיצט די חלוצים, נאָר אויך געזאָרגט אַז אַנדערע זאָלן זיי נעמען צו דער אַרבעט. זיינע קינדער האָבן זיך געחברט מיט די חלוצים. זיין טאָכטער פלעגט אין די שבתים אַרויפקומען צו זיי, אַנטייל גענומען אין דיסקוסיעס, גערעדט וועגן דער נייטיקייט זיך מקריב זיין פאַר ארץ ישראל, וועגן דעם אַז מען דאַרף ווערן פּראָדוקטיוו, לעבן פון ערד־אַרבעט. זי האָט געטראָגן זיידענע קליידער און לאַקשיכלעך, — און אַליין — האָט מען זי געפרעגט, ווען קלערט זי עולה זיין און זיך נעמען צו פעלד־אַרבעט? דערווייל קלערט זי נישט אַראָפּוואַרפן די שמאָכטעס פון זיך, פאַרבינדן דעם קאָפּ מיט אַ טיכל און אַרבעטן אין פעלד... דערווייל שטודירט זי. זי וועט ענדיקן, דערנאָך...

בן ציון איז אַריינגעגאַנגען אין אַ קאָנפעקציע־געשעפט, געוואָר ווערן צי דאַרף מען נישט קיין אַנגעשטעלטן?

דער קרעמער באַטראַכט אים פאַרשנדיק:

— ביסט מסתמא איינער פון די חלוצימלעך? האַ? מאַ, קיין גרויס לייזעכץ איז נישטאַ, נאָר דו קענסט בלייבן. — ער באַלערנט אים ווי ער זאָל זיך נוהג זיין:

— דו פאַרשטייסט? אַ קונה דאַרף מען נישט אַרויסלאָזן, אים אַזוי פאַררעדן, אַז ער זאָל איבערלאָזן די פאַר זלאָטעס.

עס קומט אַריין מיט זיין שפּרינגנדיק גענגל אַ הוצול, געוווינט צו קלעטערן אויף די בערג, גייט ער נישט זיכער אויפן גלייכן וועג. בן ציון סטאַרעט זיך, ער ברענגט צו שלעפּן פאַרשידענע שפּענצאַקעס. מעסט צו איינעם, שלעפּט אַראָפּ, טוט אָן אַ צווייטן. דער הוצול שטייט אַ רויקער, ער פרעגט נאָר:

— קילקע פּראַדאַיטע? *

דער קרעמער שרייט הייזעריק, ער שווערט זיך ביים לעבן פונעם גוי און ביי אַלע שונאי ישראל אַז עס קאָסט אים אַליין טייערער.

— וואָס מיינט איר וואָס, איך קום איצט אָן פון די בערג? (אַ הוצול פון די בערג איז פאַררעכנט פאַר אַ פרא אדם). איך בין נישט אָקערשט אַראָפּ פון די בערג! איך ווייס וואָס עס דאַרף קאָסטן אַזאַ שפּענצאַק!

---

* קילקע פּראַדאַיטע — פאַר וויפל פאַרקויפט איר?

נאָכן אויסמעסטן אַ טוץ שפּענצאַקעס, גייט זיך דער הוצול אַ רוי̇קער אַוועק.

— לויף אים נאָך! זאָג אים צו גילדענע בערג! נאָר ברענג אים צוריק! בן ציון כאַפּט אָן דעם הוצול ביים אַרבל, ער שלעפּט אים צוריק אַריין. מ׳הייבט זיך אָן ווייטער צו דינגען.

נאָכן אַוועקגיין פונעם קונה, לייגט צוזאַמען בן ציון די שפּענצאַקעס. דער בעל הבית שטייט די הענט אַריינגעשטופּט אין די אַרבל, אָנגעשפּאַרט אין דער סטאָיקע, די בליקן צו דער אָפענער טיר און שווייגט. בן ציון שטייט נישט ליידיק אַ מינוט. ער פאַרריכט די סחורות אויף די פּאָליצעס, ווישט אַרום דעם שטויב. אַז עס קומען נישט קיין קונים, איז בייז דער באַלעבאָס און דעם כעס לאָזט ער אויס צו זיין משרת, צו בן ציוניען. ער מוסרט אים:

— ער, בן ציון ווייסט נישט ווי אַזוי צו טראַקטירן אַ קונה, ער לאָזט אַוועקלויפן קונים. — גיי אַרויס אין דרויסן און פּוץ אָפּ די פּרענטעס, און אין איינבוועגס שלעפּ אַריין אַ קונה.

בן ציון פאָלגט און דאָס האַרץ וויינט אין אים פון דער געפאַלנקייט און שפלדיקייט פון די יידן אין גלות... ער און זיינע חברים שאַפן אַן אַנדער טיפ ייד. אַ ייד וואָס וועט באַאַרבעטן זיין פעלד, לעבן פון זיין פּראַצע, בויען זיין צוקונפט אין ארץ ישראל, און וועט לעבן נישט צווישן רוטענישע און פּוילישע שונאי ישראל. מיט פליס רייבט ער די מעשענע פּרענטעס, ביז זיי גלאַנצן ווי גאָלד אַקעגן דער זון.

איבערן מאַרק צעגייט זיך דער ריח פון געפּרעגלטע קאַרטאָפל־לאַטקעס. אין בודקעס ווערט פאַרקויפט הייסע לאַטקעס גלייך פון דער פּאַטעלניע. בן ציון פּלאָגט דער הונגער. ער האָט ביי זיך צוויי דינע רעפטלעך ברויט באַשמירט מיט מאַרמעלאַד און אַ קענדל שוואַרצע קאַווע־ציקאָריע. דאָס דאַרף אים קלעקן אויפן גאַנצן טאָג. קיין שעהן פון אַרבעט ווייסט מען נישט. מען קומט אין דער פרי און מ׳גייט אַהיים אויפדערנאַכט אַרום אַכט, ניין אַ זייגער, ווען דער בעל הבית שליסט אָפּ דאָס געוועלב.

די קרעמערקע מאַכט אַליין לאַטקעס. זי רייבט רויע קאַרטאָפל און פּרעגלט די לאַטקעס אין הייסן בוימל. זי אַליין זעט אויך אויס ווי אַ הייסע לאַטקע. קליין און קיילעכדיק, מיט אַ פּאַרשוויצט, פעט פּנים און ראָזע בעקעלעך. אַלע כאַפּן די לאַטקעס און עסן זיי הייסערהייט. די קרעמערקע

פֿאַרבעט אויך בן ציונען צו די לאַטקעס. ער זאָגט אָפּ. ווי וועט ער עסן אָן זײַנע חברים לאַטקעס? יענע הונגערן און ער וועט עסן לאַטקעס? ניין! בכלל איז אים געווען פֿרעמד עסן ממש מקצה. כאָטש ער איז געווען הונגעריק, האָבן אים די לאַטקעס אויסגעזען ווי חזיר. ווי מעג מען הנאה האָבן פֿון אַ געשמאַק בובעניקל אָן זײַנע חברים?

פֿרײַטיק ביים אויסצאָלן בן ציונען דאָס וואָכנגעלט, קוקט זיך אַרום דער באַלעבאָס אויף דעם פּנים בן ציונען רײַן געמאַכטן געוועלב און זאָגט:

— מאַ, זעסט דאָך, נישטאָ קיין לײַזעכץ. וועסט די אַנדערע וואָך מער נישט אַרויסקומען. — אָפּגעזאָגט און זיך צוריק אויסגעדרייט צו דער אָפֿענער טיר.

אַ מידער גייט בן ציון אַהיים. ער האָט געטריי געדינט. געאַרבעט, קיין מינוט נישט געשטאַנען ליידיק. מילא, נישטאָ קיין לײַזעכץ... אין דער נאָז קיצלען אים נאָך די געשמאַקע ריחות פֿון די לאַטקעס. אפֿשר וועט חווה הײַנט מאַכן לאַטקעס? דער בעל הבית האָט קורץ פֿאַר ליכט בענטשן ערשט פֿאַרמאַכט דאָס געוועלב.

עס האָט שוין געטונקלט אויפֿן וועג. קוים וואָס בן ציון שלעפּט די פֿיס. ער פֿילט זיך נאָך שוואַכער ווי נאָך אַ תענית. ביי זײַן מאַמען כאַנציען דער לעקעך־קלאַפּעריך, האָט ער קיין מאָל נישט געהונגערט. עסן האָט זיך שטענדיק געוואָלט, אָבער זײַן מאַמע האָט תמיד עפּעס געפֿונען פֿאַר די הונגעריקע קינדער צו פֿאַרשטופּן זיי די פּיסקלעך. דאָס נאָגעניש ביים האַרצן האָט אָפּגעשוואַכט די פֿיס, פֿאַר וואָס ציט זיך הײַנט דער וועג אַזוי לאַנג? קוים זיך דערשלעפּט ביז צו דער טיר. פּלוצעם ווערט אים טונקל פֿאַר די אויגן. ער טאַפּט ווו זיך אָנצוהאַלטן און נישט געפֿינענדיק אַ שטיצע, זינקט ער אַראָפּ אויף דער ערד. אַ קאַלטער שווייס איז אים אַרויס אויפֿן פּנים. ער האָט נישט קיין כוח זיך אויפֿצוהייבן. אויף אַלע פֿיר קריכט ער צו ביז צו דער טיר.

— ווײ איז מיר! — גיט אַ געשריי חווה.

די חברים האָבן אים אַוועקגעלייגט אויפֿן בעט. חווה דערלאַנגט אים צו די ליפּן אַ הייסע קאַווע. ער קומט צו זיך.

פֿרײַטיק פֿראַווערט מען אַ בעסערע סעודה, כאָטש עס פֿעלט צומאָל אויס ברויט צו דער זעט, סטאַרעט זיך חווה עס זאָל זײַן אויף שבת אַ שטיקל פֿיש

און אַ וואַרעמע זופּ. אויף חוהן האָבן די חברים געקוקט ווי אויף אַ מאַמע. זיי האָבן זי געפאָלגט, איר געטראָגן וואַסער, וויפל זי האָט נאָר געוואָלט. זי האָט זיי געשאַפן אַ היים, זיך באַמיט זיי זאָלן זיך פילן ווי אין אַ פאַמיליע. דערווייל איז זי געווען דאָס איינציקע מיידל צווישן די פינף יינגלעך. זי איז אַלט געווען אַ פּאָר און צוואַנציק יאָר און גענומען ערנסט אירע פליכטן. געפירט דיווירטשאַפט. באַדינט געטריי די חברים, פאַר זיי געקאָכט, געוואַשן. זי האָט זיך נישט געמאַכט זעענדיק ווען אַ חבר איז צוגעגאַנגען צום ברויט און זיך בגנבה נאָך אָפּגעשניטן אַ שטיקל.

אין בן ציונען האָט זי באַלד דערזען אַן ערנסטן, איבערגעגעבענעם חבר, אָבער זיין תמימות איז שוין געגאַנגען צו ווייט. זי פלעגט גוטמוטיק שמייכלען:

— זיי נישט אַזוי פאַרקאָכט אין דער אַרבעט! גאָטס פאַרזאָרגער וואָס דו ביסט! גאָטס וועלט וועסטו נישט איבערמאַכן.

דער צונאָמען „גאָטס פאַרזאָרגער" איז אים שוין פאַרבליבן. ער האָט זיך געלאָזט אויסנוצן פון די חברים. פאַר דער קבוצה איז אים קיין זאַך נישט געווען צו שווער. ווו נאָר אַ גאַנג, אַ שליחות, האָט מען געשיקט בן ציונען. מען האָט זיך אויף אים געקאָנט פאַרלאָזן, ער וועט עס שוין דערליידיקן. ער איז געוואָרן דער סדרן פון דער הכשרה.

אין יענעם פרייטיק־צו־נאַכט איז ער שוין פאַרבליבן אין בעט. נאָכן אָפּעסן די סעודה ביי געדעקטע טישן און נאָכן דורכלייענען די צייטונגען און בראָשורן פון א"י און אויסזינגען ציון־לידער, אַרומרעדן פאַרשידענע נאַריש־קייטן און לאַכן און שפּאַסן ווי נאָר יוגנט קען, האָט חוה געגעבן אַ באַפעל די יינגלעך זאָלן זיך אויסדרייען צו דער וואַנט, ווייל זי גייט זיך מאַכן אַ וואַנע. זי האָט זיך אויסגעטאָן און אַ נאַקעטע זיך געבאָדן אין אַ גרויסן היל־צערנעם ציבער, זי האָט זיך געפילט גאַנץ פריי, ווייל זי איז געווען זיכער אַז קיינער וועט זיך נישט אויסדרייען ביז זי וועט זיך אָנטאָן די פּיזשאַמע און גיין אין איר בעט. בן ציון, אויך אַן אויסגעדרייטער צו דער וואַנט, שטוינט ווי די יינגלעך זענען פאַרטיפט אין דער צייטונג, נייך, זיי רייסן זיך איבער איר, נאָר עפּעס בלישטשעט זיי צווישן די פינגער, זיי האַלטן אַ שפּיגעלע אין דער האַנט און פאָלגן נאָך יעדע באַוועגונג פונעם מיידל. בן ציון האָט זיך צעשריען אויף זיי, דאָס מיידל איז אַ נאַסע אַנטלאָפן אין איר

בעט. זי האָט זיך צעוויינט פאַר חרפּה. זי האָט געדראָט אַז זי פאַרלאָזט דעם קיבוץ. די ייִנגלעך האָבן צעבראָכן דאָס שפּיגעלע. איר הייליק צוגעזאָגט אַז מער וועט אַזוינס נישט פאָרקומען, חוה אַן איינגעקאָרטשעטע, איבערגעדעקטע ביז איבערן קאָפּ, האָט זיך געשווּוירן אַז בלי נדר, באַלד נאָך שבת, פאָרט זי אַוועק.

אין צווישן איז געקומען די הילף. אין אַ בריוו פונעם מרכז האָט מען געשריבן, אַז עס קומען צו פאָרן נייַע חברים. פינף מיידלעך און זיבן ייִנגלעך. מען האָט אָפּגעדונגען נאָך אַ צימער, ווו עס זענען געשלאָפן די מיידלעך און דאָס ערשטע צימער איז ווייטער פאַרבליבן פאַר די ייִנגלעך און געדינט אויך פאַר דער קיך און דעם עסצימער. מיטן וואַקסן פונעם קיבוץ, זענען די באַדערפעניש גרעסער געוואָרן. עס זענען אויפגעקומען פאַרשידענע פּראָבלעמען, מען איז אַריין אין חובות. בן ציון, אַלס סדרן, האָט גענומען דעם גאַנצן עול אויף זיך. ער איז אַרומגעלאָפן זוכן אַרבעט. נישט נאָר פאַר זיך, נאָר אויך פאַר זיינע חברים. זיי זענען געווען גרייט אַלע אַרבעטן צו טאָן. די מיידלעך זענען געגאַנגען אַרבעטן אין הויזווירטשאַפט. אָט האָט מען צוגענומען אַ פּאָר ייִנגלעך צו פלייש מאָלן אין אַ וווּרשט־פאַבריק. קיין עלעקטריע איז נאָך דאָרטן נישט געווען. האָט מען געדרייט די קאָלבע מיט די הענט. פון דער פאַבריק האָבן די ייִנגלעך אַהיימגעבראַכט די ביינער פון די בהמות און חוה האָט דערפון געהאַט צו קאָכן גוטע זופּן אַ גאַנצע וואָך.

דער ווינטער איז געגאַנגען צו ענד און עס האָט זיך געשטעלט דער פאַר־פּסח. די חלוצים האָבן באַקומען אַרבעט ביי מצה־באַקן. אַלע, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין סטאַבילע אַרבעט, זענען געגאַנגען צו די מצות. די חברים האָבן געהאָפט אַז פון דעם רווח פון די מצות וועלן זיי אַרויס פון די חובות. יעקב, אַ ייִנגל פון קאָנגרעס־פּוילן, איז געווען דער עלטסטער און ערנסטער פון זיי אַלע (דער עלטער פון די חברים איז געווען צווישן 17 און 21 יאָר). ביי אַ זיצונג האָט יעקב געמאַכט מיט בן ציונען אַ תקיעת־כּף, אַז זיי וועלן אַרבעטן אָן איבערייס ביי די מצות, ביז זיי וועלן אַרויס פון די חובות. מיט יוגנטלעכן ברען האָבן זיי זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. זיי האָבן געאַרבעט 16 און אויך 24 שעה אָן איבערייס. מען האָט געאַרבעט ווי אין אַ טראַנס, גאָרנישט געפילט קיין מידקייט. זיי האָבן זיך איינגעטיילט מיט דער אַרבעט, איינער האָט געטראָגן וואַסער, דער צווייטער האָט געקנעטן,

דער דריטער געשאַרט אין אויוון, די מיידלעך האָבן געוואַלגערט די מצות. איז מען מיד געוואָרן, האָט מען זיך געביטן מיט דער אַרבעט, זיך אַוועקגעזעצט ביים רעדלען די מצות. מען האָט דערביי געזונגען פריילעכע, חלוצישע לידלעך.

אין יענער נאַכט, ווען בן ציון איז אַהיימגעגאַנגען נאָך חצות, איז ער גייענדיק געשלאָפן. דער וועלכער איז גייענדיק נאָך קיין מאָל נישט געשלאָפן, דער ווייסט נישט דעם גוטן טעם דערפון. דער וועג איז לאַנג, אָן אַ סוף, מען גייט מיט פאַרמאַכטע אויגן, אַלע הונדערט מעטער טאַפּט אָן בן ציון אַ טעלעפאָן־סלופּ און עס האָט קיין מאָל נישט געטראָפן אַז ער האָט זיך אין אים פאַרטשעפּעט. דער נאַכטיקער הימל האָט בלוילעך געשימערט, צווישן די כמאַרעס האָבן איינצעלנע שטערן געלויכטן. די בערג האָבן געטונקלט אין טיפן שווייגן. האַלב־דרימלענדיק האָט בן ציון געחלומט פון פעלאַן, זיין ערשטע ליבע... פייגעלע ר' סענדערס... פול רייץ איז זי, ווי זי פלעגט זיך ציִען און לאַשטשען ביי די לעקציעס ווי אַ פויל קעצעלע. ביי איר גאַנצער שפּילעוודיקייט איז אין אירע בלויע אויגן געלעגן אַ פאַרבאָרגענער אומעט. עס האָט אים ווייל געטאָן ווען זי איז אַ כלה געוואָרן פאַר זיין חבר שמואליק, דערנאָך האָט ער געהערט אויף איר פאַרשידענע פּלאָטקעס. נו, מילא, זייערע וועגן זענען זיך צעגאַנגען. אָבער דאָך, אין אַזוינע שטילע נעכט, ווען דער מידער גוף איז אויסגעשפּאַנט פון דעם שווערן אַרבעטס־יאָך, די אויגן ווילן זיך גאָרנישט עפענען, שפּינען זיך די געדאַנקען אָן אַ יעדן צוזאַמענהאַנג, און די פאַנטאַזיע דרייט מיט אים ווי כוואַליעס אויפן ים, זעט ער זי דייטלעך פאַר די אויגן, פייגעלען, ר' סענדערס מיזינקע...

גוט איז געווען דעם ייִנגל וואָס האָט זיך צוגעפּאַסט אַ מיידל. דאָס איז געווען דער לויז נאָך זיין שווערער אַרבעט. זי האָט אויף אים געוואַרט, געגלעט דעם מידן קאָפּ, גערעדט צו אים פריינטלעך און ליבלעך. זיי האָבן זיך נישט נאָר פאַרזיסט דאָ, דאָס שווערע לעבן, נאָר אויך געחלומט פון ארץ ישראל ווו זיי וועלן חתונה האָבן און אָנהייבן אַ ניי לעבן.

געשלאָפן איז מען צו צוויי און צו דריי אין אַ בעט, הן ייִנגלעך הן מיידלעך. אַמאָל האָט מען זיך געביטן מיט די פּלעצער, אַ ייִנגל פלעג זיך צושאַרן צו זיין מיידל, זיי פלעגן שטיל איינטענהן, כדי נישט אויפוועקן די אַנדערע...

בן ציון האָט נישט געהאַט קיין חברטע. חוה ווייזט אים אַרויס פיל אויפ־

מערקזאַמקייט, אָבער זי איז נישט פאַר אים. אידעאָלאָגיש זענען זיי זיך נאָענט, נאָר זי איז עלטער פון אים, ער קען זי נישט ליבן און נאַרן וויל ער זי נישט. כאָטש אַנדערע ייִנגלעך נוצן יאָ אויס די ליבשאַפט פון אַ מיידל. אָט דער יצחק, למשל, ער מאַכט מיט אַן אייגל אויף זיין מיידל טשעסיאַ, ער קלערט אָבער גאָרנישט מיט איר חתונה צו האָבן.

ווען בן ציון איז אָנגעקומען אַהיים, איז ער שוין געווען אין גאַנצן אויסגעשלאָפן. חוה איז אַראָפּ אין דער פּידזשאַמע פון בעט אים צו דערלאַנגען דאָס עסן.

— אַ דאַנק חוה, האָסט נישט געדאַרפט זיך מטריח זיין, כ'וואָלט מיר אַליין גענומען דאָס עסן.

— מאַכט נישט אויס. כ'בין סיי ווי נישט געשלאָפן, געוואַרט אויף דיר... — האָט זי געזאָגט מיט אַ טונקעלן בליק. זי האָט זיך צו אים צוגעבויגן, צוגעשאַרט דאָס עסן.

דערביי האָט ער באַמערקט דורך דער אָפענער בלוזקע אירע פולע ברוסטן. ער איז רויט געוואָרן און זיך איבערגעבויגן איבערן טעלער. זי האָט זיך צוגעזעצט נעבן אים, געגלעט זיין קאָפּ:

— ביסט מיד. אַרבעטסט צו שווער. אַרבעטסט איבער דער מאָס. וואָסי, דער גאַנצער עול דאַרף ליגן נאָר אויף דיר?

— אַלע אַרבעטן, אויך דו חוה אַרבעטסט איבער דער מאָס.

— אַרבעט צו אַרבעט איז נישט גלייך.

זי האָט זיך אויפגעהויבן לאַנגזאַם, זי האָט זיך געוואָלט באַגעגענען מיט זיינע בליקן, ער האָט עס אויסגעמיטן. זי האָט אַ לייכטן זיפץ געטאָן, זיך געגאַנגען לייגן. אין דער האַלב-אָפענער טיר האָט ער באַמערקט אַז זי ליגט ביים ברעג, מאַכנדיק אַ פּלאַץ נעבן זיך. זי איז געלעגן מיט די הענט אונטערן קאָפּ, די בליקן צו אים געווענדט:

— קומסט מיר גאָרנישט זאָגן אַ גוטע נאַכט? — האָט זי האַלב אין שפּאַס שטיל געפּליסטערט, כדי נישט אויפצוּוועקן די חברה.

— אַ גוטע נאַכט, — האָט ער שנעל אַ זאָג געטאָן און זיך געגאַנגען לייגן אויף זיין געלעגער.

פּסח צום סדר זענען די מצה-בעקער געווען הויט און ביין. זיי האָבן באמת געאַרבעט עבודת פּרך. נאָר ס'איז כדאַי געווען, זיי האָבן אויסגעצאָלט

די חובות און ס׳איז זיי נאָך געבליבן אַ פּאָר הונדערט זלאָטעס. אַכט טעג פּסח האָט מען נישט געאַרבעט. מען האָט באַקומען די וויל־פּאַרדינטע רו. חול המועד, ווען זיי האָבן שפּאַצירט אין שטאָט און באַטראַכט די מצה־פּאַבריק, האָבן זיי געקלערט וויפל כוחות זיי האָבן דאָרט איבערגעלאָזט. צי האָבן זיי נישט געאַרבעט ווי די יידן אין מצרים? און דאָך וואָס פאַר אַ גרויסער אונטערשיד! אַנדערש איז געצוווּנגענע שקלאַפן־אַרבעט און אַנדערש איז אַרבעטן פון פרייען ווילן, מען ווייסט אַז מען אַרבעט פאַר אַ צוועק, מען זעט דעם ריווח פון דער אַרבעט.

נאָך פּסח איז בן ציון אָנגעקומען אַרבעטן אין אַ טריקאָטאַזש־פּאַבריק. באַקומען האָט ער די אַרבעט דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם ציוניסטישן עסקן הער קרייזלער. געזאָגט האָט ער אים:

— הער! דו גייסט אַרבעטן צו אַ נערוועזן מענטשן, זע אים צו דערגאָדזען.

— ווי אַזוי אים דערגאָדזען? מיט וואָס אים צופרידן שטעלן? — דאָס האָט הער קרייזלער נישט געזאָגט:

— מאַ! מ׳וועט שוין זען!

די פּאַבריק האָט זיך געפונען אין אַ הינטערגאַס, ווו די הייזער שטייען נישט אַזוי געדיכט ביינאַנד, ווי אין מאַרק. מען זעט שוין דאָ אַ הויף, אַ בוים. פּאַר אַ שמאָל לאַנג הויז, פון וואַנען עס האָט זיך אַרויסגעהערט דאָס איינטאָניקע קלאַפּן פון מאַשינען, האָט זיך בן ציון אָפּגעשטעלט. פאַרן הויז, אונטער אַן אַלטן בוים מיט צעקנאָדערטע צווייגן, זענען געשטאַנען אָפּגעבליאַקעוועטע פון רעגנס און ווינטן אַ טיש און אַ באַנק.

אַן עלטערער ייד, מיט אַ צעקרימט פּנים, ווי ער זאָל עס ליידן פון קראַמפּן, האָט אים אויפגענומען. אויף בן ציונס פאָרשטעלן זיך, האָט ער גאָרנישט געענטפערט, נאָר אים צוגעפירט צו זיין אַרבעט:

— נאַ טאָסטו די אַרבעט! — האָט ער אָנגעוויזן מיטן שטעקן, — דריי־אויף אויף די שפּולן די וואָל! — אָפּגעזאָגט, איז ער אַוועקגעגאַנגען. דעם שטעקן האָט ער נישט אַזוי באַדאַרפט צום גיין, ווי אָנצוּוויזן מיט אים.

בן־ציון האָט געזוכט זיך צו אָריענטירן אין זיין אַרבעט. אַכט באַלן וואָל זענען געווען געשפּאַנט אויף אַכט רעדער. איצט האָט ער באַדאַרפט קלאַפּן מיטן פוס אויף אַ ברעט, האָבן די רעדער זיך געדרייט און די וואָל

האָט זיך אויפגעוויקלט אויף שפּולן. דאַכט זיך אַ לייכטע אַרבעט, נאָר בן ציונען איז עס נישט געלונגען. האָט ער זיך געפּלייסט און שנעל געקלאַפּט, האָבן די פעדים זיך געריסן און דאָס צוזאַמענקניפּן האָט נישט געטויגט און פאַרנומען צייט. האָט ער געקלאַפּט פּאַוואָליע, האָבן זיך אָפּגעשטעלט די שפּולן. פון וויטן איז געשטאַנען דער באַלעבאָס, אָנגעשפּאַרט מיטביידע הענט אויפן שטעקן און זיך צו אים צוגעקוקט. אַ בייזער איז ער צו אים צוגעקומען, געטייטלט מיטן שטעקן אויף די שפּולן.

— אָט דאָס איז ביי דיר אַן אַרבעט? אַ פּאַרטאַטשקע אַרבעט! דו וועסט קיין מאָל נישט קענען די אַרבעט! — אָפּגעזאָגט זיינס, איז ער אַוועק־געגאַנגען.

בן ציון סטאַרעט זיך, ער איז זיכער אַז ער פאַרלירט די אַרבעט, אָבער פאַר וואָס זאָל אים נישט געלונגען, דאָרט ווו אַנדערע געלונגט יאָ? אַ מיידל קומט צו אים צו, זי קוקט זיך אום צי דער באַלעבאָס זעט נישט און באַלערנט בן ציונען.

— איר זעט? גאַנץ גלייכמעסיק שטעלט דעם פוס, נישט שטאַרק, אויב נישט רייסט זיך דער פאָדעם.

לסוף האָט בן ציון געפונען דאָס פּאָרטל, די רעדער האָבן זיך גלייכמעסיק געדרייט, אַלע מאָל איז צוגעקומען אַן אַרבעטער און גענומען די פולע שפּולן. דאָס זענען געווען שטילע מענטשן. מען האָט נישט געזונגען, נישט געלאַכט, ווי בן ציון איז עס געווען געוווינט ביי זיינע חברים, די חלוצים. אַ יעדער איז געשטאַנען ביי זיין וועבשטול, אָדער וואַלצן און געטאָן זיין אַרבעט. מען האָט געאַרבעט אַ גאַנצן טאָג, אָן איבעררייס, בערך אַ צען שעה. צום מיטאָג האָט מען זיך אַוועקגעזעצט אונטערן בוים ביים טיש אין דרויסן, עפּעס איבער־כאַפּן. נאָר לאַנג זיצן האָט דער באַלעבאָס נישט געלאָזט:

— באַלעמוטשעט נישט! די מאַשינען שטייען, מען דאַרף ליפערן סחורה!

דאָס „מען דאַרף ליפערן סחורה” איז געהאָנגען ווי אַ בייטש איבער די קעפּ פון די אַרבעטער. זיי זענען געווען פאַרשקלאַפט ביי די מאַשינען, בן ציון האָט געמוזט ליפערן די שפּולן צו דער צייט, די וועבשטולן האָבן געשפּינען און דאָס געוואַנט איז געגאַנגען צום פּרעסן צווישן די וואַלצן. אָבער דאָך האָט דאָס מיידל וואָס האָט געלערנט בן ציונען, אונטער די פּלייצעס פונעם באַלעבאָס אַ שמייכל געטאָן צו בן ציון. זי האָט אים בשעת

דעם עסן דערציילט אַז זי איז פון רומעניע, זי אַרבעט דאָ, ווייל זי וויל זיך פאַרדינען אויף הוצאות צו פאָרן קיין ארץ ישראל.

איין מאָל קומען צוויי קאָנטראָלערן, דער באַלעבאָס לויפט זיי אַקעגן, זיי ווילן אָבער נישט מיט אים רעדן, זיי פרעגן אויס די אַרבעטער: וויפל שעה זיי אַרבעטן?

— אַכט שעה.

— וויפל קריגן זיי פויזע?

— אינדערפרי אַ האַלבע שעה און ביים מיטאָג אַ שעה.

— ווי אַזוי באַהאַנדלט זיי דער באַלעבאָס?

— צי יאָגט ער זיי נישט?

— ניין.

— צי מעגן זיי זיצן ביי דער אַרבעט?

— אַוודאי און אַוודאי!

— איז, ווו זענען די שטולן?

— אָט דאָרט! — באַמיט זיך אַ יעדער צוצושלעפן עפּעס אַ בענקל, אַ קעסטל.

דער באַלעבאָס האָט אָנגעקוואָלן, ביים געזעגנען, שרייבן אים אונטער די באַאַמטע אַז זיי האָבן געטראָפן אַלץ אין אָרדנונג, בשעת מעשה דריקט ער זיי אַריין אין האַנט אַ שיינע מטבע.

בן ציון האָט געשטוינט:

— ס׳איז דאָך שקר!

די אַרבעטער האָבן אים באַטראַכט מיט מיסטרוי:

— וואָס זשע דען, מיר וועלן גיין, חלילה, פאַרקלאָגן אַ יידן פאַר די גויים?

— איר האָט זיי געדאַרפט דערציילן אַז איר אַרבעט אָן איבערייס אַ צען שעה, אַז ער יאָגט צו בעת דער אַרבעט...

— גיי שוין גיי! ווילסט ער זאָל אונדז אָפּזאָגן? דאָס ווייב מיט די קינדער זאָלן בלייבן אָן אַ שטיקל ברויט?

— ער קען נישט אָפּזאָגן... מען דאַרף פאָדערן דאָס וואָס עס קומט.

די אַרבעטער האָבן זיך פון אים אָפּגערוקט:

— ביסט אַ בונטאַר... דער באַלעבאָס איז אַ פיינער מענטש.

איינער אַן אַרבעטער וועלכער האָט געהאַט זיין יערלעכן אורלויב, איז יעדן טאָג צוגעקומען צו זיינע חברים, דעמאָלט ווען זיי האָבן געהאַט זייער אָפּרו. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט זיי אונטערן בוים, געשמועסט. ער אַרבעט דאָ אַ גאַנץ יאָר, דאָ איז זיין פּלאַץ, אַוווּ דען זאָל ער גיין?

בן ציון האָט די אַרבעטער אויפגעקלערט אַז היינט איז נישט דאָס וואָס אַמאָל, היינט האָט דער אַרבעטער זיינע רעכט, וועלכע דער באַלעבאָס מוז נאָכגעבן.

— גיי שוין, גיי! אַז מיר וועלן זיך בונטעווען, וועט ער צונעמען אַנדערע, אָדער גלאַט פאַרמאַכן די פאַבריק און מיר וועלן בלייבן אָן פּרנסה.

ס'איז שווער געווען זיי אויפקלערן אַז ס'איז נישט הפקר אַ וועלט, אַז די אַרבעטער דאַרפן זיין פאַראייניקט, פאָדערן דעם פּרייז וואָס זיי קומט פאַר דער אַרבעט.

בן ציון האָט זיך איינגעאַרבעט. אין דער צייט וואָס ער האָט פריִער אויפגעשפּולט פינף שפּולן, האָט ער היינט געמאַכט צוועלף. דער באַלעבאָס האָט עס גוט באַמערקט, נאָר גאָרנישט געזאָגט. בן ציון האָט געוואַרט ער זאָל אים העכערן דעם לוין. דער פאַבריקאַנט האָט זיך אַרומגעדרייט מיט אַ זויער פּנים, דער איינגעצויגענער "נערוועזער" מאָגן האָט אים ווי געטאָן. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אַ געקאָרטשעטער, מיט אַ פאַרקרימט פּנים, איז די אַרבעטער באַפאַלן אַ שטומעניש, מען וועט גיין עפּעס אויפרעגן אַ קראַנקן מענטשן? בן ציון האָט אָבער נישט געקאָנט שווייגן:

— באַלעבאָס, — ווענדט ער זיך איין מאָל צו אים ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען און זיך אָפּגעשטעלט נעבן אים און באַטראַכט ווי ער אַרבעט — היינט, אַז איך קען שוין די מלאכה, דאַרפט איר מיר דערלייגן נאָך אַ זלאָטע אַ טאָג.

— אין וועלכן ספר פּראַלניק שטייט עס געשריבן אַז איך דאַרף דיר דערלייגן אַ זלאָטע?

— איך ווייס? האָט זיך בן ציונס האָפערדיקייט גענומען ברעקלען — אַלס אַן אָנפאַנגער האָב איך באַקומען איין זלאָטע, ווי קומט מיר נישט היינט נאָך אַ זלאָטע?

— און אַז נישט? — האָט דער באַלעבאָס פאַרלייגט די הענט אויף זיין איינגעשרומפּענעם מאָגן.

— אַז נישט, וועל איך מיר זוכן אַן אַנדערן אַרבעטס־פּלאַץ — איז בן ציון געווען ביי זיך זיכער אַז ער וועט אים נישט אָװעקלאָזן.

— יונגערמאַן! — האָט דער באַלעבאָס געטייטלט צו אים מיטן שטעקן — מיר וועלן זיך אויפטיילן. איכ'ל בלייבן מיט דער פאַבריק און איר מיטן דרויסן!

און בן ציון איז געבליבן אין דרויסן...

# פעלאַ אויף הכשרה

בן ציון האָט באַקומען אַן אומדערוואַרטן בריוו. דאָס האַרץ האָט אים אָנגעהויבן שנעלער צו קלאַפּן, דער בריוו איז געווען פון פעלאַן. ער האָט אים געלייענט אפשר צען מאָל, ביינאַכט אויפן געלעגער, אָדער גייענדיק פון דער אַרבעט. דער בריוו האָט אים צוגענומען די רו. ער האָט געוווסט אַז ער דאַרף איר ענטפערן און זיך נישט געקאָנט אַנטשליסן דערצו. יעדע נאַכט האָט ער באַשלאָסן אַז מאָרגן, יאָ מאָרגן, מוז ער איר שרייבן, זי וואַרט דאָך אויף זיין ענטפער. אָבער ווי אַזוי קען ער זי ברענגען אויף הכשרה אין אַ ציוניסטישער צוגרייטונג? און וואָס וועט דערצו זאָגן די הנהלה אין לעמבערג? כאָטש ער ווייסט אַז די חברים פון דער הכשרה האָבן דאָס רעכט אויפצונעמען אַ חבר לויט זייער איינזען. אָבער צי פּאַסט זי זיך צו דער האַרטער אַרבעט? זי, די פאַרפּיעסטעטע מיזינקע, וואָס די דינסט האָט איר דערלאַנגט אַ זעמל מיט מילך אין בעט. ער געדענקט זי פון איר לערנען העברעיש. זי איז אים זייער געפעלן. אַ שטילע און פאַר־שלאָסענע אין זיך איז זי געזעסן, זיך נישט צוהערנדיק צו זיינע רייד. אָפּט האָט ער חשק געהאַט זי אָנצוכאַפּן ביי די אַקסלען, זי צעטרייסלען — פעלאַ, פעלאַ, דערוואַך! קום מיט מיר! מיר וועלן פאָרן קיין ארץ ישראל! — אָבער דאָס נגידישע טעכטערל איז געווען אַזוי ווייט פון אים, דעם

אָרעמען בן ציון, ברוך דעם קראַנקנס זון און חאַנציע דער לעקעך־שלאָ־גערינס...

פון די ייִנגסטע יאָרן האָט ער געאַרבעט. פרייטיק האָט ער געהאָלפן דעם בעדער אין שוויץ־באָד אויפגיסן עמערס וואַסער אויף די שטיינער. אין דער פאַרע זענען געזעסן יידן אויף די טרעפּ, געשוויצט און גע־קרעכצט — אַה, אַ מחיה! בן ציון! ווו איז ער, זאָל ער דערלאַנגען אַן עמער וואַסער! — בן ציון לויפט אַרום אַליין אַ פיטש־נאַסער און פאַר־שוויצטער צווישן זיי, דערלאַנגט קענדלעך וואַסער מיט בעזעמלעך, זיי טונקען די בעזעמלעך אין וואַסער און שמייסן זיך דערמיט אָפּ.

בן ציון האָט געגעבן לעקציעס, געגאַנגען אין רייכע הייזער לערנען מיידלעך, וועלכע מען האָט נישט געשיקט אין חדר. געמאַכט מיט צוריק־געשטאַנענע קינדער די אויפגאַבן פאַר די קלאַסן, ביז אין איין שיינעם טאָג האָט ער אַלץ איבערגעלאָזט און אַוועק אויף הכשרה. דערנאָך האָט ער געהערט אַז פעלאַ איז אַ כלה געוואָרן מיט זיין חבר שמואליק, דער שידוך איז אָפּגעגאַנגען. דאָס שטעטל האָט זיך געקוויקט מיט רכילות. אַז דער שייגעץ פּאַוולאָוויטש האָט מיט איר געוואָלט חתונה האָבן, דאָס גלויבט ער. דריי חברים זענען זיי געווען און אַלע דריי האָבן זי ליב געהאַט... איצט שרייבט זי אַז זי דאַרף זיין הילף, די געפאַר דראָנט איר נאָך אַלץ?... צי איז דען די הכשרה אַ מקום צו אַנטלויפן פון שטרויכלונגען? דערווייל זענען פאַרגאַנגען צוויי וואָכן און אָט איז זי פּלוצעם געקומען אומגעריכט. זי דערלאַנגט אים די האַנט און ער איז אַזוי איבעראַשט אַז ער קען נישט אַרויסברענגען אַ וואָרט.

פעלאַ שטאַמלט פאַרלעגן:

— ווי איך זע האָט מען מיך דאָ נישט דערוואַרט, צי האָט איר נישט דערהאַלטן מיין בריוו? — בן ציון שווייגט נאָך אַלץ — איר זענט נישט צופרידן מיט מיין קומען? אויב נישט, קען איך מיר גיין... — האָט זי געזאָגט אַ נידערגעשלאָגענע און געוואָלט נעמען איר רענצל.

חוה מישט זיך אַריין:

— ווו וועט איר גיין אין דער נאַכט? בן ציון, טשעסיאַ איז אַהיים־געפאָרן אויף אַ פּאָר טעג, קען דיין חברטע שלאָפן אויף איר אָרט.

יצחק כאַפּט ביי פעלאַן אַרויס איר רענצל און טראָגט עס אַריין אין צווייטן צימער.

פעלאַ גייט אים נאָך אַ פאַרטראַכטע, פאַר וואָס האָט בן ציון צו איר קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט? אפשר ווייסט ער עפּעס פון איר פאַר־גאַנגענהייט און וויל זי נישט קענען?

אַ רויטקייט באַגיסט זי פאַר בושה, זי וואָלט באַדאַרפט אַנטלויפן אין דער פינצטערער נאַכט. אַנטלויפן און זיך מער נישט באַווייזן פאַר אים. זי האָט אָבער נישט וווהין צו גיין. זי האָט געפילט אַז דאָס איז איר אָרט. זי איז אָנגעקומען צו איר ציל און זי וועט קעמפן דערפאַר דאָ צו פאַרבלייבן.

פעלאַ איז געבליבן אויף הכשרה און זיך געסטאַרעט יעדן צו דער־גאָדזען. וואָס עס איז איר אַמיינסטן געפעלן, איז די מונטערקייט פון די חברים. צי גוט צי שלעכט, מען האָט תמיד געשפּאַסט און געלאַכט, אַ סך געלאַכט. ס׳האָט זיך אַזוי געמאַכט, און אפשר האָט ער עס בכוונה אַזוי אויסקאָמבינירט אַז בן ציון האָט געאַרבעט אין דרויסן און איז ווייניק געווען אין דער היים. ער האָט געאַרבעט אין אַן עפּל־סאַד, געוואָרן דאָרט אַ שומר.

אויבסט־סעדער זענען אַ מקור פון יידישע פּרנסות. זומער, ווי נאָר דער צוויט איז אַראָפּ פון די ביימער, זענען יידן אַרויס אין די דערפער, אָפּגעשאַצט וואָס אַ שטייגער אַזאַ מאָרג עפּל־סאַד וועט איינטראָגן, אויס־געקומען מיטן פּויער, אַראָפּגעשיקט זיינעם אַ מענטשן, אַ שומר אויף אַ גאַנצן זומער. אויף אַזאַ שטעלע איז אָנגעקומען בן ציון. פּירט אַרום דער ייד בן ציונען צווישן די ביימער און באַלערנט אים אין זיין נייער אַרבעט. ער נעמט אָן אַ צווייג פון אַן עפּלבוים, וועלכער בייגט זיך פון זיין לאַסט:

— דו זעסט דעם הויפן עפּל? לאָז איבער דעם שענסטן און די קליינע אַרום באַשנייד.

בן ציונען איז געפעלן די אַרבעט. ס׳איז דאָ רויִק און שטיל. ער גייט צווישן די שורות ביימער, רייסט אָפּ אַ פאַרדאַרט צווייגל, זעט ווו די עפּל זענען צו געדיכט, מאַכט ער זיי שיטערער. דער באַלעבאָס האָט אים אויך געלערנט וועלכע עפּל מען נעמט פריִער אַראָפּ און וועלכע שפּעטער. ברענגט דער סאַדאָווניק אויבס־הענדלער, באַשטעלט מען ביי אים די ברוינע ראַנעטן, די גרינע אַלעקסאַנדער־עפּל, וועלכע מען לייגט אַוועק אויף ווינטער. קלוגע סוחרים, ביי וועלכע עס שפּילט נישט קיין ראָל די

זלאָטע, קויפּן אָפּ אַ וועגעלע האַרטע זויערע עפּל, נאָך נישט קיין גאַנץ רייפע און לייגן זיי אַוועק אין די קעלערס אויף ווינטער. פונעם ליגן אַ האַלב יאָר אין אַ פאַרמאַכט אָרט, ווערן זיי זאַפטיק און ווייך און דער סוחר נעמט דערפאַר אָפּ אַ דרייפאַכן פּרייז. אויך די גרויסע, זאַפטיקע קייזער־באַרנעס וואָס צעגייען זיך אין מויל, ווערן פאַרקויפט נאָך גרין און האַרט. אַ באַזונדער מסחר זענען ניס.

דער ניסנבוים איז אַן אַלטער, הויכער, שטאַמיקער בוים. זיין קאָרע איז אַ גלאַטע, די פּרוכטן ווערן רייף ערשט שפּעט־האַרבסט. אין אַ גרינער שאָלעכץ ליגט די יאָדרע. ווען די יאָדרע ווערט רייף און באַקומט איר האַרטע שאָלעכץ, נעמט מען זיי אַראָפּ, מען טריקנט זיי און מען שיילט אָפּ די גרינע הויט. פון דעם ווערן פאַרפלעקט די פינגער, זיי נישט אָפּ־צוואַשן.

בן ציון איז געווען צופרידן פון זיין אַרבעט. קיינער יאָגט אים נישט, ער האָט נישט קיין פאַרדרוסן. פון דיביימער ווייעט אַזאַ שטילקייט, אַזאַ רו. די פלאַנצן־וועלט איז נאָך ווי געהעריק נישט אויסגעפאָרשט געוואָרן. ווי וווּנדערלעך די בלעטער דרייען זיך צו דער זון. פאַרנאַכט הענגען זיי מידע אַראָפּ, שטיל ווערט אין סאַד, ווי זיי וואָלטן אַנטשלאָפן געוואָרן. אַז דער ייד האָט ליב די נאַטור, די פעלד־אַרבעט, איז גאָר קיין ספק נישט. ארץ ישראל איז דער באַוויז דערויף. בן ציון איז דאָ געווען טאָג און נאַכט, ער איז געקומען זונטיק אין דער פרי און ערשט דינסטיק אויפדערנאַכט האָט זיך באַוויזן דער חבר יעקב. ער האָט געבראַכט געקאָכט עסן:

— האַ, שאָקלט איבער אים יעקב דעם קאָפּ: — אַריין מיט לייב און לעבן אין דער ערד, ווען חוה דערמאָנט זיך נישט אַז מען דאַרף דיר שיקן עסן, וואָלסטו ווייטער געלעבט מיטן פּיסנע שטיקל ברויט.

— טע, נישט געפערלעך, דאָ געפינט זיך שטענדיק צוצובייסן אַ צייטיקע פרי. הערסט יעקב וואָס איך וועל דיר זאָגן? מען דאַרף זוכן אַרבעט פאַר די חברים אויפן פעלד. נישט פאַר אונדז זענען די פאַבריקלעך מיט די קרעמלעך. סוף כל סוף דאַרפן מיר דאָך אָנקומען קיין ארץ ישראל און דאָרט ווערן ערד־אַרבעטער.

— ביסט גערעכט בן ציון, — זאָגט יעקב, ער זיצט אויף אַן איבער־געקערט קעסטל אונטער אַ בוים נעבן בן ציון, וועלכער עסט געשמאַק די

פערלגרויפּן־זופּ מיט בעבעלעך — זיך אָנגעפּאָרן אַ כאַפּטע יינגלעך און מיידלעך און גיי פּאַרזאָרג זיי אַלע מיט אַרבעט. — באַמערקט יעקב.

— יאָ, וואָס מאַכט עפּעס... איך מיין, וואָס מאַכן עפּעס די נייע חברים? יעקב האָט פאַרשטאַנען אַז בן ציון וויל וויסן וואָס מאַכט זיין חברטע, כאָטש בן ציון האָט מיט איר קיין צוויי ווערטער נישט אויסגערעדט, ווערט פעלאָ אָנגערופן בן ציונס חברטע.

— דו מיינסט דיין חברטע? ווי הייסט זי דאָרטן? פעלאָ.

— צפורה, האָט בן ציון פאַריכט.

— יצחק האָט אויף איר געוואָרפן אַן אויג און טשעסיאָ איז אייפער־זיכטיק.

— אַזוי? און וואָס זאָגט צפורה?

— גאָרנישט, זי וויכט אים אויס. זי טוט זיך איר אַרבעט און שוויגט. אַ וויל מיידל, ווייזט אויס אַז דיין שטעטל גיט אַרויס גוטע חלוצים.

בן ציון שמייכלט. ס'טוט אים הנאה וואָס מען איז צופרידן פון פעלאַן, אָבער יצחקס טשעפּען זיך צו איר אַרט אים.

— גיי בן ציון אַהיים. איך וועל בלייבן אויף דיין אָרט.

צו ערשט האָט ער נישט געוואָלט. נאָר דערמאָנענדיק זיך אין פעלאַן, האָט עס אים אַהיימגעצויגן.

מען איז געזעסן ביים טיש נאָכן נאָכטמאָל. ס'איז געווען אַזאַ רעש און געפּילדער, אַז מען האָט נישט באַמערקט זיין אַריינקומען. נאָר פעלאָ איז אויפגעשפּרונגען אַ דערפרייטע:

— אַ, בן ציון! — האָט זי אויסגערופן און געגעבן אַ פּאַטש מיט די הענט.

ער האָט זי דערשטוינט באַטראַכט. ס'איז פעלאָ, אָבער נישט די זעלבע. דאָס פּנים ברוין, אָפּגעברענט און די גאָלדענע האָר, וואָס פלעגן זיך כוואַליען אויפן נאַקן, — אָפּגעשוירן ביז העט הינטער די אויערן.

— וואָס האָסטו געמאַכט מיט דיינע האָר? — האָט ער געפרעגט. ער האָט זי תמיד געדענקט מיט לאַנגע האָר.

— ס'פּאַסט מיר נישט? — האָט זי געגעבן אין דער זייט אַ דריי דעם קאָפּ און אַ לאָק איז איר אַריבערגעפאַלן איבער אַן אויג.

ער האָט זיך פֿאַרלוירן ווי אַ ישיבה־בחור און צוגעגאַנגען צו זיינע חברים ביים טיש.

— אַ, גוט וואָס דו ביסט געקומען בן ציון, מען דאַרף גיין זוכן אַרבעט אין שטעטל. — האָבן אים די חברים גלייך מכבד געווען מיט אָן אויפגאַבע.

— אויס מיטן שטעטל! מיר גייען זוכן אַרבעט אין דאָרף!

— מסכים! — איז חברה אויפגעשפּרונגען. — הידד! הידד פֿאַר בן ציונען! — און מען איז אַוועק אין אַ האָראַ.

— שאַט! — האָט בן ציון איינגעשטילט זייער התפּעלות: — מיר האָבן נאָך נישט די אַרבעט. איך זאָג נאָר אַז מיר דאַרפֿן זיך אויסלערנען פֿעלד־אַרבעט, זיך אויסלערנען שניידן, קאָסען.

— יאָ, יאָ! הידד פֿאַר בן ציונען! — זיי האָבן אים אָנגעכאַפּט ביי די פֿיס, אויפגעהויבן איבער די קעפּ.

די מיידלעך האָבן זיך אַריינגעמישט:

— וואָס איז דאָס היינט? פּריטיק־צונאַכטס, צי וואָס? שלאָפֿן גע־גאַנגען! מאָרגן דאַרף מען פֿרי אויפשטיין!

די מיידלעך זענען זיך צעגאַנגען, די ייִנגלעך זענען נאָך געבליבן זיצן ביים טיש. פּלוצעם זענען די מיידלעך צוריק אַרויס פֿון צימער, זיי האָבן זיך אַרומגעזען אַז עס פֿעלט טשעסיאַ.

— ווו איז טשעסיאַ?

דעם גאַנצן אָוונט האָט מען זי נישט געזען. מען פֿרעגט איר בחור יצחק.

— איך? שטאַמלט ער תחילה: איך... וואָס ווייס איך ווו זי איז אַהינגעקומען?

— אָבער עפּעס האָט געמוזט צווישן אייך פּאַרקומען, אַנדערש וואָלט זי נישט אַוועק. אַ מיידל האָט דערציילט אַז טשעסיאַ האָט היינט געהאַט דיזשור אין קיך. זי איז געווען זייער אויפגערעגט און מיט כעס האָט זי געגרייט דעם טיש. זי האָט זי געפֿרעגט:

— טשעסיאַ, וואָס ביסטו היינט אַזוי בייז? דיינע שיפֿן זענען דיר אונטערגעגאַנגען?

— אונטערגעגאַנגען! — האָט זי געענטפֿערט און געגעבן אַ וואָרף מיט די מעסער־גאָפּל און איז אַרויס.

אַלע בליקן האָבן זיך געווענדעט צו יצחקן. נישט אַנדערש נאָר עפּעס

האָט פּאַסירט צווישן זיי. יצחק האָט דערציילט, ווען ער איז אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט, האָט טשעסיאַ צו אים אַ פריילעכע געשריגן:

— יצחק, קום זע וואָס פאַרא שיינע קאָטלעטן איך האָב היינט געמאַכט. ער האָט איר אַ פאַרכמורטער געענטפערט:

— איך דאַרף נישט דיך און נישט דיינע קאָטלעטן. — און ער האָט זיך פון איר אָפּגעווענדט. ווייזט אויס, אַז זיינע רייד האָבן זי שטאַרק געקרענקט.

מען איז אַרויס זי זוכן. אַנטקעגן דער שטוב, אויף דער אַנדערער זייט וועג, איז אַ טיפער אָפּהאַנג, אַ 50 מעטער די טיף. אונטן פליסט די ריקע. דער שטראָם גיסט זיך איבער די גרויסע שטיינער מיט שרייענדיקן רעש. אפשר איז זי אַריינגעשפרונגען? זעלבסטמאָרד באַגאַנגען?

— טשעסיאַ! טשעסיאַ! — האָט מען געקליקט. מען האָט זיך אַראָפּגע־לאָזט אונטן זי זוכן; מען איז אַריין מיט די קליידער אין וואַסער, קיין סימן נישט פון איר. דאָס רופן זי: — טשעסיאַ, טשעסיאַ! — האָט אָפּגעקלונגען מיט אַן עכאָ אין די בערג: — טשעסיאַ, טשעסיאַ!!

עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. מיט אויסגעבלייכטע, גרינע פּנימער האָט חברה זיך אָנגעקוקט — נישטאָ טשעסיאַ!

אַ נאַסער און אַ נישט אויסגעשלאָפענער איז בן ציון געגאַנגען אויף טשעסיאַס אַרבעטס־פּלאַץ מעלדן אַז זי וועט נישט קומען און ער וועט זען צו שיקן אַן אַנדער בחורה. טשעסיאַ האָט געאַרבעט אַלס אויפרוימערין אין אַ שול. ער קומט אַהין און גיט אַ קוק: טשעסיאַ זיצט אַ געגעצנדיקע אויף דער באַנק.

— טשעסיאַ! — גיט ער געשריי — ווו ביסטו געווען אַ גאַנצע נאַכט?

— איך בין דאָ געשלאָפן אויף דער באַנק, ווייסט דאָך, איך האָב די שליסלען פון דער שטוב

— טשעסיאַ! — איז בן ציון געווען אויסער זיך: — דו ווייסט וואָס פאַר אַ נאַכט דו האָסט אונדז צוגעשפּילט? מיר האָבן געמיינט אַז האָסט דיך אַריינגעוואָרפן אין טייך!

— איז וואָס? — האָט טשעסיאַ געלאַכט און פויל זיך געצויגן — וואָלט געווען וויניקער אַ חלוצה און איך וואָלט זיך באַדאַרפט זאָרגן פאַר וויניקער מיט אַ סערטיפיקאַט.

— הערסט! — האָט איר בן ציון געדראָט — אויב דו טוסט נאָך איין מאָל אָפּ אַזאַ שטיקל, וואַרפֿן מיר דיך אַרויס פֿון דער הכשרה!

טשעסיאַ איז שנעל אַראָפּ פֿון דער באַנק, געכאַפּט דעם בעזעם און זיך גענומען אויפֿרוימען די שול.

# אויף פֿעלד־אַרבעט

בן ציון האָט זיך אַרויסגעלאָזט זוכן אַרבעט צווישן פּויערים. דאָ אין די קאַרפּאַטן זענען קיין גרויסע גיטער מיט פֿאָלווארקן נישט געווען. אָבער ווייטער עטלעכע מייל, אין פּלאַכלאַנד, ביי סטאַניסלאַווע, האָט ער געטראָפֿן דאָס וואָס ער האָט געזוכט. אַ דירעקטאָר פֿון אַ פֿאָלווארק פֿון עטלעכע הונדערט מאָרג אַקער־לאַנד, איז געווען גרייט אויפֿצונעמען אַ צען־פֿופֿצן חלוצים. די הכשרה אין קאָסאָוו איז שוין באַשטאַנען פֿון אַ 30 חברים. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַז די, וועלכע האָבן אַ סטאַבילע אַרבעט, וועלן בלייבן אין קאָסאָוו און די אַנדערע פֿאָרן אַרויס אין דאָרף אויף דריי מאָנאַט, אַזוי איז געווען דער קאָנטראַקט. אַלע האָבן געוואָלט פֿאָרן אין דאָרף, אָבער געפֿאָרן איז נאָר בן ציון, פּעלאַ, יצחק, חוה, בעני און אַנדערע. בעניין איז בן ציון געווען אַזוי גערן מיטצונעמען, ווייל ער איז געווען דער ייִנגסטער אין יאָרן; נאָך קיין זעכצן נישט אַלט, איז ער אַנטלאָפֿן פֿון גימנאַזיע און פֿון זיין מאַמען, ביי וועלכער ער איז אַ בן יחיד. מען האָט אים אַ צונאָמען געגעבן דער „מיזיניק". אין קאָסאָוו האָט אים קיינער נישט געוואָלט צוליב זיין יונגען עלטער, צונעמען צו דער אַרבעט, איז ער מיטגעפֿאָרן. טשעסיאַ, אַז זי האָט דערהערט, אַז יצחק פֿאָרט אין דאָרף און אויך פּעלאַ, האָט זיך געריסן מיטצופֿאָרן, אָבער דיסציפּלין איז דיסציפּלין און זי איז געבליבן אויף איר שטענדיקן אַרבעטס־פּלאַץ אין קאָסאָוו.

אָנגעקומען אין דאָרף, האָט מען די מיידלעך, אָפּגעגעבן אַ צימער און פֿאַר די ייִנגלעך אַ פּלאַץ אין סטאָדאָלע צו שלאָפֿן. דאָס צימער איז באַשטאַנען

פון פיר ווענט און אַ שמאָל פענצטער. דער דיל איז געווען אויסגעשיט מיט שטרוי און איבערגעדעקט מיט אַ גראָב, פּויעריש ליילעך, ביי די ווענט — הייקישעלעך, דאָס איז געווען דאָס שלאָפּצימער פאַר די מיידלעך.

— חלוצות שלאָפן נישט אויף פּעדערקישן, זיי דאַרפן פאַרהאַרטעווען דעם גוף. — שמייכלט חוה.

דער דירעקטאָר האָט זיי צוגעשיקט ברעטער מיט טשוועקעס, דערפון זאָלן זיי זיך מאַכן „מעבל". מען האָט צענויפגעקלאַפּט אַ לאַנגן טיש מיט בענק. ווען מען האָט אויסגעפּאַקט די זאַכן, האָט אויסגעפעלט אַ שאַיקע, אַ לעפל, אַ גאָפּל, נאָר איין זאַך האָט נישט אויסגעפעלט — ביכער! — מען האָט באַלד צוזאַמענגעקלאַפּט פון די ברעטער אַ שראַגע און אויפגעשטעלט אין די פּאָליצעס די ביכער.

— ווער וועט האָבן דיזשור אין קיך?

קיינער האָט נישט געוואָלט בלייבן אין קיך, יעדער האָט געוואָלט אַרויסגיין אין פעלד. חוה, מיט איר אחריות־געפיל איז געבליבן, נאָר זי האָט געוואָרנט: מען דאַרף באַקן ברויט און דאָס קען איך נישט.

אַזוי ווי עס איז געווען אַ פעלד־פּאָלוואַרק, ווייט פון שטאָט, האָט מען געמוזט אַליין באַקן ברויט; עס איז אויך אויסגעקומען ביליקער; דער דירעק־טאָר האָט אַריינגעשיקט אַ זאַק מעל און אַ זאַק קאַרטאָפל. פעלאַ האָט געהאָט אַ ביסל ידיעה אין באַקן, זי האָט עס געזען ביי איר מומע טויבע אין דאָרף. איז געבליבן אַז דיזשורסטווע וועט האָבן חוה, פעלאַ און ברוך, וואָס איז אַ זון פון אַ בעקער, דאַרף ער דאָך קענען באַקן.

ביינאַכט קען פעלאַ נישט איינשלאָפן. דורך דער וואַרעטע שטופּן זיך דורך די שטרויען און שטעכן. ווו מען דרייט זיך איז האַרט און עס שטעכט. דער קאָפּ טוט ווי פון דעם האַרטן הייקישעלע. פעלאַ פאַרלייגט די הענט אונטער דעם קאָפּ און קוקט אַרויס דורכן פענצטער צו דער לבנה — גוט אַזוי פעלאַ, — שמייכלט די לבנה מיט אַ פול פנים — דו גייסט דעם ריכטיקן וועג!

— פעלאַ, דו שלאָפסט אויך נישט? — פרעגט זי טובה, וואָס ליגט נעבן איר.

— ניין, — ענטפערט פעלאַ שטיל כדי נישט אויפצווועקן די איבעריקע. דער בייער נאָמען קלעפּט זיך עפּעס נאָך נישט צו איר און מען רופט זי

ווייטער פעלאַ און נישט צפורה. טובה טוליעט זיך מיט איר יונגן קערפּער צו פעלאַ און פּליסטערט איר אויפן אויער:

— דו האָסט געזען וואָס פאַר אַ שיינע אויגן עס האָט זאב? אַ יאָ ער איז דער שענסטער פון אַלע בחורים?

— וואָס רעדסטו, וואָס? דו! און ער? ער איז דאָך אַ שניידערס אַ יינגל!

— שוייג, שוייג! — האָט זי איר מיט דער האַנט פאַרמאַכט דאָס מויל — אין ארץ ישראל וועלן מיר חתונה האָבן. — אַ וויל ליגט זי שטיל — פעלאַ, זיי נישט ברוגז וואָס איך שפּאַר אַן דעם קאָפּ אין דיר, דאָס קישן איז אַזוי האַרט.

— איך בין נישט ברוגז.

טובה האָט שטיל דערציילט איר לעבנס־געשיכטע:

— איך בין געווען אַ חברה אין דער אָרגאַניזאַציע פון „הנוער הציוני" ווו זאב איז געווען ראש הקן. איין מאָל קומט ער אַריין מיט אַ גוטער בשורה:

— חברה, מיר פאָרן מאָרגן אויף הכשרה!

אַריינכאַפּנדיק זאבן אין דער מיט, איז אַוועק די אמתדיקע האָראַ! אָפּגעגעבן דעם געהעריקן קבלת פּנים דער גוטער בשורה, האָט מען אָנגע־הויבן צו פרעגן — וווהין פאָרט מען און ווער וועט פאָרן?

אַלע! — איז געווען דער ענטפער: — פרעגט נישט! מיר האָבן באַקומען אַ פלאַצוווקע פאַרן גאַנצן קן, דאָס הייסט פאַר אַ פופצן מאַן! מיר פאָרן קיין קאָסאָוו!

הענט האָבן זיך געפלאָכטן, און אַקסל צו אַקסל איז מען אַוועק אין אַ צווייטער האָראַ.

— קינדער! — שטילט איין אונדזער התפעלות דער ראש הקן, — איך ווייס אַז אַ סך פון אייך וועלן די עלטערן נישט דערלויבן צו פאָרן אויף הכשרה...

איך האָב פאַרשטאַנען אַז ער מיינט מיך, בין איך אויפגעשפּרונגען מיט כעס:

— איר וועט זען אַז איך וועל פאָרן! די ערשטע וועל איך זיין אויף דער סטאַציע!

— הערסטו בעניק, — ווענדט ער זיך צו בעני, דעם יינגסטן און שוואַכסטן פון אונדז:

— דו וואָלסט אונדז געטאָן אַ טובה ווען דו בלייבסט אין דער היים.

די מיידלעך האָבן זיך אָנגענומען פאַר זייער „מיזיניקל״: — וואָס ווילסטו פון אים? איז ער דען נישט קיין גוטער חבר גלייך מיט אַלע? — און עס איז געבליבן אַז מיר פאָרן אַלע!

אויף מאָרגן זענען מיר זיך צוזאַמענגעקומען אויף דער סטאַציע. יעדער האָט געטראָגן אַ רוקזאַק אויף די פּלייצעס און אַ פּעקל אין דער האַנט. איך בין אָנגעלאָפן. די דינסט האָט מיר נאָכגעטראָגן די זאַכן. זעענדיק אַז די חברים טראָגן זיך אַליין זייער געפּעק, האָב איך שנעל אָפּגעפּאַרטיקט די דינסט און זיך אָנגעקגעשטעלט צווישן זיי. די חברים האָבן באַמערקט מיינע פאַרשוואָלענע, רויטע אויגן פון וויינען און פאַרשטאַנען אַז דאָרט ביי אונדז איז אַזוי גלאַטיק נישט אָפּגעגאַנגען... בעני איז אָנגעקומען מיט זיין מאַמען. דאָס הייסט, ער איז פאַרויסגעלאָפן און זי איז סאָפּנדיק אים נאָכגעלאָפן.

— וועלוועלע, — איז זי צו צום ראש הקן זאב, אים אָנרופענדיקביים יידישן נאָמען:

— וועלוועלע, ווו שלעפּסטו מיין קינד? וואָס ווילסטו פון מיין בעניקן?

— פרוי זילבערצווייג, איר וואָלט אונדז בפירוש געטאָן אַ טובה ווען איר נעמט אייער בעניקן אַהיים.

— מאַמע, גיי אַהיים! — האָט בעני זיך שיעור צעוויינט.

פון דערווייטנס האָט זיך דערהערט אַ פייף. חברה האָט אויפגענומען דעם צוג מיט אַ הוראַ. בעני און זאב זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין ראָד און פרוי זילבערצווייג איז געשטאַנען אין דער זייט און געבראָכן די הענט.

— איר פאָרט „דאַ פּאַלעסטינע״ וואָס איר טאַנצט אַזוי? — האָט אונדז געפרעגט דער באַן־באַאַמטער.

— נאָך נישט „דאַ פּאַלעסטינע״, אַז מיר וועלן פאָרן „דאַ פּאַלעסטינע״, וועלן מיר קומען מיט מוזיק.

אַזוי פליסטערנדיק זענען די מיידלעך לסוף איינגעשלאָפן. אַ קלאַפּ אין פענצטער האָט זיי אויפגעוועקט. פעלאַ מאַכט אויף די אויגן, זי ווייסט נאָכנישט צי זי איז טאַקע אַנטשלאָפן געוואָרן. די אויגן קלעפּן זיך איר

צוריק צו. זי הייבט ווידער אָן צו דרימלען. נאָר דער קלאַפּ אין פענצטער חזרט זיך איבער:

— בחורות! אויפגעשטאַנען! זעקס אַ זייגער דאַרפן מיר שוין זיין ביי דער אַרבעט.

די ערשטע איז אויפגעשפרונגען חוה, געכאַפּט אויף זיך דאָס קליידל און געלאָפן אין קיך מאַכן דעם פרישטיק.

ברוך, דעם בעקערס זון, וויל זיך נעמען צו זיין פאַך — באַקן ברויט.

— מען דאַרף אָבער פריער זען צי דער אויוון וועט באַקן. — רופט זיך אָן פעלאַ.

— וואָס הייסט ער וועט נישט באַקן? מען וועט אים אויסהייצן, וועט ער באַקן!

— דער אויוון איז אויסגעריבן און האָט שפּאַרעס, אויב מען וועט אים נישט אויסשמירן, וועט ער נישט באַקן.

— וואָס פאַרשטייט זי? — איז ברוך אומגעדולדיק געוואָרן, נאָר חוה האָט געגעבן גערעכט פעלאַן און עס איז געבליבן אַז מען זאָל פריער שמירן דעם אויוון.

— ווער וועט שמירן דעם אויוון?

אַלע האָבן זיך דערשראָקן, ווי אַזוי קריכט מען אַריין אין דעם פּינצ־טערן לאָך?

— איך וועל שמירן דעם אויוון. — האָט זיך אָנגערופן פעלאַ. זי האָט אַ מאָל אין דאָרף געזען ווי איר מומע טויבע לאה שמירט דעם אויוון און זי האָט איר דערצו צוגעהאָלפן. פעלאַ נעמט זיך צו דער אַרבעט אויסשמירן דעם אויוון. באָרוועס, מיט בײדע פיס, איז זי אַריין אין אַ קופּע ליים. אויס־געקנעטן דאָס ליים, קריכט זי מיט אַן אָנגעצונדן ליכט אין אויוון. דער אויוון איז שמאָל און נידעריק. ליגנדיק אויפן בויך אויסגעשטרעקט, פּילט זי אים איינגאַנצן אויס מיט איר גוף. פאַר דער נאָז ברענט דאָס ליכט און זעצט איר אַ טשאַד היץ גלייך אין קאָפּ. זי הייבט אָן שנעל צו פאַרשמירן די שפּאַרעס. אָט, אָט פילט זי ווערט זי באַלד דערשטיקט. נאָך אַ ביסל, נאָך אַ ביסל, גיט זי זיך אַליין צו מוט. זי דרייט זיך ווי אַ וואָרעם אין אַלע זייטן, כדי צו קענען פאַרשמירן אַלע שפּאַרעס:

— שלעפּט מיך אַרויס! — גיט זי דערשטיקט אַ געשריי.

ווען זיי האָבן זי אַרויסגעשלעפּט, איז זי געווען האַלב פאַרחלשט, אָבער דער אויוון איז געווען אויסגעשמירט. דעם אמת געזאָגט, איז דאָס ברויט דערנאָך נישט געווען אַזוי געראָטן: פון אויוון האָט עס געהאַט אַ פאַרברענטע קאָרע און אינעווייניק איז עס געווען ווייך, קלעפּעדיק, כאָטש נעם און קנעט עס נאָך אַ מאָל אויס און זעץ עס צוריק אין אויוון. מען ווייסט נישט ווער דאָ איז מער שולדיק, צי ברוך דער בעקער, צי חוה די קנעטערין, צי פעלא די אויסשמירערין, צי גאָר דאָס מעל, וואָס איז קאָרנראַזעווע און נאָך מיט רעטשנמעל געמישט און אפשר אַלץ צוזאַמען? אויך די רייז מיט מילך איז אַרויסגעקומען אַ ביסל צוגעברענט. נאָר אַ דאגה האָט מען מיטן עסן! מען שמעלצט צו מיט אַ ליד און מען פאַרבראָקט מיט אַ האָראָ און חי געלעבט!

מען האָט ווינציק געצאָלט און אויך נישט געהאַט קיין גרויסן צוטרוי צו יידישע הענט, האָט מען זיי געגעבן אַרבעט אַרום דעם הויף. די מיידלעך האָט מען גענומען צום פאָלען די בייטן און די ייִנגלעך האָבן צוזאַמענגעשאַרט דאָס געקאָסעטע היי, אָדער אויסגעהאַקט באַדיקעס ביי די וועגן. מיט קינאה קוקן זיי נאָך די פויערטעס און פויערים וואָס גייען אין פעלד שניידן קאָרן מיט בלישטשענדיקע סערפּעס פאַרלייגט אויף די אַקסלען. זיי האָבן זיך געוואָנדן צום דירעקטאָר, ער זאָל זיי אויך שיקן אין פעלד צום שניידן. דער דירעקטאָר האָט גוטמוטיק געשמייכלט:

— איר האָט שוין אַמאָל געשניטן?

— ניין, נאָך נישט, נאָר מיר וועלן זיך אויסלערנען. איר פאַרשטייט, פּאַניע דירעקטאָר, — גיט מען אים צו פאַרשטיין — מיר גרייטן זיך צו פאָרן „דאָ פּאַלעסטינע”, דאַרפן מיר קענען שניידן, אַקערן.

— דאָבזשע (גוט) — האָט דער דירעקטאָר געענטפערט און דערביי זיך פאַרדרייט די שפּיציקע וואָנסעס, — מאָרגן וועט איר גיין שניידן; קלויבט אויס פון אייך אַ פינף, זעקס ייִנגלעך, וועלן זיי גיין אַקערן.

— הידד! — האָט עס חברה אַזש אונטערגעטראָגן, און כ׳לעבן, ווען דער דירעקטאָר איז אַן אייגענער, נעמט מען אים שוין אַריין אין אַ ריקודל!

דעם אַנדערן טאָג, האָבן די מיידלעך זיך פאַרבונדן די קעפּ מיט ווייסע טיכלעך, און מיט די סערפּן אויף די אַקסלען, האָבן זיי זיך אויפגעזעצט אויף אַ לאַנגן וואָגן, די פיס אַראָפּגעלאָזט צווישן די דראָבעס, זענען זיי גע־פאָרן אין פעלד אַריין. אַ קיל ווינטל האָט זיי געבלאָזן אין די פּנימער און צום

טאַקט פון די רעדער האָבן זיי פריילעך געזונגען. אין פעלד האָט זיי דער פּאַלעוואָי (פעלד־אויפזעער) געלערנט שניידן. דאַכט זיך אַזוי אײנפאַך און לייכט. אָנגענומען מיט דער האַנט אַ זשמעניע זאַנגען, אין דער רעכטער האַנט דער סערפּ מיט דעם שפּיץ אַראָפּ, איבערגעבויגן די זאַנגען איבערן סערפּ, אַ דריי מיטן סערפּ, אָפּגעשניטן, אויפגעהויבן די זאַנגען איבערן קאָפּ און אַוועקגעלייגט. קוקן אַזוי די חברים ווי דער גוי שניידט און עס גייט ביי אים ווי געשמירט. פּרווון זיי אים נאָכטאָן, אָבער ס׳גייט נישט. עפּעס ווערן די סערפּן אין זייערע הענט שטומפּיק. די מיידלעך האָבן טענות צו פּעלאַן, הלמאי זי באַרימט זיך מיט איר דאָרף און קען אויך נישט שניידן. פּעלאַ איז בייז, זי דרייט מיטן סערפּ אַהער און אַהין, ס׳שניידט נישט. זי גיט מיטן גאַנצן כוח אַ שלעפּ און די זאַנגען רייסן זיך אויס מיט די וואָרצלען. איז אָבער די צרה אַז נאָך די אויסגעריסענע זאַנגען באַמבלען זיך נאָך ערד־הרודעס און מען דערקענט אַז זיי זענען אויסגעריסן און נישט געשניטן. בענין איז עס בעסער געלונגען. וואָס מיר דרייען מיטן סערפּ, ווער מיר אויפהייבן זאַנגען? אָפּגעשניטן, אַנידערגעלייגט און ווייטער געגאַנגען.

— פּאָרזיכטיק, — וואָרנט אים דער פּאַלעוואָי — דער סערפּ קען דיר אַריין אין פוס! ווער מיר פוס, וואָס מיר פוס! שטאָלץ גייט ער פאָרויס און קוקט זיך אום מיט הנאה וואָס ער, דער קלענסטער, גייט פאַר דער מחנה.

— אוי! — דערהערט זיך אַן אויסגעשריי. מ׳לויפט צו, בעני ליגט און דער סערפּ שטעקט אים אין פוס.

— דער ערשטער קרבן. — לאַכט דער פּאַלעוואָי.

בן ציון, וואָס האָט זיך פאַרזאָרגט מיט מעדיקאַמענטן, נעמט אים אין דער זייט און פאַרבינדט אים דעם פוס. מיטן פאַרבונדענעם פוס, אַביסל נאָכהינקענדיק, האָט ער זיך געשטעלט ווייטער שניידן.

— גיב אַכטונג! וואָרענען אים די חברים.

— האָט נישט קיין מורא, — לאַכט דער פּאַלעוואָי — דאָס צווייטע מאָל וועט ער זיך שוין היטן.

דער צווייטער קרבן איז געווען טובה. עפּעס רויטלט זיך איר צווישן די פינגער.

— טובה, דו האָסט דיך צעשניטן!

— ניין, ניין! — שרייט זי, לעקט אָפּ די פינגער מיט דער צונג און שניידט ווייטער. אָבער דאָס בלוט איז אַלץ שטאַרקער גערונען.

— טובה אַהער גיי! — האָט אַ קאָמאַנדע געטאָן בן ציון. מיט דער אַנדערער האַנט צוגעהאַלטן די פאַרבלוטיקטע פינגער, איז זי אַרויסגעגאַנגען פון דער ריי. זי האָט זיך געבעטן: — פאַרבינדט מיר אַזוי איך זאָל קענען ווייטער שניידן.

סוף כל סוף זענען זיי פאַרגעגאַנגען, זיי קוקן זיך אום, עפּעס זעט אויס דאָס אָפּגעשניטענע פעלד ווי דאָס קעפּל ביי אַ חדר־ייִנגל, וואָס די מאַמע האָט עס אָקאַרשט אָפּגעשוירן. ווען זיי האָבן שפּעטער מיט אַ פּאָר טאָג פאַר־ענדיקט שניידן דעם קאָרן, האָט מען זיי געשיקט פּאָלען בורעקעס און עטלעכע ייִנגלעך האָט מען צוגענומען צו די פערד.

אָן אומגליק מיט די ייִנגלעך! עס ווילט זיך זיי נאָר צו די פערד! יעדן אויפדערנאַכט הערט מען נאָר די אייגענע טענות: — היינט ביסטו געווען ביי די פערד, מאָרגן גיי איך!

צו מיטאָג, ווען מ׳האָט צוויי שעה צייט, אויף אָפּרו, גנבעט זיך אַרויס דער קליינער בעני און שאַרט זיך צו צו די שקצים אין שטאַל, וואָס ליגן אויף די בייכער אין פרישן היי:

— לאָזט מיך אָנפּויען די פערד, — בעט ער זיך ביי זיי.

— נעם זיי דיר. — זענען די שקצים מסכים, צופרידן וואָס זיי דאַרפן זיך נישט אויפהייבן.

— וויאָ! — דערהערט מען שפּעטער בעניס קול. די חברה לויפט אַרויס און דערזעט בענין רייטן צווישן צוועלף פערד.

— אַזאַ קליינער — זענען אים מקנא די ייִנגלעך.

— אונדזער מיזיניקל! — זאָגן מיט שטאָלץ די מיידלעך.

פון דעם טאָג אָן האָבן די ייִנגלעך איבערגענומען דאָס פּאַיען די פערד. דריי מאָל אַ טאָג אינדערפרי, מיטאָגצייט און פאַרנאַכט, זענען זיי געריטן מיט פאַרקאַטשעטע הויזן און באָרועסע, אַראָפּגעלאָזטע פיס צו ביידע זייטן פערד, באַרג אַראָפּ צום טייך. און ווען נאָך דעם הייסן טאָג און שווערער אַרבעט האָבן די קילע כוואַליעס זיך אָפּגעשלאָגן אין די פיס, האָט מען אַ ביסל אַריינגעטריבן די פערד אין טיפן וואַסער. פון די פערד האָט מען נאָר

אַרויסגעזען די לאַנגע העלדזער, די מיידלעך, שטייענדיק ביים ברעג, האָבן מיט שרעק אַראָפּגערופן:

— בחורים, האָט מורא פאַר גאָט! איר וועט זיך דערטרינקען!

— האָט נישט קיין מורא, — האָבן זיי צוריקגעשריגן און באַלד טאַקע אַרויסגעקומען, די פערד מיט נאַסע, גלאַנצנדיקע פעלן און די ייִנגלעך מיט וואַסער־טריפנדיקע קליידער.

בורעקעס פאַלען האָט זיך אויסגעוויזן וועט זיין אַ קינדער־שפּיל, אָבער זיי האָבן אַ טעות געהאַט. צו ערשט מיט דער סאַפּע אַרומגראָבן און אַרומשאַרן די ערד אַרום בורעק, דערנאָך זיך אָנבייגן און אַרויסרייסן די גרעזלעך אַרום אים, אויב צו געדיכט אויך אויסרייסן די בורעקעס, נאָר איינער זאָל בלייבן, איז אָבער די מעשׂה, אַז אַלע גיבן זיך אַ רייס אַרויס, אָדער ס׳בלייבן עטלעכע צוזאַמען.

—ס׳טויג נישט! — מוסרט זיי פעלאַ, וועלכע האָט געפּאָלעט מיט דער מומע טויבע לאה די בייטן. — דער בורעק דאַרף בלייבן איינער אַליין, ער זאָל האָבן פּלאַץ ווו זיך צו צעוואַקסן.

— אָט אַזוי! — גיט זי אַ רייס אַרויס די גראָזן מיטן בורעקל.

— זעסטו שוין! — זיי האָבן געהאַט רעכט. בעסער איבערצולאָזן אַרום אים אַ פּאָר גרעזלעך איידער ער זאָל אין גאַנצן אַרויס.

יצחק האָט זיך שטענדיק געהאַלטן ביי פעלאַס זייט. ער האָט געוואָלט געווינען איר ליבע. זי האָט אים אפילו נישט באַמערקט. וועמען איז געלעגן אין זינען אין אַזעלכע שווערע טעג צו פלירטעווען? אויב זי האָט יאָ געקלערט פון אַ חבר, איז עס געווען פון בן ציון. ער, דער איינגעריסענער צו דער אַרבעט, און דערצו מיט דער לאַסט אויפן קאָפּ פון דער גאַנצער קבוצה. דאָס האָט נישט געשטערט אַז אויך בן ציון זאָל באַמערקן ווי יצחק דרייט זיך אַרום פעלאַן. אַ פוסטער קאָפּ, האָט ער געטראַכט מיט פאַרדראָס, נאַרישקייטן ליגן אים אין זין!

דער טאָג איז געווען אַ הייסער. די זון האָט געברענט איבער קעפּ און פּלייצעס. מען האָט געשוויצט. די ייִנגלעך האָבן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די העמדער, די מיידלעך האָט שאָקירט זייער נאַקעטקייט און זיי האָבן געמורמלט, זיי זאָלן צוריק אָנטאָן די העמדער. די ייִנגלעך האָבן געענטפערט, אַז אויב עס געפעלט זיי נישט, קענען זיי אויך אַראָפּוואַרפן די

בלוזקעס... אויסגעפּירט האָבן די מיידלעך. בן ציון האָט זיי געהייסן צוריק אָנטאָן די העמדער.

מיטאָגצייט האָבן זיי זיך קוים דערשלעפּט צום נאָענטן טייכל. די יינגלעך זענען אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער זיך אויסבאָדן און די מיידלעך זענען געלעגן פאַרמאַטערטע אונטער די ווערבעס און געוואַרט אויפן מיטאָג. אָבער דער מיטאָג האָט זיך פאַרזאַמט. ס'איז שוין נאָך איינס אַ זייגער, צוויי אַזייגער דאַרף מען גיין צו דער אַרבעט. ערשט קורץ פאַר צוויי איז אָנגעקומען ברוך מיטן וואָגן. אַ האַלבע זייט איז ביי אים געווען אויס־געשמירט מיט בלאָטע.

— ברוך, ווו האָט זיך דאָס אין די היצן ביי דיר גענומען בלאָטע?

— פרעגט נישט! ביים אַריבערפאָרן דאָס טייכל האָט זיך דער וואָגן איבערגעקערט און מיר זענען אַריין אין אַ זומפּ. דער קעסל מיט עסן האָט זיך אויסגעגאָסן און מיר האָבן זיך געמוזט אומקערן נאָך אַנדער עסן. מיר האָבן קוים געקריגן. די עקאָנאָמקע האָט זיך אויף אונדז דערבאַרעמט און אונדז געגעבן אַ קריגל זויערמילך מיט ברויט.

— זאָל זיין זויערמילך, אַבי גיב שוין אַהער.

פון דער היץ איז די זויערמילך געווירן געוואָרן, עס איז נישט גע־קראָכן אין האַלדז אַריין, נאָר אַ ברירה האָט מען?

נאָך מיטאָג איז די טעמפּעראַטור געשטיגן נישט צום אַריבערטראָגן. דער פּאָלעוואָי קוקט נאָך אַ שוואַרצע כמאַרע אין מערב־זייט און זאָגט:

— עס קומט אַ געוויטער. און ווי צו באַשטעטיקן זיינע רייד, האָט זיך דערהערט פון ווייטן אַ דונערן ווי אַ וואָרענונג. דער הימל איז צווישן יאָ און ניין פאַרטונקלט געוואָרן פון די כמאַרעס און פון דער העלער הויט — אַ שטורעמווינט. דער ווינט האָט געריסן די קליידער און דער אויפגעהויבענער שטויב פון דער ערד האָט געזעצט אין די אויגן. אַ מוראַדיק דונערן און בליצן האָט פאַרהילכט די לופט.

— אַנטלויפט אַהיים! — האָט איבערגעשריגן דעם שטורעם דער פּאָלעוואָי.

צום הויף איז געווען אַ פּאָר קילאָמעטער און צו דער ערשטער געביידע אין פעלד אַ גוטער קילאָמעטער. די מיידלעך אָנגענומענע ביי די הענט האָבן אָנגעהויבן צו לויפן.

— לויפט נישט — האָט געשריגן בן ציון — איר וועט מיד ווערן און סיי ווי נישט אויסמיידן דעם רעגן.

דאָס דונערן האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין די בערג און דאָס עכאָ האָט נאָך מער פאַרגרעסערט דעם רעש. אַ בליץ אין זיגזאַגן איז אַלעמאָל געפאַלן באַגלייט פון אַ שרעקלעך דונערן. דער רעגן האָט אָנגעהויבן פאַלן אין שווערע איינצעלנע טראָפּנס. און באַלד מיט אַ מאָל האָט אַ פּלייץ געטאָן אַ שלאָקסרעגן מיט אַ האָגל. די חלוצים האָבן געוואָלט אַנטלויפן אונטער אַ בוים.

— זאָל גאָט היטן, — האָט געשריגן דער פּאַלעוואָי — אין אַ הויכן בוים קען אַריין דער בליץ! — זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין דעם ראַווביים וועג און זיך געלאָזט פּאַטשן פונעם רעגן. דעם קאָפּ באַהאַלטן צווישן די אָרעמס, טוליענדיק זיך איינער צום אַנדערן, האָט איבער זיי געשלאָגן אַ האָגל, ווי מיט שראָפּנעלן. ווי נאָר דער רעגן האָט זיך אַ ביסל איינגעשטילט און שיטערער געוואָרן, אָנזאָגנדיק אַז ער וועט אַזוי שנעל זיך נישט ענדיקן, האָבן זיי זיך אויפגעהויבן און געלאָזט זיך גיין. די בלאָטע האָט זיך געקלעפּט צו די שיך. דער וועג איז אַלץ שווערער געוואָרן, האָבן זיי אויסגעטאָן די שיך און געגאַנגען אין מיטן וועג ווו די וואַסערן זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן אין שמאָלע ריטשקעלעך. אַזוי האָבן זיי זיך דערשלעפּט צו דער ערשטער סטאַדאָלע, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן פעלד. אַהער זענען זיך אויך צוזאַמענגעלאָפן די פּויערים פון די פעלדער, אַ סך אויסגעווייקטע ווי זיי, אַנדערע זענען געווען טרוקן, מסתמא באַוויזן צו אַנטלויפן נאָך פאַרן רעגן. מידע, דערשלאָגענע, ציטערנדיק פאַר קעלט, מיט טריפנדיקע קליידער, האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ ווינקל אויפן שטרוי. די ייִנגלעך האָבן גענומען אין די הענט זייערע נישט־געגאָלטע פּנימער און זיך פאַרטראַכט. בעניק האָט שטיל זיך אונטערגעהוסט און די מיידלעך, פאַרוואָרפן די קעפּ איינע אויף דער אַנדערער, האָבן אין זיך געשטיקט די טרערן. בן ציון איז אויפגעשפּרונגען און געגעבן אַ פּאַטש אין די הענט:

— „אנו נהיה הראשונים, כך אמרנו אח אל אח״...

דאָס ליד האָט זיך איבער זיי צעגאָסן ווי אַ פריידיקע כוואַליע, ווי אַ רוף פון זייער הייליק, פאַרשפּראָכן לאַנד, וואָס וואַרט אויף זיי:

—„אנו נהיה בין הבונים...״ — האָבן זיי געזונגען. עס האָט זיי אונ־טערגעטראָגן, פאַרפלאָכטן איינס אין אַנדערן זענען זיי אַוועק אין אַ האָראַ! די קערפּערס האָבן זיך צעוואַרעמט, ס׳איז פאַרשוווּנדן די מידקייט. פון די נאַסע קליידער האָט געזעצט אַ פּאַרע, די קליידער האָבן זיך געטרוקנט אויף די קערפּערס.

— גענוג! — האָט אַ באַפעל געטאָן בן ציון.

די הענט אַראָפּגעלאָזט, איז מען געבליבן שטיין אין אַ ראָד.

— ברידער און שוועסטער, — האָט ער זיי געפּאַרשט מיט די אויגן: ווען עס איז איבערדריסיק, דער זאָל אַהיימפאָרן.

— קיין מאָל נישט! קיין מאָל, דאָ בלייבן מיר ביז צו אונדזער עליה!

מיט באַנייטע כוחות האָבן זיי זיך געלאָזט אַהיימגיין. עס האָט זיי אָנגעיאָגט דער דירעקטאָר אויף זיין פערד. בן ציון איז צו אים צוגעלאָפן, דער דירעקטאָר איז ברייטלעך געריטן אויף זיין פערד און בן ציון איז געגאַנגען נאָך אים ביי דער זייט. פעלאַ באַטראַכט ווי בן ציון וויל נאָכ־האַלטן די שריט פון דעם דירעקטאָרס פערד, ווי ער לויפט עס אונטער און קוקט אַרויף צום דירעקטאָר. פעלאַן אַרט עס וואָס דער דירעקטאָר קריכט נישט אַראָפּ פונעם פערד, זי פילט זיך געטראָפן פאַר בן ציונען: וואָס איז ער אַ קנעכט, וואָס יענער רייט און בן ציון גייט נעבן אים צופוס? זי האָט זיך פון פאַרדרוס צעוויינט. עס האָט איר געאַרט און פאַרדראָסן פאַר אים דעם ווילן, איבערגעגעבענעם חבר, וואָס רעדט דאָרטן זיכער איצט פאַר זיי, פאַר די חברים זיינע.

די זון איז אַרויס פון אונטער די כמאַרעס און געשימערט אין יעדן טראָפּן וואַסער אויפן וועג. אַ דערפרישטע און באַנייטע איז געווען די נאַטור, נאָר דאָס טייכל האָט אונטן געברויזט אַ ברוגז פון די אָנגעלאָפענע וואַסערן. אין דאָרף זענען אַרויס די גויים פון די כאַטקעס זען דעם שאָדן וואָס ס׳האָט אָנגעמאַכט דער שטורעם מיטן האָגל. ווען דער האָגל איז געפאַלן, האָבן די פּויערטעס אַרויסגעוואָרפן די קאָטשערעס מיט די לאָפּעטעס:

— דערבאַרעם דיך הייליקער פאָטער! שלאָג נישט אויס אונדזער תבואה! מיר ברויכן ברויט! נאַ, זע אונדזערע קאָטשערעס און לאָפּעטעס. דערמאָן דיך אַז מיר דאַרפן ברויט באַקן!

ווייזט אויס אַז דער אויבערשטער האָט טאַקע דערזען די קאַטשערעס מיט די לאַפּעטעס און אָפּגעשטעלט דעם האָגל...

דער דירעקטאָר האָט אַוועקגאַלאָפּירט און בן ציון האָט זיך אומגעקערט צו זיינע חברים. ער האָט דערזען פּעלאַן וויינען.

— פאַר וואָס וויינסטו פּעלאַ? — האָט ער אַן איבעראַשטער געפרעגט.

זי האָט זיך פאַרשעמט מיט אירע טרערן און האָט זיך אָפּגעקערט פון אים.

— ס'איז דיר שווער? דו ביסט נישט געוווינט... אַוודאי, איך פאַר־שטיי דיך...

— ניין, ניין, נישט צוליב דעם וויין איך.

— צוליב וואָס דען?

— צוליב דיר בן ציון. פאַרלויפסט אונדז אַלע וועגן, דו ביסט אַזאַ געטרייער, דו טראָגסט אויף זיך אַלע זאָרגן פון דער קבוצה און ווען איך האָב דיך געזען זיך באַכשלעפּן נאָכן דירעקטאָר זענען מיר געקומען די טרערן.

בן ציונס אויגן האָבן זיך ווייט צעעפנט, כאָטש ער האָט נישט געוואָלט אַז פּעלאַ זאָל וויינען, דאָך האָט עס אים הנאה געטאָן וואָס זי וויינט איבער אים, אַ סימן אַז זי איז פאַראינטערעסי"ט אין אים. בכלל איז גוט צו וויסן אַז עמעצער זאָרגט זיך פאַר דיר. ער האָט זי אָנגענומען צערטלעך ביי דער האַנט און אַ דריק געטאָן:

— פּעלאַ!...

זיי זענען שווייגנדיק געגאַנגען, אָנגענומען ביי די הענט:

— פאַרשטייסט פּעלאַ, אין ארץ ישראל וועלן מיר זיין פרייע מענטשן, דאָרט איז נישטאָ קיין דירעקטאָרן, קיין פערד...

— יאָ, אָבער ווען פאָרן מיר?

— מען דאַרף צוערשט זיין 2 יאָר אויף הכשרה.

פּעלאַ האָט דערפילט אין זיינע ווערטער אַ פאַרוואורף. זי, די נייע רעדט שוין פון עליה.

— איך בין גרייט צו פאַרבלייבן 2 יאָר אויף הכשרה — האָט זי געענטפערט, — אָבער דו בן ציון ביסט דאָך שוין דאָ באַלד 2 יאָר.

— אויף אַ סערטיפיקאַט צו וואַרטן, איז פּוסטע אילוזיעס, עס זענען אָבער פאַראַן אַנדערע וועגן. מען קען עולה זיין אומלעגאַל.

— און דו וועסט אַוועקפאָרן און מיך דאָ איבערלאָזן? — האָט זי אים אַנגסטיק געקוקט אין די אויגן. — זיינע פאַרליבטע בליקן האָבן זי באַרויקט:

— ניין, איך וועל דיך נישט איבערלאָזן, מיר וועלן עולה זיין צו־זאַמען. — האָט ער געענטפערט, דריקנדיק איר האַנט. זיי האָבן זיך צעשיידט, ער איז געגאַנגען צו זיינע פליכטן און זי צו איר אַרבעט, העלפן צוגרייטן דעם נאַכטמאָל. אין איר האָט עס געזונגען מיט גרויס פרייד — „איך וועל דיך נישט איבערלאָזן, מיר וועלן עולה זיין צוזאַמען". —

# מיר וועלן עולה זיין

און אַט האָט מען פאַרענדיקט די פעלד־אַרבעט און מען איז צוריק אין קאַסאַוו.

— טשעסקאַ! — האָט יצחק אויסגערופן: — איך האָב נאָך דיר גע־בענקט!

ער האָט זיך איבערצייגט אַז פעלאַ וויל אים נישט, האָט ער געזוכט זיך צוריק איבערצובעטן מיט זיין געוועזענער חברטע. טשעסיאַ האָט אים באַטראַכט מיט מיסטרוי אָבער דאָך אים דערלאַנגט די האַנט. ער האָט איר אַ קוש געטאָן אין באַק.

— הע, נישט אין דער קעגנוואַרט פון חברים, — האָט חברה געלאַכט.

— אַ כלה מעג מען קושן, — האָט ער זי אַרומגענומען. — טשעסקאַ, איך האָב פאַר דיר אַ גוטע בשורה, מיר וועלן עולה זיין.

— יאָ, — באַשטעטיקט בן ציון. — אַ טייל פון די ערשטע חברים וועלן זיך אָנגעבן אויף עליה. נאָר אויב מיר וועלן נישט באַקומען קיין סערטיפיקאַטן, וועלן מיר פאָרן אומלעגאַל. איך נעם מיר אָבער די פריי־ווילעגיע מיטצונעמען אַ נייע חברטע, מיינע אַן אַלטע באַקאַנטע. — ער האָט מיט שמייכל אָנגענומען פעלאַן ביי דער האַנט.

פרייטיק אָוונט, נאָך קבלת שבת, איז בן ציון און פעלאַ אַרויס אויף אַ שפּאַציר. זיי זענען געגאַנגען געאָרעמט און פעלאַ האָט געשיינט פאַר גליק:

— דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן אַז איך פיל מיך באַשיצט, איך האָב אַ חבר אַן וועלכן איך קען מיך אָנשפּאַרן. איך האָב געבלאָנדזשעט, אַ סך געליטן, איצט בין איך אַרויסגעקומען אויפן גלייכן וועג. — זי האָט זיך צעוויינט.

— פאַר וואָס וויינסטו מיין אוצרל?

— פאַר גליק! — זי האָט אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אין זיין שולטער און ער האָט באַדעקט איר פּנים מיט קושן, געגלעט אירע בלאָנדע האָר און גערעדט, גערעדט, אַז אים אינטערעסירט נישט וואָס עס איז געווען. און וועגן דער צוקונפט האָט ער גערעדט, וועגן דער שטרעבונג צו שאַפן אַ היים פאַר אונדזער פאָלק.

בן ציון האָט אין זיך געשמייכלט: אָט דאָס איז דער שכר! די ליבע פון זיין מיידל, זיין יוגנט־ליבע, די רייצנדיק ווונדערלעכע פעלאַ, האָט אים ליב, זי איז זיינע, ער איז נישט מער איינזאַם. בייינאַנד וועט זיין לייכטער דער וועג... אָנגעהאָנגען אין זיין אָרעם האָבן זיי ווייטער געשפּאַנט און פעלאַ האָט אַן אויפגעהייטערטע געפּלוידערט:

— ווייסט וואָס עס געפעלט מיר ביי אייך אַזוי שטאַרק? אייער פריי־לעכקייט, אייער געזונטער הומאָר. דאָס האָב איך געזען נאָר ביי די שיקסעס און שקצים אין דאָרף. צי האָט איר אייער לעבנספרייד גענומען ביי דער גוישער יוגנט?

בן ציון האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט זי באַטראַכט דערשטוינט:

— וואָס פאַלט דיר גאָר איין? דאָס איז די יידישע התלהבות, וואָס יידן האָבן הונדערטער דורות געטראָגן אין זייערע נשמות. אָט אַזוי אייפער־דיק ליבן זיי זייער תורה, אָט אַזוי שטרעבן זיי קיין ארץ ישראל.

— איך פאַרשטיי נישט, — איז פעלאַ אומגעדולדיק געוואָרן: — האָב איך געגעבן אַ צו הויכן לאָך, אָדער שפּרינג, האָט די מאַמע באַלד גע־מוסרט — אַ יידיש מיידעלע לאַכט נישט ווי אַ ווילדע שיקסע.

ער האָט אַרומגענומען איר טאַליע:

— אָט וועל איך עס דיר דערקלערן: דאָס איז אונדזער באַריער, די

וואַנט, וואָס מיר האָבן זיך אויפגעשטעלט אַקעגן דער דרויסנדיקער וועלט. נישט אַריבער קוקן צו זיי, נישט נהנה זיין פון זייערע פאַרגעניגנס. דער ייד, אַט דער ייד מיט דער באָרד און איינגעהויקערטער פּלייצע וואָס דו זעסט אים אַ גאַנצן טאָג אַרומשמייען צווישן די גוים, איז אַ פּאַרכישופטער מלך. ער רעאַגירט נישט אויף זייער שפּאָט, ווייל אין האַרצן פילט ער זיך העכער פון זיי. ער איז דאָך אַ ייד! אַן אויסדערוויילטער פון זיין גאָט! שבת און יום טובים טוט ער זיך אָן די בגדי מלכות, ער איז אין גאַנצן איבערגעגעבן צו זיין גאָט, צו דער תורה וואָס ער האַלט פאַר אַ משכן פון גאָט. ער לעבט דעמאָלט אין אַ גאַנץ אַנדערער וועלט. און פון וועמען מיינסטו האָבן מיר איבערגענומען די ליבע צו ארץ ישראל? נאָר פון זיי! זיי לערנען די דינים און מנהגים פונעם לאַנד פון פאַר צוויי טויזנט יאָר. נישט זיי לערנען, נאָר זיי לעבן דערינען. זיי בעטן אויף רעגן אין תפילת הגשם, דעמאָלט ווען מען באַדאַרף דעם רעגן אין ארץ ישראל און נישט דאָ. זיי פייערן דעם טאָג ט״ו בשבט, דעם ראש השנה פון דיביימער, דעמאָלט ווען הי איז אַלץ באַדעקט מיט שניי. און צי האָסטו נאָך געטראָפן אַזאַ רייכע פּאָעזיע ווי דו געפינסט אין די תפילות? און צי איז דאָ אַ שענער ליבעס־ליד ווי אונדזער שיר השירים? — ער האָט אָנגענומען איר האַנט, וואָס איז טראָץ דער שווערער אַרבעט געבליבן צאַרט און ווייך און געפּליסטערט מיטן ניגון פון שיר השירים: — איך בין פאַר דיר און דו פאַר מיר, גיב מיר דיין האַנט אויף מיין האַנט... מיין טויב, מיין שיינקייט, מיין לעבן...

זיי האָבן שפּאַצירט אויף אַ לאַנקע צופוסנס פון די בערג. ס'איז געווען אַן אויסטערלישע נאַכט, ערגעץ אויף אַ בוים האָט געצוויטשערט פאַר־שלאָפן אַ פויגל. דאָס טייכל האָט מאָנאָטאָן גערוישט. פעלאַ האָט אַ פאַר־קלערטע אַרויפגעקוקט צו דער לבנה:

— איצט פאַרשטיי איך מיין טאַטנס התנהגות. אין די חצותן פלעגט ער זיך אַוועקזעצן און זאָגן קינות אויף גלות ישראל און גלות השכינה...

זיי האָבן נאָך לאַנג אַרומגעשפּאַצירט און זיך אומגעקערט ווייט נאָך האַלבער נאַכט.

שבת אין דער פרי רוט מען, חברה וואַיעוועט אַרום, איז פריילעך. יצחק נעמט אַוועק אַ ניי געקומענעם חלוץ אין דער זייט, דאָס ייִנגל איז

פון אַ קליין שטעטל, ער איז פאַרווירט, דרייט זיך אַרום צווישן דער פריי־לעכער חברה און געטרויט זיך נישט מיטצוהאַלטן זייערע שטיפערייען. ער ווייסט בכלל נאָך נישט צי זיי וועלן אים אויפנעמען. יצחק נעמט זיך צו אים:

— דו דאַרפסט חבר, אויספילן אַ „שאלון״, ענטפערן אויף פאָלגנדיקע פראַגן:

דער בחור ענטפערט, גיט אָן זיינע אָנגאַבן.

— צי ווילסטו פאַרן קיין א״י?

— יאָ, אַוודאי.

— צי וועסטו לעבן אין קיבוץ?

— יאָ.

— און צי האָסטו שוין אַ מיידל?

דער בחור שמייכלט פאַרלעגן.

— הייסט עס, דו האָסט נישט? איז, וואָס פאַר אַ בחורה, אַ שטייגער, וואָלט דיר געפעלן?

דער בחור ענטפערט נישט.

— זאָג מיר, צי לייגסטו אַכט אויף דעם אויסערלעכן אויסזען, אָדער אויף דער אידעאָלאָגיע פון דעם מיידל? פאַר וואָס ענטפערסטו נישט?

— אויף דער אידעאָלאָגיע פון דעם מיידל.

— און וואָס פאַר אַן עסן וואָלסטו געוואָלט? צי האָסטו ליב אַ גע־פרעגלט איי אָדער געקאָכטס? און אפשר ווילסטו עוף אָדער רינדפלייש?

— איך עס אַלצדינג! — האָט דער בחור אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

ערשט איצט האָט חברה אַרויסגעפלאַצט מיט אַ געלעכטער און דער בחור האָט זיך געכאַפּט אַז מען האָט אים אָנגעצויגן.

— מאַכט נישט אויס, — האָט אים יעקב געקלאַפּט אין דער פלייצע. שפּעטער אַ פּאָר וואָכן וועסטו אויספרעגן אַ נייעם.

ברוכן, דעם געזוגטן בעקער־יונג, האָט זיך פאַרגלוסט אויפצוהייבן די מיידלעך און טראָגן איבער דער שטוב, אָדער ער הויבט זיי אויף און לאָזט זיי גאָך פון דער הויך. האָט ער אָבער אָנגענומען די דיקע מלכה וואָס איז שווערער פון אים און זיי זענען ביידע געפאַלן. מלכה מיטן קאָפּ צום

אייזערנעם בעטל און זיך צעקלאַפּט. די שפּיל האָט זיך געענדיקט מיט אַ בייל אין קאָפּ.

— גאַרנישט, גאַרנישט, — האָט מען באַרויקט, — ס׳וועט איר גאָר־נישט זיין, לייגט צו קאַלט וואַסער, ביז זי וועט עולה זיין, וועט זיך איר פאַרהיילן.

מען איז אַוועק צום טייך זיך באָדן. דאָס וואַסער ברויזט. ס׳קומט אָן פון די בערג און איילט צום טאָל. מען גייט אָקעגן די כוואַליעס און זיי שלעפּן אויף צוריק. חברה האָט אַרומגעשטיפּט, זיך באַשפּריצט מיט וואַסער, די מיידלעך האָבן הויך געלאַכט, די געשרייען און דאָס טומלען האָט אָפּ־געקלונגען אין די בערג. מען איז אַקעגנגעגאַנגען דעם שטראָם און ער האָט געריסן אויף צוריק; די ריקע האָט זיך געבייזערט און חברה האָט הויך געלאַכט.

די שקיעה־שטראַלן שיינען אַריין דורכן פענצטער, חברה זיצט שווייגנ־דיק, פאַרבענקט קוקן זיי נאָך דעם שבת וואָס פאַרגייט. ווער עס האַלט אַרומגענומען זיין מיידל, ווער ס׳איז סתם פאַרטראַכט. שטיל הייבט מען אָן צו זינגען:

ווי שיין זענען די נעכט אין כנען
קיל, לויטער און שיין...

אָדער:

די שטילקייט פון ישראל,
שלאָף מיין עמק מיין פּראַכט,
מיר שטייען דאָ אויף דער וואַך...

דאָס געזאַנג שטאַרקט זיך, מען ווערט מונטערער:

אור, אור (ליכט), אור
דער עמק פאַרשיכורט,
נעמט אַרום דער גלבוע
דעם באַרג תבור.

עס ווערט פרייליכער, מען רוקט אַוועק טיש און בענק, מען נעמט זיך אַרום, די האָראַ הייבט זיך אָן:

רינגלט, רינגלט מיך אַרום פלאַם פייער,
טאַנצט מיר אויס אַ ליד.
נאָר דער ניגון דער געטרייער
זאָל מיר בלייבן אויף תמיד.

דרייט זיך, דרייט זיך,
דרייט דער ניגון אָן אַן עק,
אין די הערצער ברענט אַ פייער,
זאָל דער ניגון נישט אַוועק.

די קערפערס צעהיצן זיך, דער שווייס קלעפט די קליידער און דער טאַנץ גייט אָן. איינציקווייז פאַלן אַרויס די התלהבותדיקע טענצער, זיי קוקן פאַרשיכורט אויף דעם פאַרקלענערטן ראָד. עס דרייען זיך שוין נאָר צוויי, נאָר אייגער געבליבן, ער וואַרפט מיט די פיס, דאָס ראָד אַרום אים איז גרויס, מען זינגט, מען פּלעסקעט מיט די הענט, מען טופּעט מיט די פיס, מען כאַפּט אים אויף און מ׳טראָגט אים איבערן צימער.

„שלוש סעודות״, מען איילט זיך נישט אָנציגדן דעם לאָמפּ, מען וויל נישט אַוועקלאָזן די נשמה יתרה און זיך צוריק איינשפּאַנען אין וואָכעדיקן יאָך.

דערנאָך האָט מען זיך אַוועקגעזעצט און גערעדט וועגן דער ידיעה אַז די נאָענטע טעג וועט קומען אויף אַ באַזוך אַ חבר פון דער הנהגה הראשית. מען האָט אָנגעהויבן טרעפן ווער עס וועט זיין דער גאַסט. די הנהגה הראשית איז באַשטאַנען פון עטלעכע חברים.

— אפשר וועט קומען יצחק?

— אָ דאָס וואָלט געווען שיין!

יצחק, דעם גרינגדער און פירער פון זייער אָרגאַניזאַציע האָבן די חברים נאָר געקענט פון זיין בילד און פון זיינע אינטערעסאַנטע לייט־אַרטיקלען א. נ. „אויף דער וואַך״ אין דעם אָרגאַן, וואָס הנהגה הראשית האָט אַרויס־

געגעבן אין דער פּוילישער שפּראַך. ער איז געווען אַ זון פון אַסימילירטע עלטערן. זיין פאָטער, אַ באַן־באַאַמטער, האָט זיך געהאַלטן ווייט פון יידן און יידישקייט. זיין זון אָבער, איז אַריינגעטרעטן אין זיין פריסטער יוגנט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע „השומר הצעיר". עס איז אים אָבער נישט געפעלן די ריכטונג, און ער גרינדעט מיט נאָך אַ פּאָר חברים די יוגנט־אָרגאַניזאַציע. פון אַ קליין הייפעלע חברים איז אויסגעוואַקסן אַ שטאַרקע באַוועגונג, פאַרשפּרייט איבער שטעט און שטעטלעך אין גאַנץ פוילן און אויך אין אַנדערע לענדער. איז טאַקע קיין וווּנדער נישט, וואָס חברה האָט אַזוי געגאַרט זיך צו באַקענען מיט זייער מנהיג.

שפּעטער אַ פּאָר טעג, ווען די חברים זענען אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט, איז זיי אַקעגנגעלאָפן דער דיזשורנדער חבר און צו זיי געמאַכט מיט די הענט פון דער ווייטנס:

— קומט שנעלער! מיר האָבן אַ גאַסט!

— ווער, ווער איז געקומען? האָבן זיי געפרעגט לויפנדיק.

— טרעפט, — האָט דער חבר געלאַכט און נישט געוואָלט זאָגן.

הינטער אים האָט זיך באַלד באַוויזן אַ יונגערמאַן פון אַן עטלעכע און צוואַנציק יאָר, מיט שיינע ברוינע אויגן, אַ הויכן שטערן און שוואַרצע געדיכטע האָר.

— יצחק! — האָבן די חברים אויסגערופן, צוגעלאָפן צו אים און אים אַרומגערינגלט. אַזוי דערפרייט מען זיך נישט מיט אַ מנהיג, וואָס מען זעט צום ערשטן מאָל, נאָר ווי מיט אַ נאָענטן קרוב.

נאָך פאַרן אָוונט־ברויט, ביי זון־פאַרגאַנג, האָט מען זיך אויסגעזעצט אין דרויסן אויפן גראָז אין אַ ראָד אַרום דעם גאַסט און געגאַרט צו הערן פון אים אַ וואָרט.

ער האָט דערציילט פון זיין ערשטער רייזע קיין ארץ ישראל. און פאַר זייערע אויגן האָט אויפגעטויכט די יונגע שטאָט תל־אביב מיט אירע ווייסע, נייע הייזער, די רוישנדיקע האַפן־שטאָט חיפה ביים ים, די מיסטעריעזע שטאָט ירושלים וואָס הינטער אַ מאָדערן הויז געפינען זיך קרומע, טונקעלע געסלעך אויף וועלכע עס ליגט דער הויך פון יאָרטויזנטער. פון די שטעט איז ער איבערגעגאַנגען צו קאָלאָניעס, צו דעם בליִענדיקן „עמק", אומעטום בליט און וואַקסט דער ישוב, ווייסע, בלאַנקנדיקע הייזער שטייען צווישן

גערטנער און יונגעביימער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לענגער אויף דעם קיבוץ ווו ער און נאָך חברים האָבן געאַרבעט.

— קיין הייזער זענען נאָך נישט געווען, האָבן מיר געוווינט אין פּאַלאַטקעס. די ערשטע זאַך איז געווען צו גראָבן אַ ברונעם, דאָס איז נישט פון די לייכטע זאַכן, אָבער מיט געדולד און אויסדויער קומט מען אַלצדינג איבער. שטעלט אייך פאָר אונדזער פרייד ווען מיר האָבן אַרויס־באַקומען פון דער ערד פריש קאַלט וואַסער. אונדזערע געסט וואָס זענען אונדז געקומען באַזוכן, האָבן מיר מכבד געווען מיט אונדזער פרישן, אייגענעם וואַסער.

חברה האָט אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער.

— איר לאַכט חברים? אַז איר וועט זיין אין ארץ ישראל, וועט איר פאַרשטיין דעם באַטייט פון אַ ברונעם און נישט מוזן טרינקען דאָס אָפּ־געשטאַנענע רעגנוואַסער וואָס מען האַלט חדשים־לאַנג אין טיפע גריבער, אין רעזערוואַרן ביז צום צווייטן רעגן. די ערד וואָס מען האָט אונדז צוגעטיילט, איז געווען באַרגיק און זאַמדיק, האָבן מיר געפירט שוואַרצע ערד פונעם טאָל און אַרויפגעלייגט אויפן באַרג, געגראָבן דעם באַרג אין טעראַסן, דער רעגן זאָל צוריק נישט אַראָפּשווענקען די ערד. און אַזוי האָבן מיר פאַרזייט די ערשטע זוימען אין אונדזער ערד. ווען עס זענען אויסגעפאַלן די ערשטע רעגנס, זענען אויפגעגאַנגען צאַרטע גרינע שפּראָצן, דינע ווי נאָדלען, זענען אַרויסגעקראָכן פון דער ערד. מיר זענען אַרויס־געלאָפן פון די אוהלים און באַטראַכט גאָטס וווּנדער: די נעכטיקע נאַקעטע בערג, זענען איבער נאַכט גרין געוואָרן, מיר זענען נישט רעליגיעז, נאָר דעמאָלט האָב איך זיך אָנגערופן — „חברים, לאָמיר מאַכן אַ „שהחיינו״, עטלעכע חברים האָבן אַנידערגעקניט, געגלעט און געצערטלט די ערשטע שפּראָצן, מיידלעך האָבן פאַר עמאָציע געוויינט... איר חברים אין גלות וועט דאָס נישט פאַרשטיין, איר וועט אונדז באַטראַכטן פאַר סענטימענטאַל, דאָס מוז מען פילן, מען מוז זיין אין ארץ ישראל, זיך באַהעפטן מיט דער ערד, די ערד איז אַ האַרטע, דער קלימאַט אַ בייזער, דו קענסט גראָבן דרייסיק מעטער די טיף און אַנשטאָט וואַסער, אָנטרעפן אַ פעלדז, דו טאָרסט נישט מיד ווערן און ווייטער אָנהייבן צו גראָבן אויף ס׳ניי. די ערד, פאַרזונקען אין טויזנט־יאָריקן שלאָף וויל נישט דערוואַכן, וויל נישט

עפענען איר שויס צו געבוירן יונגע שפּראָצן. מיט שווייס און מי, מיט אייגן בלוט, מוז מען זי באַאַרבעטן. זי פֿאַרלאַנגט קרבנות און מען איז זיך פֿאַר איר מקריב. דו לאָזט דיין לייב סמאַליען אויף דער הייסער זון, האָסט קיין צייט נישט אָפּצוטרייבן די פֿאַרשידענע מאָסקיטן וואָס בייסן דיין לייב, זויגן פֿון דיר אויס לעבעדיקערהייט דיין בלוט און ווער עס האָט זיך נישט געוואָרפֿן אין קדחת, נישט געהאַט מאַלאַריע־פיבער, דער איז נישט קיין גוטער חלוץ. אָבער האָסטו שוין באַצווונגען די ערד, זי אונטערטעניק געמאַכט זי זאָל דיר געבן ברויט מיט וואַסער, דעמאָלט צאָלט זי דיר אָפּ, זי עפֿנט אירע גרינע אָרעמס, ווי אַצינד, ווען מיר באַטראַכטן די גרינע זוימען און זאָגט אונדז אָן אַ רויקע, גליקלעכע היים... — חברים, ווער עס האָט איין מאָל זיך באַהעפֿט מיט ארץ ישראל, דער וועט זיך מוזן צו איר צוריק קערן. ער וועט מיטנעמען אַ בענקשאַפֿט אין די ווייטסטע לענדער, וואָס מער יאָרן וועלן עס פֿאַרגיין, וועט די בענקשאַפֿט שטאַרקער ווערן, ביז ער וועט זיך מוזן אומקערן, ווייל ארץ ישראל איז אונדזער היים, זי איז שיין און ליב ווי אַ כלה, גוט ווי אַ מאַמע און שטרענג ווי אַ פֿאָטער.

די זון איז שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען. טונקעלע שאָטנס האָבן זיך געלייגט, די חברים האָבן נישט באַמערקט. זיי זענען געזעסן באַאיינדרוקט פֿון דעם געהערטן. ער האָט געענדיקט און אַ טיפֿע שטילקייט האָט גע־הערשט. יעדן האָט גענאָגט די בענקשאַפֿט וועלכע מען קען שטילן נאָר אין ארץ ישראל.

— דאָס אָוונטברויט איז פֿאַרטיק — האָט דער דיזשורנדער חבר גע־זאָגט, קוים וואַגנדיק די פֿאַרבענקטע שטילקייט צו אונטערברעכן. דער רעדנער האָט צוריק געוווּנען זיין פֿריילעכן, גוטמוטיקן טאָן. ער איז מונטער אויפֿגעשפּרונגען און אויסגערופֿן:

— גענוג אייך געהאַלטן חברים, איר זענט מיד פֿון דער אַרבעט.

מען האָט אויסגעקליבן אַ פּאָר חברים, זיי זאָלן פֿאָרן קיין לעמבערג אונטערהאַנדלען וועגן עליה. מידע, פֿאַרשטויבטע און נישט אויסגעשלאָפֿענע פֿון אַ גאַנצער נאַכט פֿאָרן, זענען זיי אַרום 7 אַ זייגער אײַנדערפֿרי אויס־געשטיגן אין לעמבערג. אַרויסגעקומען אויף דער אַנדערער זייט סטאַציע, זענען זיי געבליבן שטיין צעטומלטע פֿון דעם רעש און געפּילדער אין דער

גרויסער שטאָט. — וווהין גייט מען? — האָבן זיי זיך אומבאַהאָלפן אומגעקוקט.

— וואָס הייסט וווהין? אין מרכז, צו יצחקן.

זענען זיי געגאַנגען צו דעם פּאַלעסטינע־אַמט אויף דער קאָפּערניקאַ־גאַס. דאָס הויז, אַ גרויס, מיט אַ סך טרעפּ און טירן, אויף יעדער טיר אַן אַנדער נאָמען פון אַ ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, מענטשן לויפן אַרויף און אַראָפּ, פאַרשווינדן אין די טירן, יעדער איילט זיך, יעדער איז פאַרטון. זיי גייען פון שטאָק צו שטאָק און זוכן זייער „הנוער".

— אָט איז עס! האָבן זיי דערפרייט אויסגערופן, ווען זיי האָבן דערזען אויף אַ מעשן־שילדל בלאַנקן דעם נאָמען „הנוער הציוני". זיי זענען אַהין אַריינגעגאַנגען, אַ מיידל האָט געקלאַפּט אויף אַ שרייב־מאַ־שינקע: — צו וועמען דאַרפט איר? — האָט זי געפרעגט, נישט אונטער־ברעכנדיק איר אַרבעט.

— צום חבר יצחק.

— ער קומט שפּעטער. אַצינד וועט איר אים טרעפן אין קאַפע, אונטן אין גאַס.

זענען זיי געגאַנגען אין קאַפע. זיי האָבן זיך דאָרט אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל און באַשטעלט אַ מאָגערן פרישטיק פאַר אַ פעטן פרייז. די פליגל־טיר האָט געהאַלטן אין איין ווירבלען און אַריין, אָדער אַרויסגעלאָזט עלעגאַנט־געקליידעטע הערן און דאַמען. די חלוצים, געקומענע פון פעלד־אַרבעט, אָפּגעברענטע פון זון און ווינט, אין פּראָסטע קליידער, האָבן זיך געפילט אומבאַקוועם אין דעם עלעגאַנטן קאַפע. די פליגל־טיר האָט זיך ווידער אַ דריי געטאָן און עס איז אַריינגעקומען חבר יצחק. מיט זיין שאַרפן בליק האָט ער זיי באַלד באַמערקט, ער איז צו זיי צוגעקומען:

— וואָס טוט איר דאָ? — האָט ער אַ דערפרייטער אויסגערופן. — וואָס הערט מען ביי אייך אויף דער הכשרה?

די חברים האָבן אים פאָרגעבראַכט זייערע טענות:

— מיר ווילן עולה־זיין, כאָטש איין אָדער צוויי סערטיפיקאַטן קומט אונדז שוין.

— חברים, — איז זיין שמייכל פאַרשוווּנדן — איר ווייסט נישט וואָס עס טוט זיך אין דער באַוועגונג, סערטיפיקאַטן איז דאָ ווייניק און אָרגאַ־

ניזאַציעס אַ סך. מיר די יינגסטע האָבן קוים באַקומען אַ סערטיפיקאַט אויף דעם שעדיול (זמן).

— עס איז דאָ אַן אַנדער וועג עולה־צו־זיין, — האָט זיך אָנגערופן אַ חבר.

— יאָ, ס'איז דאָ אַן אַנדער וועג, אָבער... ער האָט אָפּגעהאַקט.

— וואָס אָבער? — זענען די חברים צודרינגלעך געוואָרן, — אויב מען וועט אונדז נישט געבן גענוג סערטיפיקאַטן, וועלן מיר עולה־זיין אומלעגאַל!

ער האָט זיך געגעבן נערוועז אַ דריי אויפן שטול:

— נישט מיט מיר זאָלט איר וועגן דעם אונטערהאַנדלען. איך האָב עס שוין גענוג! גענוג די פּאָליטיקעריי מיטן גאַנצן גלות! איר הערט, איך פּאָר נאָך דעם ווינטער צוריק קיין ארץ ישראל, שוין צייט צו נעמען דעם רידל אין האַנט!

שפּעטער אַ פּאָר וואָכן, ווען זיי זענען ווידער געווען אין לעמבערג, און מען האָט זיי געזאָגט אַז יצחק איז עולה געווען, האָבן זיי זיך נישט געוואָלט גלויבן און כדי זיך צו איבערצייגן, זענען זיי געגאַנגען צו זיין פּריוואַט־וווינונג. זיי האָבן דאָרט אָנגעקלונגען, אַן עלטערע פּוילישע פּרוי האָט זיי געעפנט:

— אַ, איר פרעגט זיך אויף מיין לאָקאַטאָר? ער איז אַוועקגעפאָרן.

— און ווען קומט ער צוריק?

— ער קומט נישט צוריק. ער האָט אויפגעגעבן די וווינונג.

אַנטוישטע און פאַריתומטע זענען זיי אַוועקגעגאַנגען.

אין איינעם אַ טאָג, ווען די חברים זענען אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט, האָבן זיי געטראָפן אַן אומעטיקע שטימונג. דאָס דיזשורירנדיקע מיידל איז אַרומגעגאַנגען מיט פאַרוויינטע אויגן און די צוויי יינגלעך האָבן זיך געדרייט מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

— וואָס איז געשען? — האָבן די חברים פריילעך אויסגערופן — האָסט אפשר שוין ווידער פאַרברענט דאָס עסן, אָדער זיך אָפּגעבריט?

— און אפשר האָט זי אָפּגעטאָן אַ שטיקל טובה, ווי אַגומלט, — וואָס אַנשטאָט פּלייש, האָט מען ביי איר אין דער יויך געטראָפן אַ שמאַטע? — האָבן זיי געלאַכט.

— איר לאַכט? יצחק איז געשטאָרבן!

— ביסט משוגע געוואָרן? ס'איז אַ ליגן!

— הלוואַי זאָל עס זיין אַ ליגן ווי עס איז אַן אמת! נאַט, לייענט די טעלעגראַמע: — „די נאַכט איז געשטאָרבן אין עלטער פון 32 יאָר אונדזער מנהיג י. ש. לייגט אַוועק די אַרבעט און פּראָקלאַמירט אַ טרויער־טאָג!" —

שפּעטער מיט אַ פּאָר טעג איז אָנגעקומען אַן אויספירלעכער בריוו פון אַ חבר וואָס האָט צוזאַמען געאַרבעט מיט יצחקן. — „צווישן אונדז, זעכציק חברים, איז יצחק געווען דער פרייליכסטער און תמיד דער ערשטער צו דער אַרבעט אין פעלד, ביי דער ווירטשאַפט, צי מיטן רידל אָדער גראַבליע, שטענדיק איז ער געווען דערביי. — יצחק לאָז אָפּ — האָבן מיר אים געוואָלט פאַרשוינען — עס פּאַסט נישט פאַר דיר, אונדזער מנהיג אַזוי צו אַרבעטן. — וואָס? — האָט ער געלאַכט, — אין ארץ ישראל זענען מיר אַלע גלייך, און אויב איר האָט מיך אויסגעוויילט, דאַרף איך אייך דינען פאַר אַ ביישפּיל. —

די לעצטע צייט איז נישט געווען קיין אַרבעט, חברים האָבן געפּוסט־און־געפּאַסטעוועט. אין קיך האָט זיך געקאָכט אַ מאָגערע זופּ. עס איז נישט געווען ווו צו פאַרדינען.

— חברים, וואָס וועט איר זיצן ווי אַלטע חלוקה־יידן און זיך וואַרעמען אויף דער זון; קומט קיין חיפה זוכן אַרבעט. — און יצחק, דער אַקאַדע־מיקער, מיטן איידעלן פּנים און ברילן אויף די אויגן, האָט זיך געשטעלט דער ערשטער קערן די גאַסן... ער האָט זיך דערפילט שלעכט, געקלאָגט אויף קאָפּ־ווייטיק, זיך אַלע מאָל אָפּגעשטעלט אָפּצווווישן דעם שוויס. דעם אַנדערן טאָג האָבן מיר נישט געוואָלט ער זאָל גיין צו דער אַרבעט, ער אָבער האָט זיך איינגעשפּאַרט און איז געגאַנגען. ער האָט שוין אָבער נישט געקאָנט דערציִען דעם טאָג. מיר האָבן אים אָפּגעפירט אין שפּיטאָל, די דאָקטוירים האָבן ביי אים פעסטגעשטעלט טיפוס. דער פיבער האָט זיך געשטאַרקט, ער האָט פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין, גערעדט פון היץ, נישט דערקענט די חברים. אַזוי איז ער אָפּגעלעגן אַ גאַנצע וואָך. אַ טאָג פאַרן טויט איז אים בעסער געוואָרן. ער האָט גערעדט מיט אונדז חברים, זיך אויסגעפרעגט אויף דער אַרבעט, געפרעגט וואָס מען שרייבט פון חוץ

לארץ. מיר זענען שוין געווען פול מיט האָפנונג אַז ער וועט געזונט ווערן; אָבער ביינאַכט איז געקומען די רעאַקציע און פאַרטאָג איז ער געשטאָרבן"...

די חברים זענען געזעסן פאַראָבלטע, ביים האַרצן האָט געגאָגט, אין האַלדז האָבן געשטיקט די טרערן און אין מוח האָט געבויערט איין געדאַנק: יצחק, אונדזער פירער לעבט נישט מער... יצחק איז נישט טויט, ער לעבט אין זיין ווערק וואָס ער האָט געשאַפן, אין דער יוגנט וואָס איז צעשפּרייט אויף דער גאָרער וועלט...

☆

בן ציון האָט זיך אָוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אַ שיינעם געשליפענעם עברית־בריוו צו פעלאַס עלטערן. — אַזוי ווי ער קלויבט זיך צו פאָרן קיין ארץ ישראל, וויל ער אַ חופּה שטעלן מיט זיין כלה און ער בעט די צושטימונג פון אירע עלטערן און אויב זיי וועלן מסכים זיין, זאָלן זיי טאַקע קומען קיין קאָסאָוו אויף דער חתונה. אויך פעלאַ האָט צוגעשריבן אַ פּאָר ווערטער, פאַרשטייט זיך אין עברית און מיט דער הילף פון בן ציון.

ר' סענדער האָט זיך אָנגעטאָן די ברילן און גענומען הויך פאָרלייענען דעם בריוו פאַר זיין ווייב טעמען און איר גלייך פאַרטייטשט אויף מאַמע־לשון.

טעמע האָט זיך באַגאָסן מיט טרערן.

— מאַ, אַ יידענע בלייבט אַ יידענע. אויף אַלעמען האָבן זיי נאָר טרערן, איז חלילה אַ צרה, גיסט מען גלייך מיט טרערן, איז אַ שמחה, ווידער דאָס זעלבע. נאַרעלע, וואָס וויינסטו וואָס? געלויבט דער אויבערשטער וואָס מיר האָבן דערלעבט... — דערווייל טוט ער זיך אויס די ברילן און ווישט זיי אויס, ווייל זיי זענען באַהויכט פון די אייגענע טרערן.

— איך וויין דען? ווער וויינט? — ווישט זיך אויס טעמע די אויגן אין איינעם מיט דער נאָז: — מען איז דען ווערט דעם חסד וואָס ער טוט מיט אונדז יעדע שעה און יעדע רגע?

ר' סענדער האָט געלייענט נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל דעם בריוו פון זיין צוקונפטיקן איידעם, אַזאַ ריינער לשון קודש, מיט מאמרים און פּסוקים פון דער תורה. ער האָט זיך שטאַרק פאַרטראַכט פון דער היינטיקער יוגנט, טאַקע געגאָלטע מיט הוילע קעפּ, צי זענען זיי דען נישט דער

ווייטערדיקער המשך? און ווו איז דער חטא אַז זיי ווילן צואײַלן די גאולה?

— סענדער! סענדער! וואָס האָסטו דיך פֿאַרטראַכט? מיר פֿאָרן אויף דער חתונה פֿון אונדזער מיזינקעלע, אונדזער פֿייגעלען, זאָל לעבן! — האָט טעמע געלאַכט און געוויינט.

אויף אומלעגאַלער עליה האָבן זיך פֿאַרשריבן חוה, פֿעלאַ און טשעסיאַ, די ייִנגלעך, יעקב, בן ציון און יצחק.

קוקט אַזוי איין מאָל נאָכן נאַכטמאָל יעקב נאָך חוהן ווי זי פֿאַרעט זיך ביי די טעפּ:

— הערסטו חוה, מיר פּאַסן זיך איינער צום אַנדערן!

— וואָס גאָר פּלוצעם? — בלייבט חוה שטיין און ווישט זיך דעם שוויס פֿונעם שטערן, לעצטנס איז זי אַרומגעגאַנגען אַן אומעטיקע, ייִנגערע מיידלעך פֿון איר קלויבן זיך חתונה האָבן און זי בלייבט אַליין. אויך בן ציון, צו וועמען ס׳האָט זי געצויגן, מיט וועלכן מען האָט אַזוי פֿיל דיסקוטירט איבער אַרבעט און פּראָבלעמען, האָט שוין זיין מיידל, אַ יוגנט־חברטע, געווען מסתמא אין איר פֿאַרליבט די גאַנצע צייט, דער־פֿאַר איר נישט געענטפֿערט אויף איר ליבע... אַ ביסל איז זי אַנטוישט, צי איז זי אפשר אייפערזיכטיק? ניין, זי פֿאַרגינט זיי זייער גליק.

— וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגן? — ווישט זיך אָפּ חוה די הענט און קומט צו אים צו נענטער. זי האָט גאָרנישט געטראַכט פֿון יעקבן, ער איז אַ פּראָסטער בחור, האָט נישט קיין מאַטורע ווי בן ציון און איז אויך נישט אַזוי באַוווּסט ווי יענער, נאָר אפשר...

יעקב האָט זיך אויפגעהויבן, זי אַנגענומען ביי דער האַנט און זי נעבן זיך אַוועקגעזעצט.

— איך מיין פּשוט צו זאָגן אַז מיר זאָלן אויך חתונה האָבן, ווי יצחק און טשעסיאַ און ווי בן ציון מיט פֿעלאַן.

חוה האָט פֿאַרטראַכט זיך פֿאַרגלעט די האָר אונטער די אויערן:

— איך האָב גאָר נישט געקלערט פֿון דעם.

— איך האָב נישט ליב אַ סך צו קלערן, זיך צו גריבלען, איך בין אַ מענטש פֿון מעשׂים. האָט יעקב געזאָגט האַלב אין שפּאַס און ער האָט זי אַרומגענומען און איר געזונגען אויפֿן אויער אַ פּסוק פֿון שיר השירים:

— „מיין פֿריינדין, איך בין פֿאַר דיר און דו פֿאַר מיר...״

אַ טאָג פֿאַרן אָפּפֿאָרן האָט מען געשטעלט ביים רב אין שטוב דריי חופּות. קרייזלער, דער ציוניסט איז געווען דער הויפּט־מחותּן. ער האָט אַלצדינג אַראַנזשירט. קאָסאָווער יידן איז געפֿעלן די זאַך: — „וואָסי, מען וועט עפּעס דערלאָזן, אַז ייִנגלעך און מיידלעך זאָלן פֿאָרן אָן חופּה וקידושין לעבר הים?" ר' סענדער איז געזעסן ביים רב אין שטוב, לעבן אים זיין איידעם. ער האָט געשעפּט גרויס נחת פֿון אים, זיך גאָרנישט געקאָנט אָפּחידושן פֿון זיין בקיאוות אין לערנען, זיין חריפֿות און דערצו אַן איידע־לער, אַ געזעצטער. די חלוצים האָבן געהאַלטן שטאַנד, קוקנדיק אויף ר' סענדערן און אויפֿן רב. האָבן זיי נישט געזונגען, נישט געטאַנצט קיין האָראַ. זיי האָבן אין עטלעכע ווערטער געזעגנט די חברים און באַזונדער געליבט בן ציונען, זייער מזכיר. ר' סענדער האָט זיך צוגעהערט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

צו דער חופּה האָט מען געפֿירט לויט דער עלטער, צוערשט חוהן און יעקבן, דערנאָך בן ציון מיט פֿעלאַן און דערנאָך טשעסיאַ מיט יצחקן.

בן ציונס מאַמע, כאַנציע, די לעקעך־מאַכערין, האָט זיך אַ באַגאַסענע מיט טרערן אַרומגענומען מיט טעמען:

— מזל טוב מחותּנתטע, אַז מיין ברוך ע"ה האָט נישט דערלעבט צו ווערן ר' סענדערס מחותּן!

— מזל טוב! מחותּנתטע! — האָט איר געענטפֿערט ר' סענדער — אויף דער אמתער וועלט וועלן מיר אַלע זיצן צוזאַמען, זיין אייביקע מחותּנים!

## עפּילאָג

אַ שיינער זוניקער טאָג. טעמע זיצט אויף דער באַנק פֿאַר דער שענק. זי איז געעלטערט אָבער צופֿרידן. ב"ה דער איידעם פֿאַרזאָרגט די שענק, זי העלפֿט פֿויידעלען אַ ביסל צו אין קיך און געגוג פֿאַר איר; מער סטאַיען נישט די כוחות. סענדער איז איצט געגאַנגען מנחה־מעריב דאַווענען, וועט זי אים אָפּוואַרטן און צוגרייטן דעם אָוונטברויט. דערווייל קוקט זי נאָך די מענטשן וועלכע גייען פֿאַרביי, די יוגנט ציט אַרויף צום פֿאַרנאַכטיקן שפּאַציר, עלטערע גייען אָפּדאַווענען אַ מנחה־מעריב. טעמע קלערט פֿון

פייגעלען. זי באַקומט ב״ה גוטע בריוו פון איר. זיי לעבן אין קיבוץ. פייגעלע איז איצט אויף דער צייט מיט איר ערשטלינג און טעמע וואַרט אָפּ צו הערן אַ גוטע בשורה יעדע מינוט. דאָ קומט צו לויפן איר מחותנתטע כאַנציע.

— מחותנתטע! — שרייט זי פון ווייטן — מזל טוב! מיר האָבן אַן אייניקל. אַ ייִנגל!

טעמע איז אויף איר אַרויפגעפאַלן: — מזל טוב! — מיט מזל זאָלט איר לעבן!

נאָכן אָפּוויינטשעווען און אויסוויינען זיך — כאַנציע האָט אויך נישט פאַרגעסן אין איר ברוכן, אַ מליץ יושר זאָל ער זיין אין גן עדן פאַר זיין ערשט אייניקל, — האָט מען זיך ערשט אָנגעהויבן אויסצופרעגן וואָס און ווער און ווען דער ברית וועט זיין און ווי די קימפעטאָרין פילט זיך.

— מחותנתטע, — דערמאָנט זיך כאַנציע: — זעט נאָר וואָס מייַן בן ציון זאָל לעבן האָט מיר געשיקט, אַ „דרישה״, איך זאָל, זאָגט ער, אַלצדינג פאַרקויפן, דאָס שטיבל מיטן גאַנצן אָרעמקייט און שוין אַהינ־קומען מיט מיינע אַלע קינדערלעך, זאָלן זיין געזונט.

פריידעלעס מאַן, ר׳ סענדערס גראַטעגער איידעם, וואָס טראָגט אַ בערדל און היט אָפּ יידישקייט ווי עס באַדאַרף צו זיין, האָט גענומען די „דרישה״ מיטן ענגלישן מאַנדאַט־זיגל אָבער אויסגעשטעלט מיט העברעישע אותיות, און ער האָט זי געהאַלטן ווי אַ זעלטענע יקר המציאות.

— אָ וואָ! וואָס איך זע! אַ „דרישה״ צו קומען קיין ארץ ישראל! נישט יעדער איז זוכה דערצו — האָט ער געזאָגט מיט אַ ביסל אומעטיקער קינאה.

— אַ גלייכע זאַך האָט מיין איידעם בן ציון אויפגעטאָן — האָט אויך געזאָגט טעמע:

— איר וועט דאָרט דערציִען אייערע קינדערלעך, זיי ברענגען צו לייט!

— מחותנתטע, — האָט כאַנציע זיך אויסגעווישט די אויגן, — וואָס מיינט איר, ווען איר מיטן מחותן, ר׳ סענדער זאָל לעבן קומט קיין ארץ ישראל? כ׳לעבן, עס וואָלט געווען אַ גלייכע זאַך ווען בן ציון שיקט אייך אויך אַ דרישה.

טעמע קוקט איבער דער גאַס, אויף דער קאַמיעניצע פון דעם גביר

ר׳ יהושע ליפשיץ, אויף דעם הייפל פון גארקיווקער פריץ, אויף די אַלטע ביימער וואָס זי געדענקט זיי אַלע יאָרן אויפן וועג וואָס פירט צום טראַקט אַרויס, אַרויף צו די פעלדער, צו ווייטע וועגן... איר שטעטל, אירע יידן... אַהער האָט זי אַלס יונג מיידל חתונה געהאַט, דאָ דאַרף זי פאַרענדיקן אירע יאָרן.

— וויהין זאָל איך פאָרן אויף די עלטערע יאָרן? ניין, איך בלייב דאָ.

— מחותנתטע לעבן, מען זאָגט, אַז דער היטלער ימח שמו וויל קריג. מען קען נישט וויסן וואָס דער מאָרגנדיקער טאָג וועט ברענגען? נישט אַרויסצוברענגען אויף די ליפּן, חס ושלום! און דאָרט האָט איר פייגעלעך, אייערע קינדער.

— ניין, מחותנתטע, כאַנציע קרוין, און מיין פריידעלען מיט אירע קינדער וועל איך איבערלאָזן? איך בלייב מיט מיין סענדערן דאָ. וואָס **עס וועט זיין מיט כל ישראל וועט זיין מיט ר׳ ישראל.** איר פאָרט מיט **אייערע קינדער, איר וועט זיי דערציִען** אַלס ווילע יידישע מענטשן אין זייער אייגן לאַנד. **האָט אין זיי אַ** סך נחת.

— אָמן!

# א י נ ה אַ ל ט

## קאַפּיטל איינס


ר׳ סענדערס מיזינקע . . . . . . . . 7
פאַרנאַכטיקע שפּאַצירן . . . . . . . . 29
הויקערל און פּוציעלע . . . . . . . . 37
פעלאַ ווערט אַ כּלה . . . . . . . . . 44
אַ פאַרשטערטער שבת . . . . . . . . 61


## קאַפּיטל צוויי


פעלאַ פאַרט אין דאָרף . . . . . . . . 87
גוישע און יידישע שכנים . . . . . . . 99
וואַסילקע טשודאַק . . . . . . . . . 120
אַ מעשׂה מיט אַ קו . . . . . . . . . 125
דער ווינטער איז געקומען . . . . . . . 136


## קאַפּיטל דריי


אַ גוישע חתונה . . . . . . . . . 155
אַריבערגעפאַלן איבערן צוים . . . . . . . 163
הינטער קלויסטער־מויערן . . . . . . . 182
אַנטלאָפן פון שמד . . . . . . . . . 197


## קאַפּיטל פיר


פאַן גלעמבאָצקי . . . . . . . . . 224
פעלאַ אויפן גוט אין גאַרקוווקע . . . . . . 248


## קאַפּיטל פינף


אויף הכשרה אין קאַסאָוו . . . . . . . . 273
פעלאַ אויף הכשרה . . . . . . . . . 286
אויף פעלדאַרבעט . . . . . . . . . 293
מיר וועלן עולה זיין . . . . . . . . 306
ע פּ י ל אָ ג . . . . . . . . . . 320

רבקה רוס איז געבוירן אין דאָרף סאַרניקע גורנע, פוילן. דאָרט האָט זי פאַרבראַכט אירע קינדעריאָרן און אויך באַקומען איר יידישע און אַלגעמיינע בילדונג.

אין איינעם מיט איר משפּחה איז זי עולה אין 1949 קיין ישראל און וווינט אין מושב כפר סירקין.

דאָ פאַרעפנטלעכט זי אירע דערציילונגען אין צייטונגען און זשורנאַלן. איר דערציילונג „הערשקע רעפּאַרמאַטאָר" איז פּרעמירט געוואָרן דורך דער צייטונג „לעצטע נייעס" ווי די בעסטע דערציילונג פונעם לעבן אין ישראל.

אין 1959 איז זי פּרעמירט געוואָרן דורך די „גאָלדענע קייט" פאַר איר דערציילונג „דער נידעריקער תלתן־פלאַנץ".

איר ערשט בוך „מעפּילים" שפּיגלט אָפּ די אומלעגאַלע עליה אין יאָר 1939.

אין 1966 איז דערשינען אין י. ל. פּרץ־פאַרלאַג תל־אביב, איר צווייט בוך „אויף אַרגענטינער פעלדער". דער ראָמאַן האָט זיך געדרוקט אין המשכים אין „די אידישע צייטונג" בוענאָס איירעס.

אין 1974 דערשיינט אין פאַרלאַג „אל"ף" — הוצאת ספרים בע"מ תל־אביב, איר בוך „פרעמד בלוט", אין דער העברעישער איבערזעצונג פון שלמה שנהוד א. נ. „דם זר".

די ראָמאַנען „פרעמד בלוט" און „דער דניעסטער רוישט" זענען געווען געדרוקט אין פאַרזעצונגען אין „די לעצטע נייעס", ישראל.

אין יאָר 1975 איז דורך די „יידישע צייטונג", ישראל, פּרעמירט געוואָרן איר דערציילונג „זוהר איז צוריקגעקומען!".

די דערציילונגען פון רבקה רוס זענען געשעפּט פון דער ווירקלעכקייט פון אונדזער צייט. סיי אין דער אַלטער היים, סיי אין דעם אַלט־נייעם היימלאַנד. זיי זענען רעאַליסטיש אָבער אויך אָנגעפּולטע מיט אַ ראָמאַנטישן פלאַטער און דורכגעוועבטע דאָ און דאָרט מיט אַ דינעם הומאָר.